STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02130

IN VANDER UN GERANGL, 1939-1968

G. Lustgartn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ג. לוסטגארטן

אין וואנדער און געראנגל

1939 — 1968

תל־אביב 1968

נדפס בקואופרטיב עובדי הדפוס הכללי בע"מ

ה ק ד מ ה

ווען מיין גוטער פריינד געצל לוסטגאַרטן האָט מיר מודיע געווען וועגן זיין אָנגעשריבענעם בוך און צו איך בין מסכים אָנצושרייבן אַ פאָרוואָרט, האָב איך וואָס אַן אמת געהאַט ערנסטע ספיקות: ווייל, איז דען מעגלעך עפּעס וועזנט־לעכס מחדש צו זיין, אָדער צוגעבן צו די צאָלרייכע גבית־עדות ליטעראַטור? — האָב איך בשעת מעשה געטראַכט.

פּאָעזיע, דראַמע, אַפילו פּראָזע זענען נישט באַגרענעצט אין צייט, ס'איז נישט שווער פאָראויסצוזען, אַז הונדערטער יאָרן נאָך דעם שוידערלעכן אַקט פון מענטשלעכער רציחה, וועט נאָך אַלץ דער קרעאַטיווער מענטש זיך פּרובירן נאָר טיפער דערגרונטעווען צום סאַמע דעק פון יאָמער־טאָל — וואָס רופט זיך — דער גורל פון יידישן פאָלק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פאַר דאָקומענטאַלער ליטעראַטור אָבער, איז יאָ גילטיק אַ צייט־אָפּשניט. וואָס שפּעטער זי באַווייזט זיך, אַלץ קלענער זענען די שאַנסן אויסצודריקן די שפּאַנונג און דאָס געמיט פון יענע אימהדיקע יאָרן. אָבער לייענענדיק דעם מאַנוסקריפּט פון מיין פריינד געצל לוסטגאַרטן, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז סאיז באמת געלונגען דעם שרייבער בייצוקומען די דאָזיקע צייט־שטרויכלונג און במילא צו געבן אונדז אַ געלעגנהייט אַריינצודרינגען אין די פאַרבאָרגנסטע פאַלדן פון דעם שוואַרצן שלייער, וואָס דעקט צו די ווונדן פון אונדזער שווער־געפּרוווטן, געפּייניקטן און פאַרשניטענעם יידישן פאָלק.

ווען דורך שבעה מדורי גיהנם האָט ער זיך ענדלעך דערשלאָגן קיין ביאַ־ליסטאָק, הויבט זיך ערשט אָן דער דערנער־וועג פונעם מחבר.

פונקט ווי אַנדערע פּליטים ליידט ער פון אַלע יסורים, וואָס דער נע־ונד אין רוסישן אָקופּאַציע־געביט האָט מיט זיך געברענגט. חוץ אַלע ביטערע איבער־לעבונגען און אַנטוישונגען, קומט נאָך צו די געפאַר פון פאַרפאָלגונג פאַר זיין אַן אַקטיווער באַקאַנטער בונדיסט. פיל טיפער זענען דעריבער די ליידן מחמת דער סענסיטיווקייט, וואָס די בונדישע אויסשולונג האָט אַנטוויקלט, במשך פון זיינע לאַנגע יאָרן אָנגעהעריקייט צום „בונד".

באַזונדערס פיינלעך ווערט געצל לוסטגאַרטנס גורל אין פאַרשיקונג, ווען ער ווערט פאַרוואָגלט ווי אַן אַרעסטאַנט אַזש ביז צום סאַמע פּאָליאַרן־קרייז. שוין גאַנץ נאָענט צום צפון־פּאָל...

מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג שילדערט דער מחבר די טיפע אַנטוישונג אין מענטש ווי אַזאַ, נישט נאָר אין די וואָס אַרבעטן אין תפיסה־אַפּאַראַט, נאָר אויך אין אייגענע אחינו בני ישראל צווישן די פאַרשיקטע.

אַפילו אין דער תקופה פון כלומרשטער באַפרייונג, וואָס דאַרף פירן צו דער אויסוואַנדערונג — צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי — פון רוסלאַנד, ענדיקט זיך עס גאָר מיט אַ ווייטערדיקן אַרעסט און קאַזאַכסטאַן.

דער אַנגסטיקער דרוק אַרויפצוצווינגען אויף די פוילישע פליטים די „פּרי־ווילעגיע" פון סאָוויעטישער בירגערשאַפט, וואָס דאָס האָט געמיינט שוין אייביקער הפקר און איזאָלאַציע, האָט אויך דעם מחבר נישט געמיטן. נאָר על־פּי־נס איז אים געלונגען אויסצומיידן דאָס „גליק"...

זייער רירנדיק זענען די טיילן וואָס שילדערן די פּשוטע גוטסקייט פון דעם שווער־געפּרוווטן רוסישן מאַסן־מענטש, וואָס, ווען ער קומט אין קאָנטאַקט מיט די אויסגעהונגערטע, דורשטיקע, פאַרפּייניקטע וואַנדערער, טיילט ער זיך — ווי נאָר מעגלעך — מיט זיין לעצטן ביסן ברויט, אָדער מיט זיין ביסל קיפּיאַטאָק.

ווען די אויסגעמאַטערטע, מידע צוריקוואַנדערער קערן זיך ענדלעך אום קיין פּוילן, וואַרט אויף זיי דער אכזריותדיקער אמת וועגן זייערע פאַרגאַזטע ברודער און שוועסטער. ווידער וואַקסט די פּאָליטישע שפּאַנונג, באַגלייט מיט אַ פּאָגראָם־שטימונג און שטייגנדיקן קאָמוניסטישן טעראָר. אַ נייער וואַנדער־עטאַפּ הויבט זיך אָן, אַ נייער נע־ונד פון דער שארית־הפליטה, איינשליסלעך אונדזער מחבר, וואָס עמיגרירט קיין ישראל.

די ביאָגראַפישע קאַנווע פון דעם בוך, שטאַרקט די עכטקייט און באַגלייבטקייט פון די שילדערונגען און פון זיינע איבערלעבונגען.

אַ צאַרטער טרויער־שנור פון אַ געפילפולן עמפּינדלעכן מענטש שלענגלט זיך איבער די בלעטער פון דעם עדות־זאָגן און באַקרעפטיקן נאָך שטאַרקער אונדזער צאָרן קעגן דער ברוטאַלער ווירקלעכקייט.

אַזאַ אויפריכטיק אַראָפּרעדן זיך ערלעך פון האַרצן, מאַכט פאַרט גרינגער אַ ביסל די שווערע מערכה פון די געליטענע, און שוין דאָס אַליין באַרעכטיקט דאָס באַווייזן זיך פון אַזאַ מין גבית־עדות ליטעראַטור, אָבער ווען דאָס טיילן זיך מיט דער עפנטלעכקייט מיט די אינטימע, אינדיווידועלע דערפאַרונגען העלפן מיט — ווי דאָס איז דער פאַל מיט געצל לוסטגאַרטנס זכרונות — דאָס אַמער פאַרטיפטע אָפּשאַצונג פון דער תקופה, פון דעם הינטערגרונט פון די געשעענישן און די ראָל פון אַן אידישן אויסגעאיידלטן מענטש, איז דער באַשטייער פון אַ באַזונדערער באַדייטונג.

נישט איינער פון אונדז שטעלט זיך אָפּט די פראַגע: ווי אַזוי רעאַגירט אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט אַן אויסגעפּרוווטן און קאָנסעקווענטן אידיש־אָריענטירטן יסוד אין פאַרגלייך מיט אַ רויען מענטש, אַזעלכן וואָס איז אויסגע־וואַקסן אין קאַפּיטאַליסטישן גייסט פון קאָנקורענץ און מסחר, אָדער אין אַ טאָטאַליטאַרן דזשונגל?

גראָד די לעצטע וועלט־מלחמה, סיי אין די געטאָס און אויך אין רוסישער פאַרשיקונג, האָט נאָך מער באַשטעטיקט די באַדייטונג פון אַ מאָראַלישן שטיצ־פּונקט ווען דער מענטש ווערט געשטעלט פּנים על פּנים מיט גרויסע און שווערע נסיונות.

לוסטגאַרטנס שטילע, זאַכלעכע רעפּאָרטאַזשן פון זיינע פּיינלעכע איבער־

לעבונגען, באַקרעפטיקן נאָך מער די איבערצייגונג, אַז בונדישע טראַדיציע האָט אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע, פון דער דאָזיקער גרויליק פּאָרכטיקער צייט.

אַ גאָר גרויסע באַדייטונג וואָלטן אַזעלכע גבית־עדות־באַריכטן געהאַט, ווען זיי וואָלטן אין רוסיש דערגאַנגען צום סאָוויעטישן לייענער (דעם עלטערן און מיטליעריקן) הגם ער — דער רוסישער מענטש — ווייסט מסתמא גאָר אַ סך וואָס ס'איז פאַרלאָפן אין די פינצטערע קאַמערן פון דער נ.ק.וו.ד., איז אים פאָרט, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, נישט באַקאַנט ווי ווייט ס'איז דער־גאַנגען די פאַרדאָרבנקייט אין באַצוג צו די אומשולדיקע פּליטים פון פּאַשיזם.

פאַרוואָס איז אַזאַ אינפאָרמאַציע פון באַזונדערער באַדייטונג? צי גייט דאָ אין נקמה? אָדער זיך מיטצוכאַפּן מיט דעם אַנטיסטאַליניסטישן וואָגן, ווען דאָס איז שוין לעגאַל מעגלעך אין רוסלאַנד?

ניין, בפירוש ניין   דאָ גייט אין עפּעס אַנדערש — אַפילו אין די סאַמע טראַגישסטע יאָרן פון סטאַלין־רעזשים, האָט מען אין רוסלאַנד בפרהסיה, למראית־עין פאַראַדירט מיט די הויך־אידעאַליסטישע ענד־צילן פון קאָמוניזם. כמעט אַלע סלאָגאַנס, די גאַנצע דערציונג איז געווען געבויט אויף די דאָזיקע הויכע ענדצילן. טאַקע דערפאַר זענען די שאַנסן, אַז דער איצטיקער דעסטאַלי־ניזאַציע־פּראָצעס זאָל זיך דאָך אַנטוויקלען ביז צו אַ מער־גרינטלעכן דעמאָקראַ־טישן סיסטעם, געבויט אויף פּרינציפּן פון מענטשלעכער חשיבות — גאַנץ וואַרשיינלעך.

אמת, ס'איז אַ פּראָצעס וואָס שטויסט זיך אָן אויף גרויסע מניעות. די חבלי־לידה פון אַ דעמאָקראַטיש־אָריענטירטן סאָציאַליזם זענען ביז גאָר שווערע. דאָך, ווי באַלד די וועלט וועט אויסמיידן אַן אַטאָמישע מלחמה און דער ראַטנ־פאַרבאַנד וועט דורכמאַכן אויך אַ מער ראַדיקאַלע עקאָנאָמישע מעטאַרמאָפאָזע, זענען פאַראַן גרויסע שאַנסן, אַז די דאָזיקע עוואָלוציע צו אַ נייער הומאַניטאַרער פאָרם פון סאָציאַליזם זאָל צוגעאיילט ווערן.

וואָס בולטער ס'וועט ווערן פאַר דעם רוסישן מענטשן די מוראדיקע פאַרווילדונג בעת דעם סטאַלין־פּעריאָד, וואָס זיינע וואָרצלען גרייכן אַ סך טיפער ווי נאָר צו דער מאַקאַברישער פּערזענלעכקייט פון דיקטאַטאָר — אַלץ בעסער די מערכה פון דעם פּראָצעס צו אַ העכערער פאָרם פון סאָציאַלער פּאָליטישער פרייהייט.

וואָס מער אַזעלכע דאָקומענטן וועלן דערגרייכן די נשמות פון די, וואָס טראָגן אויס די קאָנסעקווענצן פון דעם רעזשים, אַלץ גרעסער אונדזערע האָפע־נונגען פאַר דעם אויפשטייג פון אַן עכט־סאָציאַליסטיש רוסלאַנד.

איך בין זיכער, אַז פונקט ווי איך, וועלן לייענער — צי זיי זענען יאָ, אָדער נישט געווען אין ענלעכע באַדינגונגען ווי געצל לוסטגאַרטן, לייענען דאָס אויפריכטיקע אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ פון מחבר, מיט אַ טיפן אינטערעס און אַ געפיל פון צאָרן צו די סאַטראַפּן און מיט טיפער גרויסער סימפּאַטיע צו די קרבנות פון דער דאָזיקער פינצטערער תקופה...

פּראָפ' אַרטור לערמער

(מאָנטרעאָל)

דער אָנהויב פון חורבן

אויגוסט 1939, די וועלט איז געווען ווי אַ פאַס דינאַמיט נאָר צום אויפֿרייסן, און היטלער האָט זיך געגרייט צו ווערן דער הערשער איבער אייראָפּע און אפשר איבער דער גאַנצער וועלט. דעם גרעסטן צאָרן זיינעם האָט ער אויסגעגאָסן אויף דעם יידישן פאָלק, וועלכן ער האָט אָנגעזאָגט (דורך זיין ברוינעם בוך „מיין קאַמף") אַ טאָטאַלע פאַרניכטונג. די „נירענבערגער געזעצן", פאַרפאַסט דורך דעם טעאָרעטיקער האַנס גלאָבקע, געוועזענער שטאַט־סעקרעטאַר פון נייעם נאָך מלחמהדיקן „אַנדערן" דייטשלאַנד, האָבן אויך קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט, כאָטש נישט אַלע האָבן דאָס געגומען אַזוי ערנסט, הגם זיי האָבן שוין געהאַט געגעבן אַ טרויעריקן אַוואַנס דורך אַרויסטרייבן די יידן נישט־געבוירענע אין דייטשלאַנד. פוילן האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין פוילישע בירגערשאַפט, זענען זיי לאַנגע חדשים געזעסן אויף „קיינעמס לאַנד" אין זבאָנשין. דאָס זענען געווען די ערשטע שטאַטלאָזע יידן נאָך פאַר דער מלחמה.

מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך: נאָך אין חודש אויגוסט, ווען ס'איז געוואָרן אונטערגעשריבן דער סאָוויעטיש־דייטשער אָפּמאַך האָבן שוין אַלע דערפילט, אַז דאָס גרויסע אומגליק דערנעענטערט זיך, און אין פוילן זענען שוין אָרגאַניזירט געוואָרן בלאָק־קאָמאַנדעס א.פ.ל. (פאַרטיידיקונג קעגן לופט־אָנגריפן), וועלכע האָבן דיזשורירט ביי טאָג און ביי נאַכט. אויך איך האָב געהערט צו אַזאַ גרופּע. אונדזער אויפגאַבע איז געווען צו וויסן געבן דער באַפעלקערונג ווען עס גרייט זיך אַ לופט־אָנגריף, זי זאָל זיין גרייט.

1־טער סעפּטעמבער: פרייטיק פינף אַזייגער פאַר טאָג, ווען אַלע זענען נאָך געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, צופעליק איז עס געווען מיין דיזשור, דערהער איך דעם אַליאַרם פון די פאַבריק־סירענעס. איך אַליאַרמיר שנעל די איינוווינער פון הויף, אָבער מיר מיינען אַז עס איז בלויז אַ פּראָבע־אַליאַרם, ווי מיר זענען געווינט געווען. לויט אַ פאַר־

אָרדענונג פון דער פּאָליציי האָבן די טויערן געמוזט געעפנט ווערן בעת אַן אַליאַרם, כדי די מענטשן וועלכע געפינען זיך אויף דער גאַס זאָלן זיך האָבן ווו צו באַהאַלטן. שטיי איך ביי דעם אָפענעם טויער און דער־זע ווי יידן אויף וועגענער, דראָזשקעס מיט פּעקלעך פאָרן — דער־שראָקענע, פאַרמאַטערטע פון אַ גאַנצער נאַכט שלעפּן זיך אויף די וועגן. דאָס זענען זיי אַנטלאָפן פון די שטעטלעך נאָענטע צו דער דייטשער גרענעץ, מלאַווע, פּלוינסק און אַנדערע, ווו דער ערשטער איבערפאַל פון דער דייטשער אַוויאַציע איז פאָרגעקומען דאָנערשטיק ביינאַכט. און מיר, קוקנדיק אויף די געפּלאָגטע, היימלאָזע מענטשן, האָבן שוין געזען פאַר די אויגן דאָס בילד ווי מיר וועלן אויסזען, ווען מיר וועלן דאַרפן לויפן פון וואַרשע. דאָס האָט טאַקע נישט לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיך. בלויז געציילטע טעג.

דעם זעלבן פרייטיק פאַר נאַכט איז אויך געווען אַ שטאַרקער לופט־אַנגריף אויף וואַרשע, נאָר נאָך אַן איינציקן שווערן לופטקאַמף איז דעם פּוילישן לופטפלאָט געלונגען צו פאַריאָגן די דייטשע עראָפּלאַנען.

3־טער סעפּטעמבער: די פּוילישע פאַרבינדעטע, ענגלאַנד און פראַנק־רייך, האָבן דערקלערט קריג דייטשלאַנד, און ספּאָנטאַניש אָרגאַניזירן זיך מאַסן־מאַניפעסטאַציעס פון דער פּוילישער און יידישער באַפעל־קערונג צו די ענגלישע און פראַנצויזישע אַמבאַסאַדעס, פול מיט פרייד און האָפענונג, אַז מיר זענען שוין נישט אַליין און אַז דייטשלאַנד וועט באַקומען אַ טויטקלאַפּ פון דער צווייטער זייט.

מען לויפט פרייוויליק און מיט שטאָלץ, מיט לאָפּאַטעס אין די הענט, גראָבן די שוצגראָבנס, מיינענדיק אויף אַן אמת צו גראָבן אַ קבר פאַר דעם פאַשיזם. מען גרייט אויך שוצערטער קעגן גאַז־אַנגריפן.

אויפן הויף לעשנאָ 19, ווו מיר האָבן געוווינט, האָט זיך געפונען די דרוקעריי „נאָמבערג" (זון פון דעם באַקאַנטן יידישן שרייבער ה. ד. נאָמבערג), ווו איך, ווי אַ פאַכמאַן, האָב צוזאַמען מיט נאָך שכנים צוגעגרייט דעם לאָקאַל פאַר אַ פּלאַץ זיך צו שיצן קעגן לופט־ און גאַז־אַנגריפן, און קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז גאָר אין אין גיכן וועט אַ באָמבע פון אַ שווערן קאַליבער ליקווידירן אַלע שוץ־פּלעצער, וואָס מיר האָבן געהאַט צוגעגרייט.

מיטוואָך, 6־טער סעפּטעמבער: דערהאַלטן אַ צעטעלע פון י. האָפמאַן, געוועזענער סעקרעטאַר פון צענטראַלראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־

איינען אין וואַרשע, אַז היות די דייטשישע אַרמיי שטייט שוין 50 קי־לאָמעטער פון וואַרשע, דאַרף דער אַקטיוו פאַרלאָזן די שטאָט, און איך דאַרף מאַכן דאָס פּעקל. נאָר פאַר מיין אַוועקפאָרן זאָל איך אין זינען האָבן צו ליקווידירן אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין די צוויי פּראָפע־סיאָנעלע פאַראייגען — לעדער און דערנערונג, וועלכע האָבן זיך געפו־נען אויף דעם זעלבן הויף לעשנאָ 19, כדי די אַלע דאָקומענטן זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ.

איך האָב אויפגעבראָכן די טירן פון די פאַראייגען און אַרויסגע־נומען פון דאָרט די ביכער, קאַרטאָטעקעס און די פּענער... פּענער, וועלכע האָבן באַשיינט די ערשטע־מאַי־דעמאָנסטראַציעס און אַרבעטער־יום־טובים. דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן שטיל, אַז דער סטרוזש פון הויף און די שכנים זאָלן נישט באַמערקן, עס זאָל נישט ווערן קיין פּאַניק. מיינע עלטערן האָבן איינגעהייצט צוויי אויוונס, מיר זאָלן דאָס פאַרברענען וואָס גיכער. נאָך דעם האָב איך פאַרברענט מיין אייגענעם אַרכיוו, אַ זאַמלונג פון צוויי־צענדליק יאָרן און 500 פאָטאָבילדער, וועל־כע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שטיק געשיכטע. צום סוף האָב איך קוים געפועלט ביי זיך צו פאַרברענען קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל", דריי בענדער אין יידיש. נאָר פריער האָב איך נאָך אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער, אפשר וועט דאָך עמעצער קומען אָנזאָגן אַ גוטע בשורה, אַז מען דאַרף נישט פאַרברענען, אָבער קיינער איז נישט געקומען. ברע־נענדיק מאַרקס „קאַפּיטאַל", האָב איך געפילט, אַז די שותפים פון היט־לערן, וועלכע האַלטן זיך פאַר די ערשטע יורשים פון מאַרקסן, האָבן גורם געווען צו צעברעכן די לוחות...

7־טער סעפּטעמבער: דאָנערשטיק גאַנץ פרי בין איך מ״ט נאָך צוויי ברידער אַרויס פון וואַרשע. מיין מוטער האָט אונדז באַגלייט אַ שטיקל וועג מיט טרערן אין די אויגן, נישט וויסנדיק צי מיר וועלן זיך נאָך אַ מאָל זען.

די גאַסן זענען געווען פול מיט לויפנדיקע מענטשן, עס זענען געלאָפן אַ פערטל מיליאָן מענטשן אין יענעם טאָג. ס׳זענען געלאָפן אָרעמע אַר־בעטער, רייכע פאַבריקאַנטן, רבנים, ווי אויך קריסטלעכע גייסטלעכע. סייווי זענען 99 פּראָצענט לויפנדיקע געווען יידן.

אַ צעדודערונג און פּאַניק האָט באַהערשט די מאַסן, אַמשטאַרקסטן לויפנדיק איבער די בריקן פון דער ווייסל, איינער איז געפאַלן און

געטרעטן איבערן אַנדערן, און די דייטשע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען זענען געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ און זיך צוגעקוקט צו דעם טרויעריקן ספּעקטאַקל.

צווישן די לויפנדיקע זענען אויך געווען פּוילישע זעלנער אָן ביקסן, אָנגעטאָן אין קאַלאָשן, אַ טייל אַפילו אין גאַנצן באָרוועס, אָן עסן און טרינקען. מ׳האָט נאָר געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון וואַרשע.

קיין באַשטימטן ציל וווהין צו לויפן האָט קיינער נישט געהאַט. נאָר אויפן וועג האָט יעדער ביי זיך באַשלאָסן אין וועלכער ריכטונג צו גיין. אַ טייל האָבן באַשלאָסן צו ציען קיין לובלין און פון דאָרט קיין ווילנע, אַנדערע — קיין פּינסק צו די סאָוויעטן.

אָפּלויפנדיק אַ 15 קילאָמעטער אָן איבעררייס פון וואַרשע, ביז דעם מלאָסנער וואַלד, איז אָנגעקומען אַ יונגער פּאָליאַק מיט אַ קויש פּאָמידאָרן און אונדז פאָרגעלייגט צו נעמען אָן געלט. נישט קוקנדיק אויף דעם פּאַר־באַט צו נעמען עסנוואַרג ביי אומבאַקאַנטע מענטשן, האָב איך דאָך באַשלאָסן צו נעמען, ווייל דער הונגער האָט שוין געמאַטערט. נאָר איך האָב קיינעם נישט דערלויבט צו עסן פריער ביז איך אַליין האָב פּאַר־זוכט דער ערשטער. אויב זענען זיי פאַרסמטע, זאָל נאָר זיין איין קרבן. דערנאָך האָבן שוין אַלע געגעסן.

אַזוי זענען מיר געלאָפן ביז מינסק־מאַזאָוויעצק, ווו ס׳איז מיר גע־לונגען צו באַקומען אַ הייס ברויט גלייך פון אויוון אַרויס. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, איך האָב מיט די הענט צעריסן דאָס ברויט אויף שטיקלעך און יעדן צוגעטיילט זיין חלק, ווייל מיר זענען שוין געווען אַ גרויסע גרופּע צום עסן, און גלייך זענען מיר געלאָפן ווייטער.

געווען אַזעלכע, וואָס זענען באַלד דעם ערשטן טאָג שוין געפאַלן פון די פיס ביים לויפן. איינעם אַזאַ, גראָד אַ באַקאַנטער פון שעדלעץ, וואָס האָט שוין נישט געקענט גיין, האָבן מיר געטראָפן צען קילאָמעטער פון קאַלושין. מיר האָבן אים מיטגענומען מיט זיך און די לעצטע עטלעכע קילאָמעטער געמוזט אים פירן ביי די הענט. דערפאַר זענען מיר אַזוי שפּעט ביינאַכט אָנגעקומען אין שטעטל אַריין.

אַרום צען אַזייגער זענען מיר אָנגעקומען קיין קאַלושין, ווו מיר האָבן געהאַט אַ משפּחה. מיר זענען איבערגעשלאָפן די נאַכט, און פריי־טיק גאַנץ פרי, ס׳איז נאָך געווען טונקל, זענען מיר שוין געווען אויף

דער גאַס, כדי זיך צו באַזאָרגן מיט ברויט אין ווייטערדיקן וועג אַריין. די פּאָליציי אין קאַלושין האָט פּאַראָרדנט, אַז דאָס ברויט וואָס ווערט געבאַקן, זאָל מען פאַרקויפן נאָר די דורכלויפנדיקע מענטשן. ווער פון די קאַלושינער עס האָט געהאַט באַקאַנטע צווישן זיי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו באַקומען אַ שטיקל פריש ברויט. אויך מיר האָבן באַזאָרגט אונדזערע נאָענטע מיט ברויט.

ש ע ד ל ע ץ

שעדלעץ, מיין געבוירן־שטאָט: אונדזער נאָענטער ציל איז געווען, דערוויל אָנצוקומען קיין שעדלעץ. נאָר ווען מיר זענען אָנגעקומען אַ 12 קילאָמעטער פאַר דער שטאָט, איז אויפן שאָסיי געשטאַנען פּאָליציי און נישט געלאָזט זיך דערנענטערן, ווייל שוין צוויי טעג ווי די שטאָט איז געשטאַנען אין פלאַמען: שוין צוויי טעג ווי די דייטשן באָמבאַרדירן אומגעשטערט די שטאָט. אין שעדלעץ זענען געשטאַנען צוויי פּאָלקן מי־ליטער, דער ניינטער אַרטילעריע פּ.א.צ. און דער 22סטער געטרייער פּילסודסקי־פּאָלק, וועלכער האָט אין יאָר 1926, בעת דער פּילסודסקי־איבערקערעניש, איינגענומען דעם בעלוועדער. איצט, ווען די שטאָט איז פיר טעג כסדר באָמבאַרדירט געוואָרן, איז קיין איין קויל נישט אויס־גענוצט געוואָרן צום פאַרטיידיקן זיך. ס'איז אויך אינטערעסאַנט, אַז וואָר־שיינלעך נישט צופעליק זענען באָמבאַרדירט געוואָרן נאָר די קוואַרטאַלן וווּ עס האָבן געוווינט בלויז יידן, די נישט־יידישע געגנט איז געבליבן גאַנץ. שוין אין די ערשטע מלחמה־טעג האָט מען אָפּגעציילט אין שעדלעץ 2500 יידישע קרבנות.

מיר אָבער האָבן באַשלאָסן פאַר יעדער פּרייז זיך אַריינצובאַקומען אין שטאָט אַריין. דורך פאַרשיידענע הינטערוועגן, דערפער און וועלדער, וווּ עס האָט געדראָט מיט לעבנס־געפאַר, האָבן מיר זיך אין אָוונט דער־שלאָגן קיין שעדלעץ.

8־טער סעפּטעמבער: די שטאָט איז איינגעהילט אין פינצטערניש, אויסגעליידיקט פון מענטשן. ברענענדיקע, איינגעפאַלענע הייזער און טויטע קערפּערס אויף די גאַסן. איך גיי זוכן עמעצן פון מיינע קרובים. נאָר אומזיסט איז געווען מיין זוכן, אַלע נאָך גאַנצע הייזער זענען פינצטער און געשלאָסן. נאָר פון ערגעץ־ווו הערן זיך שטימען, געוויין און געשריי.

האָב איך זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג. און אָט האָט זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט אַ שרעקלעך בילד: אין צענטער שטאָט, ביים שטאָטזייגער, זענען געשטאַנען אַ פֿרוי מיט אַ יינגל פֿון אַ יאָר 12 ביי אַ ברענענדיק הויז און געשריגן אין פֿייער אַריין: „טייערער מאַן! טייערער טאַטע!״ זייער ווייגעשריי האָט געקענט דעם הימל שפּאַלטן. אַ ביסל וויטער נאָך אַ טראַגיש בילד: די משפּחה זאַנשיין, אַ מוטער מיט פֿיר קינדער (דער פֿאָטער איז שוין לאַנג געווען טויט), זענען געווען די לעצטע צום אַנטלויפֿן פֿון שטאָט, ווייל דער עלטסטער זון, אַ יינגל פֿון 17 יאָר, איז געווען קראַנק. האָט נישט געקאָנט גיין, און די מוטער מיט די איבעריקע קינדער האָבן נישט געוואָלט איבערלאָזן זייער ברודער און זון. ער האָט פֿון זיי קאַטעגאָריש געפֿאָדערט, זיי זאָלן אים לאָזן אַליין און זיך ראַטע־ווען. דאָס געוויין פֿון דער איינזאַמער משפּחה אין יענעם פֿינצטערן פֿרייטיק האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם אָפּהילך פֿון די פֿאַלנדיקע באָמ־בעס און דעם טראַגישן געראַנגל פֿון דער משפּחה געמאַכט נאָך מורא־דיקער. נאָר פּלוצעם האָט דער קראַנקער מיט די לעצטע כּוחות אויס־געשריגן: „אויב איר וועט נישט באַלד מיך לאָזן אַליין און אַנטלויפֿן אויסער דער שטאָט זיך ראַטעווען, וועל איך דאָ אַ סוף מאַכן צו מיין לעבן, אין אייער קעגנוואַרט״. אָט דער לעצטער פֿאַרצווייפֿלטער אַרגומענט האָט געווירקט, און מיט אַ האַרצרייסנדיק געוויין האָבן זיי זיך געזעגנט און געקושט מיט זייער קראַנקן ברודער און פֿאַמעלעך זיך דערווייטערט פֿון דעם אָרט. אָט די צוויי גרויליקע בילדער האָבן מיך באַגלייט ווי אַ פֿינצ־טערער קאָשמאַר ביים פֿאַרלאָזן די שטאָט.

דער וועג קיין מעזריטש

אין די צוויי טעג זינט מיר זענען אַרויס פֿון וואַרשע האָבן מיר שוין געלערנט, אַז: ס׳איז בעסער צו גיין ביי נאַכט, ווייל ביי טאָג איז מען אויסגעשטעלט אויף טויטגעפֿאַרן. די דייטשן האָבן באָמבאַרדירט די שאָסיי־וועגן און געוואָרפֿן צינדבאָמבעס אין די וועלדער, אַרויסרופֿנדיק שריפֿות. זיי האָבן געוווּסט אַז די רעשטלעך פֿון פּוילישן מיליטער באַ־האַלטן זיך אין די וועלדער. זענען מיר געגאַנגען נאָר ביי נאַכט. דער וועג פֿון שעדלעץ קיין מעזריטש איז געווען פֿול מיט צענדליקער טויזנ־טער מענטשן. מיר האָבן געטראָפֿן גאַנצע קאַראַוואַנען אין צוויי פֿערד

געשפּאַנטע וועגענער, אָנגעפּילט מיט מאַנופאַקטור און אַנדערע מאַטער־יאַלן, דאָס זאָל נישט אַריינפאַלן צו די דייטשן. צו וועמען זענען זיי אַריינגעפאַלן ?

שבת פאַר טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין מעזריטש, ווו איך האָב געהאַט קרובים, אַ פעטער מיט אַ מומע. זיי זענען נאָך געווען גאַנץ רויק, געזעסן מיט זייערע משפחות אויפן אָרט. נאָר ווען מיר זענען אָנגעקומען מיט נאָך אַ סך לויפנדיקע מענטשן, איז די שטאָט געוואָרן אויפגעציטערט פון שרעק. און טאַקע דעם זעלבן שבת פאַר נאַכט האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט אַן עסקאַדרע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען און אין משך פון עטלעכע מינוט זענען פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט געשטאַנען אין פלאַמען. די ערשטע האָבן געברענט די אַלטע הילצערנע הייזער אויף פישטשאַנקע (אַן אָרעמע געגנט אין מעזריטש).

די מעזריטשער באַפעלקערונג איז דערוויל געבליבן אויף די ערטער. מיר אָבער, די וואַנדערנדיקע, האָבן שוין נישט געהאַט וואָס צו פאַר־לירן, זענען מיר געלאָפן ווייטער. מיין ייִנגסטער ברודער איז געבליבן ביי די קרובים, און איך מיט נאָך אַ ברודער האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין נאָך דעם זעלבן שבת אין אָוונט. מיר זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון ביאַלע־פּאָדליאַסקע. ביי נאַכט האָב איך באַגעגנט אַ סך באַקאַנטע וואָס זענען געגאַנגען אויף פּינסק. זונטיק פאַר טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין ביאַלע. שטאַרק מידע זענען מיר אַרויף אויף אַ בוידעם מיט היי און באַלד איינגעשלאָפן. ווען ס׳איז גוט ליכטיק געוואָרן, האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט און זענען אַראָפּ פון בוידעם. באַלד זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן פון פרויען, וועלכע האָבן אונדז פאַרבעטן אין די שטובן אַריין, אַרויפגעשטעלט אויפן טיש פאַרשיידענע מאכלים און גע־טראַנקען, זאָגנדיק דערביי: „ווער ווייסט ווו מיר וועלן מאָרגן זיין״. איין פרוי איז פאַרבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט, זי האָט געוואָלט מיר זאָלן אויך צו איר אַריינגיין עפּעס פאַרזוכן, נאָר מיר זענען שוין געווען צו זאַט. האָט זי אַראָפּגענומען אַ גאַנשער מיט סאָק און געבעטן מיר זאָלן דאָס אויסטרינקען. ס׳איז געווען רירנדיק די גרויסגעוויזענע אויפמערקזאַמ־קייט און גאַסטפריינדשאַפט. נאָר לאַנג אויפהאַלטן זיך אין ביאַלע האָבן מיר נישט געקאָנט, ווייל די איינציקע עראָפּלאַן־פאַבריק וואָס פּוילן האָט פאַרמאָגט איז דאָרט געווען, האָבן מיר מורא געהאַט פאַר אַ באָמבאַר־דירונג. און טאַקע אַ האַלבע שעה נאָך אונדזער אַוועקגיין האָבן מיר

געהערט ווי ביאַלע ווערט באָמבאַרדירט. מיר זענען געגאַנגען דורך פאַרשיידענע הינטערוועגן, ווייל מיטן הויפּטשאָסיי איז געווען אַ סכנה צו גיין. אויפן וועג האָבן מיר באַמערקט, אַז אַ מענטש גייט אונדז נאָך פון הינטן, מיר האָבן צוגעוואַרט ביז ער האָט זיך דערנענטערט. אויס־געפרעגט אים פון וואַנען ער איז און וווהין איז זיין ציל, האָט ער דערציילט: ער איז פון וואַרשע, האָט דאָרט געלאָזט אַ פרוי מיט אַ קליין קינד און ער איז געבליבן אין גאַנצן אָן געלט. איך האָב אים געראָטן צוריק צו גיין קיין וואַרשע צו זיין פרוי און קינד, אים אויך געגעבן אַ ברויט (מיר האָבן געהאַט גענוג) און עפּעס געלט, ער זאָל זיך דער־שלאָגן קיין וואַרשע. (אָבער דער מענטש איז אָנשטאָט קיין וואַרשע גאָר אַוועק קיין ביאַליסטאָק, דאָרט האָט ער מיך דערקענט אויף דער גאַס און מיט דאַנק געוואָלט מיר אָפּצאָלן זיין חוב). אַזוי גייענדיק זענען מיר צוגעקומען צו אַ הייזל פון אַ וואַלדוועכטער. די וועכטערין האָט פאַר אונדז אָפּגעקאָכט אַ גאַנצן עמער קאַרטאָפל מיט מילך. איצט זענען מיר שוין געווען פיר מענטשן, ווייל אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט נאָך צווי, און מיר האָבן באַשלאָסן זיך האַלטן צוזאַמען. איינער: חיים גאָלדוואסער אַ סטאָליער־אַרבעטער פון וואַרשע, דער צווייטער: יידל גרינבערג. די פויערטע האָט קיין געלט נישט געוואָלט נעמען, נאָר איך האָב איר מיט כח געגעבן אַ זלאָטע. מיינע מיטגייער האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן קיין געלט נישט.

11־טער סעפּטעמבער: מאָנטיק גאַנץ פרי זענען מיר אָנגעקומען צום בוג. די בריק איז געווען אויפגעריסן, און מיט שווערער מי זענען מיר אַריבער איבער דער צעבראָכענער בריק און זענען אַריין קיין בריסק.

אויך בריסק איז נישט געווען קיין אָרט אויף זיך לאַנג אויפצוהאַלטן, ווייל די שטאָט האָט זיך גערעכנט פאַר אַ מיליטערישער פעסטונג (כאָטש קיין שום ווידערשטאַנד האָט זי נישט געשטעלט), האָבן מיר באַ־שלאָסן צו לויפן ווייטער.

בעת דער קורצער צייט פון מיין זיין אין בריסק, האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט צו דער משפחה שניידער, זיך צו דערוויסן ווי עס האַלט אין דער וועלט. אויסער דעם האָב איך געוווסט, אַז דאָ האַלט זיך אויף אַן אָנגעזעענע גרופּע — פירער פון „בונד", וועלכע איך האָב געקענט פער־זענלעך און מיר האָט זיך איצט געוואָלט מיט זיי דורכשמועסן וועגן אונדזער ווייטערדיקן גורל...

איך האָב דאָרט טאַקע געטראָפן: נח פּאַרטנוי, וו. קאָסאָווסקי, ה. ערליך און שרה שוועבער. אויך זיי זענען דעמאָלט געווען צעטומלט און נישט־אָריענטירט אויף וועלכן וועג זיך צו ראַטעווען. נאָר שרה שוועבער האָט מיך געפרעגט: „איר לויפט צו דער סאָוויעטישער גרע־נעץ? צי ווערט איך זיין גרינגער צו באַקומען אַ סאָוויעטישע קויל ווי אַ דייטשע?"... לויט איר מיינונג האָב איך געדאַרפט בלייבן אין וואַרשע ווו ס׳זענען בויטיק מענטשן, וועלכע וועלן אין דער צוקונפט שטעלן אַ ווי־דערשטאַנד... נאָך אונדזער קורצן געשפּרעך בין איך צוריק אַוועק צו מיין גרופּע, און ווען מיר זענען נאָר אַריבער די בריק אויפן וועג וואָס פירט קיין קאָברין האָט מען זי שטאַרק באָמבאַרדירט. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אויפן דערבייאיקן קריסטלעכן בית־הקברות און ווען ס׳איז געוואָרן רויקער, ממשיך געווען אונדזער וועג. נאָר אַ פּלוצלינגער, האַס־טיקער רעגן האָט אונדז פּאַרטריבן אין וואַלד אַריין. ביז פאַר נאַכט האָבן מיר זיך דאָרט אויפגעהאַלטן און ווען ס׳איז פינצטער געוואָרן זענען מיר הונגעריקע, דורשטיקע און דערשעפּטע אָנגעקומען אין אַ דאָר־פישער הייזקע מיט אַ ברונעם, דאָרט איז געהאָנגען אַ האָלצערנער עמער, האָבן מיר פיר מענטשן אויסגעטרונקען אַ גאַנצן עמער וואַסער. דערווייל האָב איך באַמערקט אויף יענער זייט פּלויט אַ גאָרטן, בין איך אַריבער און האָב אויסגעריסן עפּעס אַ געוויקס. נישט וויסנדיק וואָס דאָס איז, האָבן מיר דאָס צעשניטן אויף פיר טיילן און אויפגעגעסן אין דער פינצטער. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז געווען אַ גרויסער צוקער־בורעק. ווען ס׳האָט אָנגעהויבן בלויען אין דרויסן זענען מיר אָנגעקומען אין דער שטאָט קאָברין.

ק אָ ב ר י ן

די יידן אין שטעטל זענען אַרומגעלאָפן דערשראָקענע מיט פּעקלעך אין די הענט און געזוכט אַן אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן. מיר, הונגעריקע און מידע פון אַ גאַנצן מעת־לעת גיין צו פוס פון בריסק קיין קאָברין, 48 קילאָמעטער, אָן עסן, זענען דערווייל געגאַנגען זוכן ברויט. אין קאָברין איז געווען אַ בעקעריי וואָס זיין אייגנטימער האָט מען גערופן „דער טערק", צי ער איז געווען אַ טערק ווייס איך נישט, נאָר זיכער נישט קיין ייד, ווייל ער איז נישט געשטאַנען מיטן פּעקל אין האַנט צום לויפן.

מיר האָבן ביי אים געקויפט אַ פולן קויש מיט אַזעלכע לאַנגע ברויטלעך, וואָס אין אַ נאָרמאַלער צייט וואָלט דאָס גענוג געווען פאַר עטלעכע משפחות. נאָר איצט האָט נישט לאַנג געדויערט און דער קויש איז געווען ליידיק... דערווייל איז די שרעק און פאַניק אין שטעטל אַלץ מער געוואַקסן. מען האָט זיך געריכט, אַז די דייטשן וועלן אָנקומען פון קאַרטוזבערעזע, אָדער פון פּרוזשאַנע, און דאָ געפינט זיך נאָך פּויליש מיליטער. איך גיי צו צו מענטשן וואָס זיי פּאַקן זיך נישט און פרעג זיך אויף אַ געוויסער משפחה לעווין. זיי פאַראינטערעסירן זיך צו וואָס איך דאַרף יענע משפחה, זאָג איך זיי, אַז זייערע אַ טאָכטער איז מיינע אַ חברטע. ווערט די פאַראינטערעסירונג נאָך גרעסער. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז איך מיט מיין מיטשמועסער קענען זיך גוט, מיר זענען אַ מאָל געווען אויף אַ יוגנט־צוזאַמענפאָר אין וואַרשע. זיין נאָמען דערמאָנט ער מיך, איז יודל מאַטאָוויעצקי. איצט, זאָגט ער, זוך נישט קיינעם, דו בלייבסט מיין גאַסט און וואָס עס וועט זיין מיט אונדז וועט אויך זיין מיט דיר. ער האָט אויך מסכים געווען צו מאַכן פּלאַץ פאַר מיין ברודער מיט די צוויי מיטגייער אונדזערע. דערווייל איז נאָך צוגעקומען אַ משפחה פון טשענסטאָכאָוו, אַ פאָטער מיט צוויי זין און אַן איידעם. זיי זענען אַרויסגעפאָרן מיט אַן אייגענעם אויטאָ, נאָר אויפן וועג האָט זיי אויסגעפעלט בענזין, זענען זיי געבליבן שטעקן עטלעכע קילאָמעטער פון קאָברין. אגב, זיי זענען נישט געווען די איינציקע, אַ סך זענען אַרויסגעפאָרן מיט אייגענע אויטאָס, נאָר צוליב מאַנגל אין בענזין האָט מען אויפן וועג געמאַכט פאַרשיידענע טוישן: אַן אויטאָ אויף אַ מאָטאָציקל, אַ מאָטאָציקל אויף אַ ראָווער, ביז מען האָט אַלץ געלאָזט שטיין אויפן וועג און מען איז אַוועק צו פוס, ווי מיר האָבן עס געטאָן באַלד אין אָנהייב. אַנדערע יידן מיט געלט האָבן עס געמאַכט אַ ביסל בעסער: האָבן געקויפט פערד און וועגענער, אַריינגעזעצט די גאַנצע משפחה און אַזוי אַרום גיכער דערגרייכט אַהין ווו זיי האָבן געוואָלט. נאָר נישט אַלע האָבן געהאַט די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן דערצו, האָט מען טאַקע געזען צענדליקער טויזנטער מענטשן שלעפּן זיך אויסגעמאַטערטע — צופוס. סיידוי ביי מיין חבר האָט זיך די משפחה פאַרגרעסערט מיט אַכט פערזאָן. צוזאַמען מיט זיין אייגענער משפחה: אַ פרוי, אַ קינד און אַן אַלטע מוטער, זענען מיר געווען צוועלף. דערווייל האָט

זיך אונטערגערוקט ראש־השנה, האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט אַ יום־טוב כיד־המלך...

דאָ אין קאָברין האָבן מיר געהערט די ערשטע טרויעריקע ידיעות פון וואַרשע, אַז די שטאָט איז באַלאַגערט און ווערט שטאַרק באָמבאַרדירט. אויך דאָ אין קאָברין האָט זיך געגרייט די לעצטע שלאַכט; די רעשטלעך פון פוילישן מיליטער, וואָס האָבן זיך געפונען צווישן האָמער און קאָוואַדלע, — פון איין זייט, די רוסן, פון דער צווייטער, די דייטשן — האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. ווען ס׳איז געוואָרן טונקל, האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט, ביידע צדדים האָבן געשאָסן פון אַרטילעריע, די קוילן זענען געפלויגן איבער דער שטאָט. אמת, נאָר געציילטע הייזער זענען געוואָרן באַשעדיקט, ווען אַ קויל האָט פאַרבלאָנדזשעט. די קאַמפן האָבן אָנגעהאַלטן ביז 12 ביינאַכט. מיר אַלע זענען געלעגן באַהאַלטן אין אַ קעלער פון אַ געמויערטן הויז. אויף צו מאָרגנס ביי טאָג האָבן זיך די קאַמפן ווידער באַנייט. אונטערן דרוק פון זייערע אָפיצירן האָבן די איינהייטן געשטעלט זייער לעצטן פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד. מיר זענען אַריין אין אַ פּרימיטיוון שוצגרוב וואָס פּוילישע שכנים האָבן פאַר זיך צוגעגרייט. די שלאַכט האָט אָנגעהאַלטן ביז איינער פון די פּוילישע זעלנער, וועלכע זענען געשטאַנען לעבן אונדזער גרוב, האָט פאַרלוירן אַ האַנט, אַ קויל האָט אים געטראָפן. איך האָב עס דערזען און בין אַרויס פון גרוב, האָב אים געגעבן אַ ביסל וואַסער צו דערמינטערן אים. ערשט איצט האָבן די איבעריקע זעלנער אַרויפגעלייגט דעם פאַרוואונדעטן אויף אַ וואָגן און זענען אַוועק. דאָס איז געווען דער לעצטער ווידערשטאַנד פון פּוילישן מיליטער.

באַפרייטע פון קאַרטוז־בערעזע

אין דער צייט האָבן מיר באַמערקט פון דער ווייטנס מאַסן ציווילע מענטשן ציען אויפן וועג קיין בריסק. בין איך נענטער צוגעגאַנגען צו זיי, זיך דערוויסן, ווער זיי זענען? פון וואַנען זיי קומען? און וווהין זיי גייען? דאָס זענען געווען אַרעסטאַנטן פון קאַרטוז־בערעזע. זיצנדיק אין די קאַמערן, האָבן זיי גאָרנישט געוווּסט וואָס אויף דער פריי קומט פאָר. די קאַמערן זענען געווען פאַרשלאָסן, און עטלעכע טעג האָט זיך נישט געוויזן קיין וועכטער, מען האָט נישט געברענגט קיין עסן און נישט גערופן אויף אַרבעט.

זיי האָבן געהערט פליִען עראָפּלאַנען, אָבער נישט פאַרשטאַנען די סיבה דערפון. האָט עס זיי געוווּנדערט און באַאומרויקט. צופעליק איז איין טיר פון אַ קאַמער געבליבן אָפן, די אַרעסטאַנטן האָבן פאַרזיכטיק אַרויסגעקוקט אין קאָרידאָר און קיינעם נישט געזען, זענען זיי דרייסטער געוואָרן און אַ קוק געטאָן אויפן הויף, אויך דאָרט איז געווען שטיל און פוסט. ערשט דעמאָלט האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז געשען, אָנגעהויבן קלינגען אין גלאָק און שרייען: מיר זענען פריי! עס איז נאָר געווען אַ שווערע אַרבעט אויפצורייסן די קראַטעס, די טירן, אָדער פענצטער כדי אַלעמען צו באַפרייען פון די קאַמערן. סוף־כל־סוף האָבן זיי דאָס גובר געווען און זענען מאַרשירנדיק אַרויס פון די תפיסה־ווענט. אַ טייל פון די אַרעסטאַנטן זענען שוין קוים געשטאַנען אויף די פיס. קיין עסן האָבן זיי נישט געהאַט. זיי האָבן געדאַרפט דורכמאַכן הונדערטער קילאָמעטער צו פוס, ביז זייערע היימען אין פאַרשיידענע שטעט אין פוילן. עס האָבן מאַרשירט צוזאַמען: יידן, פּאָליאַקן, ווייסרוסן, אוקראַינער. אַלע — שוואַכע, אויסגעפּייניקטע. עס האָט אויסגעזען ווי אַ טרויער־פּראָצעסיע. צווישן די מאַרשירנדיקע האָב איך באַגעגנט אַ שוואָגער פון דעם באַקאַנטן בונדישן טוער שמואל מילמאַן — אַ ראַטמאַן אין לאָדזשער שטאָט־ראַט. ער האָט עס מיר איבערגעגעבן אַלע פּרטים, ווי אַזוי זיי האָבן זיך באַפרייט פון דעם טרויעריק־באַרימטן קאַרטוז־בערעזע.

די ערשטע דייטשן

מיט צוויי טעג שפּעטער זענען אָנגעקומען די דייטשן. זייער ערשטע אַרבעט איז געווען אויפצוברעכן אַן אַפּטייק. אַרויסגענומען פון דאָרט פאַרשיידענע קאָסמעטישע אַרטיקלען און פּערפומען, זענען זיי געגאַנגען אין די גאַסן און אַלעמען באַשפּריצט. האָבן אויפגעבראַכן געשעפטן פון געטראַנקען, געשיכורט אין די גאַסן און זיך געלאַזט ווילגיין. נאָר צוויי טעג האָט געדויערט זייער „אָרדענונג" מאַכן אין שטאָט, און זיי זענען אַוועק, ווייל לויט דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך, האָט די שטאָט געהערט צו די סאָוויעטן. מיט צוויי טעג שפּעטער האָבן מיר געהערט אַ סיגנאַל, אַז די סאָוויעטישע ראַזוויעדקע קומט אָן. אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט אַריין אין שטאָט, ווייל די בריק איבער דעם טייך מוכאַוויעץ, וואָס שניידט דורך קאָברין, האָבן די פּאָליאַקן פאַר זייער אָפּטרעטן אויפגע־

ריסן. גאַנץ פרי, ווי שטענדיק, זענען מיר אַרויס אין גאַס. אַ סך מענטשן זענען שוין געווען פאַרזאַמלט, געשטאַנען און געקוקט. האָב איך זיך געוואָנדן צו די אָרטיקע איינוווינער, זיי זאָלן מיר געבן אַ האַק מיט טשוועקעס, און געבעטן עטלעכע יונגע חברה זיי זאָלן מיר העלפן. מיר האָבן צוגעשלעפּט אַ ביסל דיקע קלעצער מיט אַ ביסל דינע ברעטער און זיך גענומען צו דער מלאָכה. איך, ווי אַ פאַכמאַן ביי בוי־סטאָליערײַ, האָב אַ ביסל געוווּסט ווי אַזוי מען דאַרף צוטרעטן צו דער זאַך. מיר האָבן אויסגעקליבן דאָס שמאָלסטע אָרט פון טייך, צוזאַמענגעקלאַפּט עט־לעכע קלעצער מיט די ברעטער, ווו אַ חלק פון די ברעטער האָט אַרויס־געשטעקט אויף דער יבשה און דאָס האָט זיך שוין געהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער. אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה איז די אַרבעט געווען געענדיקט. אויף אָט דעם פּראָוויזאָרישן בריקל האָבן מיר שוין געקאָנט אַריבער אויף דער צווייטער זייט טייך מקבל־פּנים זיין די רויטע אַרמיי, אונדזערע „באַפרייער“, אמת מיט אַ נישט־פרייליך געמיט, וויסנ־דיק מיט וועמען זיי האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך, נאָר דאָך האָבן יידן געזען אין די סאָוויעטן דאָס „קלענערע בייז“. מיר האָבן זיי באַגריסט מיט אָוואַ־ציעס און אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די רויטע אַרמיי“. געזען אַזאַ וואַרעמע אויפנאַמע, האָבן זיי באַקומען קוראַזש און זיך גענומען גרייטן צום ווייטערדיקן מאַרשרוט. מיר אַלע האָבן געוואָלט וויסן וווהין זייער וועג פירט, ווייל קיין קאַברין קענען זיי דאָך דערווייל נישט אַריין מיט די שווערע 70 טאָניקע טאַנקן. און אפשר — האָבן מיר געטראַכט — זענען דאָס טאַנקן, וואָס שווימען אויך אויפן וואַסער?, נאָר ווער וועט צוגיין פרעגן מיליטערישע סודות? האָבן מיר מיט אומגעדולד געוואַרט. פּלוצלינג דערהערן מיר דעם אויסגעשריי פון דעם קאָמאַנדיר: „טאָ־וואַרישטשי, וופעריאָד!“ (חברים פאָרויס) און מיט איבעראַשונג און שטוינונג זען מיר ווי אַלע טאַנקן נעמען זיך באַוועגן אין דער ריכטונג פון בריקל, אין וועלכן מיר האָבן ערשט איצט אַריינגעקלאַפּט די לעצטע עטלעכע נעגל... אינטערעסאַנט, אַז קיינער פון די קאָמאַנדירן, אָדער סאַפּיאָרן איז נישט צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן ווי דאָס בריקל זעט אויס, זיין קראַפט. אפשר, האָב איך אַ רגע אַ טראַכט געטאָן, איז שוין טאַקע משיחס צייטן, ווען יידן וועלן גיין אויף אַ פּאַפּירענער בריק און נישט אַריינ־פאַלן... נאָר לאַנג צו טראַכטן איז נישט געווען קיין צייט, דער ערשטער טאַנק וואָס האָט נאָר באַרירט דאָס בריקל האָט עס צעבראָכן און איז

אַרייַן אין וואַסער. וויפל געלעכטער און חוזק דער מאָדנער ספּעקטאַקל האָט אַרויסגערופן! מיר האָבן זיך דערווייטערט פון דעם אָרט, כדי אונדזער געלעכטער זאָל נישט אַרויסרופן זייער חשד און כּעס. אַזוי זענען מיר געשטאַנען פון דער ווייטנס צו זען וואָס די דאָזיקע „סטראַטעגן" טראַכטן ווייטער צו טאָן. פאַרשטייט זיך, אַז פון מאַרשירן פאָרויס איז שוין גאָר נישט געוואָרן. זיי האָבן געבריינגט מענטשן מיט מאַשינען אַרויסצוציען דעם טאַנק און אויפצושטעלן אַ פּראָוויזאָרישע בריק, ביז זיי וועלן פאַריכטן די גרויסע בריק, וועלכע די פּאָליאַקן האָבן אויפגעריסן. נאָר עס שטעלט זיך די פראַגע און זי איז נאָך היינט אויך אַקטועל: צי האָבן טאַקע די „סטראַטעגן" פון קאָברין מיט די אייגענע כּוחות דערגרייכט די טעכנישע דערפאָלגן מיט וועלכע רוסלאַנד באַרימט זיך און איז אַזוי שטאָלץ?

די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן איר ווייטערדיקן מאַרש. אונדז האָבן רויטאַרמייער געזאָגט, אַז זיי מאַרשירן קיין וואַרשע און קיין בערלין, זיי וועלן אויך אָפּטרעטן אין פּאַריז און לאָנדאָן... נאָר אַ טייל פון זיי זענען געבליבן אין קאָברין איינצושטעלן דאָס נאָרמאַלע לעבן און צו מאַכן אָרדענונג. זיי האָבן אָנגעהויבן אויסצולייזדיקן די געשעפטן, קויפן אַלץ, וואָס די אויגן נאָר זעען. דאָס ערשטע זייגערלעך, אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן שוין געזשאַווערט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. קיין געלט האָבן זיי נישט געקאַרגט, געצאָלט וויפל מען האָט געבעטן, סיי ווי האָט מען פאַר דעם געלט גאָר נישט געקאָנט צוריק קויפן.

ווייסרוסישע פּויערים זענען מאַסנווייז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין. מען האָט זיי איינגעקוואַרטירט אין גרויסן בית־המדרש. די שול האָט מען שוין נישט געעפנט אויס מורא, אַז זיי זאָלן אויך אַהין נישט אַריין. קאָבּרינער יידן האָבן באַלד דעם ערשטן יום־כּיפּור דערזען, אַז זיי האָבן נישט ווו צו דאַווענען. אין דער זעלבער צייט זענען די קריסטלעכע הייליקע ערטער אָפּגעהיטן געוואָרן ווי אַן אויג אין קאָפּ. זונטיק זענען די קירכעס געווען איבערגעפּולט, די גלאָקן האָבן געקלונגען. ווי אין די אַמאָליקע צייטן. יידן, אַפילו נישט־רעליגיעזע, פרייע, האָבן עס געפילט ווי אַ פּאַטש אין פּנים. אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט צו פּראָטעסטירן קעגן דעם. מען איז שוין באַלד אין די ערשטע טעג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוויסן סאָרט מאַראַנען, מען האָט שוין געדאַוונט אין פּריוואַטע הייזער און מיט אַ ביסל שרעק. אַן אויסנאַם איז נאָר געווען ביים קאָברינער רבין, זיין בית־מדרש איז געווען צוזאַמען מיט דער וווינונג, און יידן האָבן גע־

דאַווגט ווי פריער. ביים רבין האָט זיך אויפגעהאַלטן זיינער אַ קרוב, ישראל מאָרגנשטערן, דעם לוקאָווער רבינס אַ זון, מיינער אַ חבר און בן־עיר, אויך אַן אַנטלאָפּענער פון וואַרשע. ער פלעגט מיך אָפט פאַרבעטן אין רבינס הויז, ווו קאָברינער יידן האָבן זיך געטראָפן און זיך אַ ביסל אָראָפּגערעדט פון האַרצן וועגן זייערע נייע צרות און עגמת־נפשן.

צווישן סאָוויעטישן מיליטער האָבן מיר געטראָפן אַ סך יידן, מיט וועלכע מיר האָבן געשמועסט אויף יידיש. אויך זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז דאָס מיליטער מאַרשירט אויף וואַרשע. מיר האָבן געגלייבט און, נישט קוקנדיק אויף די שלעכטע ידיעות, וואָס זענען צו אונדז פון דאָרט דערגאַנגען, האָבן מיר באַשלאָסן צוריק צו גיין. נאָר מיר זענען פיזיש נישט אימשטאַנד געווען צו מאַכן 250 קילאָמעטער צו פוס — ספּעציעל איך, וואָס בין געגאַנגען מיט פאַרבאַנדאַזשירטע פיס צען טעג. איך האָב דאָס דערציילט איינעם פון די יידישע מיליציאָנערן, אַ קוזין פון מיין חבר יידל, ביי וועמען מיר האָבן געוווינט. אַגב, אין קאָברין זענען די מיליציאָנערן געווען סתם יידן, ווייל קיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אין קאָברין נישט געווען. האָט ער מיר געגעבן אַן עצה: היות לעבן מאַגיסטראַט שטייען פערד מיט וועגענער וואָס דאָס פּוילישע מיליטער האָט איבערגעלאָזט אויף הפקר, זאָל איך נעמען אַ פערד־און־וואָגן און פאָרן. נישט לאַנג געטראַכט האָב איך אַזוי געטאָן, דעם פערד־און־וואָגן אַריינגעשטעלט אין אַ שטאַל און זיך גענומען גרייטן צו דער נסיעה, דערווייל קיין בריסק.

דער וועג צוריק

צו מאָרגנס גאַנץ פרי, ווען איך האָב גענומען איינשפּאַנען דאָס פערד, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צו דער מלאָכה בין איך נישט אַזאַ גרויסער בריה. נאָר די באַלעבאַטים פון דער שטאַל האָבן מיר צוגעהאָלפן, און מיר האָבן געריכט אין וועג. מיר זענען געווען פינף פּערזאָן: מיין ברודער, די צוויי מיטגייער אונדזערע, דעם קאָברינער רבינס קרוב — מיין חבר און איך, דער באַלעגאָלע... מיר זענען געפאָרן צוזאַמען מיט דעם סאָוויעטישן מיליטער און האָבן אַ גאַנצן וועג געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע לידער. די רויט־אַרמייער זענען געווען זייער צופרידן, ביי זיי האָט עס געהייסן, אַז מיר זינגען לכבוד אונדזער

באַפרייונג. צווישן אַנדערע האָבן מיר געגומען זינגען די בונדישע שבועה, פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס, און מיר ביי זיך האָבן געטראַכט: מעגלעך, אַז מיר זינגען שוין צום לעצטן מאָל.

ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון קאָברין, האָבן זיי זיך באַלד גענומען פרעגן צי ס'איז נאָך ווייט קיין בערלין. („יעשטשאָ דאַליאָקאָ דאָ בערלינאַ?"). מיר זענען דערפאָרן ביז דעם אָרט ווו דער מוכאַוויעץ שניידט דורך דעם שאָסיי קאָברין־בריסק. די בריק איז געווען צעבראָכן, נאָר מען האָט מיר געוויזן אַן אָרט דורך וועלכן איך וועל קאָנען דורכפאָרן דעם טייך. אַלע זענען אַראָפּ פון וואָגן, נאָר איך אַליין בין געפאָרן אין טייך, שטייענדיק, ווייל דאָס וואַסער האָט דערגרייכט איבער די רעדער. אָפּפאָרנדיק אַזוי אַ 40 קילאָמעטער, איז דאָס פערדל געבליבן שטיין, עס האָט מער נישט געהאַט קיין כח צו גיין. זענען מיר אַלע אַראָפּ פון וואָגן און האָבן מיט שווערער מי דערשלעפּט דאָס פערד־און־וואָגן ביז בריסק. דאָרט האָבן איך דאָס פערד אונטערגעשמידט און געגעבן עסן, ווייל עס איז געווען שטאַרק אויסגעהונגערט.

אין בריסק האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין דאָרטיקן שפּיטאָל געפינט זיך הערשל רובינשטיין (דער לויצקער בעקער, פלעגט מען אים רופן), מיינער אַ חבר פון שעדלעץ. זייענדיק מאָביליזירט אין דער פוילישער אַרמיי, איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן. איך בין אַריין אין שפּיטאָל, זיך גע־מאָלדן ווי זיינער אַ זון און אים פון דאָרט אַרויסגענומען. ער האָט דווקא געוואָלט וואָס גיכער זיין אין שעדלעץ, ווו ער האָט געלאָזט אַ פרוי מיט קינדער.

קיין ביאַלע פּאָדלאַסקע

אין בריסק זענען מיר געווען בלויז צוויי טעג. דאָ האָט מען געוווּסט, אַז די דייטשן געפינען זיך נאָך אין ביאַלע; וואָרשיינלעך איז געווען אַזאַ אָפּמאַך, אַז די דייטשן זאָלן נישט פריער אַרויס, איידער די סאָוויעטן וועלן שוין זיין גאָר נאָענט פון שטאָט, ווייל רעשטלעך פון דער פוילישער אַרמיי האָבן אין די אַרומיקע וועלדער געפירט אַ פּאַרטיזאַנער־קאַמף, סיי קעגן די דייטשן און אויך קעגן די סאָוויעטן. נאָר היות מיר זענען גע־פאָרן צוזאַמען מיט די ערשטע אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי, זענען מיר געווען געשיצט און בשלום אָנגעקומען קיין ביאַלע. ס'איז שוין געווען נאָך צען אָוונט, און מיר האָבן נישט געהאַט ווו איבערצונעכטיקן.

דאָס פערד האָבן מיר יאָ ערגעץ באַזאָרגט, נאָר מיר אַליין זענען געבליבן אין דרויסן. נעכטיקן אויף דער גאַס איז שוין דעמאָלט נישט מעגלעך געווען, מיר זענען געווען זייער לייכט, זומערדיק אָנגעטאָן, און דאָ האָט געבלאָזן אַ קאַלטער האַרבסטווינט. מיר זענען אויך געווען מיד און הונגע־ריק. און דער זייגער רוקט זיך אַלץ פאָרויס, נאָך אַ ביסל, און מיר וועלן שוין נישט וואָגן אָנצוקלאַפּן אין אַ פרעמדער טיר. ווער ווייסט עס אַריינלאָזן ווילדפרעמדע מענטשן שפּעט ביי נאַכט? פּלוצעם איז מיר עפּעס איינגע־פאַלן, און איך זאָג: „חברה, זאָרגט נישט. מיר וועלן באַלד האָבן וווּ צו שלאָפן". מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס ווו ס'איז געווען דער הויפּט־שפּאַציר, און אָט קומט אָן אַ גרופּע יונגע יינגלעך און מיידלעך (צור־קונפטיסטן), איך הער אָנרופן מיין נאָמען. איך גיי צו צו זיי, און מיר דערפרייען זיך אַלע וואָס מיר טרעפן זיך נאָך. מען פאַרבעט מיך אויף נאַכטלעגער, נאָר איך גיי נישט ביז די גאַנצע גרופּע איז באַזאָרגט. מיר דערכאַפּן זיך דאָס חיות, שלאָפן איבער די נאַכט און מאָרגן גאַנץ פרי — ווידער אין וועג אַריין.

נאָר דער וועג איז שוין געווען שווערער. צווישן ביאַלע און מעז־ריטש זענען דאָ גרויסע וועלדער, און די רעשטן פון פוילישן מיליטער האָבן פון דאָרט אַרויסגעשאָסן, דאָס רוסישע מיליטער האָט געענטפערט, נאָר אין וואַלד אַריינגיין האָבן זיי מורא געהאַט. מיר האָבן אויך באַמערקט, אַז זיי זענען אומצופרידן וואָס מיר שלעפּן זיך נאָך זיי, אין דער צייט, ווען זיי אַליין האָבן נישט קיין וועג זיך דורכצושלאָגן. מיר האָבן נישט געקאָנט גענוג רוסיש אויפצוקלערן זיי אונדזער לאַגע. נאָר איינער אַ מעז־ריטשער פורמאַן, וועלכער האָט געקאָנט רוסיש, האָט זיי דערציילט, אַז שוין 20 יאָר וואַרטן מיר אויף זיי, זיי זאָלן קומען אונדז באַפרייען, און איצט, לעבן זיי, פילן מיר זיך פריי און זיכער. אָט דער אַרגומענט האָט געווירקט, און זייער באַציונג צו אונדז האָט זיך פאַרבעסערט. איצט האָבן מיר צוזאַמען מיט זיי געזוכט היטערוועגן אויסצומיידן די וועלדער. די קוילן זענען נאָך אַלץ געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ, אַזוי זענען מיר מיט גרויסע שוועריקייטן אָנגעקומען קיין מעזריטש.

די גאַנצע שטאָט, קליין און גרויס, איז געשטאַנען אויפן וועג וואָס פירט פון בריסק, מקבל־פּנים צו זיין די ערשטע אָפּטיילן פון דער רויטער אַרמיי. און דאָ בין איך גאָר אָנגעקומען מיט מיין ווייסער שקאַפּע דער

ערשטער, און מיר האָבן זוכה געווען צו דער ערשטער גרויסער אָוואַציע. מיר זענען געווען די אָנזאָגער פון דער באַפרייונג.

ווי שוין פריער דערציילט, האָבן מיר אין מעזריטש געהאַט קרובים און לויפנדיק פון ווארשע האָבן מיר דאָ איבערגעלאָזט מיין יינגסטן ברו־דער. איצט זענען מיר ווידער געווען צוזאַמען, און מיר האָבן באַשלאָסן: נישט קוקנדיק וואָס ס'איז יום־טוב (שמיני־עצרת) פאָרן מיר קיין שעדלעץ, כדי צו זיין נענטער צו ווארשע. אויפן וועג קיין שעדלעץ האָט מיר אַ רו־סישער סאָלדאַט פאַרגעלייגט צוצונעמען ביי אַ פוילישן פריץ אַ פּאָר גוטע פערד און אים איבערלאָזן מיין פגירה. נאָר איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, טראַכ־טנדיק, אַז דאָס קאָן אַ מאָל טייער קאָסטן אַנדערע יידן...

פרייטיק אין דער פרי (שמחת־תורה) זענען מיר אָנגעקומען קיין שעדלעץ. די חרובע שטאָט האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. די יידן זענען אַרומגעגאַנגען ווי אבלים. זעלטן וועלכער פון די שעדלעצער האָט שוין נישט געהאַט זיין חלק אין די 2500 קרבנות, וואָס זענען געלעגן אונטער די חורבות. דערצו איז געווען זייער גרויס די שרעק פאַר די דייטשן, וואָס האָבן שוין, פאַר דער קורצער צייט וואָס זיי זענען דאָ געווען, באַוויזן צוזאַמענטרייבן 40,000 יידישע מענער פון שעדלעץ און אומ־געגנט און זיי טרייבן, ווי די אָקסן, צו פוס קיין ווענגראָוו (אַ שטעטל 47 קילאָמעטער פון שעדלעץ) אין אַ שוין פאַר זיי צוגעגרייטן קאָנצענ־טראַציע־לאַגער.

זאָל דאָ דערציילט ווערן וועגן דער קרבנות־גרייטקייט און איבערגעגע־בנקייט פון דער ווענגראָווער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט, איינ־שטעלנדיק דאָס לעבן, געטראָגן גרויסע קעסלען עסן מיט ברויט פאַר די אינטערנירטע יידן. פיל פרויען און יונגע מיידלעך האָבן זיך אַריינבאַ־קומען אין לאַגער און מיט פאַרשיידענע מיטלען און וועגן אַרויסגעפירט פון דאָרט מאַסן אַרעסטירטע יידן. ווענגראָוו האָט אַריינגעשטעלט אַ שיין בלעטל פון מסירת־נפש, פון מענטשלעכער און ברידערלעכער באַציִונג, בעת דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן דעם יידישן פאָלק.

ווען די דייטשן זענען אַוועק פון שעדלעץ, האָבן די יידן אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. אין שטאָט איז שוין געווען צוגעגרייט אַ גרויסער טריומף־טויער אויפצונעמען די רויטע אַרמיי — אָבער זי איז אין שטאָט נישט אַריין.

מיר זענען איבערגעשלאָפן די נאַכט און האָבן שבת אין דער פרי זיך גענומען גרייטן ממשיך צו זיין אונדזער וועג קיין וואַרשע. אָבער מיטאָג־צייט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז די סאָוויעטן ציִען זיך צוריק, אַז די דייטשן קומען ווידער קיין שעדלעץ. די שטימונג אין שטאָט איז געוואָרן אַ מוראדיקע. מענטשן האָבן מאַסנווייז גענומען לויפן אויף בריסק. דער שאָסיי איז געוואָרן שוואַרץ פון מענטשן. איך און די איבעריקע זענען מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן שטראָם. מיר האָבן גענומען פערד־און־וואָגן און, מיטנעמענדיק פון שעדלעץ מיין פעטער און צוויי קוזינען, זענען מיר, אַנשטאָט צו פאָרן קיין וואַרשע, געפאָרן צוריק פון וואַנען מיר זענען ערשט נישט לאַנג געקומען.

אַנטלאָפן זענען אין דער ערשטער ריי — מענער, דער עיקר די, וואָס האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. פרויען און קינדער, האָט מען געמיינט, וועלן די דייטשן שאָנעווען. באַזונדערס גע־שראָקן האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג צוליב דעם טריומף־טויער, ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל אים פונאַנדערנעמען, ווייל זיינע בויער זענען די ערשטע אַנטלאָפן, און דער פּחד איז געווען וואָס די דייטשן וועלן זען, אַז ייִדן האָבן זיך געפרייט מיט די באַפרייער, זייערע שותּפים...

אויפן וועג איז די פּאַניק געווען אַ שרעקלעכע, פּונקט ווי די דייטשן וואָלטן נאָכגעיאָגט. עס זענען געלאָפן אַפילו אַזעלכע וועמען עס האָט ווייניק געדראָעט. אָט זע איך לויפן אַ פּוילישן פּאָליציאַנט. אויף מיין פראַגע פאַר וואָס ער לויפט? ענטפערט ער: „איך האָב מורא, ווייל איך האָב געלעבט גוט מיט ייִדן". איך האָב אויך געטראָפן די, וועלכע האָבן געמאַכט דעם טריומף־טויער. אויף מיין פראַגע פאַר וואָס האָבן זיי נישט פונאַנדערגענומען דעם טויער, ווען זיי אַליין לויפן זיך ראַטעווען? זענען דאָך נאָך געבוג ייִדן געבליבן אויף הפקר? ענטפערן זיי, אַז עס איז נאָך געבליבן ווער עס זאָל דאָס טאָן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען נישט ריכטיק. ווייל אַלע אַרבעטס־פעיִקע מענער זענען אַנטלאָפן. און די דייטשן האָבן טאַקע געטראָפן דאָס טויער שטיין אין זיין גאַנצער פּראַכט.

אין מעזריטש איז נאָך געווען רויִק. דאָ האָט מען נאָך נישט געוווּסט, אַז די סאָוויעטן ציִען זיך צוריק ביזן בוג לויטן אָפּמאַך. נאָר זעענדיק אונדז צוריקלויפנדיקע פון שעדלעץ, האָבן די דאָרטיקע קאָמוניסטן זיך געוואָנדן וועגן דעם צו די פאַרשיידענע סאָוויעטישע אינסטאַנצן, אָבער זיך גאָר נישט געקאָנט דערוויסן, אַלץ איז געהאַלטן געוואָרן בסוד (טאַינאַיע

דיעלאָ). דאָך האָט מען באַמערקט, אַז שטילערהייט פּאַקן זיי די פּעקלעך צום אָפּפאָרן. דאָס האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט און אויך דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די פּאַניק, אַלע זענען געלאָפן צו דער באַנ־סטאַציע. אין דער לעצטער מינוט איז מיר געלונגען צו פאַרקויפן דעם פערד־און־וואָגן, און מיר זענען אַוועק צו דער באַן. דאָרט איז געשטאַנען אַ לאַסטצוג, זענען מיר אַריין אין די וואַגאָנעס. נאָר באַלד איז צוגעקומען אַ פּוילישער באַן־באַאַמטער און אונדז געהייסן אַריבערגיין אין אַ צווייטן וואַגאָן, ווייל דער איז פול מיט זינגערס ניימאַשינען. אין דעם צווייטן וואַגאָן ווידער האָבן מיר געפונען אַ סך פּעקלעך פּאַפּיר. ס׳איז געווען פינצטער, שוין 12 ביי נאַכט, האָבן מיר נישט געוווסט אויף וואָס מיר ליגן. אָבער אויך פון דעם וואַגאָן האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן און מיר זענען אַריבער אין אַ דריטן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די פּעקלעך זענען געווען פּוילישע געלטבאַנקנאָטן, אַרויסגענומען פון דער פּוילישער מלוכה־באַנק (באַנק־פּאַלסקי). די צוויי וואַגאָנעס זענען אָפּגעטשעפּעט גע־וואָרן פון צוג און געבליבן אויף דער סטאַנציע. אין מיטן דער נאַכט האָט אונדזער צוג געריִרט אויפן וועג קיין בריסק.

ווען מיר זענען אַראָפּ אויפן בריסקער וואָקזאַל, האָב איך דאָרט גע־טראָפן דעם באַקאַנטן בונדישן טוער לייבעטשקע בערמאַן. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, כדי נישט צו צ׳ען אויף זיך קיין אויפ־מערקזאַמקייט. אויפן וואָקזאַל האָט זיך אויך געפונען העניק ערליך. די „טרומפּ־טויער־מאַכער״ האָבן אים דערקענט און אָנגעוויזן, אַז דאָס איז ערליך, דער פירער פון „בונד״. אין דער זעלביקער נאַכט האָט מען אים אַרעסטירט, טאַקע אויפן בריסקער וואָקזאַל. לייבעטשקע און איך האָבן אָפּגעוואַרט אים נאָך אַ מאָל צו זען, ווען מ׳וועט אים אַריבערפירן פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן. לייבעטשקע האָט מיר געגעבן אַ געהיימען אַדרעס וווּ עס האַלטן זיך אויף שרה שוועבער און דאָקטאָר פּיזשיץ, איך זאָל זיי צו וויסן טאָן וועגן דעם געשעענעם. מיר האָבן אויך באַשלאָסן זיך צו צעשיידן, ווייל צו פיל אויגן קוקן אויף אונדז, און איינער קאָן אַריינפאַלן צוליבן צווייטן. פאַר טאָג בין איך אַוועק אויף דעם אַדרעס און איבער־געגעבן שוועבערן וועגן ערליכס אַרעסט, נאָר וואָס האָט זי שוין געקאָנט העלפן? אין יענער נאַכט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז בריסק איז פאַר מיר נישט קיין אָרט צום בלייבן, און מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערצופאָרן קיין ביאַליסטאָק.

ב י אַ ל י ס ט אָ ק

אָנגעקומען אין שטאָט, האָב איך דאָס ערשטע אויפגעזוכט עטלעכע באַקאַנטע, וואָס זענען שוין געווען דאָ תושבים אַ ביסל לענגער, איינער פון זיי, חיים לוקאָווסקי, האָט געוווינט מיט פרוי און קינד אין אַ געגנט ווו עס זענען געווען ליידיקע דירות. האָבן מיר טאַקע פאַרנומען אַזאַ דירה, דריי צימערן מיט אַ קיך, און זיך איינגעמאָלדן ניין מענטשן. שפעטער אַ ביסל זענען מיר אַרויס אין גאַס געוואָר ווערן וואָס מען הערט אויף דער גרויסער וועלט. עס זענען דאָ אָנגעקומען ריזיקע מאַסן מענטשן פון יענער זייט בוג. דער זאַמלפונקט איז געוועןביים לאָקאַל פון דער געוועזענער ייִדישער קהילה, דאָרט האָט מען אויך אַרויסגעגעבן אומזיסטע מיטאָגן, אַ ביסל זופ מיט אַ שטיקל ברויט. די אָרטיקע קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן צו ווערן אַקטיוו, זיי האָבן גערופן אַ גרויסן מאַסן־מיטינג אין קהילה־לאָקאַל, וועגן דער לאַגע פון די הימלאָזע און אויפן אָרט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט פון די פאַרזאַמלטע. איך בין אויך אַריין אין דעם קאָמיטעט, נאָר ווען מיר זענען געקומען אויף דער ערשטער זיצונג און איך האָב פאָרגעשלאָגן, אַז דער קאָמיטעט זאָל זיין אַן אינסטאַנץ מיט מעגלעכקייטן עפעס צו טאָן פאַר די הימלאָזע, האָט מען שוין מער דעם קאָמיטעט נישט גערופן. אַזאַ קאָמיטעט האָבן זיי נישט געדאַרפט.

אַ סך פון די הימלאָזע (בעזשענצי — אויף רוסיש) האָבן זיך פאַרשריבן צו פאָרן אויף אַרבעט אין טיף־רוסלאַנד, נאָר מיר האָבן באַשלאָסן פריער צו ברענגען אונדזער גאַנצע משפחה; די עלטערן, שוועסטער און ברידער מיט זייערע פאַמיליעס און צוזאַמען וועט מען באַשליסן, וואָס צו טאָן ווייטער. דעם יונגסטן ברודער האָבן מיר געלאָזן אין דער גרויסער דירה און מיר, צוויי ברידער, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ביז זאַראָמב זענען מיר געפאָרן מיט דער באַן און פון דאָרט צו פוס קיין טשעכאַנאָוועצ, אין אַ דאָרף לעבן בוג האָבן מיר געהאַט אַ באַקאַנטע משפחה, נאָר יענע האָבן אונדז געשראָקן, אַז ס'איז זייער שווער אַריבערצוקריגן זיך אויף דער צווייטער זייט. זענען מיר געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף ביז מיר האָבן באַגעגנט אַ גאַנצע גרופע מענטשן וואָס האָבן געוואָלט אַריבער, נאָר דאָ זענען מיר פאַרהאַלטן געוואָרן פון ציווילע גרענעץ־וועכטער, ווייל פרעמדע איז געווען פאַרבאָטן זיך צו געפינען אויפן גרענעץ־פאַס. נאָכן דורכפירן אַן אונטערזוכונג ביי אונדז — האָט

מען אויסער .אַ שטיקל ברויט גאָר נישט געפונען — און מ'האָט אונדז געהייסן גיין ווייטער. דאָ האָבן מיר זיך אויך דערוווּסט דעם סוד: אויב די רוסן כאַפּן ביי דער גרענעץ, דאַרף מען זאָגן, אַז מען קומט פון דער דייטשער זייט, שיקן זיי באַלד צוריק צו די דייטשן און אַזוי אויך פאַרקערט. די גרענעץ־וואַך האָט קיינמאָל נישט געוווּסט דעם אמת.

אונדזער גרופּע איז שוין געווען אַ גאַנץ היפּשע און אַזוי גייענדיק ביי נאַכט הערן מיר אַ שעפּטשעריי פון מענטשן אויפן פעלד לעבן בוג. אין דער פינצטער האָבן מיר נישט געזען ווער דאָס איז און יענע האָבן מורא געהאַט פאַר אונדז, נאָר ווען זיי האָבן געהערט רעדן יידיש און איינער פון זיי — צופעליק מיינער אַ באַקאַנטער פון וואַרשע — האָט דערהערט מיין שטים, זענען זיי אַרויסגעקראָכן פון זייער באַהעלטעניש. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז זיי קומען איצט פון דער דייטשער זייט און זיי האָבן מורא געהאַט מען זאָל זיי נישט צוריק שיקן דאָרט אַהין ווו מיר האָבן געוואָלט גיין.

מיר זענען אַריין צו אַ פּויער אין שטוב, דער, האָט אונדז אָפּגעקאָכט אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל און אַריינגעבראַכט עטלעכע בינטן שטרוי, דאָס מאָל האָבן מיר שוין פאַר אַלעם באַצאָלט. מיר זענען איבערגעשלאָפן די נאַכט און דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין שטעטל סעמיאַטיטש איז אָפן די גרענעץ איבערן בוג און מען קאָן לעגאַל אַריבער, נאָר ווי עס ווייזט אויס, וועט מען זי אינגיכן צומאַכן. דערפאַר זענען מיר אויפגעשטאַנען גאָר פרי און לויפנדיק זיך געלאָזט אין וועג. ווען מיר זענען צוגעקומען צום בוג איז דאָרט געשטאַנען אַ רוסישער לייטענאַנט און האָט אָנגעפירט מיטן אַריבערפירן די מענטשן, נעמענדיק צו צוויי זלאָטעס, אָדער רובל פון אַ פּערזאָן, און אַזוי זענען מיר מיט „מזל" אַריבער אויף דער דייטשער זייט אין שטעטל סאַרנאַק.

אָנקומענדיק אין שטעטל האָבן מיר זיך דערפרעגט צו באַקאַנטע ווו מיר זענען אויפגענומען געוואָרן זייער וואַרעם און האַרציק. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגערוט פון אונדזער שווערן וואַנדערוועג. מיר האָבן געדונגען אַ פערד און וואָגן ביז דעם שטעטל לאָשיץ, דאָרט איבערגענעכטיקט און גאַנץ פרי אַוועק קיין שעדלעץ. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט דייטשן, געצוווּנגענערהייט האָבן מיר זיי באַגריסט, נאָר זיי האָבן געענטפערט מיט פיינטלעך־דורכשטעכנדיקע בליקן.

אין שעדלעץ בין איך אַרויס אין גאַס זיך צו טרעפן מיט באַקאַנטע.

שטייענדיק אויף דער גאַס ביים יידישן סעדל מיט אַ גרופּע חברים, צווישן זיי די גבורים פון שטאָט: פליישער, טרעגער, פורמאַנעס, וועלכע האָבן שוין נישט איין מאָל באַוויזן כח און גבורה, נישט נאָר בעת כוליגאַנישע אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען אין שטאָט, נאָר אויך אין די יאָרן 1920—21. ווען ס'פלעגן דורכפאָרן עשאַלאָנען פּויליש מיליטער, די גוט־באַקאַנטע: שלאַנזשאַקעס און פּאָזנאַנטשיקעס. ווען די צוגן זענען געשטאַנען אויף ד'ער סטאַציע, האָבן זיי דערווייל געפּרוווט אַ הוליע טאָן אין שטאָט, מאַכן אַ קליינעם פּאָגראָם, ראַבירן. דעמאָלט האָבן זיי באַקומען אַזאַ פּסק, אַז זיי זענען קוים גאַנצע אַנטלאָפן צוריק אין די וואַגאָנעס... און דאָ הייגט, ווי נאָר עס באַווייזט זיך אַ דייטש און אים פּירט אַ פּויליש יינגל, וועלכער ווייזט אָן אַ יודע, און דער דייטש יאָגט אים צו כאַפּן אויף אַרבעט, באַפאַלט אַלעמען אַ פּחד. די מיט וועלכע איך בין געשטאַנען, קריצן מיט די ציין, ביילן די פויסטן. יעדער איינער פון זיי קאָן צעקוועטשן מיט איין האַנט אַזעלכע דריי דייטשע ווערעם. נאָר איצט שטייען זיי אומ־באַהאָלפענע, אַפּהענטיקע. צווישן זיך האָבן זיי גערעדט: „ווען ווען מיר זיך קאָנען אַפּרעכענען מיט די דאָזיקע בעסטיעס ?...”

פון שעדלעץ זענען מיר שוין געפאָרן מיט דער באַן אין לאַסט־וואַגאָנעס, געפאָרן זענען ס'רוב פּאַליאַקן, ווייל יידן האָבן שוין מורא געהאַט אַרויסצופאָרן פון זייערע ווינערטער.

פרייטיק פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין וואַרשע. גליקלעכע האָבן מיר געטראָפן לעבעדיק אַלע אונדזערע נאָענטע משפחה־מענטשן; מיר האָבן זיך קעגנזייטיק אויסדערציילט אונדזערע איבערלעבענישן, זיי פון וואַרשע און מיר פון אונדזערע דערפאַרונגען. ס'זענען געקומען באַ־קאַנטע, פריינד, חברים זיך דערוויסן וואָס מען הערט אויף דער צווייטער זייט, אין די באַפרייטע געביטן. און איך האָב זיי אָביעקטיוו דערציילט ווי די לאַגע זעט אויס. אַ טייל האָבן באַשלאָסן צו פאָרן, אַנדערע ווידער האָבן באַשלאָסן איבערצוּוואַרטן דעם ווינטער. גראָד איז יענער ווינטער געווען אַ זייער שווערער, מיט 40־גראַדיקע פרעסט, און מיט קינדער איז שווער געווען זיך צו לאָזן אויף אַן אומבאַשטימטן מאָרגן. האָבן זיי געוואָלט איבערוואַרטן ביז זומער, מיינענדיק, אַז די גרענעצן וועלן תמיד בלייבן האַלב־אָפן. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן בכלל געספּקט צי עס לוינט צו פאָרן צו די, וועלכע האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט היטלערן און דערמיט גורם געווען די שרעקלעכע וועלט־קאַטאַסטראָפע.

און נאָך אַנדערע האָבן פּשוט מורא געהאַט צו פֿאָרן צוליב זייער פּאַרטיי־אַנגעהעריקייט, פֿאַר זיי וואָלט עס געווען: לויפֿן פֿון פֿייער אין וואַסער אַריין. מען האָט אַרויסגעזאָגט פֿאַרשיידענע מיינונגען און צו אַ באַשלוס פֿאַרט נישט געקומען....

איבער צוויי וואָכן זענען מיר געווען אין וואַרשע, זיך אַנגעהערט וועגן שרעקלעכע גרויל־מעשׂים, וואָס די דייטשע באַנדיטן טוען אָפּ, נאָר מען האָט דאָס אַלץ אויפֿגענומען ווי פֿאַראיבערגייענדיקע דערשיינונגען, מען האָט געגלויבט, אַז די לאַגע וועט זיך ענדערן, סטאַביליזירן. קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז זיי וועלן וואַגן צו רעאַליזירן זייער פּראָגראַם פֿון ייִדן־פֿאַרניכטונג. מען האָט זיך אַנגעהויבן צוגעוווינען צו די צרות, אַז אין אָוונט טאָר מען נישט זיין אין גאַס, אויך ביי טאָג דאַרף מען זיך היטן נישט געכאַפּט צו ווערן צו אַרבעט, וואָס אָפּט האָט דאָס באַטייט שוין מער נישט צוריק קומען אַ היים. נאָר אַ גרויסער טייל פֿון דער יוגנט האָט זיך נישט געוואָלט און נישט געקאָנט צוגעוווינען. זיי די אַזוי־גערופֿענע „לייכטע פֿאַסאַזשירן" האָבן געקויפֿט אַ רוקזאַק מיט אַ שטעקן און גע־גאַנגען איבערן בוג (זאַבוגעם). אויך גאַנצע משפּחות זענען געגאַנגען, ס'רוב די, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ, זייערע דירות זענען חרוב געוואָרן, זענען זיי סיי ווי געווען הימלאָז, האָט זיי נישט געשראָקן דער שווערער ווינטער.

אַ סך חברים און פֿריינד זענען געקומען נאָך אינפֿאָרמאַציעס און עצות, נאָר ווער האָט געקאָנט עצהנען ווען מיר אַליין זענען געווען אין צעטומלעניש און נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט מיר זענען. אינ־טערעסאַנט איז אַזאַ פֿאַל: עס קומט חבר יוזשעק סטודניע (אַ ברודער פֿון די באַקאַנטע „ברידער סטודניע"־צוקערניעס), אַן אַקטיווער בונדיסט און פֿאַרזיצער פֿון דערנערונג־פֿאַראיין אין וואַרשע, דווקא ער נעמט מיך איבערצייגן, אַז איך דאַרף בלייבן אין וואַרשע, ווייל אין גיכן וועט קומען דער מאָמענט, ווען מיר וועלן זיך מוזן קעגנשטעלן מיט כּח, אָרגאַניזירטער־הייט קעגן די דייטשע מערדער, היות אונדזער בעסטער עלעמענט איז אַוועק, וועלן אַזעלכע ווי איך נויטיק זיין. אָט מיט אַזעלכע מיינונגען און געדאַנקען זענען שוין אין נאָוועמבער 1939 אַרומגעגאַנגען באַוווּסט־זיניקע ייִדישע אַרבעטער־טוערס. (נישט דאָ איז דאָס אָרט צו פּאָלעמיזירן מיט די, וואָס וואַרפֿן אונדז פֿאָר פּחדנות און „גיין ווי שאָף צו דער שחיטה".)

ווי ס'איז באַוווּסט, איז אין יענער צייט געווען אַן אַרויסגאַנג־פאַרבאָט אַ גאַנצע נאַכט. ביי טאָג ווידער האָט מען מורא געהאַט צו גיין אין גאַס מען זאָל נישט געכאַפּט ווערן אויף אַרבעט. איז איין מאָל אַרום פיר פאַר טאָג געקומען צו מיר מיין חבר משה גאָלדבערג מיט זיין פרוי — ביידע קאַלושינער, זיי זענען געקומען ווי אַלע זיך האַלטן אַן עצה — וואָס צו טאָן. אויך ביי זיי איז געווען אַ קליין קינד און ס'איז זיי שווער געווען זיך צו לאָזן אין וועג אַריין אין אַזאַ קאַלטן ווינטער. האָבן זיי באַשלאָסן איבער צו וואַרטן און געטיילט דעם גורל פון אַלע די אומגעקומענע.

דערווייל האָט זיך די לאַגע פאַרערגערט, די דייטשן האָבן אַרויס־געגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע יידן מוזן אָנטאָן ווייסע לענטעס מיט אַ בלויען מגן־דוד אויף דעם אַרבל, כדי מען זאָל זיי לייכטער דערקענען ביים כאַפּן אויף אַרבעט. דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן

ליידער איז נישטאָ דאָס בילד
פון מיין מוטער
מ ל כ ה

מיין פאָטער ש מ ו א ל

צוריקפאָרן קיין ביאַליסטאָק. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן משפחה־באַראַטונגען צי מיר אַלע דאַרפן מאַכן די פּעקלעך, וואָס צוליב דעם איינגעלעך בין איך דאָך געקומען, — נאָר דאָ האָט זיך געשטעלט דער שווערער ווינטער און די גרעסטע מניעה איז געווען מיין שוועסטער מיט אירע צוויי קליינע קינדער, איינס אַכט און דאָס צווייטע פינף יאָר. אויך מיינער אַ ברודער

וואָס האָט ערשט נישט לאַנג זיך איינגעאָרדנט אַ דירה האָט נישט אַרויס־געוויזן קיין חשק צום פאָרן. מיינע עלטערן האָבן געקוקט אין די אויגן פון די יונגע, וואָס מיר וועלן באַשליסן. קיינער איז נישט געווען אַזאַ חכם צו זאָגן מיט זיכערקייט, וועלכער וועג איז דער בעסערער, דערצו נאָך האָבן מיר געזען אַז אַלע לויפן פון די פּראָווינץ־שטעט קיין וואַרשע, מען צאָלט אַלע געלטער פאַר אַ שטיקל דירה אין וואַרשע, ווייל אַלע האָבן געהאַלטן, אַז וואָס די דייטשן קאָנען זיך דערלויבן ערגעץ־ווו אין אַ קליין שטעטל, וועלן זיי נישט טאָן אין וואַרשע, ווו די צאָל יידן איז שוין דערגאַנגען ביז 600,000 און ווו עס געפינען זיך אַלע גרויסע פּער־זענלעכקייטן, וואָס ווייסן אין וועלכער טיר אָנצוקלאַפּן בעת אַ צרה. ליידער האָט מען נישט געקאָנט פאָרויסזען, אַז די אַלע גרויסע, רייכע און וויכטיקע פּערזענלעכקייטן וועלן זיין אוממעכטיק, אומבאַהאָלפן, ווען די צרה וועט קומען און צום סוף אומקומען צוזאַמען מיט גאַנצן פאָלק.

נעמענדיק אין אַכט די אַלע אומשטענדן און נאָך לאַנגע וויכוחים האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איך מיט מיין ברודער, וואָס האָבן שוין איין מאָל געפּרוווט זיין אונטערוועגנס, פאָרן צוריק קיין ביאַליסטאָק, מיר נעמען אויך מיט זיך מיין ברודערס פרוי. איבערן ווינטער וועט זיך די לאַגע אפשר טיילווייז אויפקלערן און מיר וועלן אַלע צוריק זיין אין וואַרשע, אָדער אַלע וועלן אַריבערקומען אויף דער רוסישער זייט. מיר האָבן גע־מיינט, אַז די צוויי שותפים, וואָס האָבן זיך צעטיילט מיט פּוילן, וועלן שטענדיק האַלטן אַזאַ לויזע גרענעץ צווישן זיך, מיר האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די גרענעץ וועט ווערן אַזוי הערמעטיש פאַרמאַכט און אין רעזולטאַט פון דעם, וואָס אונדז דערוואַרט נאָך...

מיר נעמען זוכן וועגן אַריבערצוגיין קיין ביאַליסטאָק; עס זענען געווען צוויי מעגלעכקייטן, איינע דורכן בוג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן מיט אַריבערפירערס, שמוגלערס אא"וו, און דער צווייטער וועג דורך מאַלקין, אַ טרוקענע גרענעץ און ווי מען האָט איבער־געגעבן קומט עס פאָר אַזוי: יעדע עטלעכע טעג, ווען עס זאַמלט זיך אָן אַ געוויסע צאָל מענטשן, עפענען די רוסן די גרענעץ און מען גייט לעגאַל אַריבער אויף דער צווייטער זייט. מיר האָבן אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג. נאָר ווי קומט מען אַהין? אמת: די באַן גייט צו ביז דער גרענעץ, נאָר — מען האָט דערציילט, אַז ווי נאָר מען גייט אַראָפּ פון דער באַן, שטייען דייטשע גרענעץ־וועכטער און מיט שטעקנס שלאָגן זיי מכות־

רצח (אַזאַ מין „לעצטגעלט"). אַן אויסנאַם מאַכן זיי נאָר פּאָר פרויען און פּאָר מענער, וואָס טראָגן קינדער אויף די הענט. אַזוי האָבן מיר טאַקע צוגעגרייט אונדזער „פּלאַן". צווי פּאַליאַקן האָבן אַריבערגעטראָגן אונדזער געפּעק, מיר האָבן אויסגעבאָרגט צווי קינדער ביי אַ פרוי, וועלכע איז מיטגעפאָרן און האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אין אַ זייט. די קינדער האָבן אונדז גערופן: טאַטע! קאַמיש האָט עס אויסגעזען, ווען איך האָב געטראָגן שוין אַ גאַנץ דערוואַקסן מיידל און אירע פיס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד. מיר זענען בשלום אַריבער. די מוטער האָט גענומען אירע קינדער מיט דער שכר־טירחה און צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע.

אויף קיינעמס לאַנד
(דאָס טרערן־אינדזל)

דער אויסזען פונעם „נייטראַלן פּאַס": בערך אַן אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער פון דער דייטשער גרענעץ ביז דער רוסישער וואָך איז געלעגן אַ פריי פעלד. בלויז איין דאָרף האָט זיך געפונען אויף דעם שטח. זאַמלפונקטן זענען געווען צווי, אויפן שאָסיי — דער אַזוי־גערופענער „קליינער פּאַס" און ביי דער באַן־ליניע — דער „גרויסער". מיר זענען אָנגעקומען צום קליינעם פּאַס, דאָרט האָבן מיר שוין געטראָפן אַ טויזנט מענטשן. זיי דערציילן אונדז, אַז מיט דריי טעג צוריק האָט מען געעפנט די גרענעץ און אַלע זענען אַריבער, נאָר איצט ווייסט מען נישט צי זיי וועלן עס נאָך אַ מאָל טאָן. גוט וואָלט געווען, ווען מיר קאָנען זיך אַריבערפּעקלען אויף דעם גרויסן פּאַס, ווייל די גרויסע מאַסע און דער ווינטער וואָס רוקט זיך אָן, וועט זיי צווינגען צו עפענען די גרענעץ. נאָר דערווייל האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט דאָ אויפן פּלאַץ, ד. ה., מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אונדזערע פּעקלעך און זיך געגרייט איבערצושלאָפן די ערשטע נאַכט אויף דעם שטיקל „פריילאַנד".

דעם ערשטן פרימאָרגן, אין דרויסן איז נאָך געווען טונקל, האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט דערהערנדיק אַ גרויס געוויין. אַ קליין קינד איז געשטאָרבן אויף די הענט פון פאָטער, אַן איינציק קינד ביי די עלטערן. מיר זענען אַלע געוואָרן אויפגעטרייסלט און מיטגעלעבט מיט דער טראַגעדיע פון די עלטערן, וועלכע זענען איצט געשטאַנען און געגראָבן אַ קבר פאַר זייער אייגן קינד... נאָך דער קבורה האָבן מיר גענומען

טראַכטן וועגן אַריבערגיין צום גרויסן „נייטראַלן פּאַס" ביי דער באַן־ליניע. די „לייכטע פּאַסאַזשירן" האָבן געגומען דעם רוקזאַק און געגאַנגען, נאָר די, וואָס האָבן געהאַט אַ ביסל באַגאַזש האָבן זיך געגוג אָנגעמאַטערט ביז מיר האָבן בשותפות געקראָגן אַ פּויעריש וועגעלע און זיך אַריבער־געצויגן. אַזוי אַרום האָבן מיר ליקווידירט דעם „קליינעם פּאַס". אויף דעם נייעם אָרט האָט מען אונדז אויפגענומען מיט באַדויערן און חוזק, — אַז נייע קרבנות (אַפּיאַרעס) זענען געקומען, נאָר איך האָב זיי דערקלערט, אַז מיר וועלן פון דאַנען נישט אַוועק ביז מיר וועלן נישט לעגאַל אַריבער אויף דער סאָוויעטישער זייט.

מיר אָרדענען זיך איין

איך האָב געבאָרגט אַ האַק מיט אַ לאָפּעטע, אויסגעהאַקט עטלעכע ביימער, אַרומגעהאַקט די צווייגן, די ביימער האָבן מיר אַריינגעזעצט אין פיר אויסגעגראָבענע גריבער, פאַרדעקט מיט אַ פּלאַנדעקע, די צווייגן אַרומגעלייגט אַנשטאָט ווענט און במקום אַ טיר אויפגעהאַנגען אַ ליילעך און אָט האָבן מיר שוין אַ „דירה". אַלע זענען געקומען קוקן ווי ס׳האָבן זיך איינגעאָרדנט די נייע בירגער. איינוווינער זענען געווען פיר: איך, מיין ברודער מיט זיין פרוי און אַ מיידל שאַשקע. געשטאַמט האָט זי פון לובנע ביי גראָדנע, געלערנט אין וואַרשע און זיך אויפגעהאַלטן ביי אירס אַ פעטער, דעם באַלעבאָס פון הויף: לעשנאָ 19. די מלחמה האָט זי פאַר־כאַפּט אין וואַרשע, האָט זי איצט אויסגענוצט די געלעגנהייט, מיטגע־גאַנגען מיט אונדז, כדי זיך צו דערשלאָגן אַהיים. מיט אונדז איז נאָך געווען אַ קוזין, נאָר דער האָט זיך באַלד אומגעקערט קיין וואַרשע צו זיין פרוי און קינדער.

דערוויַיל קומען אָן יעדן טאָג גרעסערע גרופּעס מענטשן. די גרענעץ איז צוגעמאַכט, נישטאָ מיט וועמען צו רעדן. דער ווינטער קומט אָן מיט שנייען, פרעסט — יעדן טאָג שטאַרקער. משפחות מיט קליינע קינדער ליגן אונטערן פרייען הימל און ס׳איז אויך נישטאָ וואָס צו עסן. פּאָליאַקן פון די אַרומיקע דערפער ברענגען צו עטלעכע ברויטלעך און פירן אַוועק פולע וועגענער מיט בעטגעוואַנט, וועש און טייערע מלבושים, וואָס מענטשן האָבן אָפּגעגעבן פאַר אַ שטיקל ברויט. די טעג האָט מען נאָך ווי נישט איז דורכגעשטופּט, נאָר ווען עס נעמט צופאַלן די נאַכט, באַפאַלט אַלעמען

אַ פּחד: די ערד איז געפרוירן. די פרעסט דערגרייכן ביז 40 גראַד און עס יאָגט אַ שרעקלעכער ווינט מיט אַ שניי. די פיס טוען שוין ווי פון כסדרדיקן שטייך. עס ווילט זיך אַזוי אויסציען דעם קערפּער, אָפּרוען די גלידער, נאָר זעלטן ווער עס האָט געהאַט מיט וואָס זיך צוצודעקן אָדער זיך איינהילן. די פּיין איז דערגאַנגען ביז דער לעצטער גרענעץ. אָט דעמאָלט איז עס געשען: 15,000 מיילער האָבן אין טיפן ווי, מיט דער גרעסטער פאַרצווייפלונג געגומען אַן אויפהער שרייען: אַטוויעררייטע גראַ־ניצאַ!!! (עפנט די גרענעץ). דער יאָמער־געשריי האָט זיך געהערט אַ גאַנצע נאַכט, ביז ער האָט זיך ביסלעכוויז איינגעשטילט, ווייל ס׳איז שוין נישט געווען קיין כח צו שרייען. אַזוי האָבן זיך די געשרייען איבערגעחזרט אַלע נעכט. ס׳האָבן געשריגן מענער און פרויען, יונגע און אַלטע, קליינע קינדער און זקנים, אַלע האָבן געפילט די דראָענדיקע געפאַר פון אומקום דורך הונגער און קעלט. אָט דער מוראדיקער געשריי אין די נעכט האָט געדאַרפט דערגיין צום זיבעטן הימל און צו דער סאָוויעטישער גרענעץ־קאָמענדאַנטור, נאָר ער איז צוביידן נישט דערגאַנגען. דערפאַר האָבן אים גוט געהערט די דייטשן אויף יענער זייט, אַנדערהאַלבן קילאָמעטער פון אונדז און זיי האָבן אונדזער וויגעשריי אויפגענומען מיט פרייד, טראַכטנדיק זיכער, אַז דער אַנהויב איז אַ גוטער און אויך די שותפים העלפן רעאַליזירן זייערע פּלענער...

איך אַליין בין געווען זייער וואַרעם אָנגעטאָן און ווייניקער געפילט די קעלט. כ׳האָב זיך אויך געפילט ביי די כוחות. פלעג איך גאַנצע נעכט אַרומגיין פון איין גרופּע צו דער צווייטער, זיי צודעקן מיט וואָס זיי האָבן געהאַט און מיט מיינע באַשיידענע מיטלען געהאָלפן לייכטער אַריי־בערטראָגן זייערע צרות.

ווען מיר האָבן געזען, אַז די לאַגע ווערט וואָס ווייטער אַלץ ערגער, האָבן מיר גענומען זוכן מיטלען ווי אַרום צו דערוואַרעמען אַ ביסל די געפרוירענע מענטשן. יעדן פאַרנאַכט האָבן מיר אויסגעהאַקט עטלעכע ביימער, אַרומגעהאַקט די צווייגן און אָנגעצונדן גרויסע פייערן. די קלעצער האָבן מיר געלייגט אַרום פייער ס׳זאָל זיין ווו צו זיצן. ס׳איז אונדז אויך געלונגען צו באַקומען אַ ביסל ווייץ, האָבן מיר אים אַ ביסל צוגעברענט און אין מיטן דער נאַכט אויפגעקאָכט גרויסע עמערס שוואַרצע קאַווע, וואָס יעדער האָט באַקומען אַ ביסל זיך צו דערוואַרעמען. די קאַווע איז גענוג געווען אויף אַ וואָך צייט און געטרונקען האָבן מיר זי נאָר ביי

נאַכט. ביי טאָג האָט מען זיך ווי נישט איז דורכגעדרייט. די נעכט זענען געווען שוידערלעכע.

נאָך פינף טעג זיין אויפן נייטראַלן־פּאַס, האָט מיין שווער גערין געמוזט פאַרלאָזן דאָס אָרט, ווייל זי איז געווען שוואַנגער. איך האָב שוין טיילוויז געוווּסט דורך וועלכע וועגן מען קאָן לייכטער דורכגיין די גרענעץ. זי האָט מיט זיך מיטגענומען אַ פּילפּעדער אין פאַל, ווען עס וועט איר עמע־צער פון דער רוסישער וואַך פאַרהאַלטן זאָל זי אים דאָס געבן. אַזוי איז דאָס טאַקע געווען און זי איז בשלום אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. ווען די קאָווע האָט זיך געענדיקט איז מיר געלונגען צו קריגן אַ ביסל גרויפּן, האָבן מיר דאָס זעלבע געטאָן: אויפגעקאָכט אַן עמער שיטערע קאַשע און יעדן געגעבן אַ טעפּעלע, צו דערוואַרעמען אַ ביסל דעם אויסגעפרוי־רענעם קערפּער.

די בילדער פון יענער צייט פילן מיך נאָך היינט אָן מיט גרויל. ס׳האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַן איינזאַמער מענטש פון לאָדזש, אין גאַנצן אַ באָרוועסער און קוים מיט עפּעס צוגעדעקט דאָס לייב. דאָס ערשטע אָרט ביים פייער האָבן מיר שטענדיק פאַר אים געמאַכט. איין מאָל ביי נאַכט, ביים טיילן די טעפּעלעך קאַשע, איז ער צו מיר צוגעגאַנגען און געבעטן נאָך אַ פּאָרציע, אָבער עס איז מער נישט געווען, האָב איך אים לײדער געמוזט אָפּזאָגן. אויף צו מאָרגנס איז דער מענטש שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. מיך האָט אַ לאַנגע צייט באַגלייט דאָס טראַגישע בילד, ווי דער מענטש האָט געבעטן נאָך אַ ביסעלע קאַשע, און אפשר ווען מען וואָלט עס אים געגעבן, וואָלט ער אַזוי גיך נישט געשטאָרבן?... מען האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז אויפן פּאַס גע־פינען זיך צוויי שוועסטער יונגע מיידלעך, קיילעכדיקע יתומות אין אַ שווערן צושטאַנד (צופעליק זענען זיי געווען „צוקונפטיסטקעס״, נאָר אין יענעם מאָמענט האָט עס נישט געהאַט קיין באַדייטונג). איך האָב זיי גלייך אויפגעזוכט און אַריינגענומען צו אונדז אין פּאַלאַטקע. מיר האָבן זיי אַרומגעדעקט מיט אַ וואַרעמען צודעק און זיי פּשוט צוריק לעבעדיק געמאַכט, ווייל זיי זענען שוין געווען האַלב געפרוירן. נאָך עטלעכע טעג אויסוואַרעמען זיך, האָבן מיר זיי צוגעגרייט אַריבערצוגיין די גרענעץ קיין ביאַליסטאָק, דאָרט זענען זיי געלעגן עטלעכע חדשים אין שפּיטאָל מיט אָפּגעפרוירענע פיס.

דער ווינטער שטייט נישט אויפן אָרט, די קעלטן ווערן אַלץ גרעסער, דער גאַנצער פּלאַץ איז באַדעקט מיט שניי. די מענטשן וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס און האָבן זיך געמוזט ביי נאַכט אוועקלייגן, האָבן עס געטאָן אויפן שניי, האַלטנדיק די קינדער אויף זיך, זיי זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן. אַ מאָל פאַר נאַכט דערהער איך אַ געשריי, איך דערזע אַ פאָטער האַלט זיין געפרוירן מיידעלע אויף די הענט, לויפט מיט איר אַהין און צוריק און מיט אַ יאָמערלעך געוויין בעט ער, מען זאָל אים העלפן ראַטעווען זיין קינד. איך האָב אַרויפגעוואָרפן מיין פאַלטאָ אויפן קינד, דערווייל הער איך אַ געשריי פון דער צווייטער זייט: אַ מוטער פון קליינע קינדער איז אַוועקגעפאַלן און די קינדער אַרום איר שטייען און שרייען און בעטן מען זאָל ראַטעווען זייער מאַמען. איך לויף גיך רופן דעם איינציקן דאָקטער, וועלכער איז געווען אויפן פּאַס, נאָר אויך ער איז אומבאַהאָלפן, ווייל ער איז מיט ליידיקע הענט, אָן מעדיצינישע מכשירים און אָן מעדיקאַמענטן. די קינדער פאַרצווייפלטע האָבן געזען דאָס גרויסע אומגליק, וואָס קומט אויף זיי, די מאַמע שטאַרבט און זיי בלייבן איינינקע אַליין אויפן פרייען פעלד. יעדער איז פאַרנומען מיט זיינע צרות. ווער וועט זיך אויף זיי אומקוקן? נאָר ווען דאָס אומגליק איז געשען און די קינדער זענען געבליבן אויף הפקר האָבן מיר זיי נישט פאַרלאָזן, מיר האָבן אויפגעזוכט עטלעכע מענטשן וואָס האָבן זיך געגרייט אַריבערצוגיין די גרענעץ און זיי האָבן מיטגענומען די קינדער קיין ביאַליסטאָק. וואָס איז געווען זייער וויטערדיקער גורל?

מיר האָבן באַגעגנט אַ משפחה פון פּאַלעניץ, אַ פאָטער, צוויי זין און אַ טאָכטער. איך בין אים שולדיק געווען אַ מאָראַלישן חוב. די מעשה איז אַזאַ: בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אָט דער מענטש געוואָרן אָן איידעם אויף קעסט ביי אַ רייכן פּאַלעניצער באַלעבאָס, האָט ער, צו־זאַמען מיט נאָך יונגעלייט, לערנערס, איידעמס אויף קעסט זיך פאַרנומען מיט צוהעלפן יינגלעך, וואָס האָבן באַגערט צו לערנען אַ בלעטל גמרא, און די עלטערן זענען געווען נישט בכח צו צאָלן שכר לימוד. ס׳איז געווען אַ גרופּע יינגלעך און איך צווישן זיי ווען די יונגעלייט האָבן געהאָלפן אין לערנען. און אָט איז מיר אונטערגעקומען די געלעגנהייט אין אַזאַ טראַגישער צייט צו זיין דער מכניס־אורח פון מיין אַמאָליקן רבין אין פּאַלעניצער בית־המדרש... איך האָב אים קוים דערקענט, ווייל פון זיין לאַנגער באָרד איז געבליבן נישט מער ווי אַ פּאָר גרויסע פוילישע

וואַנצעס. דאָס איז געווען אַ מיטל צו קאָנען זיך אַריבערכאַפּן די דייטשע גרענעץ־וואַך — אָן קלעפּ. אין מיין פּאַלאַטקע האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל איינוווינער.

ס'באַווייזן זיך די שוואַרצע קראָען

מיט יעדן טאָג ווערן די צרות אַלץ גרעסער. טויט־פּאַלן מערן זיך. מיר האָבן שוין ניין טויטע, פינף דערוואַקסענע און פיר קינדער און וועגן עפּענען די גרענעץ הערט מען נאָך גאָרנישט. קיינער פון דער אויסער־לעכער וועלט קומט נישט אַ קוק טאָן אויף דער טראַגעדיע פון 15,000 בירגער וואָס מאַטערן זיך, גייען אונטער אויף „קיינעמס לאַנד", ווי מען וואָלט אונדז מפקיר געווען. ס'איז ערשט געווען דריי חדשים אין קריג, איז אפשר די מענטשלעכע פּסיכיק נאָך נישט געווען אויפגעאָם־פּעיִק פאַר אַזעלכע איבערלעבענישן. נאָר אָט האָבן זיך יאָ באַוויזן... איינציקע דייטשן פון דער גרענעץ־וואַך. עלעגאַנט אָנגעטאָן, אין טונקל־גראַנאַט מונדירן, אויבער־מאַנטלען און אין שיינע שוואַרצע שטיוול מיט ווייליק פון אויבן און ביי דער זייט זענען געהאָנגען פּאָטאָ־אַפּאַראַטן. (נישט ווי די רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע זענען געזעסן אויף דער ערד אין גראָבע שינעלן, אין בוזעם־קעשענע איז געווען פאַרשטעקט אַ שטיק שוואַרץ ברויט מיט אַ הערינג — און אין גרויסע האַרטע וויליקעס). צו וואָס זיי זענען געקומען האָט קיינער נישט געוווּסט, מסתמא אַ קוק טאָן צי די יידן־אויסראָטונג האָט זיך שוין אָנגעהויבן. געגאַנגען זענען זיי דאָרט ווו ס'איז געווען אַ סך קינדער און געוואָרפן שטיקלעך חלה און קוכן אויף דער ערד. גלייך האָבן זיי אָפּגעפּאָטאָגראַפירט ווי די קליינע אויסגעהונגערטע קינדער וואַרפן זיך איינס אויף דאָס צווייטע כדי צו כאַפּן אַ קרישקע פון דער ערד. דערביי האָבן זיי צוגעגעבן: „יאָ, עס איז באַוווּסט, אַז די יודען מוסן פאַרניכטעט ווערן!" איך בין זיי נאָכגעגאַנגען פון דער ווייטנס, אָבסער־ווירט און פאַרשטאַנען דעם צוועק פון זייער וויזיט און דאָס האַרץ איז באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט...

אָן אַלט פּאָלקס־ווערטל זאָגט: „ביי יעדעס פּייער זענען שוין פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן זיך אָנוואַרעמען". אויך ביי דעם גרויסן אומגליק האָבן זיך געפונען מענטשעלעך, וועלכע האָבן זיך געוואָלט וואַרעמען. עפּעס באַמערקן מיר, אַז עטלעכע יונגעלייט מיט ווייסע לענטעס אויף די אַרבל

פֿאַרעט זיך, קיינער האָט נישט געוווּסט ווער און וואָס זיי זענען, יעדער איז געווען פֿאַרנומען מיט זיינע אייגענע צרות. נאָר פּלוצים אין איינעם אַ טאָג, ווען ס'האָט נישט געשנייט און דער פֿראָסט האָט נאָכגעלאָזט, באַווייזט זיך אויפֿן שפּיץ באַרג וואָס אַנטקעגן דער באַן־ליניע, אַ יונגער מאַן און נעמט רעדן צום עולם. אַלע לויפֿן זיך צוזאַמען; אפשר אַ גוטע בשורה? נאָר אָט וואָס ער זאָגט: מיר שטייען ביי דער סאָוויעטישער גרענעץ אַנטקעגן אַ באַוואָפֿנטער מיליטערישער וואַך, כאָטש מיר זענען אַ גרויסע מאַסע דאָך זענען מיר אומבאַהאָלפֿן, ווייל מיר זענען מיט ליי־דיקע הענט, דערפֿאַר זיצן מיר שוין דאָ עטלעכע וואָכן און קאָנען נישט אַריבער די גרענעץ. און ער שלאָגט פֿאָר: 1) מען זאָל שאַפֿן אַ מיליץ, וואָס זאָל נישט לאָזן אַריבערגיין אומלעגאַל די גרענעץ, כדי דערמיט צו צווינגען די סאָוויעטן זיי זאָלן עפֿענען די גרענעץ, מיר זאָלן אַריבער לעגאַל. 2) מען זאָל אויסקלייבן אַ קאָמיטעט, וואָס וועט זאַמלען געלט צו שטיצן די אָרעמע. היות דער גרעסטער טייל איז געווען אָרעמע, ווייל די רייכע זענען דאָ נישט געזעסן, נאָר אַריבער די גרענעץ מיט פּירערס — האָט דער עולם באַלד מסכים געווען. אָט זענען ווי פֿון אונטער ערד גלייך אויסגעוואַקסן גרייטע מיליציאַנערן, מיט ווייסע לענטעס אויפֿן אָרעם, וועל־כע האָבן שוין גענומען וועררן טעטיק. דער פֿאָרזיצער פֿון דעם קאָמיטעט האָט געדאַרפֿט זיין — ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט — דער פֿאָרזיצער פֿון לאָדזשער באַלעבאַטים־פֿאַראיין. דאָ האָט ער, ווייזט אויס, געוואָלט ממשיך זיין, זיין אַמאָליקן אַמט. נאָכן אויסהערן די „רעדע", האָב איך דערפֿילט, אַז עס רוקט זיך אָן אַ ניי אומגליק, וואָס מ'קאָן און מען מוז שוין אָפּשטעלן. עמעצער מוז שוין קומען שטאַרק נעמען אין די הענט אַריין דעם גורל פֿון די 15,000 אומגליקלעכע מענטשן, ווען עס דראָט אומצוקומען. באַלד אויף דער הייסער מינוט האָב איך זיך אַריענ־טירט, אַז איך מוז עס זיין ד ע ר, וואָס זאָל נעמען די איניציאַטיוו. בין איך אַרויף אויף דעם זעלבן שפּיץ באַרג און אָנגעהויבן רעדן. דער עולם האָט מסתמא געמיינט, אַז איך וויל דערגענצן דעם פֿריערדיקן רעדנער, נאָר זיי האָבן געהערט גאָר עפּעס אַנדערש. אָט וואָס איך האָב געזאָגט: דער פֿאָררעדנער האָט שוין אַליין גאַנץ קלאָר דעקלאַרירט זיין אידעי:שן פּנים און פֿון וועלכע קרייזן ער קומט. (דער עולם האָט גוט פֿאַרשטאַנען מיין אָנצוהערעניש, אַז ער איז אַ רעוויזיאָניסט) אין דער צייט, ווען מיר שטייען ביי דער סאָוויעטישער גרענעץ און ווילן אַריבער, רעדט ער גאָר

וועגן דערקלערן מלחמה דער גרענעץ־וואַך! איך האָב אויך אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג צו שאַפן אַ הילפס־קאָמיטעט, ווי אַ נישט דורכפירבאַרן, אַנשטאָט דעם האָב איך פאָרגעלייגט צו שיקן אַ דעלעגאַציע צו דער סאָוויעטישער גרענעץ־קאָמענדאַנטור: זי זאָל עפענען דאָס לעצטע מאָל די גרענעץ און אַדורכלאָזן די מענטשן, וועלכע געפינען זיך אויפן פּאַס. ביז דעמאָלט דאַרף מען אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן כדי זיך איינציקווייז אַרויסרייסן פון פּאַס.

נאָך מיין אַרויסטריט האָבן אַלע פרייער אָפּגעאָטעמט, ס'זענען צוגעקומען מענטשן און מיר געדאַנקט פּאַר נעמען אין מיינע הענט די איניציאַטיוו. צווישן זיי איז אויך געווען דער סעקרעטאַר פון לאָדזשער פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די פליקערינס און ער האָט מיר טאַקע איבערגעגעבן: ווער עס האָט געזאָלט זיין דער פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט. די חברה־לייט האָבן גלייך אויסגעטאָן די ווייסע לענטעס און דער „פאָרזיצער" מיט דעם רעדנער זענען אין דער שטיל נעלם געוואָרן פון נייטראַלן פּאַס און דווקא אומלעגאַל. נאָך דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר אויך צוגעהאָלפן אַ ביסל מענטשן זיך אַריבערכאַפּן די גרענעץ. דאָס זענען נאָר געווען יחידים, די גרויסע מאַסע איז געבליבן אויפן אָרט.

די דעמאָנסטראַציע

דער פּלאַן צו שיקן אַ דעלעגאַציע האָט זיך נישט איינגעגעבן, ווייל מען האָט נישט צוגעלאָזט צו זיי. האָבן מיר גענומען צוטראַכטן עפּעס אַנדערש וואָס זאָל אויף זייווירקן. וואָס צו פאַרלירן האָבן מיר שוין נישט געהאַט. ווי איך האָב דערציילט, זענען מיר געזעסן האַרט ביים טויער פון דער סאָוויעטישער גרענעץ־וואַך, האָבן מיר דאָרט ביים טויער אַוועקגעלייגט די ניין טויטע קערפּערס, זיי זאָלן זען צו וואָס זיי האָבן דערפירט מיט זייער נישט וועלן דורכלאָזן. שפּעטער האָבן מיר צונויף גענומען די גאַנצע מאַסע, זיי איינגעשטעלט 5 אין אַ ריי לויט דעם סדר: די ערשטע אַלטע פרויען, דערנאָך אַלטע מענער. נאָך זיי פרויען מיט קינדער און צום סוף אַלע יונגע מענטשן. מיר האָבן אויסגעזוכט אַ שטיקל רויטע לייוונט צוגעבונדן צו אַ שטעקן און גענומען מאַרשירן זינגענדיק דעם אינטערנאַציאָנאַל. מיר זענען אַריבער די גרענעץ, אַריין טיפער אין וואַלד. די עטלעכע זעלנער זענען געוואָרן צעטומלט נישט ווויסנדיק וואָס דאָ

קומט פאַר; אַזאַ גרויסע מאַסע מיט אַ רויטער פאָן און מיטן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל" און מיר פרעגן גאָר נישט, נאָר מיר מאַרשירן ווייטער. אַלע זענען געגאַנגען אָן פעקלעך, מיר האָבן געלאָזן אַלץ הפקר אויפן פרייען פעלד, קיינער האָט דעמאָלט נישט געטראַכט וועגן זיין לעצט ביסל אָרעמקייט, מיר האָבן זיך געריכט, אַז אָט דער געוואָגטער פרווו וועט נישט אַריבער גלאַטיק. פריער האָבן מיר אָפגערעדט, אַז אין פאַל, ווען עפעס וועט געשען, זאָלן זיך אַלע צעלויפן אין טיפן וואַלד אין דער ריכ־טונג פון זאַרעמבאַ־קאָשטשעלניע, דאָס ערשטע שטעטל אויף דער רוסישער זייט. אין צווישן צייט האָבן די גרענעץ־וועכטער געגעבן צו וויסן די העכערע מאַכט־אָרגאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר און עס איז אָנגעקומען מיליטער פון אַלע זייטן, זעלנער אויף פערד האָבן גענומען טרייבן אויף צוריק, זיי האָבן געשאָסן אין דער לופטן, כדי איבערצושרעקן. אַזוי איז זיי געלונגען צוריק צו טרייבן די אַלטע־לייט און די משפחות מיט קליינע קינדער. נאָר אַ טייל יונגע מענטשן אָן פעקלעך האָבן זיך דורכגעריסן. ביי יענעם מאַרש זענען בערך אַ 4000 מענטשן נישט צוריק געקומען אויפן פאַס, אויך מיין ברודער איז געווען צווישן די, וואָס זענען אַריבער. איך אַליין בין צוריק געגאַנגען צוליב פאַרשיידענע סיבות, נאָר די הויפט־סיבה איז געווען, וואָס איך האָב געפילט אַ מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פאַר די העכער צען טויזנט מענטשן, וואָס זענען געבליבן און דאָס די סאַמע אומבאַהאָלפנסטע ווען איך בין געווען זייער נויטיק. דערצו בין איך געווען זיכער, אַז אין נויטפאַל וועל איך אַליין שטענדיק קאָנען אַריבער די גרענעץ.

קומענדיק צוריק אויפן אָרט האָבן מיר אַלץ געטראָפן ווי געווען, נאָר אַ ביסל ווייניקער מענטשן. מיר זענען ווייטער אַרומגעגאַנגען מיט דער האָפענונג, אפשר וועלן זיי פאָרט רחמנות האָבן, נאָר דערווייל איז דער ווינטער געווען שווער ווי פריער. מיר האָבן זיך ווייטער פאַרנומען מיט אויסהאַקן ביימער און צעלייגן פייערן, די מענטשן זאָלן זיך אַ ביסל דערוואַרעמען. ביי מיר אין דער פאַלאַטקע איז שטענדיק געווען פול, דער עיקר ביי נאַכט, יעדער האָט געזוכט אַ שטיקל אָרט ווו דעם קאָפ אָנצו־שפאַרן און איך בין געווען דער פריוויליקער נאַכט־וועכטער, האָב זיך אַרומגעדרייט פון איין גרופע צו דער צווייטער, צו קאָנען מיט מיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן העלפן די אומגליקלעכע.

די פרוי מיטן קינד

אין איינער אַ זייער קאַלטער נאַכט, ס׳איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי, אַ ווינט האָט געלאָשן דאָס שטאַרקע פייער וואָס איך האָב געמאַכט, האָב איך באַמערקט ביי אַ וואַנט פון מיין פּאַלאַטקע ליגט עפּעס פאַרשיט מיט שניי, נאָר פון צייט־צו־צייט באַוועגט זיך עס. איך גיי צו נענטער, שאַר אָפּ דעם שניי און דערזע, אַ פרוי מיט אַ קינד צוגעטוליעט צו זיך זיצט און ציטערט אין גאַנצן פון קעלט. איך נעם די פרוי ביי דער האַנט און רוף זי זאָל גיין מיט מיר, נאָר זי וויל נישט. „לאָזט מיך שוין דאָ ענדיקן צוזאַמען מיט מיין קינד — זאָגט זי, איך האָב שוין נישט קיין כח זיך צו מאַטערן און איצט דאַרף עס שוין נישט לאַנג דויערן״. הערנדיק די ווערטער, האָב איך זיי שוין אויפגעהויבן מיט כח און אַריינגעפירט צו מיר אין דער פּאַלאַטקע. איך האָב אויפגעריסן אַ זאַק, אַרויסגענומען אַ וואַרעמע צודעק און זיי גוט איינגעדעקט. פאַר מיר אַליין איז שוין אינעווייניק נישט געווען קיין פלאַץ אַפילו צו זיצן, האָב איך ווייטער דיזשורירט אין דרויסן. ווען ס׳איז געוואָרן טאָג האָט זיך די פרוי אַרומגעקוקט ווו זי געפינט זיך, זאָגט זי צו די איבעריקע מענטשן, אַז זי ווייסט נישט ווער עס האָט איר דאָ אַריינגעבראַכט, נישט אַנדערש ווי נאָר אַ מלאך. דעם גאַנצן טאָג איז זי אַזוי געלעגן אונטער דעם צודעק, ס׳האָט זיך איר נישט געגלוסט אַרויסצוגיין אויף דער קעלט. נאָר איך האָב איר געפּרוווט אויפקלערן, אַז זי טאָר לענגער נישט בלייבן אויפן פּאַס, זי מוז זיך ראַטעווען מיט איר קינד, דערצו ווען זי האָט נישט קיין פעקלעך וועט איר זיין לייכטער. זי האָט זיך געלאָזט איבערצייגן. איך האָב איר צוגעגרייט אויף פּאַרנאַכט. כ׳האָב זי באַגלייט אַ שטיקל וועג און צוזאַמען מיט אַנדערע איז זי אַוועק.

מען רוקט איבער די גרענעץ

אין אַ געוויסן פרימאָרגן מעלדעט מען אונדז, אַז דער „פּאַס״ ווערט איבערגערוקט אויף 50 מעטער און די דייטשן דערנענטערן זיך צו אונדז. ס׳איז געוואָרן אַ שרעקלעכע פּאַניק. די סאָוויעטן הויבן באַלד אָן פונאַנדער נעמען דעם טויער און אים איבעררוקן. מיר, די איינוווינער פון פּאַס הויבן אָן אַריבערצוטראָגן אונדזערע פעקלעך. לייכט איז עס געווען פאַר

די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין סך באַגאַזש, מיר אָבער, איז עס געווען אַ ביסל שווערער, איך האָב געדאַרפט פונאַנדער נעמען מיין „וווינונג", כ'האָב געדאַרפט אַרויסנעמען די פיר טיף איינגעגראָבענע קלעצער און די ערד איז געווען האַרט און געפרוירן, שפּעטער דאָס אַלץ אריבערטראָגן. נאָר מיר האָבן געהאָלפן מיינע סוב־לאָקאַטאָרן און מיר האָבן עס דורכ־געפירט.

הינטער מיר, אין אַ גרוב, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קבר, נאָר פון אויבן באַדעקט מיט שמאַטעס, אַז דער שניי זאָל נישט שיטן גלייך אויפן קאָפּ — האָט געוווינט דער איינציקער דאָקטער פון פּאַס. גראָד איז זיין פרוי געווען קראַנק, געלעגן מיט גרויסער היץ און זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט, איז דער דאָקטער געקומען צו מיר מיט דער בקשה איך זאָל אים העלפן זי אַריבערטראָגן אויפן נייעם שטח, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו בלייבן איבער נאַכט אַליין אויפן פּאַס, טאָמער וועלן די דייטשן אים פאַרנעמען. האָבן מיר ביידע די פרוי אַרויפגעלייגט אויף אַ קאָץ און זי אַזוי אַרום איבערגעטראָגן, נאָר היות קיין גרוב האָבן זיי שוין נישט געהאַט, זענען זיי געוואָרן איינוווינערס ביי מיר אין דער פּאַלאַטקע.

אויך די בודקע פון די גרענעץ־וועכטער האָט מען איבערגעטראָגן אויפן נייעם אָרט. דאָרט איז געלעגן אַ פרוי נאָך אַ געבורט. דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אויפן פּאַס. אַזעלכע פאַלן זענען געווען דריי, נאָר פאַר דער איינזאַמער פרוי (איר מאַן איז אומגעקומען אין קריג) האָט מען געבעטן אַ דערלויבעניש זי מיטן קינד אַוועקצולייגן אינעווייניק אין דער וואַך־בודקע. דריי טעג איז זי דאָרט געלעגן אויף דער ערד, צוגעדעקט מיט אַן אַלט רויט איבערבעטל. ווען די וואַך האָט זיך אַריבערגעטראָגן האָבן זיי די בודקע צוגענומען און די פרוי מיטן קליינעם עופעלע זענען געבליבן אויפן פרייען פעלד. מיר האָבן זי אויפגעהויבן און געוואָלט זי אַוועקלייגן אין דער בודקע אויפן נייעם אָרט, נאָר די רוסישע מיליטער־לייט האָבן דאָס מאָל שוין נישט דערלויבט און איינער פון זיי איז אַריין אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט געכאַפּט דאָס איבערבעטל און עס צעריסן אויף שטיקער און מיט די מיליטערישע שטיוול צעקאָפּעט. דער פוך איז זיך צעפלויגן איבערן גאַנצן שטח. מיר וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם אַכזריותדיק־כוליגאַנישן טאַט, איז אונדז אַדורך אַ שוידער איבערן לייב. מיר האָבן זיך דערמאָנט געשילדערטע סצענעס פון צאַרישע פּאָגראָמען...

און שטיל האָבן מיר געשעפּטשעט איינער צום צווייטן — וווהין און צו וועמען לויפן מיר?

מיר האָבן זיך געוואָנדן צו איינעם פון די פויערים פונעם דאָרף, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע הונדערט מעטער פון דעם שטח און ער האָט איינגעשטימט אַריין צו לאָזן אין זיין שטוב די פרוי, מיט איר דריי־טאָגיקן קינד...

אויפן איבערגערוקטן שטח

פון טאָג צו טאָג ווערט אַלץ ווייניקער מענטשן. ביי נאַכט אין געהיים, אויף זייטיקע וועגן, רייסט מען דורך די גרענעץ. קיין נייע גרויסע מאַסן קומען נישט צו, נאָר פון צייט־צו־צייט קומען נאָך אָן אַ ביסל מענטשן. ס'איז אָנגעקומען אַ גרויסע משפּחה פון לאָדזש, אַקטיווע קאָמוניסטן, די מענער זענען שוין געווען אָנגעטאָן לויט דער סאָוויעטישער מאָדע אין כאַקי־רובאַשקעס און גאַליפע־הויזן, נאָר די פרויען האָבן נאָך געטראָגן שיינע פּאָקענע מאַנטלען. זיי זענען געקומען אָן באַגאַזש (ווייזט אויס, נאָר מיט רעוואָלוציאָנערן באַגאַזש) זעלבסט זיכערע, נאָר אַריבערשפּאַצירן די גרענעץ. זיי זענען צוגעגאַנגען צו דער גרענעץ־וואַך ווי צו אייגענע מענטשן, אַ טייל פון זיי האָבן שוין גערעדט אַ ביסל רוסיש, האָבן זיי דער־ציילט די וועכטער ווער זיי זענען, אין וויפל תפיסות זיי זענען געזעסן פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. נאָר די וועכטער האָבן אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן זייערע אויפקלערונגען און זיי געהייסן וואַרטן צוזאַמען מיט אַלע אונטערן פרייען הימל. נאָר איין פרוי מיט אַ קינד פון צוויי יאָר איז דאָרט געווען זייער אָן ענערגישע און זי האָט באַשלאָסן, אַז זי מיטן קינד מוזן אַדורכגיין. דער זעלנער האָט איר נישט געלאָזט עס טאָן און זי האָט געפּרוווט מיט כח זיך דורכרייסן. נישט לאַנג געטראַכט האָט דער זעלנער אויף איר אָנגעשטעלט אָן אָנגעלאָדענע ביקס. דאָס קינד איז איר נאָכגעלאָפן מיט אַ געוויין און געשריגן: מאַמאַ! און מיר אַלע זענען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דער טרויעריקער סצענע. נאָר ווען מיר האָבן געזען אַז די זאַך קאָן זיך ענדיקן זייער ערנסט, אַז באַלד קאָנען מיר האָבן נאָך אַ קרבן, האָבן מיר אָנגעהויבן שרייען זי זאָל זיך צוריק־ציען. אויף אונדזער אַלעמענס געשריי און דעם געוויין פון דעם קינד האָט זי זיך צוריקגעצויגן. פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע גרופּע איז געווען

שטאַרק אויפגערעגט און באַליידיקט. צו דער גרענעץ־וואַך האָבן זיי געשריגן: מיר האָבן געליטן אין די פּוילישע טורמעס פאַר דער באַפרייונג און איר נעמט אונדז אַזוי אויף! האָט מען זיי געענטפערט: שפּיאָנען, פאַרעטער א״ו. צו מאָרגנס אין דער פרי האָבן מיר זיך אַרומגעקוקט, אַז די משפּחה איז שוין נישטאָ אויפן פּאַס. ביינאַכט זענען זיי אַוועק, ווי אַ סך אַנדערע האָבן עס געטאָן.

די דייטשן נעמען צוריק 500 מענטשן

ווי איך האָב שוין דערציילט, זענען די טעג ווי עס איז אַדורך. נאָר די נעכט זענען געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ שווערער. איך דערמאָן זיך די דאָזיקע קאָשמאַרן. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע פרעסט, האָט שוין נישט געהאָלפן דאָס צודעקן די פיס, נאָר אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געמוזט אַרומלויפן ווי דולע, אַז די פיס זאָלן נישט געפרוירן ווערן. אַ גהינום־בילד: טויזנטער מענטשן לויפן אַרום גאַנצע נעכט מורא האָבנדיק זיך אַוועקצולייגן אָדער צוזעצן אַ רגע, טאָמער וועט מען שוין נישט אויפשטיין... איך האָב געהאַט אַ באַזונדערן עול: דער לייענער געדענקט מסתמא, אַז מיט אונדז איז מיטגעפאָרן פון וואַרשע אַ יונג מיידל, וועלכע האָט געדאַרפט אָנקומען קיין לונני, ביי גראָדנע צו אירע עלטערן. אַליין אַריבערגיין די גרענעץ האָט זי מורא געהאַט, האָט זי געוואַרט ביז מען וועט קאָנען אַריבער לעגאַל און איך וועל זי אָפּפירן אַהיים. אָט אין יענער נאַכט האָב איך זייער מורא געהאַט פאַר איר גורל, איך בין מיט איר גאַנצע נעכט אַרומגעלאָפן, זי איז שוין געפאַלן פון די כוחות, געבעטן כאָטש אַ מינוט זיך אָפּרוען, נאָר איך האָב זי נישט אָפּגעלאָזט, נאָר געצוווּנגען ווייטער צו לויפן. איך בין געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר יונג לעבן. וואָס וואָלט איך געענטפערט אירע עלטערן, ווען מיט איר געשעט אַן אומגליק? אָבער נאָך אַזאַ נאַכט דורכמאַכן האָב איך שוין מער נישט געקאָנט און כ׳האָב איר צוגעגרייט אַריבערצוגיין די גרענעץ קיין ביאַליסטאָק, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע מענטשן. זיי זענען בשלום אַריבער. דאָרט האָט זי אויפגעזוכט מיינע ברידער און שוועגערין און צוזאַמען מיט זיי געוואַרט איך זאָל אָנקומען, כדי זי אָפּפירן אַהיים. עס שטייט מיר פאַר די אויגן אַזאַ בילד: עס לויפן אַ פאָטער מיט אַ זון, נאָר דער פאָטער קאָן שוין מער נישט לויפן, ער פאַלט פון די פיס. צום סוף איז ער אַוועקגעפאַלן אויף דער גאַלער ערד און זיך מער נישט געקאָנט

אויפהויבן. איך מיטן זון האָבן אים אַ ביסל אונטערגעהויבן, אונטערגעלייגט אַ ביסל שמאַטעס, מיט עפּעס אים צוגעדעקט. מיר האָבן אויך געמאַכט אַ פייער נאָענט פון אים און עס געהיטן אַ גאַנצע נאַכט, ס׳זאָל זיך נישט פאַרלעשן. מיר האָבן אויך אַכטונג געגעבן ער זאָל נישט איינשלאָפן. נאָר סייווי האָט עס גאָר נישט געהאָלפן, פאַרטאָג, ווען אין דרויסן האָט אָנגעהויבן בלויען, איז ער געשטאָרבן.

דעם זעלבן אינדערפרי נעמט זיך עפּעס שטאַרק רודערן אויפן פּאַס. פון דערווייטנס זעען מיר: אויף דער באַן־ליניע קומט אַ צוג מיט לאַסט־וואַגאָנעס און מיר הערן רעדן דייטש. עס ווערט אַ מוראדיקע פּאַניק, מיר לויפן נענטער צום סאָוויעטישן גרענעץ־טויער צו זוכן אַ רעטונג. דער צוג שטעלט זיך אָפּ, עס שפּרינגען אַרויס עטלעכע דייטשן און רופן אויס: ווער עס וויל פאָרן אַהיים, האָט איצט אַ געלעגנהייט. מיר האָבן אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט, מיר האָבן זיך געשראָקן קוים ווען זיי אונדז נעמען מיט געוואַלט. די מענטשן לויפן אַרום פאַרלוירענע און נישט אַנטשלאָסענע; בלייבן דאָ אין הונגער און קעלט אונטערן פרייען הימל, אָדער צוריק פאָרן? בערך אַ 500 מענטשן האָבן זיך לסוף אַנטשלאָסן צוריקצופאָרן, זיי זענען אַרויף אויף די וואַגאָנעס און די באַן איז אַוועק. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט איז טראַגיש געווען זייער גורל. מען האָט זיי אַוועקגעפירט קיין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק, דאָרט האָט שוין אויף זיי געוואַרט אַ גרופּע ס.ס.־לייט מיט גומענע שטעקנס אין די הענט, זיי האָבן געמאַכט אַ בראַנד־געסל און געהייסן יעדן איינעם לאַנגזאַם דורכגיין און זיי האָבן געהאַקט מיט שטעקנס איבער די קעפּ. אַ טייל האָבן נישט אויסגעהאַלטן און געפאַלן אונטער די קלעפּ און די איבעריקע האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע פוילישע ייִדן. ווען דער צוג איז אַוועק זענען צו אונדז געקומען רוסישע זעלנער און אונדז געטרייסט, אַז איצט זעט מען שוין טאַקע ווער עס וויל ערנסט אַריבער אויף דער סאָוויעטישער זייט און אַז אין גיכן וועט מען אונדז אַריבערלאָזן די גרענעץ.

נאָר קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט ס׳איז געוואָרן ווייניקער מענטשן, נאָר גרעסער די פּיין — ווי מען זאָגט: „קלענער דער עולם, גרעסער די פּאַרציע צרות״. ס׳איז שוין געווען די פּערטע וואָך, מיר זענען שוין געווען אויסגעפּייניקט און דערשעפּט פון הונגער, קעלט און נישט שלאָפן. קיין שום אויסוועג זעט זיך נישט. האָבן מיר דעמאָלט באַשלאָסן

צו אַליאַרמירן אין דעם נאָענטסטן שטעטל אויף דער רוסישער זייט וועגן אונדזער מצב, אפשר וועט דאָס עפּעס העלפֿן.

דעם אַליאַרם־בריוו האָבן מיר אַדרעסירט צו די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַר־איינען, צום רב און צו אַלע געזעלשאַפֿטלעכע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס אין זאַראָמב. דער שרייבער פֿון ד י זכרונות, איז אויך געווען דער שרייבער פֿון דעם בריוו. אָט וואָס איך האָב געשריבן מיט פּשוטע ווערטער אין יענע פֿאַרצווייפֿלטע רגעס:

„זאַרעמבער יידן! ווי לאַנג נאָך וועט איר וואַרטן און שוויגן, ווען אונטער אייערע פֿלייצעס, נישט מער ווי זעקס קילאָמעטער פֿון אייער שטעטל ליגן טויזנטער מענטשן אונטערן פֿרייען הימל אין הונגער און קעלט שוין מער ווי אַ חודש צייט. ס׳איז שוין אויסגעוואַקסן אַ נייער בית־הקברות פֿון דערוואַקסענע און קליינע קינדער, און איר טוט נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער צו לינדערן אונדזער פּיין. ווי קאָנט איר פֿירן אייער נאָרמאַלן לעבן בייטאָג און שלאָפֿן רויִק די נעכט, ווען מיר דאָ גייען אונטער אויף אַזאַ שרעקלעכן אופֿן. פֿאַרוואָס אַליאַרמירט איר נישט די העכערע סאָוויע־טישע מאַכט־אָרגאַנען? אויב איר אַליין קאָנט עס נישט טאָן, ווענדעט זיך קיין ביאַליסטאָק און זאָלן זיי אָנקלאַפּן דאָרט ווו מען דאַרף אונדז העלפֿן. לאָזט נישט אויף הפקר אייערע ברידער און שוועסטער. מיר האָבן דאָ נישט צו וועמען צו שרייען און האָבן שוין נישט קיין כוח צו שרייען. העלפֿט אונדז וואָס פֿריער! ס׳קאָן ווערן צו שפּעט!

מיר, די פֿאַרלאָזטע, פֿאַרפֿרוירענע און אויסגעמאַטערטע.

אייערע שוועסטער און ברידער פֿון „טרערן־אינדזל”.

דאָס איז געווען אַ שבת פֿאַר נאַכט, ווען איך האָב דעם בריוו איבער־געלייענט פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע אויף איין אָרט. אַ סך האָבן זיך צעוויינט הערנדיק לייענען דעם בריוו. מיר האָבן אים אָפּגעשיקט מיט מענטשן, וועלכע האָבן זיך געגרייט אומלעגאַל אַריבערצוגיין די גרענעץ.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען דער ענטפֿער: ס׳זענען געקומען צוויי מענטשן אַ מאַן און אַ פֿרוי און אונדז געבראַכט עטלעכע קוישלעך ברויט — מסתמא האָבן זיי מער נישט געקאָנט טאָן — נאָר די סאָוויעטישע גרענעץ־וואַך האָט דאָס ברויט אונדז נישט געלאָזט איבערגעבן, האָבן די זאַרעמבער געבוצמען עס אַריבערוואַרפֿן איבערן טויער, מיר זענען געשטאַנען נאָענט פֿון זיי. נאָר די רוסישע זעלנער האָבן עס געכאַפּט און צעטרעטן מיט זייערע זעלנערישע שטיוול. ס׳איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן דעם

ווייטיק און די אויפרעגונג פון די הונגעריקע מענטשן, וואָס האָבן זיך צו־געקוקט צו דעם וואַנדאַלישן טאַט פון יונגע רוסישע מענטשן, וועלכע זענען שוין דערצויגן געוואָרן אין די יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע... איינער פון אונדז איז צוגעגאַנגען און זיי געזאָגט: צי ווייסט איר נישט, אָדער איר האָט פאַרגעסן, אַז ווען עס איז געווען דער גרויסער הונגער אין רוסלאַנד, אין יאָר 1921, האָבן מיר אין פוילן דורכגעפירט מאַסן־אַקציעס, געזאַמלט געלט און אָפּגעגעבן די לעצטע גראָשנס פאַר די הונגעריקע אין רוסלאַנד? דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן און איר, צעטרעט דאָס ברויט נאָך וועלכן קליינע קינדער צאַפּלען זיך און שטרעקן אויס זייערע הענטלעך? דערהערנדיק דאָס, האָט איינער פון דער גרענעץ־וואַך אַ כאַפּ געטאָן זיין ביקס און אָנגעשטעלט אויף דעם, וואָס האָט געוואַגט זאָגן דעם אמת. נאָר דאָ האָבן מיר זיך אַלע אַ ריס געטאָן, אויסגעשטעלט אונדזערע ברוסטן — ער זאָל שיסן. ערשט דעמאָלט האָט ער אַראָפּגעלאָזט די ביקס... נאָר דאָס ברויט האָבן מיר סיווי נישט באַקומען. די זאַרעמבער האָבן עס מיט ווייטיק צוריק געטראָגן אַהיים.

אונדזער לאַגע איז געווען אָן אַן אויסוועג. מיר האָבן געזען, אַז מיר האָבן אויף גאָר נישט צו וואַרטן. ביי דער שטימונג האָט דער עולם זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. מען האָט מיט זיך גענומען דאָס סאַמע לייכסטע און בויטיקסטע, דאָס איבעריקע האָט מען געלאָזט אויף הפקר, אָדער עס געלאָזט ביים נאָענטן שכן, וועלכער איז נאָך דערווייל געבליבן אויפן פּאַס. מען איז געגאַנגען מאַסנוויז אין אָוונט. יעדן אין דער פרי האָבן מיר געזען, אַז מיר ווערן אַלץ ווייניקער, קיין נייע מענטשן זענען שוין זיכער נישט געקומען. דער פּאַס האָט זיך גענומען אויסליידיקן. אַ סך מענטשן האָבן געטראָגן זייערע פּעקלעך צו מיר, מיט דער בקשה, אַז ווי עס זאָל זיך נישט ענדיקן, אויב איך וועל אַריבער לעגאַל זאָל איך אָפּראַטעווען עפּעס פון זייער לעצט פאַרמעגן. איך אַליין, דעם אמת געזאָגט, האָב נישט געוווּסט וואָס מען טוט — צי זאָל איך ווי אַלע, איבערלאָזן אַלץ אויף הפקר און אויך שוואַרצן די גרענעץ, אָדער איך זאָל נאָך אויסהאַלטן, כדי זיך צו דערוואַרטן ביז צום סוף פון דעם טרויעריקן קאַפּיטל. די לעצטע טעג זענען אַפילו יאָ אָנגעקומען עטלעכע פרויען מיט קינדער פון וואַרשע און לאָדזש, נאָר מיר זענען שוין געווען אַ קליין הייפל און מיר האָבן געזען, אַז דער סוף דערנענטערט זיך.

די לעצטע נאַכט אויפֿן נייטראַלן פּאַס

אין אָוונט האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט ווי לאַנג די פּיס האָבן געטראָגן, דערנאָך זענען מיר אָוועקגעפאַלן אַ ביסל שלאָפֿן. אַרום 1 אַזייגער ביי נאַכט הערן מיר שווערע טריט און מיר דערזעען פאַר זיך עטלעכע רוסישע מיליטער־לייט, צווישן זיי איין פּאָלקאָווניק. זיי זאָגן צו אונדז: גייט אַריבער די גרענעץ, נאָר אָן די זאַכן. איך האָב זיי דערקלערט, אַז אָן די אַלע זאַכן וואָס ליגן דאָ אַרום מיר קאָן איך נישט גיין, די זאַכן זענען נישט מיינע און איך בין מחוייב זיי אומצוקערן צו די אייגנטימער. דער פּאָלקאָווניק האָט פאַרשטאַנען און איינגעשטימט. מיר האָבן גענומען זיך שלעפּן און טאַפּטשען אין די טיפע שנייען. ס'איז געווען ביי נאַכט, פינצטער, האָבן מיר פאַרלוירן די אָריענטאַציע. ווען מיר האָבן געפרעגט אַ רוסישן זעלנער אין וועלכער זייט מיר דאַרפן גיין, האָט ער אונדז אָנגעוויזן אין פּונקט אַ פאַרקערטער ריכטונג. נאָכן אָפּגיין בערך אַ האַלבן קילאָמעטער אין אַ שווערן וועג מיט דעם געפּעק אויף די פּלייצעס, האָבן מיר פּלוצים דערהערט רעדן... דייטש. אין גרויס שרעק האָבן מיר אָנגעהויבן צו לויפן אויף צוריק און ערשט איצט האָבן מיר זיך געכאַפּט און פאַרשטאַנען, אַז דער באַפרייער... האָט אונדז געוואָלט אויסליפערן צום וואָלף אין פּיסק אַריין, נאָך אַזוי פיל אַדורכגע־גאַנגענע צרות אונדז איבערגעבן צו די דייטשן אין די הענט אַריין.

ביים צוריקגיין האָבן מיר שוין געפונען די בודקע פון דער סאָוויעטישער גרענעץ־וואַך ווּהין מיר האָבן צוגעטראָגן אַלע זאַכן אונדזערע און פרעמדע, און פון דאָרט האָבן מיר זיי אַריבערגעטראָגן אין דערבייזיקן וואַלד, כדי שוין צו זיין זיכער, אַז מיר זענען אויף דער סאָוויעטישער זייט. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אַלע צוזאַמען און גענומען טראַכטן, וואָס מען טוט ווייטער. מיר האָבן באַשלאָסן: ערשטנס, דאַרפן מיר אָפּפירן אין דעם נאָענטן יישוב די פרוי מיט די צוויי קליינע קינדער און פון דאָרט ברענגען אַ פערד און וואָגן אַרויסצופירן די מענטשן און זאַכן פון וואַלד. דער גורל איז ווידער געפאַלן אויף מיר. האָב איך גענומען די פרוי מיט די קינדער און זיך גע־לאָזט אין וועג אַריין. ביז זאַראַמב האָבן מיר געדאַרפט דורכגיין אַ 6—7 קילאָמעטער. קיין וועג איז נישטאָ, דאָס ערשטע מאָל אין דער געגנט. מיר קריכן אין טיפע שנייען, מיר גייען איבער טייכלעך ווו דער אייז ברעכט זיך אונטער אונדזערע פיס, די קינדער דאַרף מען אַריבערטראָגן. עס פאַלט אַ געדיכטער שניי, ער קלאַפּט איבער די פנימער. די קינדער וויינען און

מען דאַרף זיי איינשטילן, קוים וועלן עס דערהערן די הינט וועלן זיי אונדז באַפאַלן. די קינדער האָבן עס פאַרשטאַנען, פאַרביסן מיט די ליפעלעך און געשוויגן. אַזוי אַרומבלאָנדזשענדיק אַ סך שעהן זענען מיר אָנגעקומען קיין זאַראַמבע. אין דרויסן איז נאָך געווען טונקל, פון דער ווייטנס האָבן מיר געזען אַ הייזל וואָס לייכט זיך, מיר זענען דאָרט אַוועק. ס'איז געווען דער שטאָטישער בית־המדרש, יידן זענען שוין אָנגעקומען צום דאַווענען. באַלד האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל דערוווסט, אַז דער נייטראַלער פּאַס איז ליק־ווידירט געוואָרן און אַז מיר, די לעצטע, זענען אָנגעקומען אין שטעטל. מען האָט זיך אַרומגעשטעלט ארום אונדז און געגומען אויספרעגן: ווי אַזוי איז דאָס געשען? און נאָך שאלות, נאָר כ'האָב אינזינען געהאַט צו דערליידיקן מיין אויפגאַבע: מען זאָל איבערפירן די פרוי מיט די קינדער קיין ביאַליס־טאָק און שפּעטער אויסזוכן אַ בעל־עגלה, וואָס זאָל מיט מיר פאָרן ברענגען די מענטשן מיט די זאַכן. אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט מיט מיר פאָרן, מחמת פחד, אַז מען וועט שוין נישט קאָנען צוריק קומען. ס'האָט נישט געהאָלפן אַלע מיינע פאַרזיכערונגען, אַז מיר זענען אַריבער די גרענעץ אויף אַ לעגאַלן אופן, און אַז די גרענעץ־זשאַנדאַרמעריע ווייסט דערפון. קיינער האָט נישט געוואָלט ריזיקירן צו פאָרן צו דער גרענעץ. באין־ברירה בין איך אַוועק אַליין. אויפן פּלאַץ האָבן מיר אָנגעהויבן ווידער זוכן וועמען צו שיקן, וואָס זאָל האָבן מער מזל. דער גורל איז געפאַלן אויף דער פרוי פון וואַרשע, מיין באַקאַנטע פעלע זילבערבערג, וועלכע איז דעם לעצטן טאָג געקומען אויפן פּאַס. זי איז געווען אַן ענערגישע פרוי, אַן אשת־חיילטע, האָבן מיר געהאָפט, אַז זי וועט עפּעס אויפטאָן. זי האָט זיך גע־לאָזט אין וועג אַריין, און מיר האָבן גענומען גרייטן אונדזערע נאַכטלעגערס. יעדער האָט גענומען זיין ביסל פעקלעך און זעקלעך און זיך אויף דעם אַוועקגעלייגט. איך האָב זיך נאָר פאַרדעקט מיט אַ פּלאַנדעקע. אַ טויט מידער בין איך באַלד איינגעשלאָפן. אין דרויסן האָט געשיט אַ געדיכטער שניי, איך האָב נישט געפילט ווי איך ווער ביסלעכוויז פאַרשיט און וואָסער גרויסע משא עס ליגט שוין אויף מיר. אין מיטן נאַכט איז די פרוי מיט אַ פורמאַן אָנגעקומען אין וואַלד, נאָר זיי האָבן גאָרנישט געזען, דער גאַנצער וואַלד איז געווען איין ווייסער שטח — הויך־אָנגעשיטער שניי, בלויז געוויסע ערטער האָבן זיך געבערגלט. מיט שטעקנס אין די הענט האָבן זיי גענומען זוכן, לאַנג האָבן זיי געשאַרט אין שניי, ביז זיי האָבן אָנגעטראָפן עטלעכע מענטשן זיצנדיק איינגעטוליעט, פאַרשיטע אין שניי.

ווען יענע זענען געקומען צו זיך, נעמען זיי ווייטער זוכן, שאַרן, אַזוי אַרום זענען זיי דערגאַנגען צום אָרט ווו איך בין געלעגן אַ הויך־באַדעקטער מיט שניי. איך בין געווען כמעט אָן באַוווסטזיין און שוין געווען אַזוי שוואַך, אַז איך האָב שוין נישט געהאַט קיין כח אויפצוהייבן די משא שניי, וועלכע איז געלעגן אויף מיר. ווייזט אויס, אַז געשלאָפן בין איך שוין לאַנג נישט, איך האָב זיך געראַנגלט און נישט געקאָנט אַרויס פון מיין לעבעדיקן קבר... ווען יענע האָבן אַראָפגעשאַרט דעם שניי און אַראָפגעצויגן פון מיר די פּלאַנדעקע, האָב איך דערפילט, אַז כ׳בין אויפגעשטאַנען תחית־המתים. לאַנג נאָך בין איך געשטאַנען ווי אָן באַוווסטזיין אַ פאַרלוירענער, זיך אַרומגעקוקט אויף וואָסער וועלט איך בין, ביז איך בין ביסלעכווייז געקומען צו זיך. איצט האָבן מיר מיט די לעצטע כוחות אַרויפגעלייגט די פּעקלעך אויף דער פור, כדי וואָס גיכער אָפּטראָגן זיך פון דעם אָרט. מיר האָבן זיך געשלעפּט לעבן דעם שווערן וואָגן, ווען מען האָט געדאַרפט, האָבן מיר אונטערגעשטופּט, ביז ערשט אַרום אַכט אין דער פרי זענען מיר אָנגעקומען קיין זאַראָמב־קאָשטשעלנע.

אין זאַראָמב האָבן די שטעטלדיקע ייִדן געקוקט אויף אונדז מיט רחמנות ווי אויף היימלאָזע, געליטענע און דאָך איז די צייט שוין געווען אַזאַ שוידערלעך־פאַרדאָרבענע, אַז זייער ערשטע פראַגע איז געווען: צי האָבן מיר עפּעס צום פאַרקויפן? זאַרעמבער ייִדן האָבן בכלל גערעדט צווישן זיך, אַז זייער שטעטל וועט איצט שפּילן אַ גרויסע ראָלע, ווייל עס ליגט ביי דער גרענעץ, וועט עס ווערן אַ האַנדלס־צענטער. מייִנענדיק מסתמא, אַז שטענדיק וועט מעגלעך זיין אַריבערצופירן סחורהס פון דער דייטשער זייט. מיר האָבן באַצאָלט דעם פורמאַן, יעדער האָט גענומען זיינע פּעקלעך און אַוועק אין ווייטערדיקן וועג, קיין בריסק, ביאַליסטאָק, קאָוועל און אַנדערע. איך אָבער האָט עס נישט געקאָנט טאָן, אין מיין רשות זענען געווען צופיל פרעמדע זאַכן, וועלכע די אייגנטימער האָבן געדאַרפט אָפּנעמען, נאָר ווו זענען זיי? דערווייל איז מיין ברודער פון ביאַליסטאָק אָנגעקומען מיר אַנטקעגן, האָבן מיר אַלע פרעמדע זאַכן דערווייל איבערגעלאָזט ביים פורמאַן און מיר זענען אָפּגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק, ווו עס האָבן מיט אומגעדולד אויף מיר געוואַרט: מיין דריטער ברודער, פריינד און באַקאַנטע, כדי אַ קוק צו טאָן אויף דעם „העלד”, וואָס האָט מיט אַזאַ אויסדויער אָפּגעשלאָסן דעם טראַגישן קאַפּיטל פון „ביימטראַלן פּאַס”.

ווידער אין ביאַליסטאָק

מיט שווערער מי האָבן מיר זיך דערשלאָגן קיין ביאַליסטאָק. די גרויסע דירה וועלכע איך האָב געלאָזן, איז שוין נישט געווען אונדזערע, סאָוויעטישע מיליטערישע קאָמאַנדירן האָבן זי צוגענומען פאַר זיך. מיינע ברידער און שוועגערין האָבן איצט געוווינט אין אַ געוועזענער יידישער שול, וועלכע איז באַשטאַנען פון דריי צימערן, איין צימער האָט פאַרכאַפּט פאַר זיך אַ טשענסטאָכאָווער משפחה, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט פאַר מיוחסים, זיי זענען געווען אַקטיווע קאָמוניסטן... די איבעריקע משפחות און די איינציקע מענטשן האָבן געוווינט אין די איבעריקע צוויי חדרים. געשלאָפן איז מען אויף דער הוילער פּאָדלאָגע, אונטערגעלייגט מיט אַ ביסל שטרוי און שמאַטעס. ערשט שפּעטער האָבן מיר באַקומען עטלעכע טאַפּטשאַנעס פון ברעטער.

אין דער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגיסטראַציע, ווער עס וויל פרייוויליק פאָרן אַרבעטן אין טיפן רוסלאַנד. די ערשטע וואָס האָבן זיך געכאַפּט פאָרן זענען געווען די פון אַמאָל אָנגעשטעקטע מיט „לינקיזם". וואָס דאַרפן מיר זיצן דאָ אין ביאַליסטאָק אָדער לעמבערג, ווו מען דאַרף ערשט איינפירן דעם סאָציאַליזם — האָבן זיי געטענהט — אַז מיר קאָנען פאָרן דאָרט, ווו ער איז שוין פון לאַנג איינגעפירט און געניסן פון אים. ס'האָבן זיך אויך רעגיסטרירט יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון דעם וואָס זיי טוען. ס'האָט זיך זיי געוואָלט אַ ביסל אַ פּאַר טאָן, אַ לעב טאָן. די פּראָפּאַגאַנדע איז געווען אַ געוואַלטיקע; ווו מען קומט וואַרטן שוין איינגעאָרדנטע דירות, אַרבעט, פיינע אויפנאַמעס אא"וו. האָט עס אויף געוויסע נאַיווע געווירקט און מען איז געפאָרן. אַ טייל אין די נעענטערע ערטער: מינסק, וויטעבסק, האָמעל (ווייס־רוסלאַנד) זשיטאָמיר, כאַרקאָוו, (אוקראַינע) און אַ טייל אין ווייטן אוראַל אָדער סיביר.

באַלד האָבן אָנגעהויבן אָנקומען נישט קיין פריילעכע בריוו, נאָר צוליב פאָרזיכטיקייט, האָט מען די בריוו געשריבן פאַרשטעלט. למשל, איינער שרייבט: „ביי אונדז איז דאָ פון אַלעם גוטן, מען עסט ווי אין יום־כיפור, מען גייט אָנגעטאָן ווי פורים און מען איז פריילעך ווי אין תשעה־באב". אָדער אַזאַ בריוועלע „מיין פעטער צוקערמאַן וווינט נישט דאָ, מיין קוזין

פליישמאַן איז אַוועקגעפֿאָרן און מיין שוואָגער פּוטערמאַן האָט געפֿונען אַ בעסערן אַרבעט־פּלאַץ". מיר האָבן גוט פֿאַרשטאַנען די אָנדייטונגען.

סיי־ווי דער גרעסטער טייל היימלאָזע האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך נישט רירן פֿון אָרט, נאָר איבערוואַרטן. דערווייל זענען צוריקגעקומען אַ טייל פֿון די, וואָס זענען געווען אין סאָוויעטישן אוקראַ:נע און ווייס־רוסלאַנד און זיי האָבן גאָר דערציילט שרעקלעכע זאַכן: פֿון די אַלע צוגע־זאָגטע גליקן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, אויף אַרבעט איז זיך שווער איינצואָרדענען, קיין דירות זענען נישטאָ. אמת, אויפֿנאַמעס האָט מען זיי געמאַכט שיינע, נאָר לאַנג זאַט זיין פֿון דעם האָט מען נישט געקאָנט. הונ־געריקע און פֿאַרצווייפֿלטע האָבן זיי אָנגעהויבן פֿאָדערן מען זאָל זיי צוריק־שיקן אין די אַמאָליקע פּוילישע געביטן. נאָר ווי זאָגט דאָס ווערטל „אין ראָטנפֿאַרבאַנד איז אַ ברייטע טיר אויף אַריין און אַ שמאָלע אויף אַרויס". נאָך לאַנגע בעטן און פֿאָדערן איז די פֿאַרצווייפֿלונג דערגאַנגען צו אַזאַ שטופּע, אַז הונדערטער מענטשן האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף די גאַסן פֿון מינסק, וויטעבסק און אַנדערע, געשטערט דעם טראַמוויי־פֿאַרקער, מיט איין געשריי, שיקט אונדז צוריק! די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן, פֿאַרשטייט זיך, לייכט געקאָנט אַן עצה געבן מיט אַזעלכע דע־מאָנסטראַנטן, נאָר צי זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אויך זיי — דורך זייער אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד — זענען מיטשולדיקע אין די מענטשנס טרויעריקער לאַגע, אָדער ס'איז וואַרשיינלעך, אַז אין די ערשטע מלחמה־חדשים האָבן זיי נאָך נישט געוואָלט אָננעמען קיין צו־דראַסטישע מיטלען. דער סוף איז געווען, מען האָט זיי צוגעשטעלט באַנען צוריק צו פֿאָרן אויף זייערע פֿריערדיקע ערטער. אגב, האָבן זיך די צוריק געקומענע, אָנדערציילט קוריאָזן וואָס באַווייזט ווי פּרימיטיוו און אומגעלומפּערט ס'איז די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע, ווי לייכט מען קאָן זי איבערכיטרעווען און נאָך פֿאַרדינען דערביי: ס'גייען אַ גרופּע יונגנטלעכע אין גאַס, ביי אַ מאַגאַזין זעען זיי שטיין אַ גרויסע ריי, נאַטירלעך פֿרעגן זיי, וואָס גיט מען? די פֿון דער ריי ענטפֿערן: צוקער. איינער גיט אין שפּאַס אַ פֿרעג: וואָס איז דאָס אַזוינס צוקער? נאָך אים פֿרעגט אַ צווייטער, ביז די פֿראַגע דערגייט צום אָנפֿירער פֿון מאַגאַזין. דעמאָלט קומט ער אַרויס פֿאַר דער טיר פֿון מאַגאַזין מיט אַזאַ רעדע: סאָוויעטישע בירגער; אָט קוקט אייך צו, ס'זענען געקומען צו אונדז נייע בירגער פֿון געוועזענעם פּריצישן פּוילן, בירגער וועלכע האָבן שוין 20 יאָר נישט געזען קיין צוקער פֿאַר די אויגן, זיי ווייסן אַפֿילו נישט.

וואָס דאָס איז אַזוינס, זייט גרויסמוטיק, לאָזט זיי אַריין אָן אַ ריי. זאָלן זיי נעמען צוקער וויפל זיי ווילן... די חברה־לייט לאָזן זיך נישט בעטן, גייען אַריין נעמען צוקער וויפל נאָר זיי קאָנען דערשלעפּן, גייען מיט אים אַריבער אויף אַ צווייטער גאַס און פאַרקויפן פאַר אַ גוטן פּרייז. די שפּיל חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל, ביז זיי דערפילן, אַז ס'איז שוין צופיל, ס'קאָן זיך אַמאָל ענדיקן גאַנץ טרויעריק, הערט מען אויף.

אויך ביי אונדז אין ביאַליסטאָק פעלן נישט די און אַנדערע קוריאָזן, פון וועלכע עס ווילט זיך וויינען און לאַכן... די רויט־אַרמייער גייען אום מיט איין פּזמון: „או נאַס ווסאָ יעסט", ביי אונדז איז אַלץ דאָ, דערווייל קויפן זיי אַלץ, וואָס ס'קומט זיי אונטער דער האַנט. יעדער פון זיי האָט שוין אָנגעקויפט אַ 15 זייגערלעך, וואָס זעלטן וועלכעס עס גייט, זיי קויפן נאַכט־העמדער אין וועלכע זייערע פרויען גייען אויף בעלער, און דערביי פּרוּוון זיי אונדז איינרעדן: וואַרט צו, ווי נאָר די אַלע סחורות וועלן ווערן אויספאַרקויפט, ערשט דאַן וועלן מיר נעמען ברענגען אַלץ וואָס ס'איז נויטיק, פון רוסישער פּראָדוקציע. מיר וועלן פאַרפלייצן אייערע געשעפטן, איר האָט נאָך אַזעלכעס נישט געזען... און דערווייל ווערן די ביאַליסטאָקער געשעפטן אַלץ מער אויסגעליידיקט. אָט גייען מיר דורך אַ וווּרשט־געשעפט, אין שוי־פענסטער ליגט פּרעכטיקע סחורה, אין געשעפט זעען מיר דרייען זיך אַרום פאַרקויפערינס אין ווייסע כאַלאַטן. ווען מיר גייען אַריין קויפן, ענטפערט מען אונדז, אַז לײַדער איז היינט נישטאָ, נאָר מאָרגן וועט זיין פרישע סחורה. דעם זעלבן ענטפער באַקומען מיר אויך מאָרגן און ווען מיר פרעגן שוין מיט כעס: און וואָס איז דאָס וואָס ליגט אין שוי־פענסטער? ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז געמאַכט פון האָלץ און אַזוי שיין אָפּגעפאַרבט. עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז די סאָוויעטישע זעלנער קויפן בינטלעך ציצית, מיינענדיק, אַז ס'איז פאַדעם צום נייען, אָדער שטריקן. אָדער זיי קויפן סתם פאַרשיידענע פאַרלעגענע סחורות פון פאַטאָצקיס צייטן. אַלץ האָבן זיי אויס־גערוימט און אָפּגעשיקט אַהיים צו זייערע משפּחות. קוקנדיק אויף דעם אַלעם, האָבן מיר זיך געקאָנט פאָרשטעלן דאָס בילד ווי עס זעט אויס און אויף וואָס מיר האָבן צו וואַרטן. איז אונדז טאַקע געוואָרן גוט טרויעריק אויפן געמיט.

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַסן־לויף אויף צוריק. דער גרויסער רוב פון זיי זענען עס געווען די אַנטוישטע קאָמוניסטן, וועלכע זענען שוין צוריק געקומען פון טיף־רוסלאַנד. אַ סך זענען געווען מיינע

באַקאַנטע פון פּאָליטישן לעבן אין וואַרשע, פּאַר וועלכע איך האָב זיך דאָ אויסבאַהאַלטן, זיי זאָלן מיר נישט קיין „טובה" טאָן ביי דער נ.ק.וו.ד. און אָט טרעפן זיי מיך צופעליק אין גאַס און כאַפּן זיך מיט מיר קושן. דערביי רוימען זיי איין אַ סוד: „יאָ, מיר קומען שוין צוריק פון באַפרייטן גן־עדן, מיר גרייטן זיך פאָרן קיין וואַרשע". עס זענען אויך צוריק געלאָפן געוועזענע אַקטיווע פוילישע קאָמוניסטן. איינער אַזאַ, דער סעקרעטאַר פון פוילישן „לינקן" לעדער־פאַראיין — „שטשעלעץ", האָט דערקלערט: איך גיי צוריק קיין וואַרשע, און דעם ערשטן געסטאַפּאָוויעץ וואָס איך וועל טרעפן, וועל איך כאַפּן קושן. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָסער טרויעריקע ראָל אַזאַ אַנטוישטער קאָמוניסט האָט געקאָנט שפּילן אין אָקופּירטן פוילן.

סאָוויעטישע פּרנסות

די וואָס זענען געבליבן אויף די אָקופּירטע געביטן האָבן זיך גענומען צוביסלעך איינאָרדענען, כדי איבערצוהאַלטן די שווערע צייט, ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און זיי וועלן צוריק פאָרן אין זייערע היימען. אַ טייל האָט זיך טאַקע איינגעאָרדנט ביי אַרבעט, די איבעריקע האָבן זיך פאַרנומען מיט לופט־פּרנסות, אַ טיפּישע סאָוויעטישע דערפינדונג; מען האָט זיך דערוווּסט, אַז אין אַ געוויסן מאַגאַזין וועט מען מאָרגן געבן (אין רוסלאַנד פאַרקויפט מען נישט, דאָרט „גיט" מען) בראָנפן אָדער צוקער, זענען דאָרט אָוועק אַ גרופּע מענטשן אַרום 1 ביינאַכט, זיי זענען דאָרט געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט, אין דער פרי, ווען מען האָט געעפנט דעם מאַגאַ־זין, זענען זיי געווען די ערשטע אין דער ריי. אויסגעקויפט דעם בראָנפן, אָדער צוקער האָבן זיי אים גלייך אַוועקגעטראָגן אויפן שוואַרצן מאַרק און ס'איז געווען עטלעכע טעג פּרנסה. די איינאָרדענונג איז באַשטאַנען אין דעם: היות מיר האָבן געוווינט גרעסערע גרופּן מענטשן אויף איין אָרט, אין בתי־מדרשים, שולן, שפּייכלערס און אנדערע, האָבן זיי זיך איינגעטיילט וועלכער זאָמל־פּונקט עס גייט היינט שטיין אין דער ריי און וועלכער אַ צווייטן טאָג. כדי עס זאָל נישט זיין צופיל מענטשן און אַ צו גרויסע קאָנ־קורענץ. ביסלעכווייז איז עס געוואָרן אַ גאַנצער שיכט פּראָפעסיאָנעלע רייען־גייער, וועלכע האָבן שוין געוווּסט אַלע סודות; ווו מען גיט און ווען מען גיט, איינער האָט שוין אַריינגענומען דעם צווייטן, געקויפט, פאַרקויפט. מיט איין וואָרט — אַ פּראָפעסיע. דערביי, פאַרשטייט זיך, זענען פאַרגע־

קומען פֿאַרשיידענע טראַגישע און קאָמישע פֿאַלן: גייט איינער אויפֿן גאַס שפּעט אין אָוונט און זעט, אַ מענטש ליגט און שלאָפֿט אויף אַ טרעפּל פֿון אַ מאַגאַזין. פֿאַרשטייט ער דאָך, אַז יענער וואַרט שוין אין אַ ריי אויף מאָרגן, שטעלט ער זיך הינטער אים. גייען דורך נאָך מענטשן, זעט מען, אַז מען שטייט, שטעלט מען זיך אויך, ביסלעכווייז קלייבן זיך אָן הונדערטער מענטשן. נאָר ווען דער ערשטער כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף פֿאַרטאָג, פֿרעגט מען אים „וואָס גיט מען דאָ?" פֿאַרענטפֿערט ער זיך, אַז ער האָט נישט געהאַט ווו צו שלאָפֿן, האָט ער זיך דאָ אַוועקגעלייגט גאָרנישט אויסן זייענדיק. נאָך אַ גאַנצע נאַכט אָפּשטיין, צעגייט זיך דער עולם מיט גאָר־נישט. אָדער די מאַגאַזינען פֿאַרדרייען די יוצרות: דאָרט ווו מענטשן שטייען אין דער ריי מיט פֿלעשער אין די הענט, נאָך נאַפֿט אָדער בוימל, גיט מען דאָס מאָל, זאַלץ מיט אייער, און דאָרט ווו מען שטייט מיט קוישלעך, באַקומט מען גאָר נאַפֿט. מענטשן גייען אַוועק נאָך אַ נאַכט אָפּשטיין מיט ליידיקן, היזק געהאַט אַ טאָג פּרנסה...

עס זענען אויך דאָ קאָמישע סצענעס, אָט שטייט איינער און פֿרעגט אַזוי תּמעוואַטע: ווער זענען עס די דריי רביים אין דער וויסטאַווע? (מאַרקס, ענגעלס, לענין מיט בערד) ענטפֿערט מען אים: דאָס זענען די, וואָס האָבן אויסגעטראַכט אַזעלכע לייכטע פּרנסות אין רוסלאַנד. און ווער איז עס דער גוי? (סטאַלין) האַ, דער גוי האָט אויסגעטראַכט, ווי אַזוי פֿאַר אַזעלכע לייכטע פּרנסות גייט מען אין תּפֿיסה אַריין... דער עולם אַרום שמייכלט. הויך לאַכן ווערט שוין אַ געפֿאַר.

פֿאַרשטייט זיך, ביי אַזאַ אַטמאָספֿער האָט זיך דער שוואַרצער האַנדל צעבליט אומגעהויער און פֿאַנטאַסטיש. אַלע האָבן געהאַנדלט און מיט אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען. מען האָט געקויפֿט סחורה וועלכע מ'האָט מיט אַ שעה פֿריער פֿאַרקויפֿט, מען האָט אָפּגענאַרט און זיך געלאָזט אָפּ־נאַרן, אָן אמתע וואַקכאַנאַליע פֿון מסחר.

שווער זיך צו באַהערשן, נישט צו דערציילן אַ ביסל אייגן־איבער־געלעבטע פֿאַקטן: מיר זענען געווען אַ משפּחה פֿון פֿיר מענטשן און מיר האָבן באַשלאָסן צו אַרבעטן, נישט זוכן קיין „לייכטע פּרנסות". נאָר צום אַרבעטן דאַרף מען האָבן כּלים. האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער ביאַליסטאָקער פּראָווינץ זוכן מכשירים. די פֿאַרלוסט איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע, דער טראַנספּאָרט איז נישט געווען באַהערשט, בילעטן זענען כמעט נישט געווען נויטיק, איז מען געפֿאָרן סתּם־אַזוי, אַבי נישט זיצן

אויף איין אָרט. אַרויסגעפאָרן בין איך מיט דער דעה צו זיין אין בריסק, נאָר אויפן וועג האָב איך זיך דערוווסט, אַז די באַן גייט קיין וואָלקאָוויסק. נו גוט, זאָל זיין וואָלקאָוויסק. אָנגעקומען זענען מיר גאָר קיין גראָדנע. כ׳בין אַריין אין אַ רעסטאָראַן, געבעטן עפּעס עסן, נאָר אויסער טיי איז דאָרט גאָר נישט געווען. דאָ זע איך אַזאַ בילד: מענטשן, ציווילע, אויך מיליטערישע בעטן 10—15 גלעזער טיי, די טישן זענען אָנגעשטעלט מיט טיי וועלכע קיינער טרינקט נישט. ס׳איז מיר געווען מאָדנע, נאָר נאָך אַ קליינער אָבסערוואַציע איז עס מיר קלאָר געוואָרן; צו יעדער גלאָז טיי באַקומט מען אַ שטיקל צוקער, נעמט מען דעם צוקער אין קעשענע, מען גיט עטלעכע זופּ און מען גייט אַרויס. אין אַ געוויסער צייט אַרום מאַכט מען ווידער די זעלבע טראַנזאַקציע, ביז עס קלייבט זיך אָן אַ קילאָ צוקער, וואָס מען פאַרקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק, בלייבט נאָך אַ ביסל ריווח איבערצולעבן דעם טאָג... אין גראָדנע האָב איך איינגעקויפט אַ ביסל מכשירים, אויך אַ ביסל פּראָדוקטן ביליקער ווי ביי אונדז, כ׳האָב שוין געוואָלט צוריק פאָרן. נאָר דאָ האָב איך געטראָפן מיין אַמאָליקן רבין פון פּאָלעניץ און ער האָט מיר פאָרגעלייגט צו קויפן ביי אים אַ ביסל פּעקלעך פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר, צום וויקלען טאַבאַק. איך האָב עס געקויפט ביי אים, כדי ער זאָל עפּעס פאַרדינען. אויפן וועג צום באַן בין איך פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ מיליציאָנער, וועלכער האָט מיך אָפּגעפירט אין פּאָליציי־צירקל. דאָ האָט מען מיך געפאָרשט צוליב וואָס איך בין געקומען קיין גראָדנע, וואָס איך פיר מיט זיך? איך האָב זיי אַלץ געוויזן, זיך פאַררופן אויפן ביאַליסטאָקער יידישן קאָמיטעט, אַז איך אַרבעט פאַר זיי סטאָליעריי, מיר זענען אַ גרויסע משפּחה און רויכערן אַ סך, איז מיר נויטיק דאָס פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר. מען האָט מיך אָפּגעהאַלטן 24 שעה, ביז זיי האָבן זיך טעלעפאָניש אינפאָרמירט און אויסגעפאָרשט, אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אמת. האָט מען מיר אַלץ אָפּגעגעבן און פריי־געלאָזן. קומענדיק אַהיים האָב איך וואָס גיכער געוואָלט פּטור ווערן פון דער בבל־סחורה און זי פאַרקויפט צו מיינעם אַ חבר א. צ—ם, וועלכער האָט זיך דעמאָלט פאַרנומען מיט האַנדל. אַ ביסל שפּעטער קומט צו מיר מיינער אַ צווייטער חבר י.ר—ן און דערציילט מיר בסוד, אַז ס׳איז דאָ צו קויפן אַן אַרטיקל ביי וועלכן מען קאָן גוט פאַרדינען. ווען ער האָט מיך צוזאַמענגעפירט מיטן סוחר האָבן מיר זיך אַלע צעלאַכט. דאָס זענען געווען די זעלביקע ביכלעך פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר, וועלכע איך האָב אים מיט אַ שעה צוריק אַליין פאַרקויפט...

ס׳זענען אויך געווען מענטשן, אַפילו געוועזענע אַרבעטער, וועלכע האָבן מיט אַ געוויסע כיטרעקייט איינגעאָרדנט זייערע געשעפטן. כ׳זיץ ביי דעם חבר א.צ—ם, קומט אַריין אַ באַקאַנטער פון וואַרשע און באַווייזט אַ גוטן „אָמעגאַ״־זייגער, ער מוז אים פאַרקויפן — דערציילט ער, ווייל ער דאַרף קויפן מילך פאַר זיין קינד. מיין חבר דינגט זיך נישט, נעמט ביי אים דעם זייגער און באַצאָלט וויפל ער האָט געבעטן. אַ ביסל שפּעטער, ציט ער אַרויס נאָך אַ זייגער. דאָס פאַרקויפט ער אַ „דאָקסאַ״, נאָר איצט דאַרף ער אַ פּאָר שיכלעך פאַרן קינד. ער האָט געהאַט צו פאַרקויפן נאָך זייגערס, פאַר אַנדערע צוועקן. איך האָב זיך שיער צעלאַכט פון דער קאָמעדיע. לגבי אַלע באַקאַנטע האָט ער אָנגעווענדט דעם טריק. אַזוי זענען גוטע ערלעכע מענטשן דעמאָראַליזירט געוואָרן אין דער נייער „סאָציאַליס־טישער״ אָרדענונג...

אין דער דירה ווו מיר האָבן געוווינט זענען געווען משפחות מיט קינדער. די עלטערן זענען אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן אָדער האַנדלען, זענען די קינדער געבליבן אַליין, האָבן זיי זיך צוגעטראַכט פאַרשיידענע אַקטועלע שפּילערייען, למשל: אַ מלחמה מיט עראָפּלאַנען, וואָס וואַרפן באָמבעס, אַריבערגיין גרענעצן, שרייען „פאַרפלוכטער יודע״, געבן אַ זעץ איבערן קאָפּ פאַר נישט פאָלגן. זיי האָבן איינגעאָרדנט געשעפטן צום פאַר־קויפן סחורות, נאָר ווען די קונים זענען געקומען האָט מען געענטפערט מיט אַ געלעכטער: ניעטו, נישטאָ! אמת, קליינע שפּיען, וואָס גרויסע קייען.

אַ לעקציע גלייכהייט: אין ביאַליסטאָק זענען געווען אַ סך רעסטאָראַנען, איך האָב דאָרט נישט געגעסן, ווייל איך האָב זיך געהאַלטן מיט מיין משפּחה צוזאַמען. נאָר אָט קומט מען און מען דערציילט, אַז עס זענען טאָקע פאַראַן רעסטאָראַנען, נאָר אַריינגיין דאָרט קאָן מען נישט, ווייל ס׳זענען פאַראַן פאַרשידענע סאָרטן רעסטאָראַנען און פאַרשיידענע סאָרטן מענטשן און מען טאָר זיי נישט צוזאַמענמישן. אַפילו נאָך אַלע מיינע דערפאַרונגען האָט זיך עס מיר נישט געוואָלט גלויבן. ווי איז עס מעגלעך? אַפילו אין אונדזער האַלב־פאַשיסטישן פוילן האָט יעדער מענטש געהאַט דאָס רעכט אַריינצוגיין אומעטום, אויב ער האָט נאָר געהאַט די עטלעכע גראָשן צו באַצאָלן, און דאָ? מען רעדט דאָך פאַרט וועגן גלייכהייט. אָט בין איך אַוועק אין אַזאַ רעסטאָראַן און דאָרט האָט מען מיר גאַנץ געוויינטלעך „אויפגע־קלערט״: אין דעם רעסטאָראַן האָבן אַ רעכט צו עסן נאָר מיליטערישע

אָפּיצירן, ציווילע נאַטשאַלניקעס, בריגאַדירן און אַזעלכע, וועלכע האָבן ספּעציעלע איינגאַנג־דערלויבענישן... יאָ, טאַקע אמתע „גלייכהייט".

די רעגיסטראַציע

די סאָוויעטן האָבן דורכגעפירט אַ רעגיסטראַציע צווישן די הײמלאָזע, ווער עס וויל נעמען אַ סאָוויעטישן פּאַספּאָרט און ווער עס וויל צוריק פאָרן אויף דער דייטשער זייט. זיי האָבן עס געמאַכט אָן גרויסן רעש און דאָס האָט אויך אַ ביסל צעטומלט דעם עולם. ווייל אַפילו נאָך די אַנטווישונגען האָבן גרויסע מאַסן דאָך נישט געגלויבט, אַז זיי וועלן אונדז איבערגעבן צו מאָרד. הייסט עס, אַז דאָרט איז נישט אַזוי שרעקלעך. די רוסן ווייסן דאָך וואָס עס קומט פאַר ביי זייערע שותּפים. האָבן זיך טאַקע אַ גרויסע טייל הײמלאָזע רעגיסטרירט צוריק צו פאָרן. וואָס שייך מיך האָב איך געהאַט אַ סך ספיקות. קודם־כל האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין לידע, ווו עס זענען געזעסן אַ סך פון מיינע חברים און פריינד און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אריבער צו גיין אויף דער ליטווישער זייט. יעדן טאָג זענען אָנגעקומען טעלעגראַמעס פון ווילנע, זיי זאָלן וואַרטן אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט אַריבערצופאָרן קיין ווילנע און פון דאָרט ווייטער, אויסער די גרענעצן פון ברענענדיקן אייראָפּע.

נאָר היות דער ווינטער האָט נאָך אָנגעהאַלטן אין זיין פולער קראַפט, איז געווען אַ פּראָבלעם ווו איבערצונעכטיקן אַ נאַכט. ווייל אַלע הייזער זענען געווען איבערגעפולט מיט הײמלאָזע. נאָר איך האָב געהאַט מזל. כ'האָב געטראָפן אַ חבר פון וואַרשע, יחזקיאל פּערלשטיין, ער האָט געאַרבעט אַלס זעצער ביינאַכט, בין איך געשלאָפן אויף זיין געלעגער ביינאַכט און ער איז געשלאָפן בייטאָג...

דאָ האָב איך אויך באַגעגנט מיינעם אַ חבר פון קאַלושין: איטשע מילגרוים מיט זיין פרוי. זי האָט געאַרבעט אַלס קעלנערין אין אַ רעסטאָראַן. האָט מיר איטשע דערציילט אַ פאַקט: לויפנדיק פון וואַרשע אין די ערשטע טעג מלחמה איז מאַניק אָרזשעך (איינער פון די רייכע מענטשן אין וואַר־שע) אָנגעקומען קיין קאַלושין, און דאָ האָט אָרזשעך געבעטן ביי אים אַ העמד איבערצוטאָן... איצט האָט איטשע ביי מיר געבעטן אַ העמד. אַזאַ איז געווען די לאַגע אין יענער צייט: היינט בין איך אַ געבער און מאָרגן אַ נעמער...

אויך דער טייערער חבר און האַרציקער מענטש שמואל אַדלער (שמיל־קע), דער פאַרוואַלטער פון דער „פאָלקסצייטונג" איז דאָרט געווען און ער

האָט מיך שטאַרק צוגערעדט איך זאָל בלייבן אין לידע, מיר זאָלן צוזאַמען אַריבער קיין ווילנע, (ליידער איז ער קיין ווילנע נישט אַריבער און זיין גורל איז געווען אַ טראַגישער, ער איז געשטאָרבן אין אַ סאָוויעטישער תפיסה. זאָל ער דאָ דערמאָנט ווערן מיט טרויער.) נאָר איך האָב זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן פון מיין משפחה, וואָס אַ טייל פון איר איז געווען אין וואַרשע און אַ טייל אין ביאַליסטאָק, בין איך נאָך עטלעכע טעג זיין אין לידע צוריק געפאָרן קיין ביאַליסטאָק. דאָ האָבן אויף מיר געוואַרט אַלע מיינע נאָענטע, אַ חוץ חברים און פריינד, צו הערן מיין מיינונג, כדי צוזאַמען צו דעצידירן וועגן דער רעגיסטראַציע, וועלכע איז שוין געווען אין סאַמע ברען. אויפן וועג האָב איך נאָך זיך באַשלאָסן זיך אַראָפּצוכאַפּן קיין בריסק, ווו איך האָב געהאַט נאָענטע פריינד און מיט זיי כאַפּן אַ שמועס וועגן דעם ענין און דאָ טאַקע האָב איך געזען די פול־געפּאַקטע וואַגאָנעס, וואָס זענען אָפּגעגאַנגען אויף דער דייטשער זייט...

די ראָל פון היימישע קאָמוניסטן

בעת מיינע פריערדיקע באַזוכן אין בריסק האָב איך באַגעגנט מיינס אַ געוועזענעם חבר גי—סקי, אַ מעטאַל־אַרבעטער, דער, האָט זיך זייער גיך אַריינגעפּאַסט אין דעם נייעם רעזשים. ער אַרבעט אין דעם האַנדלס־אָפּטייל האָט ער מיר דערציילט, און אויב איך וויל קאָן ער מיך דאָרט רע־קאָמענדירן. איך האָב אים געדאַנקט און בין אַוועק. ביי מיין איצטיקן זיין אין בריסק איז מיר קלאָר געוואָרן זיין „אַרבעט". צופעליק איז מיר אויס־געקומען ביייצוזיין אַ משפט: מען האָט איינעם געכאַפּט פאַרקויפן עטלעכע פעקלעך ציגאַרעטן, דער פסק־דין איז געווען 5 יאָר. דעם זעלבן טאָג איז אויך פאָרגעקומען אַ משפט פון אַ פרוי — אַן אלמנה מיט צוויי קליינע קינדער. דער מאָן איז אומגעקומען אויפן פראָנט — זי האָט פאַרקויפט צוויי קילאָ זאַלץ, צוליב וועלכע איז זי געשטאַנען אַ נאכט אין דער ריי, כדי צו קאָנען דערנערן אירע קינדער. זי האָט באַקומען דריי יאָר, און דער אויבנדערמאָנטער מיטאַרבעטער אין „האַנדלס־אָפּטייל" איז אַרויס־געטרעטן ווי אַן עדות מצד דער באַשולדיקונג... איך בין אַרויס פון געריכט און מער זיין פנים נישט געוואָלט אָנקוקן...

כ'האָב אויפגעזוכט מיינע חברים, פריינד און לאַנדסלייט, די שטימונג ביי זיי איז געווען אַ געדריקטע, זיי האָבן מיר דערציילט, אַז שעדלעצער

קאָמוניסטן ווייזן אָן דער נ.ק.וו.ד. ווער עס איז נישט־כשר און מען רופט זיי אויף אויספאָרשונגען וועגן זייער פאַרגאַנגענהייט. דאָס האָט אָנגע־וואָרפן אַ פחד אויף די שעדלעצער און זיי האָבן געזוכט אַ וועג צוריק קיין שעדלעץ. צווישן די צוריק גייער אין יענער צייט זענען געווען: דער פאָרזיצער פון „בונד" אין שעדלעץ, בנימין קראַמאַזש, די ברידער לייבמאַן, סיפּיצקי און די ברידער סלושנע. (ביידע געוועזענע קאָמוניסטן). כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז אברהם סלושנע איז אַמאָל געווען דער רעפּרעזענטאַנט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין שעדלעץ און אומגעגנט. פאַר זיין טעטיקייט איז ער אָפּגעזעסן 8 יאָר אין פאַרשיידענע פּוילישע טורמעס. מיט זיי זענען נאָך צוריקגעלאָפן אַ גרעסערע גרופּע בונדיסטן און געוועזענע קאָמוניסטן, צווישן זיי אַ באַקאַנטער קאָמוניסטישער אַקטיוויסט מאיר ראָזנדזשעווא. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע.

צווישן די, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין אָנווייזן די „שעדלעכע" עלעמענטן, איז געווען אַ געוויסער בנימין ליוועראַנט און איינער י.ווײ—ל. ווען איך בין אַריין אין אַ רעסטאָראַן עסן מיטאָג, איז לעבן מיר אויסגע־וואַקסן אָט דער ליוועראַנט און מיט פאַרוווּנדערונג אַ פרעג געטאָ: „וואָס, דו ביסט נאָך אויף דער פריי"? פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט באַקומען פון מיר דעם געהעריקן ענטפער און ער איז אַוועק. צופעליק איז דאָרט געזעסן נאָך אַ שעדלעצער, בנימין פיינשטרוי, איז ער צו מיר צוגעלאָפן און מיט אַ ציטערנדיקער שטים שטיל אַ זאָג־געטאָן: „קום שוין מיט מיר צו דער באַן־סטאַציע". מיר האָבן געכאַפּט אַ דראָזשקע און דורך הינטערוועגן אַוועק צום באַן. איך בין אַריין אין דעם ערשטן צוג, אַפילו נישט וויסנדיק אין וועלכער ריכטונג ער גייט. ווען מיין באַגלייטער איז צוריקגעקומען אין רעסטאָראַן, האָט ער דאָרט געטראָפן ליוועראַנטן מיט צוויי נ.ק.וו.דיסטן און זיי האָבן אים געפרעגט, צי ער ווייסט נישט ווו איך געפין זיך? דאָס איז שוין געווען מיין לעצט זיין אין בריסק. אַזוי האָבן דאָס די קליינע נפשות צוגעהאָלפן זייערע גרויסע פירער אויסליפערן הונדערטער שעדלעצער יידן אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע און מיידאַנעק, וואָס זייערע שותפים האָבן אויסגעבויט...

זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין אַ דיגרעסיע צו אַ היימישן אָנגעווייטיקטן ענין: נאָך דעם דאָ דערציילטן, איז געוואָלטיק אויפרעגנדיק און פיינלעך, וואָס אין דעם „שעדלעצער יזכור־בוך", וואָס איז אַרויס אין אַרגענטינע, האָט זיך דערלויבט איינער אַ פאַרשוין מ. יוד—ן, וואָס אים קלינגען נאָך

אין די אויערן די טרויעריקע יאָרן פון ברודער־קאַמף אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, אין רעזולטאַט פון וועלכן זיינע חברים זענען געוואָרן מוסרים און אונטערטראָגער ביי דער נ.ק.וו.ד. און דערמיט געהאָלפן נישט־ווייניק דעם אומקום פון פוילישן יידנטום. אַט דער פאַרשוין האָט עס אַריינגע־ברענגט אַזאַ שקרדיק עם־הארציש שרייבעכץ, וואָס האָט ליידער פאַר־אומרייניקט דאָס „יזכור־בוך" און דערמיט געשענדעט דעם הייליקן אָנדענק פון אונדזערע טייערע שעדלעצער קדושים... און אַט דער געשיכטע־„שריי־בער" משה יודנגלויבן, פון דעם אַרטיקל „די לינקע אַרבעטער־באַוועגונג אין שעדלעץ" ווייס אַפילו נישט, אַז די נעמען וועלכע ער רופט אָן אַלס קאָמוניסטישע פירער אין שעדלעץ, למשל, אברהם סלושנע, זענען אומגע־קומען ווי ערלעכע איבערצייגטע בונדיסטן.

פון דעם אויבן־דערציילטן ווערט שוין קלאָר, אַז איך בין געקומען קיין ביאַליסטאָק אין זייער אַ געדריקטער שטימונג. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז לאַנג אויף דער פריי וועל איך זיך שוין נישט אַרומדרייען, האָבן מיר צוזאַמען מיט אַ גרופּע באַקאַנטע באַשלאָסן, אַז מיר רעגיסטרירן זיך צוריקצופאָרן אויף דער דייטשער זייט.

נאָך דעם באַשלוס האָב איך געזוכט אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט ביאַליסטאָקער חברים, וועלכע איך האָב געקענט פאַר דער מלחמה, אָבער איך האָב שוין קיינעם נישט געטראָפן. מסתמא זענען שוין אַלע געווען אַרעסטירט. נאָר איינעם אַ פריינד האָב איך באַגעגנט, שלמקע פּראָפּאָרץ, אַ ווילנער, מיט וועמען איך האָב לאַנגע יאָרן געטאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין וואַרשע. דאָ, האָט ער געאַרבעט ווי אַ כעמיקער אין אַ גאַרבערייי. ביי אים איז עס געווען די איינציקע שטוב וווּ איך פלעג אַריינקומען אין מיין פרייער צייט זיך אַ ביסל אַראָפּרעדן פון האַרץ. ער איז געבליבן אין ביאַ־ליסטאָק און שפּעטער געווען איינער פון די אָנפירערס ביים ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפשטאַנד און איז דאָרט געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אין קאַמף מיט די דייטשע רוצחים.

מיין קוזין דער פֿאָלקס־ריכטער

נישט געקוקט אויף אונדזער באַשלוס צוריקצופֿאָרן, איז דער דורכפֿיר נישט געווען קיין לייכטער, אין האַרץ האָבן גענאָגט ספֿיקות און מען איז געווען אומרויִק. האָבן מיר באַשלאָסן מיט נאָך עמיצן זיך צו באַראַטן. מיר האָבן זיך געפֿילט ווי טרינקענדיקע וואָס זוכן זיך אָנצוכאַפּן אין אַ שטרוי. דאָ האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז אין שטעטל טשערוואָניבור, אויף דער סאָוויעטישער זייט, וווינט אונדזערס אַ קוזין הערשל סוקנאַ, פֿון קאַלושין. האָב איך באַשלאָסן אַראָפּפֿאָרן צו אים, זיך אַדורכשמועסן וועגן דעם ענין רעגיסטראַציע. דער וועג אַהין איז געווען אַ שווערער, פֿון דער באַן האָט מען געדאַרפֿט נאָך פֿאָרן עטלעכע קילאָמעטער מיט אַ שליטן אין טיפֿן שניי אין אַ פֿראָסטיקער נאַכט. אָבער דער פֿורמאַן האָט מיך צוגעפֿירט ביז צו דער טיר און די פֿרייד איז געווען גאָר גרויס, ווייל מיר האָבן זיך שוין לאַנג נישט געהאַט געזען. דאָ האָט ער געלעבט מיט אַ פֿרוי און אַ טעכטערל. פֿאַרשטייט זיך, אַז יענע נאַכט זענען מיר שוין נישט געשלאָפֿן, נאָר געשמועסט און זיך דערמאָנט פֿאַרשיידענע זכרונות, אין דערפֿרי איז ער אַוועק צו זיין אַרבעט. פֿריער איז ער געווען אַ סוחר פֿון תבֿואה, איצט איז ער געווען אָנגעשטעלט אין אַ תבֿואה־מאַגאַזין. נאָר ווען ער איז געקומען עסן פֿרישטיק, האָבן מיר ביים טיש באַרירט די אַקטועלע ענינים, ווען איך האָב דערמאָנט דאָס וואָרט רעגיסטראַציע, האָט מיין קוזין מיר אָנגעהויבן זאָגן מוסר: ווי קען איך גאָר טראַכטן וועגן צוריקפֿאָרן צו די דייטשן, מיר האָבן זיך גאָר נישט געווונטשן קיין בעסערן רעזשים ווי דעם סאָוויעטישן. דערוויל דערציילט ער מיר, אַז ער יאָגט זיך, ווייל ער האָט נאָך היינט אַ משפּט, די ערשטע רגע האָב איך זיך דערשראָקן, כ׳האָב זיך דערמאָנט די משפּטים אין בריסק — נאָר מיין קוזין באַרויִקט מיך: ער גייט אין געריכט נישט ווי אַ באַשולדיקטער, נאָר ווי אַ ריכטער... מיר ווילט זיך לאַכן, נאָר איך פֿרעג ערנסט, און ווער זענען עס די אַנדערע צוויי ריכטער? אָ, דאָס זענען צוויי פּויערישע מענטשן, וואָס קאָנען זיך קוים אונטערשרייבן, איך בין עס דער אינטעליגענט ביי זיי. און מיט וועלכן זכות האָסטו דערגרייכט אַזאַ הויכן אַמט? — פֿרעג איך ווייטער. דערציילט ער גאַנץ פּשוט: ווען די סאָוויעטן זענען אַריין אין שטעטל איז ער געבליבן אָן פּרנסה, ס׳איז נישט געווען וואָס צו טאָן, איז ער אַוועק צו די מאַכט־אָרגאַנען און געבעטן מען זאָל אים ביי עפּעס באַשעפֿטיקן. האָט מען אים געהייסן אָנשרייבן אַן

אויטאָביאָגראַפיע, האָט ער געשריבן דעם אמת: ער איז קיינמאָל נישט געווען אין קיין שום פּאַרטיי, נישט אין קיין פּראָפעסיאָנעלן פּאַראיין, און ער איז גרייט מיטצואַרבעטן און דינען דער סאָוויעטישער מאַכט. האָט מען אים באַלד באַשעפטיקט און היות ער האָט אויף זיך נישט געהאַט קיין שום סירכה פון קאָמוניזם אָדער סאָציאַליזם, האָט מען צו אים געהאַט צוטרוי און אים אַריינגעשטופּט אויף אַזעלכע ערטער וועגן וועלכע ער האָט אַפילו נישט געחלומט. און אויף מיין לעצטער פראַגע: אַז צו זיין אַ ריכטער דאַרף מען דאָך האָבן אַלגעמיינע און יורידיש וויסן און דו ביזט דאָך פון דער גמרא גלייך געוואָרן אַ סוחר. און די אַלע ענינים זענען דיר פרעמד, האָט ער געלאַכט און געענטפערט: „איצט איז דאָס אַלץ נישט נויטיק"...

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער מיינט עס טאַקע אויף אַן אמת, אַז ער מיט זיינע מיטריכטער זענען די פּאַסיקסטע מענטשן פאַר דעם אַמט. זיי זענען געווען גליקלעך, אויך זייער טעכטערל איז געווען אַ הייסע קאָמ־סאָמאָלקע, אין דעם גייסט ווי מען האָט געלערנט אין די שולן. נאָך עטלעכע טעג דאָרט זיין און זיך גוט אויסשמועסן האָבן מיר זיך האַרציק געזעגנט, מיט דער האָפענונג זיך ווידער צו זען. ליידער האָבן זיי געטיילט דעם גורל פון אַלע יידן.

צוריק קומענדיק קיין ביאַליסטאָק האָט דאָס געוויסן נאָך אַלץ נישט געלאָזט רוען, צי טוען מיר גוט? האָב איך באַשלאָסן צופאָרן אין עטלעכע שטעט, זיך דורכשמועסן מיט פריינד און לאַנדסלייט, הערן וואָס זיי טראַכטן צו טאָן. כ'בין געווען אין וואָלקאָוויסק, גערעדט מיט אַ סך נאָענטע מענטשן און אַלע האָבן געהאַט באַשלאָסן: נישט צו נעמען קיין רוסישע פּעסער. אגב, האָב איך דאָרט געטראָפן אַ רייכן גאַלאַנטעריע־סוחר, אַ באַקאַנטער פון אַמאָליקע צייטן, האָט ער מיר פאָרגעלייגט צו עפענען בשותפות אַ פאַבריקל פון געטרעס. נאָר, אויסער דעם וואָס ס'איז נישט געווען קיין רוי־שטאָף (פּילץ), ווייל ביאַליסטאָק האָט נישט געאַרבעט און די זאַפּאַסן האָבן די סאָוויעטן שוין געהאַט אַרויסגעפירט, האָב איך אים אויפגעקלערט, אַז איך קלויב זיך בכלל נישט דאָ איינצואָרדענען. כ'האָב זיך אויך אָפּגעשטעלט אין באַראַנאָוויטש, ווו עס האָבן געוווינט אַ סך שעדלעצער. כ'האָב אויך באַגעגנט געוועזענע געזעלשאַפטלעכע טוער: וויעראַביאָווסקי, דער געוועזענער פאַרוואַלטער פון מעזריטשער בערשטער־קאָאָפּעראַטיוו, מ. לאָכאַוויצקי און אַנדערע. אַ טייל פון זיי האָבן זיך שוין געהאַט אַקלימאַטיזירט... און די איבעריקע זענען אויך געווען ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף קיין

פּאַספּאָרטן נישט נעמען. פון די אַלע אויפגענומענע אינפאָרמאַציעס איז אונדזער באַשלוס נאָך געשטאַרקט געוואָרן...

דערוויל איז געווען שטיל, מען האָט אָבער געפילט, אַז ס׳איז אַ שטיל־קייט פאַר אַ שטורעם. די וואָס האָבן שוין געהאַט פּאַספּאָרטן האָט מען באַ־טראַכט ווי אייגענע, נאָר פון דעסטוועגן האָט מען זיי געהייסן זיך איבער־טראָגן וואָס ווייטער פון דער גרענעץ. אונדז, די רעגיסטרירטע האָט מען דערוויל נישט געטשעפּעט.

ס׳הויבט זיך אָן: מיר, דריי ברידער האָבן נאָך אַ געוויסע צייט געאַרבעט סטאָלעריי אין פאַרשיידענע קינדערהיימען, מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם לערן־סיסטעם, וואָס איז כמעט אַ גאַנצן טאָג באַשטאַנען אין זינגען „מאָסקוואַ מאַיאַ״. ווען איך האָב אַמאָל געוואָגט מאַכן אַ באַמערקונג, אַז מיט קינדער דאַרף מען זינגען קינדער־לידער, וואָס זאָלן זיין נאָענט צו זייער געמיט, האָט מען מיר אין דער שטיל געענטפערט, אַז מען הייסט אַזוי... שוין אין יענער צייט האָבן אָנגעהויבן קורסירן קלאַנגען, אַז עס טרעפט פאַלן, ווען מען כאַפּט איינציקע מענטשן אין גאַס און קיינער ווייסט נישט וואָס מען מאַכט מיט זיי און וווהין זיי פאַרשווינדן.

די שוואַרצע נאַכט

אַלץ איז געווען געגנוי צוגעגרייט ס׳זאָל קלאַפּן. מען האָט אַראָפּגע־ברענגט אַ גאַנצע אַרמיי מיליציאָנערן, ביי זיי זענען שוין געווען די רשימות מיט די גענויע אַדרעסן פון די אַלע, וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט צוריק־צופאָרן. אויף אָט די אַדרעסן זענען צוגעפאָרן גרויסע לאַסט־אויטאָס און מ׳האָט אַלעמען פאַרנומען, געפירט האָט מען זיי צו דער באַן־סטאַציע, דאָרט האָבן שוין געוואַרט צוגעגרייטע לאַסט־וואַגאָנעס, אויפן רוסישן שטייגער מיט צוויי שטאָק נאַרעס, אַ סימן, אַז דער וועג וועט זיין אַ ווייטער... מיר דריי האָבן דעמאָלט געאַרבעט ביים אינערלעכן איינריכטן אַ פּריצישן פּאַלאַץ אויף אַ יתומים־הויז. אין אַ פּרייטיק אין דער פרי איז מיין יונגסטער ברודער אַרויס פון דער אַרבעט עפּעס קויפן, פּונקט איז געווען אַ לאַפּאַנקע אין גאַס, מיליציאָנערן זענען אַרומגעלאָפן צעווילדעוועטע אין די גאַסן און יעדער וואָס האָט נישט געהאַט קיין רוסישן פּאַס, איז אַרעסטירט געוואָרן, צווישן זיי אויך מיין ברודער, וועלכן צו אונדזער טרויער, מיר האָבן שוין מער קיינמאָל נישט געזען...

שבת אין דער פרי זענען מיר, איך, מיין ברודער און זיין פרוי גע־גאַנגען פון אונדזער אַרבעט־פּלאַץ אין שטאָט אַריין, מיר האָבן זיך גע־וואָלט דערשלאָגן צו אונדזער דירה אין דער שול, ווו מיר האָבן געוווינט און געהאַט אונדזער ביסל זאַכן. נאָר אויפן וועג האָט אונדז פאַרהאַלטן אַ מיליציאָנער און אונדז גלייך געוואָלט אָפּפירן צו דער באַן. מיר האָבן זיך קעגנגעשטעלט און מיין שוועגערין האָט שרעקלעך געוויינט און אים געבעטן, ער זאָל אונדז צופירן צו אונדזער דירה, כדי מיר זאָלן עפּעס מיטנעמען אין וועג אַריין. צום סוף האָט ער מסכים געווען. ער האָט אונדז צוגעפירט, מיר האָבן גענומען דאָס סאַמע נויטיקסטע וואָס איז שוין געווען איינגעפּאַקט און ער האָט אונדז אָפּגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע. מיר זענען געווען שטאַרק אומרויִק פאַרן גורל פון אונדזער יונגסטן ברודער,

מיין יונגסטער ברודער — פּ ס ח

נאָר דער מיליציאָנער האָט אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז היות מען פירט אַלעמען אויף איין אָרט, וועלן מיר זיך זיכער מיט אים טרעפן דאָרט. מיר זענען אַריין אין די וואַגאָנעס, זיך „איינגעאָרדנט" אויף אַ נאַרע און אַפּאַטישע, רעזיגנירטע געוואַרט אויפן ווייטערדיקן גורל. ביי נאַכט, ווען די וואַגאָנעס זענען געוואָרן אָפּגעשלאָסן האָבן מיר זיך דערפילט ווי אַרעסטאַנטן, און אויפן געמיט איז געוואָרן גאָר נישט פריילעך...

דער צוג האָט גערירט, מיר פאָרן אַלץ טיפער אין לאַנד, שוין לאַנג זענען מיר אַרויס פון די געוועזענע פּוילישע געביטן, מיר פאָרן שוין דעם

צווייטן טאָג און קיינער באַווייזט זיך נישט צו אונדז. נישט קיין עסן, נישט קיין טרינקען, נאָר די גרעסטע פּיין איז געווען, מיט דערליידיקן דאָס מענטש־לעכע געברויך. ביי מיר אין וואַגאָן האָב איך אויסגעהאַקט אַ לאָך אין דער פּאָדלאָגע, נאָר מענטשן האָבן זיך געשעמט. מיר קלאַפּן אין די טירן, שרייען בעטן מען זאָל עפענען, נאָר אונדזערע טראַנספּאָרט־פירער מאַכן זיך נישט הערנדיק. אויפן דריטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען אין אַ וואַלד, נאָענט צו מינסק, דאָרט האָט מען געעפנט די טירן און אונדז אַרויסגעלאָזט אויף דער פרייער לופט. ווי דערנידעריקט מיר האָבן זיך דערפילט, ווען קנאַפּע צוויי טויזנט מענטשן — מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך אויסגעזעצט אונטערן פרייען הימל... שעהן לאַנג נאָך דעם האָבן מיר זיך געשעמט צו קוקן איינער אויפן צווייטן. מיר האָבן מקנא געווען די עטלעכע דרייסטע בחורים, וואָס האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און דערוויל געמאַכט ויברח... מיר זענען צוריק אַריין אין די וואַגאָנעס און אַזוי אָפּגעפאָרן זעקס טעג ביז מיר זענען אָנגעקומען צו דער סטאַנציע טשערעפּאָוועצ. דאָ האָט מען אונדז אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פריי פעלד, גאַרנישט זאָגנדיק וועגן אונדזער וויטערדיקן גורל. לאַנג האָבן מיר געוואַרט, צום סוף איז געקומען אַ מעלדונג, אַז מיר פאָרן ווייטער, נאָר נישט מיט דער באַן, נאָר מיט אַ שיפל איבערן טייך שעקסנע, וואָס שניידט דורך אַ טייל פון צפון־רוסלאַנד אין וואָלאָ־גאָדסקער אָבלאַסט.

מיר זענען געווען בערך 2000 מענטשן, האָט מען פאַר אונדז צוגע־גרייט צוויי באַרקעס, אַזעלכע הילצערנע מולטערס צו פירן סחורה, פון פאָרנט האָבן זיי צוגעטשעפּעט אַ קליין מאָטאָר־שיפל און מיר האָבן געדירט אין וועג. קיין שום באַקוועמלעכקייט איז אויף די באַרקעס נישט געווען. ביי טאָג איז מען פאַרברענט געוואָרן פון דער זון און ביי נאַכט געפרוירן גע־וואָרן פון קעלט. קיין יישוב האָט מען נישט געזען, בלויז הימל און וואַסער. נאָר ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צו אַ קאָלכאָז. די מענטשן ביים ברעג האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט, ווער מיר זענען, פון וואַנען מיר קומען? ווען מיר האָבן זיי געענטפערט, אַז מיר זענען יידן פון פּוילן, האָבן עטלעכע מיט געוויין געענטפערט אויף פּויליש. דאָס זענען געווען פּאָליאַקן, וועלכע מען האָט אַ ביסל פריער פאַרשיקט. זיי האָבן אונדז באַדויערט און מיטגע־שיקט אַ סך ברכות.

אויף דאָ האָבן די, וועלכע האָבן אונדז געפירט נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַרשטענדעניש, פאַר די פּשוטסטע מענטשלעכע באַקוועמלעכקייט. עס

איז געווען בלויז איין אָרט צום דערליידיקן זיך און מענטשן זענען געווען 2000. האָבן זיך געשאַפן לאַנגע רייען. מענטשן זענען קראַנק געוואָרן. האָב איך זיך געוואָנדן צו אונדזער פירער מען זאָל אונדז געבן אַ זעג, אַ האַק, אַ ביסל ברעטער מיט טשוועקעס און איך האָב געמאַכט נאָך 4 ערטער צום גיין... דאָס האָט אַביסל געלינדערט די לאַגע. דאָס האָט אויך געפירט צו דעם, אַז איך „פּאַשאָלעק״ בין איך געגאַנגען אַרבעטן אין דער סטאָלעריי.

שטיל און מיט שרעק האָבן צו אונדז אַריבערגערעדט די קאָלכאָזניקעס, מיט האַרציקער פריינטלעכקייט האָבן זיי צו אונדז אַריבערגעוואָרפן בינטלעך מייערן, ציבעלעס. ס׳איז מיר געבליבן אין זכרון אַ רירנדיקער פאַל, ווען וועלכן ס׳איז כדאי צו דערציילן: אַ פרוי האָט אַריבערגעוואָרפן צו אונדז אַ פלעשל מילך, נאָר ס׳איז געשען אַ מיכשול און דאָס פלעשל איז אַריינגע־פאַלן אין וואַסער, פון הונדערטער מיילער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ קרעכץ, נאָר אין דער זעלבער רגע האָט איינער פון די שטייענדיקע ביים ברעג אין די מלבושים אַ שפּרונג־געטאָן אין וואַסער, וואָס האָט אים דערגרייכט ביזן האַלדז, געכאַפּט דאָס פלעשל און עס אונדז איבערגעגעבן. ווען די זייטיקע מענטשן האָבן אים אַרויסגעצויגן פון וואַסער האָבן פיר טויזנט הענט אַפּלאָ־דירט דעם רעטער פון פלעשל מילך, וועלכעס איז לעפלווייז צעטיילט געוואָרן צווישן די קליינע קינדער. דאָס איז געווען אונדזער ערשטער צוזאַמענטרעף מיט פשוטע רוסישע מענטשן און וואָס פאַראַ מענטשלעכע דערהויבנקייט זיי האָבן אַרויסגעוויזן. לאַנג נאָך זענען זיי געשטאַנען געפאַכעט מיט טיכ־לעך — געזעגענענדיק אונדז...

נאָך אַ וואָך צייט האָבן מיר זיך געשלעפּט אויפן וואַסער ביז מיר זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט וויטעגאַרי. ס׳זענען געשטאַנען גרייט אויטאָס אויף וועלכע מען האָט אַרויפגעוואָרפן אונדזער ביסל אָרעמקייט. ווידער זענען מיר געפאָרן 55 קילאָמעטער אין אַ וואַלד ווו עס זענען געשטאַנען בלויז עטלעכע באַראַקן. דאָס איז געווען דער פּאָשאָלעך „זשימנע יאַליקע״.

ווי מען האָט אונדז איבערגעגעבן, האָט מען ערשט נעכטן אַרויסגעפירט פון דאָרט פאַרשיקטע פינלענדער, דאָס זענען געווען געפאַנגענע פון דער רוסיש־פינלענדישער מלחמה אין 1940, ווען דעם גרויסן רוסישן בער איז אַזוי שווער געווען צו פאַרצוקן דאָס קליינע פינלענדישע שעפעלע, און נאָר מיט דער הילף פון היטלעריסטישע אָפּטיילונגען איז זיי געלונגען צו ברעכן די מאַנהיים־ליניע...

די פינלענדער האָבן דאָ געאַרבעט, ביז מיר זענען געקומען פאַרנעמען זייערע ערטער.

זשימנע יאליקע

דאָ זענען געווען זיבן באַראַקן, צעטיילט אין קליינע צימערלעך מיט דינע פראָוויזאָרישע ווענטלעך. אַ באַזונדער צימערל האָט באַקומען נאָר אַ גרעסערע משפחה, היות מיר זענען געווען אָן קינדער, האָבן מיר זיך צוזאַמענגעפּאָרט מיט נאָך אַ משפחה. דאָס איז געווען אַ פרוי, וועמענס מאַן — משה ווייבערג פון קאַלושין — די דייטשן האָבן דערשאָסן אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה. זי איז געווען שוואַנגער און האָט געבוירן אַ זונעלע, אַ נאָמען נאָכן פאָטער. מיט איר איז אויך געווען אַ שוועסטער. מיר אַלע זעקס מענטשן האָבן געהאַט אַ צימערל. עס האָבן זיך באַלד געשאַפן אַרבעט־בריגאַדעס, די מענער זענען אַוועק אַרבעטן אין די וועלדער און די פרויען האָבן געאַרבעט אויפן אָרט. די בריגאַדעס האָבן מיר אַליין צוזאַמענגעשטעלט, ווער מיט וועמען עס האָט געוואָלט. מיין בריגאַדע איז באַשטאַנען פון זעקס מענער און איין פרוי, טאַקע די, וואָס האָט געוווינט מיט אונדז אין צימער. זי האָט געדאַרפט אויסהאַלטן איר שוועסטער מיטן קינד (אגב, פיר פון די מענער געפינען זיך איצט אין ישראל, די פרוי אין אַרגענטינע). דאָס אָרט פון דער אַרבעט האָט געהייסן „לעטנע יאליקע" און געווען זעקס קילאָמעטער ווייט פון אונדז, אויך דאָרט האָבן געוווינט אַ טייל פון אונדזער טראַנספּאָרט. אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין אומלייגןביימער, אָרומהאַקן די צווייגן און זיי פאַרברענען און די ביימער שניידן אין פאַרשיידענע מאָסן. דאָס ערשטע מאָל איז מיט אונדז אַרויסגעגאַנגען אַ רוסישער בריגאַדיר און אונדז געוויזן די אַרבעט און ער טאַקע האָט עס מיך באַשטימט פאַר בריגאַדיר, ווייל איך האָב די „תורה" שנעל איבערגענומען. ס'זענען פאַרשטייט זיך, געווען נאַרמעס ביי דער אַרבעט, נאָר מיר האָבן זיך אַן עצה געגעבן, ס'איז אונדז נאָך געבליבן אַ ביסל צייט אָנצוקלייבן אַ ביסל יאַגדעס און שוואָמען...

אין פּאָשאָלעק האָבן מיר געהאַט אַ קאָמענדאַנט, מיטן נאָמען איזאטי, ווען מיר זענען אָנגעקומען, האָבן מיר אים געטראָפן זיך אַרומדרייען אין אַ היטל פון דער נ.ק.וו.ד. מיט אַ צעריסענעם דאַשעק (אַ וואַזשנער באַלעבאָס, האָבן מיר געשמייכלט), נאָר אונדזערס אַ היטלמאַכער האָט אים אויפ־

געניט אַ ניי היטל און ער האָט באַקומען אַ ביסל אַ מענטשלעכן אויסזען. דער אַ קאָמענדאַנט האָט דווקא געוואָלט, אַז איך זאָל זיין דער פּאַראַנט־וואָרטלעכער פאַר אונדזער באַראַק. ס'האָבן נישט געהאָלפן אַלע מיינע מאָטיוון קעגן דעם. איך האָב זיך געוואָלט אַרויסדרייען, ווייל שוין דעמאָלט האָב איך געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז ס'איז בעסער פאַר מיר זיך נישט אַרויס־צווזען, נאָר עס האָט מיר נישט געהאָלפן. דערווייל האָט זיך געעפנט אַ סטאָ־ליער־וואַרשטאַט, מען האָט גענומען בויען אַ קינדער־היים פאַר קליינע און אַ שול פאַר גרעסערע קינדער, כדי די מאַמעס זאָלן פריי זיין און קאָנען גיין צו דער אַרבעט. מען האָט זיך געניטיקט אין מענטשן. די ערשטע, וואָס זענען אַריין אַרבעטן אין דער סטאָליעריי זענען געווען צווי ברידער פּאַלע־טיצקי פון לאָדזש. איינער פון די ברידער האָט שוין געהאַט דערוואַקסענע קינדער וואָס האָבן שוין אַ ביסל געקאָנט דאָס פאַך. פון 16 יאָר אָן איז מען שוין געווען פאַרפליכטעט צו גיין אַרבעטן אין וואַלד. פאַרשטענדלעך, אַז יעדער האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו בלייבן אַרבעטן אויפן אָרט. דערצו נאָך האָבן מיר אַלע געלעבט מיט פּחד פאַר דעם אָנקומענדיקן ווינטער. דער עלטערער פּאַלעטיצקי איז געוואָרן דער מייסטער פון דער סטאָליעריי, ער איז טאַקע געווען אַ גוטער פאַכמאַן, דערצו האָט ער באַ־הערשט די רוסישע שפּראַך. מיר האָבן זיך געהאַלטן זייער נאָענט, ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ ביסל צייט איז ער געקומען צו מיר אַ ביסל שמועסן. האָט ער מיר פאַרגעלייגט אַז איך זאָל אַריינגיין אַרבעטן אין דער סטאָ־ליעריי, ער האָט שוין אַפילו גערעדט וועגן דעם מיטן קאָמענדאַנט און יענער איז מסכים געווען, נאָר איך האָב נאָך געשטעלט אַ באַדינג, אַז אויך מיין ברודער זאָל דאָרט אַרבעטן. אַזוי איז עס טאַקע דערליידיקט געוואָרן און מיר האָבן מיט מזל גענומען אַרבעטן אין דער סטאָליעריי. וואָס פאַראַ גליק דאָס איז געווען איז שווער צו באַשרייבן: זיך נישט דאַרפן אויפהויבן דריי ביינאַכט, זיך נישט דאַרפן שלעפן 12 קילאָמעטער צו און פון דער אַרבעט. דאָ האָבן מיר געאַרבעט פון אין דער פרי און נאָר 8 שעה, האָב איך שוין געהאַט אַ ביסל פרייע צייט זיך צו פאַרנעמען מיט געוויסע „געז־עלשאַפטלעכע" ענינים. למשל: געווען ביי אונדז אין באַראַק אַ משפּחה מיט דריי קליינע קינדער, דער פאָטער נישט פעיִק צו קיין שום אַרבעט, די מוטער קראַנק. די נויט איז געווען גרויס, ס'איז פשוט נישט געווען די עטלעכע קאָפּיקעס אויסצוקויפן דאָס שטיקל ברויט מיטן ביסל זופּ. האָב

איך זיך פֿאַרשטענדיקט מיט עטלעכע מענטשן, יעדער האָט זיך באַשטייערט מיט 10 קאָפּיקעס אַ וואָך און ס׳איז זיי לייכטער געוואָרן. געווען נאָך אַזעלכע „פּראָבלעמען״. דאָס אַלץ האָט געמוזט געמאַכט ווערן אין דער טיפֿסטער געהיימניש...

ראָם לעבן אין פּאָשאָלעק

די באַדינגונגען פֿון דער אַרבעט זענען געווען זייער שווערע. דער גרויסער רוב מענער האָבן געאַרבעט אין וואַלד. אויך די פֿרויען זענען געווען באַשעפֿטיקט ביי „לייכטער אַרבעט״: פֿון גראָבע 60—80 צענטי-מעטערדיקע ביימער האָבן זיי מיט אַ לאַנגער זעג געשניטן קורצע שטיקלעך, שפּעטער זיי צעהאַקט אויף דינע שטיקלעך, אויפֿגעלאָדנט אויף וואַגאָנעטקעס און זיי אַוועקגעפֿירט צו דער עלעקטראָ־סטאַציע, ווו מען האָט דאָס האָלץ באַנוצט אַלס ברענשטאָף. אויך לאַסט־אויטאָס האָבן באַנוצט האָלץ ווי ברענ-שטאָף. ביי דער אַרבעט זענען געווען באַשעפֿטיקט פֿרויען אַלטע און קראַנקע. גישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען ווי די גרויסע און שווערע זעג האָט זיך פֿאַרהאַקט אין מיטן קלאָץ און די שוואַכע מענטשן האָבן נישט געקאָנט גיין ווייטער און אויך נישט אַרויסציען די זעג. אין אַזאַ פֿאַל פֿלעג איך זיי צוהעלפֿן, זיי מאַכן עטלעכע קלינעס כדי צו צעשפּרייטן דעם שניט, עס זאָל זיין לייכטער. ווען דער קאָמענדאַנט האָט דאָס געזען איז ער געווען אומצופֿרידן, ער האָט געהאַלטן, אַז די מענטשן דאַרפֿן דאָ שווער אַרבעטן און איך מאַך זיי פּאַר פּוילאַקעס. אַמאָל, אַ זונטיק, האָט ער פֿאַר-אָרדנט מען זאָל אַרומרוימען אַרום די באַראַקן, ער איז געשטאַנען אין פֿענצטער און זיך צוגעקוקט צו דער אַרבעט. ווען ער האָט באַמערקט, אַז איך האָב צוגענומען די לאָפּעטע ביי דעם קראַנקן מענטש פֿון מיין באַראַק, האָט ער מיך אַריינגערופֿן און מיר אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז מען טאָר אַזוי נישט טאָן. יעדער דאַרף אַרבעטן וואָס אים איז באַשטימט געוואָרן, און בכלל דאַרף איך ווי אַ בריגאַדיר אַליין נישט אַרבעטן, נאָר זען, אַז אַנדערע זאָלן עס טאָן. אין אַ צייט אַרום ווידער האָט ער מיך גערופֿן צו זיך און ער נעמט מיר שטעלן פֿראַגעס פֿאַר וועלכע איך האָב זיך שוין פֿון לאַנג גע-שראָקן: איך דאַרף אים — זאָגט ער — באַריכטן, וועגן אַלץ וואָס קומט פֿאָר אין מיין באַראַק, ווער עס זענען די אומצופֿרידענע, וועמען עס געפֿעלט נישט דער רעזשים, ווער עס גרייט זיך צו אַנטלויפֿן אאַ״וו. איך האָב אים

געזאָגט, אַז איך הער קיין זאַך נישט און קיינער וויל נישט אַנטלויפן. מיט אַ ביסל כעס האָט ער מיר געזאָגט, אַז פון די זעקס באַראַקן האָט ער געגויע באַריכטן, באַזונדער צייכענען זיך אויס משה גייער פון פינפטן און פלור־מינקער פון זיבעטן באַראַק. נאָר איך וויל גאָרנישט איבערגעבן (אגב, וועגן דעם האָב איך שוין פריער געוווסט און צו די נעמען וועלן מיר זיך נאָך אומקערן). זאָל דאָ אויך באַמערקט ווערן, אַז דער קאָמענדאַנט אין פּאָשאָלעק איז געווען אַ כל־יכול, ער האָט אַפילו געהאַט דאָס רעכט צו אַרעסטירן אויף אַ וואָך צייט אָן אַ משפּט. צו דעם צוועק איז געווען אַ באַזונדער קאַמער. מיינער אַ בן־עיר, דער אַדוואָקאַט ל. גרושקעוויטש, איז געווען אַן אָפּטער גאַסט אין דער דאָזיקער „קאָזע״. זיין אַרבעט איז געווען צו היטן די פערד ווען זיי זענען געקומען פון דער אַרבעט, נאָר ער האָט מורא געהאַט אַפילו צוגיין נאָענט צו זיי. האָבן די פערד „אָוועקגעשפּאַצירט״ ווייט פון פּאָשאָלעק און ווען מען האָט געדאַרפט שפּאַנען זענען זיי נישט געווען, מען האָט זיי געדאַרפט לויפן זוכן. פאַר אַזאַ „פאַרברעך״ האָט מען אים איינגעזעצט אויף אַן אַכט טעג. דאָס האָט זיך אָפט איבערגעחזרט...

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער קאָמענדאַנט גערופן אַ באַראַטונג מיט די פאָרשטייער פון די באַראַקן, ער האָט געהייסן מיר זאָלן זיך אַרויסזאָגן וועגן אַלע פראַגן, וואָס אינטערעסירן אונדז און וואָס מען קאָן אויסבעסערן. איך האָב געבעטן אַ וואָרט און געפרעגט: פאַרוואָס אַ זופּ פון געטריקנטע קליינע פישלעך קאָסט 30 קאָפּיקעס, נאָר ווען אין דער זופּ ליגט אַ קליין שטיקעלע פלייש, קאָסט עס שוין 2½ רובל, ווען אין אַ נאָענטן פּאָשאָלעק קאָסט די זעלבע זופּ נאָר 1,20 רובל. און איך האָב געשטעלט די פראַגע: אַ מענטש פאַרדינט 3 רובל אַ טאָג, דער גרעסטער טייל איז מיט פרויען און קינדער, טאָ ווי קאָנען זיי אויסקומען? און ווער קאָן זיך דערלויבן צו עסן אַ „פליישיקע״ זופּ? פאַרשטייט זיך, אַז מיינע פראַגן זענען געבליבן אָן אַן ענטפער, נאָר איך האָב טייער באַצאָלט פאַר פרעגן...

די אומצופרידנקייט איז וואָס וויטער געוואָרן גרעסער. מיר האָבן זיך געטראָפן עטלעכע מענטשן זיך באַראַטן וואָס מיר דאַרפן טאָן, און אויף וואָס פאַר אַן אופן מיר זאָלן פּראָטעסטירן קעגן דעם יקרות. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר זאָלן צוויי טעג נישט אויסקויפן די זופּן. אַזוי האָבן מיר געטאָן. די אַקציע האָט זיך איינגעגעבן אין פולע הונדערט פּראָצענט, נאָר צוויי אויסנאַמען זענען געווען, די משפּחות סאַלצער און פלומינקער. קיינער האָט וועגן דעם פאַל נישט גערעדט, דאָס לעבן איז ווידער אַוועק

נאָרמאַל, נאָר מען האָט געפילט אַ געדריקטע שטימונג און קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן זיך דאָ איינלעבן און שלום מאַכן מיט דעם טרויעריקן גורל. ווידער איז געשען אַ פאַל: מען האָט אונדז געמאָלדן, אַז אין אָוונט וועט דעמאָנסטרירט ווערן אַ פילם. ביי דער מידקייט נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט און ביי דער שטימונג, איז עס קיינעם נישט נויטיק געווען און עס האָט קיינעם נישט אינטערעסירט, מען האָט געוואַרט אויף דער נאַכט ווי אויף אַ גואל, צו קאָנען אָפּרוען די צעבראָכענע ביינער. זענען אויסער עטלעכע קינדער אויף דעם פילם קיינער פון די דערוואַקסענע נישט געגאַנגען. די רוסישע בריגאַדירן זענען אַרומגעלאָפן אין די באַראַקן און געשריגן מען זאָל גיין אויפן פילם, נאָר אַלע זענען שוין געשלאָפן.. און ווידער איז די זאַך דורכגעגאַנגען רויִק.

ווייטער האָבן מיר געבויט, נאָר די אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן אַזוי פּרימיטיוו ווי מיט הונדערט יאָר צוריק. די ברעטער האָבן מיר געשניטן אויפן אָרט, נאָר קיין טשוועקעס זענען נישט געווען, האָבן מיר געשניטן שטיקלעך דראָט און מיט דעם געאַרבעט. מיר האָבן זיך געוויצלט, אַז מיר סטריגעווען מיט מתים־שטעך. איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט איז פּלוצים אויס־געבראָכן אַ שרעקלעכער ווינט, ס׳האָט אויסגעריסןביימער אין וואַלד און דעכער זענען אַראָפּגעפלויגן פון די הייזער. דער קאָמענדאַנט איז אַרומ־געלאָפן איבער די באַראַקן און געוואָרנט, מיר זאָלן נישט אַרויסגיין ווייל ס׳איז אַ גרויסע סכנה. און דאָ האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז די פרוי מיטן קינד, וועלכע האָט געוווינט מיט אונדז, איז נישטאָ, זי איז אַוועק אין וואַלד קלויבן יאַגדעס. נישט געקוקט אויף דער סכנה זענען מיר עטלעכע מענטשן אַוועק אין וואַלד זי אויפזוכן. צו אונדזער גרויסער פרייד האָבן מיר זי מיטן קינד געטראָפן זיך באַהאַלטן אונטער אַ גראָבן בוים, זי האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן, ביז מיר זענען געקומען און זי אַהיים גענומען. דער פּאַשאָלעק האָט אויסגעזען ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש, דעכער אַראָפּגעריסן, ווענט איינגעפאַלן, ס׳האָט געדויערט עטלעכע טעג ביז מיר האָבן געבראַכט אַלץ אין אָרדענונג און ס׳האָט זיך אַלץ איינגעשטעלט ווי פריער.

דער יונגער דור

איינע פון מיינע טיפע אַנטוישונגען איז געווען אין דעם יונגן דור, וואָס איז שוין געבוירן געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע, פון וואַנען און ביי וועמען האָבן זיי אויסגעלערנט אַזוי פיל שלעכטע מידות? דער ברויט־פאַרקויפער איז געווען אַ יונגער 18יעריקער בחור, אַ קאָמסאָמאָלעץ, האָט ער אַזוי פלינק געוויגן דאָס ברויט, אַז שטענדיק האָט געפעלט צו דער וואָג. ער פלעגט דאָס ברויט אַ וואַרף טאָן אויף דער וואָג, עס גלייך אַראָפּכאַפּן און אַ זאָג טאָן „קאַק ראַז", ד"ה, אַז ער האָט פונקט געטראָפן. ווען איך האָב אים איינמאָל געצווונגען ער זאָל איבערלאָזן דאָס ברויט אויף דער וואָג אַ ביסל לענגער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז נאָר געווען 75 דעקאָ אַנשטאָט אַ קילאָ. אויף מיין פראַגע: ווי שעמט ער זיך נישט, א יונגער בחור, אַ קאָמסאָמאָלעץ, באַגנבענען אָרעמע אַרבעטס־מענטשן, וואָס דאָס שטיקל ברויט איז זייער איינציקע באַשפּייזונג? האָט ער זיך אַ ביסל פאַרלוירן און שוין געווען פאַרזיכטיקער. דעם עודף ברויט פלעגט ער פאַרקויפן צו די נאָענטע קאָלכאָזניקעס, זיי פלעגן מיט דעם פּאַשען די קי. ס'האָט אויסגעמאַכט ביליקער ווי היי, דערצו פלעגן זיי צאָלן מיט פאַרשיידענע סחורות.

מיר גרייטן זיך צום ווינטער: אין צפון, אין פּאַלאָגאָדסקער אָבלאַסט זענען די זומערן קורצע און דער ווינטער זייער אַ לאַנגער. ווען מיר זענען אָנגעקומען סוף יוני האָבן מיר נאָך געטראָפן שטיקלעך אייז אין דעם ברונעם פון וועלכן מיר האָבן געשעפּט וואַסער. אויגוסט האָט שוין געבלאָזן קאַלטע ווינטן. מיר האָבן פאַרויס געזען, אַז מיר וועלן שוין דאָ איבערווינטערן, האָט מען זיך געדאַרפט אַ ביסל צוגרייטן. צו אונדזער גליק זענען די וועלדער דאָ געבענטשט מיט אַ שפע פון יאַגדעס, מאַלינעס און שוואָמען, זענען מיר אַלע זונטיק אַוועק קלייבן דעם מן פון די וואָלאָגאָדסקער וועלדער, כדי צו האָבן עפּעס אויף ווינטער. די וועלדער זענען געווען גרויסע און טיפע און ס'איז לייכט געווען אין זיי צו פאַרבלאָנדזשען, דער איינציקער סימן איז געווען די זון, אָבער ווען זי איז נישט געווען האָבן מיר נישט געוווסט דעם וועג אויף צוריק. געווען אַ פאַל, ווען איינער פון אונדז איז נישט צוריקגעקומען עטלעכע טעג, ערשט רוסישע תושבים אויף פערד האָבן אים אויפגעזוכט און געברענגט אַ היים. אַזוי האָבן מיר צוגעגרייט אַ ביסל פּראָדוקטן, אָבער נישט אַלע האָבן גענאָסן פון דעם...

מיין אַרעסט

אין אונדזער טראַנספּאָרט זענען אויך געווען געוועזענע קאָמוניסטן, נאָר קיין רוסישע פּאַספּאָרטן האָבן זיי נישט געוואָלט נעמען, האָט מען זיי פאַרשיקט צוזאַמען מיט אונדז. איינער פון זיי, אַ געוויסער סאָלצער, צוזאַמען מיט זיין שוואָגער פלומינקער האָבן גלייך ביי זייער אָראָפּקומען אין וואַלד געזען, אַז אויפן באַרמאַלן וועג וועלן זיי דאָ קיין האָניק נישט לעקן און זיך צו גאָרנישט אַרויפאַרבעטן. דער פלומינקער (היינט אין חיפה) איז עפּעס געווען אַ מאַכער אין וואַרשעווער „מכבי", איז דאָס געווען אַ קנאַפּער יחוס ביי דעם קאָמענדאַנט. ער האָט זיך נאָר געקאָנט אַרויפאַרבעטן דורך אונטער־טראָגן און מסרן. דער קאָמענדאַנט האָט עס זייער געדאַרפט און ער האָט אים געטריי געדינט. נישט איינער אין דעם פּאַשאָלעק האָט געהאַט צו וויינען אויף אים. דערפאַר אָבער זיין שוואָגער סאָלצער, האָט שוין געהאַט מיט וואָס זיך פאַרצושטעלן. ער האָט זיך גלייך געמאָלדן צום קאָמענדאַנט, גע־וויזן אַ פּאַרטיי־לעגיטימאַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן, דערציילט, אַז ער איז געזעסן 5 יאָר אין תפיסה. ווען מען האָט אים גע־פרעגט: ווי קומט עס, דו זאָלסט פאַרשיקט ווערן צוזאַמען מיט קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן? האָט ער נישט געענטפערט. דער קאָמענדאַנט האָט גע־פונען פאַר אים אַ טעטיקייט ער זאָל זיך רעהאַביליטירן... זיי האָבן האַר־מאָניש מיטגעאַרבעט. זייערע ביידע וויבער האָט דער קאָמענדאַנט איינ־געאָרדנט אַרבעטן אין קיך, ווען אַלטע קראַנקע פרויען האָבן געאַרבעט ביי שווערער פיזישער אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן געדאַרפט באַרעכ־טיקן דעם צוטרוי און אָפּדינען פאַר די טובות...

מיט אונדזער טראַנספּאָרט אין זעלבן וואַגאָן וואָס איך, איז אויך גע־פאָרן אַ געוויסע משפחה גייער, פון סאָכאַטשאָוו (אַ שטעטל הינטער וואַר־שע), וועלכע איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען. נאָך אַ סאָכאַטשאָווער איז געפאָרן — מ. פרידמאַן, וועלכן כ'האָב געקענט פון וואַרשע. אויפן וועג האָט מיר מ. פרידמאַן דערציילט בסוד — וועגן דער משפחה גייער, באַ־זונדער וועגן איינעם פון זיי — משה גייער, וואָס איז אין סאָכאַטשאָוו געווען אַ בונדיסט, אַריבער צו די קאָמוניסטן און דריי יאָר צייט געווען אונטערן חשד פון זיין אַ פּראָוואָקאַטאָר.

פרידמאַן האָט עס מיר פאַרטרויט בסוד, כדי מיר זאָלן וויסן פאַר וועמען זיך צו היטן. עס בלייבט נאָר אַ רעטעניש, דורך וועמען איז דער־

גאַנגען צו דער נ.ק.וו.ד. דער „סוד" פון דער טונקעלער פאַרגאַנגענהייט פון משה גייער? אַזוי, אַז אויך ער, ד"ה, מ. גייער, האָט זיך אין פּאַשאָלעק געדאַרפט רעהאַביליטירן אויף עמעצנס חשבון...

מיר ווענדן זיך נאָך אומקערן צו דעם טרויעריקן ענין.

אין איינעם אַ שבת פּאַר מיטאָג, איז דער געהילפס־קאָמענדאַנט אַרייַנגעקומען אין דער סטאָליערײַ און אויסגערופן מײַן נאָמען, איך זאָל גיין מיט אים. באַלד אין דער ערשטער רגע איז מיר קלאָר געווען וואָס דאָס באַדייט. איך האָב זיך נישט פאַרלוירן, ווי איך וואָלט גרייט געווען דערצו, און האָב אויסגערופן אויפן הויכן קול: זײַט געזונט חברים! מיר זעען זיך דעם לעצטן מאָל! אַלע זענען געווען איבעראַשט. נאָר איך האָב געהאַט אַ פאָרגעפיל וואָס דאָ געשעט און בין געווען גלײַכגילטיק ווי צו עפּעס, וואָס איז אומפאַרמיידלעך... מען האָט מיך אַרייַנגעפירט צום קאָמענדאַנט, דאָרט האָט שוין געוואַרט איינער פון דער נ.ק.וו.ד., ציוויל אָנגעטאָן, מען האָט מיך באַזוכט, געפונען אַ מעטער מיט אַ בלײַפעדער. איצט האָט מען מיך אַרייַנגעפירט צו מיר אין שטוב, געהייסן אײַנפּאַקן אַלץ וואָס איך וויל מיטנעמען און גיין מיט זיי. אויפן וועג אין וואַלד האָבן מיר געטראָפן סאָלצערן שטיין און אַרבעטן, איינער אַליין (קיין שום בריגאַדע האָט מיט אים נישט געוואָלט אַרבעטן). ער האָט מיך אַזוי תמעוואַטע אַ פרעג געטאָן: „וווּהין פירט מען אײַך?" האָב איך אים געענטפערט: אַז ער ווייסט עס זיכער בעסער פון מיר!... אַרויסקומענדיק פון וואַלד אויפן שאָסיי, האָט שוין אויף אונדז געוואַרט אַ קליינער אויטאָ און מיר זענען אָפּגעפאָרן אין דעם ראַיאָנעם־שטעטל אַנדאָם. פאַרנדיק דורכן שטעטל האָב איך דורכן פענצטער באַמערקט מײַנע גוטע באַקאַנטע פון פּאַשאָלעק — דעם צייַן־דאָקטער מינץ מיט זײַן פרוי שפּאַצירן, האָב איך צו זיי אַ געשריי־געטאָן, כ'האָב געוואָלט זיי זאָלן וויסן, אַז איך בין אַרעסטירט, שפּעטער האָב איך זיי טאַקע אָנגעגעבן ווי עדות לטובת מיר. נאָר מײַן באַגלייטער האָט מיר אַ לייג־געטאָן די האַנט אויפן מויל, דאָ מוז אַלץ געטאָן ווערן בסוד. נאָר סייווי האָבן זיי מײַן געשריי דערהערט, זיי האָבן מיך באַגריסט פון דערווייטנס מיט אויפהויבן די הענט, געבנדיק מיר צו וויסן, אַז זיי האָבן אַלץ פאַרשטאַנען.

מיין אַרעסט האָט גורם געווען צוויי קרבנות

ווי איך האָב שוין איבערגעגעבן, איז מיין יינגסטער ברודער געוואָרן אַרעסטירט צוזאַמען מיט די איינצלנע מענטשן אין ביאַליסטאָק און ווען מיר זענען געקומען אין פּאָשאָלעק אַריין האָב איך זיך באַלד געוואָנדן צו די העכערע מאַכט־אָרגאַנען, אַז מען זאָל אים אַריבערפירן צו אונדז. דער ענין האָט שוין געהאַלטן ביים דערליידיקט ווערן פּאָזיטיוו, נאָר מיט מיין אַרעסט איז אַלץ צונישט געוואָרן, ווייל אונדזער משפחה איז געוואָרן פאַר־רעכנט ווי פאָלקס־שונאים (סעמיאַ ווראַגאַ נאַראָדאַ). ווי מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, איז ער געזעסן אין ביאַליסטאָק ביז די דייטשישע

מיין שוועגערין ר ח ט ש ע
געשטאָרבן אין פּאָשאָלעק

אַרמיי האָט פאַרנומען די שטאָט און האָט אַלעמען באַפרייט פון תפיסה, אָבער מיין ברודער האָט שוין נישט געוואָלט זיך אַדורכרייסן קיין רוסלאַנד, נאָר ער האָט זיך געלאָזט צוריק קיין וואַרשע. וועגן זיין ווייטערדיקן גורל איז מיר נישט באַוווסט. וואַרשיינלעך איז ער אומגעקומען אויפן וועג אָדער אין וואַרשע.

אויך מיין שוועגערין האָט באַקומען שווערערע אַרבעט און באַזונדער

האָט זי זיך שטאַרק איבערגעגומען צוליב מיין אַרעסט ביז זי איז קראַנק געוואָרן און זיך שוין מער פון דער קרענק נישט אויפגעהויבן. זי איז געשטאָרבן אין עלטער פון פיר און צוואַנציק יאָר.

ביי פערציק גראַד פראָסט, ווען די ערד איז געווען שטאַרק פאַרפרוירן, האָט מיין ברודער אַליין געדאַרפט האַקן די ערד, גראָבן אַ קבר און זי ברענגען צו קבורה. אַזוי איז מיין ברודער געבליבן איינער אַליין פון אונדזערע פיר מענטשן, וועלכע זענען אַרויס פון דער היים.

אַ חודש אין אַן איינצל־קאַמער

מען ברענגט מיך אין בנין פון דער נ.ק.וו.ד., מ׳נעמט ביי מיר צו אַלע מיינע זאַכן און מען פירט מיך אָפּ אין תפיסה־קאַמער. איך קוק זיך אַרום: דאָס מעבל באַשטייט פון אַן אייזערן בעטל אויף וועלכן ס׳ליגן צוויי ברעטלעך און אַ קליין שענקעלע. דעם ערשטן טאָג לאָזט מען מיך צורו, נאָר באַלד דעם אַנדערן טאָג ווער איך גערופן צום נאַטשאַלניק צוזאַמענצושטעלן אַ פּראָטאָקאָל וועגן מיין אַרעסט, דערביי פרעגן זיי מיך אַזעלכע קלאָץ־קשיהס, אַז איך זע באַלד אַז נישט דאָס זענען זיי אויסן. זיי ווילן מסתמא אַ טאָפּ טאָן אַ וואָסער פּאַסאַזשיר זיי האָבן פאַר זיך. „פון וואָסער האָלץ איז געמאַכט געוואָרן דער בלייפעדער וואָס ליגט אויפן טיש?״ — פרעגט דער נאַטשאַלניק. פון אָלשינע — ענטפער איך — „און די שאַפע?״ — פרעגט ער ווייטער. „עפּנט אויף די טיר וועל איך זען, ווייל אויף דער פאַרב קאָן מען נישט וויסן!״ — זאָג איך. ער אָבער פרעגט ווידער און ווידער דאָס זעלבע, ביז איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן. מיט דעם האָט זיך עס דערווייל פאַרענדיקט, מען פירט מיך אָפּ אין קאַמער. איך זיץ איינער אַליין, די טעג גייען און איך ווייס נישט אין וואָס מען באַשולדיקט מיך, נאָר איך בין פעסט אַנטשלאָסן אויפצונעמען אַפילו דאָס ערגסטע און זיך נישט לאָזן ברעכן...

אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין אַרעסט איז אין פּאָשאָלעק אַרעסטירט געוואָרן נאָך איינער, אַ געוויסער י.ק—וים.

די אויספאָרשונג

אין אַ פּריִיטיק־אָוונט עפּנט דער מיליציאָנער מיין טיר און מעלדעט מיר, אַז איך זאָל זיך גרייטן גיין אין באָד. אין דרויסן טרעף איך נאָך אַן אַרעסטאַנט, דאָס איז עס טאַקע געווען דער צווייטער פון מיין פּאָשאָלעק.

רעדן צווישן זיך האָט אונדז דער שומר נישט געלאָזט, מיר מוזן גיין גלייך, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן. דאָך האָבן מיר זיך דורכגעוואָרפן מיט עטלעכע ווערטער ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַן אַלטער האָלצערנער געביידע. מען פירט אונדז אַריין, מיר טוען זיך אויס אין דעם פאָדער־צימער, נאָר ווען איך וויל אַריינגיין זיך וואַשן, זע איך, אַז דאָרט שטייט אַ פרוי און וואַשט זיך. איך צי זיך צוריק און די אָנוועזנדיקע רוסן ברעכן אויס מיט אַ גרויס געלעכטער און אויך די פרוי פון אינעווייניק שרייט אַרויס — ״קום אַריין, טייערינקער״. נאָר איך האָב בשום אופן נישט געוואָלט אַריינ־גיין, ביז זי איז אַרויס. ווייזט אויס, אַז איך בין נאָך געווען פאַרסמט מיט באַצילן פון „בורזשואַזער מאָראַל״...

צוריק גייענדיק האָט איך ווייטער געשמועסט מיט מיין מיטזיצער. דערווייל האָט מיך די לאַנגווייליקייט גענומען פּייניקן, צופעליק האָב איך באַמערקט אויף דער צווייטער זייט פון שענקל־טיר אויסגעקריצטע קעס־טעלעך צו שפּילן שאַך אָדער דאַמקע. איך האָב אויסגעזוכט פּאַפּירלעך פון צווי קאָלירן און אַ גאַנצן טאָג געשפּילט... מיט זיך אַליין, און איך האָב טאַקע קיינמאָל נישט פאַרשפּילט.

כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אַזוי לאַנג דויערן קאָן עס נישט, זיי מוזן דאָך מיך סוף־כל־סוף אַרויסרופן, מיר זאָגן אין וואָס איך ווער באַשולדיקט און מיך הייסן אונטערשרייבן דעם באַשולדיקונגס־אַקט. צו דעם האָב איך זיך געגרייט. און אָט אין אַ געוויסן פרימאָרגן רופט מען מיך צום הויפּט־נאַטשאַלניק פון ראַיאָנעם נ.ק.וו.ד., מיין הויפּט־אויספאָרשער איז אין ראַנג פון אַ הויפּט־לייטענאַנט — קאָמאַראָוו. ער הייסט מיך זיצן און נעמט שרייבן — ווי דער שטייגער — מיין ביאָגראַפיע. איך ווייס, אַז איך דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט יעדן וואָרט, כדי זיך נישט שפּעטער צו פלאָנטערן אין די דערקלערונגען. אָט פרעגט ער מיך „צי איך בין געווען אַ קאָמוניסט?״ און איך ענטפער: ניין. (שפּעטער האָט עס זיך אַרויסגעוויזן גאָר צו מיין טובה) נאָכן פאַרפּראָטאָקאָלירן מיין גאַנצע ביאָגראַפיע האָט מען זיך צו מיר אַ נעם־געטאָן...

פיר מענטשן האָבן זיך פאַרנומען מיט מיין אויספאָרשונג. זיי האָבן זיך געטוישט יעדע זעקס שעה, אָן איבעררייס. אַזוי בין איך געזעסן 24 שעה אויף איין אָרט, אויף אַ שטול מיט אָן אָנלען זיך אָנצושפּאַרן. צוויי אַזייגער ביי נאַכט מעלדעט מען מיר, אַז איך קאָן גיין שלאָפן. מען פירט מיך אין קאַמער. איך באַקום אַ טעלער זופּ מיט אַ שטיקל ברויט און באַלד פאַל איך אַוועק אויפן בעטל אַ טויט־מידער. נאָר איידער איך באַוויז צו כאַפּן דעם ערשטן דרעמל, הער איך מען שליסט די טיר פון קאַמער, מען וועקט מיך איך זאָל ווידער גיין אויבן. כ׳קאָן די אויגן נישט אויפרייסן, אָבער עס העלפט נישט. איך פרעג ביי דעם וועכטער ווי שפּעט ס׳איז, „איך ווייס נישט" ענטפערט ער, כאָטש ער טראָגט אַ זייגער אויף דער האַנט. ווידער זיץ איך אַנטקעגן מיין אויספאָרשער, אָבער איצט זיץ איך שוין נישט אויף דער שטול, נאָר אויף אַ קיילעכדיק בענקל. איך האָב זיך איינגעאָרדנט אין אַ ווינקל פון צימער און אָנגעשפּאַרט זיך אין וואַנט. קיין איבערזעצער האָט מען מיר נישט געגעבן, כאָטש קיין רוסיש האָב איך נאָך דעמאָלט נישט געקענט. „מיר פאַרשטייען זייער גוט דיין רוסיש" — האָבן זיי דער־קלערט.

די אויספאָרשונג ווערט איצט געפירט אין דער ריכטונג אַריינצוציען וואָס מער אַנדערע מענטשן. מען פרעגט אויף דעם אַדוואָקאַט גרושקעוויטש, מיינער אַ בן־עיר, נאָר איך האַלט זיך ביי מיינס, אַז איך האָב אים באַקענט ערשט אין פּאָשאָלעק, ווייל אין פוילן בין איך נאָר געקומען צווישן דער יוגנט וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט טאַנצן און פלירטעווען מיט מיידלעך... אַזוי האָבן זיך געצויגן די שמועסן וועגן פאַרשיידענע זייטיקע זאַכן, נאָר נישט וועגן דעם עצם ענין...

אָט גיט מען מיך אַ פרעג: צי איך האָב געהערט צום „בונד"? איך ענטפער נעגאַטיוו, אַפילו וויסנדיק, אַז זיי ווייסן שוין מיין פאַרגאַנגענהייט. רעדנדיק וועגן „בונד", פרעגט מען ביי מיר צי איך קען די פאַרגאַנגענהייט פון איינעם אין פּאָשאָלעק משה גייער, פון סאָכאַטשאָוו. ביי דער אויס־פאָרשונג האָט מען געוואָלט דאָס אַלץ צונויפמישן און מען האָט מיך גע־פרעגט, פאַרוואָס איך וויל נישט דערציילן, אַז מ. גייער איז געווען אַ פּראָ־וואָקאַטאָר אין פוילן? (דער אויספאָרשער האָט עס שוין געוווסט), דערביי האָט מען מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער זאָגט אויף מיר אַלץ אין דער וועלט און איך וויל אויף אים גאָרנישט רעדן. דער אמת איז טאַקע געווען, אַז דער פאַרשוין האָט צוזאַמען מיט דעם סאָלצערן אונטערגעשריבן דעם באַשול־

דיקונגס־אַקט קעגן מיר. אַזוי זענען אַריבער ווייטערדיקע 24 שעה. ווידער האָט מען מיר דערלויבט צו גיין שלאָפן, ווידער דאָס ביסל וואַסער־זופּ מיט אַ שטיקל ברויט און ווען כ׳האָב נאָר אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן האַרטן בעטל האָט מען מיך געצווּונגען אויפסניי גיין צו דער אויספאָרשונג. נאָר איצט איז שוין דאָס בענקעלע געשטאַנען אין מיטן צימער, מען האָט עס נישט דערלויבט צורוקן צום וואַנט, כדי איך זאָל זיך נישט האָבן וווּ אָנצושפּאַרן. ס׳איז שוין אַוועק 48 שעה כסדרדיקע אויספאָרשונג און די אויספאָרשער מיינע, וואָס זענען נאָר געזעסן צו זעקס שעה, האָבן כסדר געטוישט זיך, מסתמא זיי זאָלן נישט אַנטשלאָפן ווערן, פֿרעגנדיק די לאַנג־ווייליקע און כסדר זיך־איבערחזרנדיקע פֿראַגעס.

צווישן מיינע אויספאָרשער איז אויך געווען דער געהילף־קאָמענדאַנט פון מיין פּאַשאַלעק. ער האָט נאָר געפרעגט וואָס מ׳האָט אים געהייסן. ווען איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין אַ ליבהאָבער פון סאָוויעטישע פילמען און, אַז אין פּוילן האָב איך געזען אַלע די פילמען. „אויב אַזוי — זאָגט ער, איז עס אַ סימן, אַז דו האָסט אָרגאַניזירט דעם באָיקאָט אויף דעם פילם „טאַנקיסטן״... דערמאָלט האָב איך דערקלערט, אַז כ׳וועל זיך מער פון אים נישט לאָזן אויספאָרשן, ווייל ער פאַרשטייט גאָרנישט. אַזוי בין איך מיט אים געזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביז אינדערפרי און קיין וואָרט נישט אַרויס־גערעדט. 8 אינדערפרי, ווען דער הויפּט־אויספאָרשער איז געקומען, האָט דער געהילף אים דערציילט, וואָס דאָ איז געשען, האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט „ביי אונדז מוז מען ענטפערן יעדן אויספאָרשער״. כ׳האָב אים גע־ענטפערט, אַז מיט אים בין איך גרייט צו זיצן און ענטפערן. אינטערעסאַנטער איז שוין געווען ווען דער הויפּט־נאַטשאַלניק האָט געפאָרשט. דער האָט זיך נישט איבערגעחזרט, ער האָט בכלל אויסגעברייטערט און פאַרטיפט די אויס־פאָרשונג, מיך אַטאַקירט מיט נייע פראַגן. זיינע פאַרטרעטער אָבער האָבן נישט געהאַט קיין רעכט זיך אַריינלאָזן אין אַנדערע געשפרעכן אויסער דאָס, וואָס מ׳האָט געהייסן פרעגן. דער הויפּט־אויספאָרשער איז געקומען אַן אויסגעשלאָפענער, אַן אויסגערוטער, זיך העפלעך באַגריסט. דאָס איז געווען זיין אופן פון פירן די אויספאָרשונג: געמיטלעך און היימיש, דערביי איז ער טאַקע געווען אַ פאַרשטענדלעכער מענטש מיט אַ געוויסער מאָס אינטעלי־גענץ, האָט ער געפירט די אויספאָרשונג זעלבשטענדיק, נישט מיט דעם אויסגעדראָשענעם סטאַנדאַרט, זיכער אין זיין דערפאָלג.

„נו, וואָס מאַכט איר?״ האָט ער אַ פרעג געטאָן. „ווי אַן אַרעסטאַנט״

— האָב איך געענטפערט. איר קאָנט זיך באַלד באַפרייען, איר דאַרפט נאָר וועלן, — זאָגט ער צו מיר, איר מיינט, אַז מיר האָבן אייך דאָ אַהער געבראַכט? דאָס האָבן אייערע אייגענע געטאָן און מיר טוען נאָר אונדזער פליכט. ווען מיר זענען געוואָרן היימישלעך האָב איך שוין אפילו געהאַט די דרייסטקייט אים צו פרעגן געוויסע פראַגן. אַזוי האָב איך אים אַמאָל געפרעגט: צי דערציילן דעם אמת וועגן דער לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס אין פוילן, וועגן די פרייזן, די פאַרדינסטן אא״וו, הייסט אויך אַנטי־סאָוויעטישע אַגיטאַציע? ניין — האָט ער געענטפערט און איז באַלד אַריבער אויף אַן אַנדער טעמע, וועגן פּראָסטיטוציע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס אין רוסלאַנד איז נישטאָ און וועגן נאָך אַנדערע פראַגן.

יענעם פרימאָרגן האָט ער מיר ענדלעך אָנגעהויבן אויסזאָגן אין וואָס מען באַשולדיקט מיך, ער האָט מיר איבערגעלייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט און זיך געהייסן אונטערשרייבן, דערביי מיר געדראָט, אַז פאַר נישט וועלן זיך מודה זיין, איז די שטראָף אין סאָוויעטן־רוסלאַנד אַ גרעסערע, זי קאָן אַפילו דערגיין ביז 20 יאָר. נאָר איך האָב דעם אַקט נישט אונטערגעשריבן, אַזוי האָט מען מיט מיר פאַרענדיקט די דריטע 24 שעה. מען האָט מיך ווידער אַראָפּגעפירט אין דער קאַמער און דערווייל מיך נישט גערופן. איך האָב געהערט ווי איין וועכטער זאָגט צום צווייטן: „מען קאָן מיט אים גאָרנישט מאַכן". אַזוי האָבן זיך געענדיקט די 72 שעה מאַטערניש...

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיך גערופן אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל פון מיינע דערקלערונגען אויף דער אויספאָרשונג. האָב איך געזאָגט דעם אויספאָרשער, אַז איך וואָלט געוואָלט מען זאָל מיך שטעלן פּנים־אל־פּנים מיט אַ מענטש, וואָס זאָל מיר זאָגן אין אויגן וואָס מען וואַרפט מיר פאָר און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר ברענגען דעם גאַנצן פּאַשאַלעק און זיי וועלן עדות זאָגן. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס זענען שוין דאָ עדות קעגן מיר.

די קאָנפראָנטאַציע

אין אַ וואָך אַרום רופט מען מיך צום נאַטשאַלניק. מען הייסט מיך אַוועקזעצן ביי אַן עק טיש און אין דער זעלבער צייט פירט מען אַריין סאָלצערן און מען זעצט אים ביים צווייטן עק טיש. מיר זענען ווייט איינער פון צווייטן. אויף די געשטעלטע פראַגן ענטפערט ער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. איך מאַך אויפמערקזאַם דעם אויספאָרשער, אַז דער עדות קאָן מיר אין די אויגן נישט קוקן. גיט ער אויף אים אַ געשריי: הויב אויף די אויגן, גלייך אויס דעם קאָפּ! ערשט איצט ענטפערט ער אויף די פראַגן. ער שטעלט פעסט: 1) אַז איך האָב אָרגאַניזירט דעם צוויי־טאָגיקן באָיקאָט אין דער סטאָלוווקע, מען זאָל נישט קויפן קיין זופּן, נאָר ברויט. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די באַראַקן און געדראָט, אַז יעדער וואָס וועט זיך נישט אונטערוואַרפן דעם באַשלוס וועט געלייגט ווערן אין חרם... אויף דער פראַגע פון אויספאָרשער, צי האָבן מיר געלעבט בשלום? ענטפערט ער — יאָ. איך האָב באַלד דערקלערט, אַז דאָס איז אַ ליגן, מיר האָבן קיינמאָל נישט געלעבט גוט צווישן זיך. ער האָט שטענדיק געאַרבעט אַליין און פאַרדינט צוויי רובל אַ טאָג, ווייל קיינער האָט מיט אים נישט געוואָלט אַרבעטן, איך אָבער האָב געאַרבעט אין אַ בריגאַדע און פאַרדינט 12 רובל אַ טאָג. איך האָב נאָך דערציילט וועגן פאַקטן וואָס האָבן באַוויזן, אַז ער האָט גאַנצע טעג נישט געאַרבעט, נאָר ווען מיר זענען שוין געגאַנגען אַהיים האָבן מיר אים געזען אַליין שטיין און אַרבעטן כדי זיך צו באַווייזן. אָבער ווי שטאַרק מיינע אַרגומענטן זאָלן נישט האָבן געווען, האָבן זיי נישט געווירקט אויפן גאַנג פון דער אויספאָרשונג, מיין פסק איז שוין געווען באַשטימט. איך האָב עס געדאַרפט זיין דער מוסטער־קרבן אָפּצושרעקן אַלע פאַרשיקטע אין פּאָשאָלעק.

מען האָט מיך אויך קאָנפראָנטירט מיט דעם רוסישן בריגאַדיר איגנאַטאָוו. דער האָט דערציילט, אַז איך האָב אָרגאַניזירט אונדזערע מענטשן, מען זאָל נישט גיין זען דעם פילם „טאַנקיסטן”. אַלע זענען אָרגאַניזירטערהייט אַוועק פרי שלאָפן. איך האָב געפּרוווט זיי איבערצייגן, אַז איך האָב דווקא ליב סאָוויעטישע פילמען, נאָר דאָ זענען די מענטשן געווען מיד נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג. נאָר סיידוי איז עס געווען אַרויסגעוואָרפענע רייד. דער דריטער עדות האָט געדאַרפט זיין דער משה גייער, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו טרעפן מיט מיר אויג אויף

אויג, ווייסנדיק, אַז מיר איז באַקאַנט זיין פאַרגאַנגענהייט און דאָס טרעפן זיך מיט מיר קאָן אים ברענגען שאָדן, האָט ער איבערצייגט דעם נאַטשאַל־ניק ער זאָל אים באַפרייען פון דער נישט־אָנגענומער מיסיע, אָבער אונ־טערגעשריבן אויף דעם באַשולדיקונגס־אַקט איז ער געווען צוזאַמען מיט די אַנדערע צוויי. נאָכן פאַרענדיקן די פּראָצעדור פון דער קאָנפראָנטאַציע האָט מען מיר געהייסן אונטערשרייבן די אַקטן, ווי אויך מיינע דערקלערונגען.

מיטן עטאַפּ

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט מען אונדז אַ גרופּע פון פיר מענטשן, גע־הייסן גרייטן זיך אין וועג אַריין. עס זענען שוין געווען גרויסע פרעסט און מיר זענען געפאָרן אויף אַ פערד און וועגעלע, וואָס האָט זיך געשלעפּט ווי דער יידישער גלות ביז דער שטאָט וויטעגרי. דאָרט האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין דער שטאָטישער תפיסה. דאָס ערשטע מאָל איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען אין איין קאַמער מיט נאָך אַרעסטאַנטן. דאָס זענען געווען יוגנטלעכע גנבים און כוליגאַנעס. זייערע געשפּרעכן און הויפּט־אינטערעס איז געווען: וויפל מען באַקומט פאַר שטעכן מיט אַ פיגישן מעסער און וויפל פאַר טויטן מיט אַ יאַפּאַנישן? זיצנדיק אין תפיסה ווערן זיי גאַנצע מומחים אין דער תורה פון שטעכן און גנבענען. זייער באַשעפ־טיקונג איז געווען שפּילן אין קאָרטן, וואָס איז שטרענג פאַרווערט. איך האָב זיך מיט זיי שנעל איינגעלעבט און זיך נישט געלאָזט טאָן קיין עוולה. אָך און וויי איז דעם, וועלכער ווייזט אַרויס לגבי זיי פחדנות...

נאָכן אָפּזיין עטלעכע טעג אין וויטעגרי, האָט מען אונדז אַ גרעסערע גרופּע אַרעסטירטע אָפּגעשיקט מיט אַ מאָטאָר־שיפל אויפן טייך שעקסנע. דאָס וואַסער איז שוין באַדעקט מיט אַ דינעם אייז־שיכט וועלכן דאָס שיפל ברעכט. אין שיפל זענען אויך געפאָרן „פרייע" בירגער, אַ טייל צום מי־ליטער און אַ טייל נאָכן אָפּזיצן אַ 5 יערלעך (דאָס הייסט אַ „די־עטסקי סראָק").

אַנינסקאַיאַ מאַסט

אָפּגעפּאָרן עטלעכע טעג אויפֿן וואַסער, האָט זיך דאָס שיפֿל אָפּגעשטעלט אין שטעטל אַנינסקאַיאַ־מאַסט. מען פֿירט אונדז צו דער אָרטיקער מיליץ, ווייל זיי דאַרפֿן איבערנעמען דעם טראַנספּאָרט און אים פֿירן ווייטער. אונדזער קאָנוואָי פֿון וויטעגרי פֿאָרט צוריק, נאָר דאָ איז עפּעס געשען: ווען דער נאַטשאַלניק פֿון מיליץ בערקאָוויטש (אַ ייִד) האָט איבערגעקוקט די דאָקומענטן, האָט ער טעלעפֿאָניש געמאָלדן דעם דיזשורנעם, אַז ער נעמט אונדז נישט אָן, און שיקט אונדז צוריק. ס'איז איינס ביי נאַכט, דער וועג איז אַ שווערער, אונדזערע מיליציאָנערן נעמען אינטערווענירן אָבער אָן רעזולטאַט. נאָר פּלוצים קלינגט דער טעלעפֿאָן און דער דיזשורנער מעלדעט אונדז, אַז דער נאַטשאַלניק בכבודו־ובעצמו קומט אַהער זען דעם טראַנספּאָרט. ביי זיין אַריינקומען זאָלן מיר זיך אויפֿשטעלן. און אָט עפֿנט זיך די טיר און מיט האַסטיקע טריט גייט אַריין אַ מיטלוווּקסיקער ברונעט, מיט אַן עכט־ייִדישן פּנים. מיר שטעלן זיך אַלע אויף, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט מיר זאָלן זיך צוריק זעצן. ווען אַלע זעצן זיך באַקומט זיך אַזוי אַז איך בלייבן אָן אַן אָרט צום זיצן, צעשרייט ער זיך אויף דעם דיזשורנעם, פֿאַרוואָס מען לאָזט שטיין מענטשן וועלכע זענען געקומען פֿון אַזאַ שווערן וועג אין מיטן נאַכט און פֿאַרוואָס מען ברענגט נישט קיין קיפּיאַטאָק? און ער שיקט באַלד ברענגען אַ באַנק צום זיצן, צוקער און הייס וואַסער. די שטימונג ווערט אַ ביסל בעסער, נאָר מיר וווּנדערן זיך, וואָס עפּעס אַזאַ גיכע ענדערונג צום גוטן? ער נעמט אויספֿרעגן יעדערן באַזונדער לויט דער ריי: פֿאַרוואָס מען זיצט, וויפֿל צייט און אַנדערע פֿראַגן ביז ער קומט צו צו מיר, נאָר מיר פֿרעגט ער גאָרנישט. ער זעצט זיך ביים דיזשורנע־טיש און קוקט זיך איין ווי מיר טרינקען דעם „קיפּיאַטאָק״. אָבער זיינע בליקן זענען אָנגעשטעלט אויף מיר. ער קוקט זיך אָרום און איך האָב אַ געפֿיל, אַז ער וואָלט זייער געוואָלט רעדן צו מיר, נאָר ער האָט נישט קיין מעגלעכקייט. אָט פֿרעגט ער ביי מיר: צי איך האָב שוין געטרונקען? איך ענטפֿער — יאָ. אַלע באַמערקן זיין ספּעציעלע באַציִונג צו מיר. מיין שכן רוימט מיר איין: צוליב דיר איז זיין גאַנצע גוטסקייט. איך טראַכט, וואָס אַזוינס עס האָט אַרויסגערופֿן זיין אויפֿמערקזאַמקייט? מיין אייראָפּעיִשע קליידונג? צי אפֿשר האָט מיין עכט־ייִדישער אויסזען אַרויסגערופֿן ביי אים דאָס „פּינטעלע ייִד״?... מער האָט ער וועגן קיין דאָקומענטן נישט גערעדט,

ער האָט זיי בלויז פון יוצא וועגן איבערגעקוקט, דערקלערט אַז ער נעמט אונדז איבער, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַוועק. צומאָרגנס אין דער פרי האָט מען אונדז אויפגעזעצט אויף אַ קליינער שיף און מיר זענען אָפּגעשווומען קיין ביאַלי אָזערסקי.

ביאַלי אָזערסקי

דער וועג צו דער טורמע וואַרפט אָן אַ פּחד. גרויסע הויכע בערג פון איין זייט און די ווייסע אָזערע, צוויי הונדערט קילאָמעטער, פון דער צווייטער זייט — די הויכע געמויערטע פּלויטן מיט די אייזערנע טויערן מאַכן דעם רושם, אַז פון דאָרט גייט מען שוין קיינמאָל נישט אַרויס. מיר זענען אָנגעקומען פאַרנאַכט, דורך אַ סך אייזערנע טויערן זענען מיר דורכגעגאַנגען ביז מיר זענען אָנגעקומען אין דער טורמע־קאַנצעלאַריע. נאָך איידער וואָס, האָבן מיר שוין געזען זייער אַ פּיינלעך בילד: איינער פון אונדזער גרופּע בעט ביי דעם דיזשורנעם ער זאָל אים פירן טאָן אַ מענטשלעכן געברויך, דער אָבער, זאָגט זיך אָפּ עס צו טאָן. דער מענטש בעט זיך און וויינט, ער וואַלגערט זיך אויף דער ערד און בייגט זיך אין דרייען, מיר אַלע בעטן פאַר אים, אָבער עס העלפט נישט. „מיר וועלן אייך דאָ נישט ניאַנטשען" — דערקלערט דער דיזשורנער נאַטשאַלניק. נאָך אַ געוויסער צייט איז דער מענטש אין ווייטיק און חרפּה שטיל געבליבן און אין צימער האָט זיך פונאַנדער געטראָגן אַ שרעקלעכער ריח... טעג נאָך דעם האָט ער זיך געשעמט אונדז צו קוקן אין די אויגן אַריין. דאָ האָבן מיר באַלד דערפילט, אַז מיר זענען אַרעסטאַנטן; מ'האָט אונדז אָפּגעשוירן די האָר און געמאַכט בילדער. דאָס בילד — אויף וועלכן איך האָב אויסגעקוקט ווי אַ רוצח — האָט מיך באַגלייט איבער אַלע מיינע תּפיסות ביז מיין באַפרייונג.

מען צעטיילט אונדז אין קאַמערן: פּאָליטישע באַזונדער און קרימינעלע באַזונדער, אין מיין קאַמער זענען זיבן מענטשן. דאָס מעבל: 7 בעטלעך און אַ שענקעלע אין וועלכן מיר האַלטן דאָס געפעס, אַ לעפל מיט אַ טעפּעלע און די פּאַרציע ברויט. מיינע מיטזיצער זענען: 1) אַ לערער גאָלדינגער, זיין פאָטער איז געווען אַ מיליטערישער דאָקטער אין ראַנג פון אַ גענעראַל. ערשט איצט, 23 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, האָט מען זיך דערמאָנט, אַז זיין נאָמען קלינגט דייטשיש און דווקא אין דער צייט פון רוסיש־דייטשישן

אָפּמאַך. ער האָט שוין עטלעכע מאָל אַפּעלירט, נאָר ער איז נאָך אונטער אויספאָרשונג. צום סוף באַקומען 8 יאָר. 2) אַן אַגראָנאָם איוואַן ניקאָלייע־וויטש, באַשולדיקט אין סאַבאָטאַזש, אין אויפרייסן אַ בריק, לויטן פּאַראַגראַף 58/6. 3) אַ קאָלכאָזניק יעשענקאָוו, אַן אַנאַלפאַבעט, אַ האַלבער אידיאָט. באַשולדיקט, אַז אין אַ שמועס צווישן פויערים האָט ער געזאָגט, אַז אַלע

איך, אַלס אַרעסטאַנט.

אַלטע מאַשינען ברענגט מען פון דייטשלאַנד און רוסלאַנד צאָלט פאַר דעם מיט די בעסטע פּראָדוקטן, וואָס מ׳נעמט צו ביי די קאָלכאָזניקעס. 4) אַ סטאָ־ליער סידאָראָוו, זיצנדיק אין אַ פּריזערניע האָט ער געזאָגט, אַז אַ היטל וואָס קאָסט אין לעני‌נגראַד 80 רובל, קאָסט דאָ 100. באַקומען 5 יאָר. 5) אַ יונגער רוס, האָט קיינמאָל נישט געזאָגט זיין נאָמען און אין וואָס מען באַשולדיקט אים. 6) מיין שכן פון פּאַשאָלעק און איך.

די ערשטע צייטן האָבן מיר זיך שווער פאַרשטענדיקט אין קאַמער, סיי צוליב דער שפּראַך און סיי ווייל מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס מען מעג רעדן און וואָס נישט. נאָר ביסלעכווייז האָבן מיר זיך צוגעוווינט צו שמועסן און בכלל צום טורמע־לעבן. נאָך אַ געוויסער צייט האָט מען אונדז

איבערגעפירט אין אַן אַנדער קאַמער. עס האָבן זיך אויך געביטן אַ טייל מענטשן. איצט זענען געקומען צוויי פּאָליאַקן: אַ לערער דערטש פון לוד־מיר און אַ וואַלד־טעכניק, ראַמאַן יאַבלאָנסקי פון בוטשאַטש. זייביידע האָט מען געבראַנגט פון אַ פּאַשאַלעק באַשולדיקט אין פּאַראַגראַף 58. מען האָט אויך געבראַנגט אַ נאַטשאַלניק פון אַ וואַסער־דאַמבע אויפן טייך שעקסנע, מיטן נאָמען — טיכאָנאָוו. מען האָט ביי אים געפונען אַ פּאָר לאַקירטע שטיוול, עטלעכע מעטער מאַנופאַקטור און אַ יאַגד־ביקס, דאָס אַלץ נאָך פון די צאַרישע צייטן. אַמאָל האָט מען געבראַנגט אַ טיפּ, מיטן נאָמען פּושקין. אין דער פרי, ווען מ׳האָט באַקומען די 20 גראַם צוקער צו דער קאַווע, האָט ער דעם צוקער אויפגעגעסן באַזונדער, די קאַווע געטרונקען מיט זאַלץ און אַ גאַנצן טאָג גערעדט וועגן דעם, אַז ווען מען גיט נאָך 20 גראַם צוקער וואָלט שוין אַלץ געווען גוט און אין אָרדענונג. דאָך מיט עטלעכע מענטשן האָט מען געקענט שמועסן.

מיר האָבן איינגעשטעלט אַ געוויסן סדר־היום. אַ ביסל שמועסן, אַ ביסל שפּילן אין שאַך, דאַמקע, דאָמינע. מיר האָבן באַקומען אַ נאָדל פּאָדעם, האָבן מיר פאַרראַכטן די מלבושים. אַ ביסל זענען מיר שוין געווען באַשעפּ־טיקט, איז לייכטער געווען איבערצוטראָגן. איך האָב אויך געבעטן ביכער אין דער טורמע־ביבליאָטעק. דאָס ערשטע בוך, וואָס דער ביבליאָטעקאַר האָט מיר געגעבן איז געווען אַן איבערזעצונג פון אַ פּוילישן ליבקן שרייבער יאַלו קורעק א. נ. „אַ גריפּע פּאַנעוועט אין נאַפּראַווי״ (אַ דאָרף הינטער קראָקע). דער שרייבער שילדערט די שרעקלעכע אָרעמקייט אין פּוילישן דאָרף, ווי דאָס גאַנצע דאָרף פאַרמאָגט נישט מער ווי איין שאַכטל שוועבעלעך און מען „באַלייכט״ די ווייבונג מיט האָלץ־קינדלעך. דאָס בוך האָט מען איבערגעזעצט מסתמא כדי צו ווייזן די קאָלכאָזניקעס, אין וואָסער גן־עדן זיי לעבן... אין קאַמער האָט געבראַנגט אַ קליין קאָפּטילקעלע אַן אַ גלעזל, „מען זאָל זען, אַז מיר זיצן אין דער פינצטער״. ביי דעם לעמפּעלע פלעג איך לייענען ביינאַכט, נאָר ניין אָוונט מוזן שוין אַלע שלאָפן. דער וועכטער שפּאַצירט אַרום אין לאַנגן קאָרידאָר און דורכן אויג־פענצטערל אין טיר זעט ער אַלע בעטלעך, האָב איך מיין בעטל אַזוי צוגעגרייט מען זאָל מיינען, אַז עמעץ שלאָפט דאָרט און איך פלעג שטיין אין אַ ווינקל און לייענען. אַמאָל האָט מען מיר געגעבן 6 בענד „די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד״ אונטער דער רעדאַקציע פון דריי פּראָ־מינענטע פירערס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נאָר צוויי נעמען זענען

געוועז אויסגעקראַצט (מסתמא אויך פון לעבן) און דער דריטער — קאַלי־נין איז געבליבן, און ווען איך האָב אין דער געשיכטע אָנגעטראָפן די נעמען פון די בונדישע פירערס וול. מעדעם און בר. גראָסער, האָט ביי מיר אַ בליץ געטאָן אַ שיין פון האָפענונג, אַז די וועלט איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען...

אַמאָל האָב איך געבעטן אַ בוך פון אַ ייִדיש־סאָוויעטישן שרייבער, האָט מען מיר געברענגט אַ בוך פון פּרץ מאַרקיש אויף רוסיש. די בלעטער זענען געווען פאַרגעלט און צוזאַמענגעקלעפּט, מסתמא בין איך געווען דער ערשטער לייענער פון אים און כאָטש אויף רוסיש — האָב איך דערפילט אַזאַ היימישע נאָענטקייט, ווי איך וואָלט געווען אין אַ ייִדישער סביבה...

אונדזער סדר־היום

5.30 זענען מיר אויפגעשטאַנען, אין 5 מינוט האָבן מיר געמוזט זיין דערליידיקט און אָפּגעוואַשן און באַלד דערויף האָט מען אונדז אַרויס־געגעבן אונדזער טעגלעכע פּאָרציע: ברויט 600 גראַם, 20 גראַם צוקער און אַ טעפּל שוואַרצע קאַווע. ווער ס'האָט געקאָנט לעבן מיט חשבון האָט דאָס ברויט איינגעטיילט אויף דריי מאָל, אַנדערע האָבן עס באַלד אויפגע־געסן און געוואַרט ביז מאָרגן אין דער פרי ווידער צו עסן ברויט. נאָכן פרישטיק האָבן מיר גערייניקט דעם קאַמער. יעדן טאָג אַ צווייטער. דריי מאָל אין טאָג האָט אונדז באַזוכט נאַטשאַלסטוואָ. די צערעמאָניע איז געווען אַזאַ: זיי האָבן אויסגערופן דעם נאָמען און מיר האָבן געענטפערט מיטן פאָטערס נאָמען, פּאַראַגראַף און פּונקט פון דער באַשולדיקונג. אין משך פון עטלעכע טעג האָבן מיר דאָס געקענט אויסנווייניק ווי אַ מזמור. אויב מיר האָבן געהאַט אַנקלאַגעס, האָט מען זיך געהייסן אָנמעלדן צום תפיסה־נאַטשאַלניק. יעדן טאָג איז געקומען אַ דאָקטערין זען צי ס'איז ריין אין קאַמער. איך האָב געהאַט ביי איר אַ גוטן שם, ווען זי האָט געזען אַז ס'איז גוט צוגערוימט, פלעגט זי זאָגן, אַז מסתמא האָב איך היינט געהאַט דיזשור. געוועז אַזעלכע וואָס האָבן מיר נישט פאַרגונען דעם קאָמפּלימענט, פלעגן זיי אַראָפּוואַרפן אַ שטיקל אויסגערויכנטן ציגאַרעט, אָבער זי פלעגט דערקענען, אַז ס'איז פריש אַראָפּגעוואָרפן און פלעגט זיי מוסרן, אַז ס'איז נישט קיין שיינע האַנדלונג צווישן טורמע־חברים.

אונדזערע דעקאַדעס (צען טעג)

ווער ס'האָט געהאַט מיט זיך געלט און האָט עס איבערגעגעבן אין דער טורמע־קאַנצעלאַריע, האָט געהאַט דאָס רעכט יעדע 10 טעג אויסצושרייבן: 2 קילאָ ברויט, 200 גראַם צוקער, צו האַלבע קילאָ קיכעלעך, ציבל און קעז. איך פלעג עס שטענדיק טאָן, איך פלעג אויך אויסשרייבן ברויט פאַר מיין מיטזיצער. פון אונדזער זייטיק ברויט האָבן מיר שוין אַמאָל געקאָנט אַרויס־העלפן די צוויי פּאַליאַקן וואָס זענען מיט אונדז געזעסן. יעדע 10 טעג פלעגט קומען אַ פּרווּ צו ראַזירן אונדזערע בערד, נאָר היות קיין ראַזיר־מעסער האָט זי נישט געהאַט, האָט זי אַ קליין ראַזיר־מעסערל אַריינגעפּאַסט אין אַ שטיקל האָלץ און מיט דעם פלעגט זי קראַצן. כ'האָב דעם איינדרוק, אַז די גאַנצע צייט האָט זי געקראַצט מיט דעם זעלביקן מעסערל, אַזוי, אַז מיר זענען אַרויס פון אונטער אירע הענט ווי נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע. יעדע 10 טעג זענען מיר געגאַנגען אין באָד און די טורמע־דאָקטאָרין האָט אַרומגעשפּאַצירט צווישן די נאַקעטע מענער ווי אין גן־עדן. ביי די פרויען ווידער האָט אַרומגעשפּאַצירט אַ מאַן. די ערשטע צייטן האָב איך זיך געשעמט אויסצוטאָן אין גאַנצן, אָבער ביסלעכווייז האָב איך זיך געמוזט צוגעוווינען...

ר ע ו י ז י ע ס

יעדע 10 טעג איז פאָרגעקומען אַ פּערזענלעכע און קאַמער־רעוויזיע, די דאָזיקע זוכונגען זענען געווען אַ פיזישע און מאָראַלישע דערנידעריקונג און אַ פּיין. אין מיט דער נאַכט האָט מען אונדז אויפגעוועקט פון שלאָף, אויסגעטאָן נאַקעט אַפילו אין די גרעסטע פרעסט ווינטער און אונדז אַרויס־געפירט אין קאָרידאָר. דאָ האָט מען געמאַכט אַ גענויע בדיקה איבערן נאַקעטן קערפּער, געזוכט אין מויל, צווישן די ציין, אונטער דער צונג, צווישן די פינגער און אין אַלע אינטימע ערטער. מיר שטייען, ציטערן פון קעלט און שוויגן. אַמאָל האָב איך געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז אונטערן צונג האָב איך באַהאַלטן אַ טאַנק... זיי האָבן אַ שמייכל געטאָן און גאָרנישט געענטפערט. געענדיקט מיט דעם, האָט יעדער אָנגעוויזן זיין בעטל און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש אין בעטל און אין די מלבושים. אַלץ האָט מען אויסגעטאַפּט און דורכגעגנישטערט און מיר שטייען נאַקעטע און ציטערן... דאָס איז אין די געוויינלעכע דעקאַדע־רעוויזיעס. אַנדערש איז אָבער פאַר

די גרויסע יום־טובים, ערב דעם 7־טן נאָוועמבער, 1־טער מאַי, „3 למדן״. דעמאָלט געטרויט מען נישט די שטענדיקע זוכער, נאָר נאַטשאַלסטוואָ אַליין איז זיך מטריח. די פּראָצעדור איז די אייגענע, נאָר ווען עס קומטביים זוכן אין די בעטן האָט דער נאַטשאַלניק ליב זיך צו פּאָרען ביי מיין בעט. דאָ זעט ער נאָך עטלעכע שיינע אויבער־העמדער, אַ שלאָף־פּידזשאַמע, א שיינעם פּאַלטן און נאָך פיינע זאַכן אין אַ גוטן צושטאַנד. אוי, ווי עס ציט אים צו דעם. אַמאָל איז געשען אַן אומגליק: אין וועסטל־קעשענע האָט מען ביי מיר געפונען אַ גראָשן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאָרשעניש, אַ טראַכטעניש ווי קומט צו מיר דאָ געלט. עטלעכע מאָל האָט מען מיך גערופן צום נאַטשאַלניק, ער האָט געבעטן ביי מיר אויפקלערונגען. איך האָב אים געזאָגט: זע, איך האָב אַריינגעלייגט אין דער קאַנצעלאַריע 300 רובל, צו וואָסזשע האָב איך געדאַרפט איבערלאָזן אַ גראָשן? נאָר אויב מ׳האָט אים איצט געפונען איז אַ סימן, אַז די וואָס האָבן שוין אפשר צוואָנציק מאָל געמאַכט רעוויזיעס און געזוכט, אַרבעטן נישט גוט... דער נאַטשאַלניק האָט אַ שמייכל געטאָן און מער זיך נישט פאַרנומען מיט דעם.

ווען עס פלעגט שוין גאָר ווערן אומעטיק און שווער אויפן געמיט, פלעג איך זיך אונטערזינגען פאָלקס־לידער, אַרבעטער־לידער, אַפילו קינדער־לידער אָדער גאָר חסידישע ניגונים, וואָס פלעגן מיך אַריבערפירן אין מיין ווייטער קינדהייט און יוגנט־צייטן. ס׳פלעגט צוקומען דער נאַטשאַלניק טיכאָנאָוו, מיך פאָטערלעך ארומנעמען און פרעגן: וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק און פאַרטראַכט? דו ביסט דאָך דער יונגסטער און לעבעדיקסטער צווישן אונדז. מיט אים האָב איך אָפט געפירט שמועסן, אַ ביסל אָפן, אַ ביסל פאַרשטעלט. איך האָב אים געוואָלט איבערצייגן, אַז דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד וועט זיכער פאַרשפּילן די מלחמה, האָט ער מיר דערויף געענטפערט מיט איראָניע, אַז איך האַלט מיט די קאַפּיטאַליסטן... ס׳איז געווען אַ דייטלעכע אָנצוהערעניש אויף דער דעמאָלטיקער סאָוויעטישער פּאָליטיק. נאָר ווען מיר האָבן גענומען אַ ביסל העכערע טענער, האָט דער וועכטער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פרעגנדיק, וואָס איז עס פאַר טומל? אויף וועלכן עמעץ האָט געענטפערט: דאָס איז אַלץ אונדזער אויסלענדער.

אין אַן אַנדער קאַמער

די קאַמער אין וועלכער מיר זענען געזעסן איז געווען אין עק פון בנין, דאָס מיינט, אַז צוויי ווענט זענען געווען דרויסנדיקע און פון זיי האָט ממש געריונען וואַסער. איך האָב געפילט, אַז איך ווער קראַנק אויף רעוומאַטיזם אין די הענט און פיס (טיילווייז איז עס מיר געבליבן ביז היינט), האָב איך זיך געוואָנדן צום נאַטשאַלניק און אים אויפגעקלערט: היות מיר אַלע זיצן נאָך אונטער אַן אויספאָרשונג, ס׳קאָן זיין אַז מיר וועלן גאָר באַפרייט ווערן, טאָ פאַרוואָס קומט אונדז אַזאַ קאַמער אין וועלכער מיר ווערן קראַנק? האָט ער מיר געגעבן גערעכט און צוגעזאָגט אַריבערצופירן אין אַן אַנדער קאַמער. טאַקע צומאָרגנס האָט מען אונדז אַריבערגעפירט. מיר זענען אַריין אין אַ קאַמער ממש אַ גן־עדן, וואַרעם און טרוקן. מיר האָבן פאַרנומען אונדזערע בעטלעך, איך צווישן די ביידע פּאָליאַקן, מיר זאָלן קאָנען שמועסן גאַנצע נעכט. אגב, שמועסנדיק אַמאָל שפּעט ביינאַכט מיט דעם פּאָליאַק דעם לערער, האָבן מיר געמאַכט אַ פּלאַן: אויב מיר וועלן אַמאָל אַרויס אויף דער פריי און זיין אין פּוילן, זאָלן מיר צוזאַמען אָנשרייבן אַ בוך זכרונות, וועגן אונדזערע איבערלעבונגען אין די פּאַשאָלקעס און אין תפיסה. אַמאָל איז אויסגעקומען צו רעדן וועגן דעם פּויפּסט און דעם וואַטיקאַן און שוין דעמאָלט האָב איך געהאַלטן, אַז זיין שווייגן בעת עס קומט פאָר אַזאַ בלוט־פאַרגיסונג איז אַ פאַרברעכן. און דאָס, ווען מיר האָבן נאָך נישט געוווּסט היטלערס „מעשים־טובים“ לגבי די ייִדן. פאַרשטייט זיך, אַז פון די אַלע „פּלענער“ איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, אונדזערע ווייטערדיקע איבערלעבונגען האָבן דאָס אַלץ צונישט געמאַכט. אין דער נייער קאַמער האָבן מיר אויך באַקומען צוויי נייע שכנים. איינער אַ פאַרקויפער אין אַ מאַגאַזין, ביי וועמען די ביכער האָבן עפּעס נישט געשטימט. און דער צווייטער אַ פּרעדסעדאַטעל פון אַ קאָלכאָז — קלושין האָט ער געהייסן — אַ מאָדנער טיפּ. אַ גאַנצן טאָג איז ער געלעגן אויפן בעטל מיטן בויך אַראָפּ, זיך נישט באַטייליקט אין אונדזערע שמועסן און דיסקוסיעס. דאָס גאַנצע ברויט פלעגט ער אויפעסן מיט איין מאָל אין דער פרי, שפּעטער נאָר אויפשטיין צום נעמען דאָס ביסל מיטאָג און אָוונט־ברויט. דערפאַר איז ער געווען אַ ספּעץ אויף רוסישע קללות. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער אַ שאָט טאָן אַ גאַנצן לעקסיקאָן. מיר האָבן אים אַמאָל פאָרגעלייגט אַ פּאָרציע ברויט

און ער זאָל זיך באַהערשן אַ טאָג נישט שעלטן, נאָר ער האָט נישט אויס־געהאַלטן...

איך האָב זיך אויסגעלערנט דעם אופן ווי זיך צו פאַרשטענדיקן מיט דער צווייטער קאַמער, דורך קלאַפּן אין דער וואַנט. נאָכן אָפּפאַרטיקן זיך מיט אונדזער אַרבעט, האָבן מיר זיך גענומען פאַרשטענדיקן מיט דער „גרויסער וועלט". אַזוי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין דער צווייטער קאַמער — פונקט אַזוי גרויס ווי אונדזערע — זיצן דאָרט 28 מענטשן, נאָר נאָך איידער די שמועסן האָבן זיך אַנטוויקלט, איז דער קלאַפּער פון יענער זייט געכאַפּט געוואָרן ביי דער מלאכה. ער האָט זיך געפּרוּווט אַרויסדרייען, האָט ער געטענהט, אַז ער האָט נאָר געענטפערט ווען מ׳האָט צו אים גע־קלאַפּט. עטלעכע טעג האָט וויזט אויס, אונדזער וועכטער נאָכגעשפּיאָנירט, ביז ער האָט מיך געכאַפּט קלאַפּן אין וואַנט. איך האָב זיך אויך געפּרוּווט אַרויסדרייען, נאָר ס׳איז מיר נישט געלונגען. מען האָט מיך אַרויסגערופן צום הויפּט־נאַטשאַלניק. ער האָט מיר געפרעגט, ווי פּאַסט עס פאַר אַזאַ מענטש, וואָס האַלט אַז אין רוסלאַנד איז קיין קולטור נישטאָ, זאָל טאָן אַזאַ נישט קולטורעלע און פאַרבאָטענע זאַך? איך האָב זיך געוואָלט פאַר־ענטפערן, נאָר ער האָט זיך נישט געלאָזט. „מיר ווייסן אַלץ וואָס עס קומט פאַר אין די קאַמערן" האָט ער געזאָגט. פאַר אַזאַ זאַך קומט מיר 10 טעג קאַרצער, האָט ער מיר פאַרזיכערט, נאָר ער רעכנט זיך מיט דעם, וואָס איך בין אַ קולטורעלער מענטש און ער איז זיכער, אַז מער וועט עס נישט געשען, קום איך אָפּ מיט אַ לייכטער שטראָף: איינמאָל וועל איך נישט קאָנען אויסשרייבן פון מאַגאַזין דאָס, וואָס איך קאָן קויפן פאַר מיין געלט. איך האָב אים געדאַנקט פאַר זיין מילדער באַציונג ביי יענע אומשטענדן און מיט דעם האָט זיך דער ענין פאַרענדיקט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט דעם אמת. זיי האָבן טאַקע אַלץ געוווּסט וואָס מען רעדט אין די קאַמערן. אָט דער שטילער תמעוואָטער קלושין איז עס געווען דער צוטראָגער. אַנטדעקט געוואָרן איז עס צופעליק: מען האָט מיך אַמאָל איבערגעפירט אין אַן אַנדער קאַמער אויף איין טאָג, דאָרט האָב איך געטראָפן אַ לעטישן בירגער און ער האָט מיר דערציילט: אַז פאַרמשפּט האָט מען אים אויף 5 חדשים פאַר אַ „פּראָגול" (פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט), נאָר אין קאַמער האָט ער אין אַ שמועס אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז ענגלאַנד מיט אַמעריקע וועלן געווינען די מלחמה, דערפאַר האָט מען אים אין תפיסה געמשפּט, ער האָט באַקומען 5 יאָר און דער

קלושין איז געווען אַן עדות קעגן אים, ער איז געווען בעת דעם שמועס. נאָר מיר האָט אָפּגעגליקט, כאָטש מיין חלק יאָרן האָב איך סיוּוּי באַקומען. ווען איך בין געקומען צוריק אין מיין קאַמער האָב איך עס דערציילט מיינע מיטזיצער. אַמאָל בעתן מאַכן אַ ביסל ספּאָרט, האָט די חברה אונטערגעפירט כלומרשט אין שפּאַס, אַז איך מיט קלושינען זאָלן זיך פאַרמעסטן. איך בין נאָך דעמאָלט געווען ביי די כוחות, האָב איך אים געגעבן אַזאַ שטויס צום אייזערנעם בעטל, אַז ער האָט זיך קוים אויפגעהויבן. דער דיזשורנער איז אַריין, נאָר אַלע האָבן געטענהט אַז ס'איז גאָרנישט געשען. דער שפּיצעל האָט זיך געשעמט, ווייל אַלע האָבן געלאַכט פון אים און איך האָב געהאַט כאָטש אַ שטיקל נקמה.

נאָך אַן איבערלעבונג דערמאָנט זיך מיר פון יענער צייט, ווען מ'האָט מיך אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער קאַמער: כ'האָב געטראָפן אַ פּאָטער מיט אַ טאָכטער (די טאָכטער איז געזעסן באַזונדער), וואָס מען האָט געכאַפּט ביים פּרוּוון אַנטלויפן פון אַ פּאָשאָלעק. מען האָט זיי געמשפּט צו צוויי יאָר תפיסה. דער פּאָטער, אַ זייער רעליגיעזער ייִד, מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, האָט געלעבט בלויז אויף ברויט מיט וואַסער, ווייל די זופּן האָט ער געהאַלטן פאַר טריפה. ווען ס'איז אָבער געקומען פּסח און חמץ אין פּסח איז דאָך אַ גרויסע עבירה, האָט ער צוליב פּיקוח־נפש געגומען עסן נאָר די טריפהנע זופּן. כ'האָב געטראַכט פאַר וואָסערע דילעמעס דאָס לעבן שטעלט אַוועק אַ מענטשן...

באַשעפטיקונגען אין טורמע

נאָך די אַלע אויסגערעכנטע זאַכן וואָס מיר האָבן געטאָן, איז אונדז נאָך געבליבן געגוג פרייע צייט, וועלכע מען האָט געדאַרפט אויספילן. האָבן מיר זיך אויסגעלערנט פאַרשיידענע טורמע־שפּילן, חלומות־באַשיידן און סתם נביאותן. איין שפּיל אַזאַ אין שוועבעלעך האָט מיך געמאַכט פאַר אַ גאַנצן מומחה צו באַשיידן אַלץ צום גוטן. זעט אויס, אַז אין אַזעלכע אומשטענדן ווערן מענטשן אָבערגלויביק און זיי וואַרטן אויף אַ ביסל טרייסט. האָב איך עס גערן געטאָן פאַר זיי: האָט זיך עמעצן געחלומט וואַסער, איז עס אַ גוטער סימן. חלומט זיך ווייסע וועש, וועט מען איבערקוקן זיין „דיעלאָ"; איז צוגעקומען אַ פויגל צום פענצטער, איז אַ סימן אַז מען וועט עמעצן באַפרייען, אָדער מען וועט עמעצן ברענגען צו אונדז. אַזוי

האָבן מיר זיך געשפּייזט מיט אילוזיעס כדי גרינגער צו מאַכן אַ ביסל דאָס געמיט... ס׳איז געווען נאָך אַ באַשעפטיקונג אין קאַמער: צו מאַכן פייער. בדרך־כלל האָבן די רויכערער געהאַט גרויסע צרות, ווען זיי האָבן געהאַט טאַבאַק, האָבן זיי נישט געהאַט קיין פּאַפּיר, האָבן זיי געהאַט פּאַפּיר איז נישט געווען קיין טאַבאַק און ווען ביידע זאַכן זענען שוין געווען איז נישט געווען קיין פייער. מיט פּאַפּיר האָט מען זיך אַן עצה געגעבן: מען האָט אויסגעריסן בלעטער פון די ביכער וואָס מען האָט געבאָרגט אין דער תּפיסה־ביבליאָטעק, אַמאָל האָט מען אַריינגעברענגט שטיקלעך צייטונגען, דעמאָלט פלעג איך צום ערשטן צוזאַמענשטעלן די שטיקלעך און פּרוּוון עפּעס איבערלייענען וואָס מען הערט אויף דער וועלט. אַזוי האָבן מיר איינמאָל איבערגעלייענט, אַז גריכנלאַנד האָט אָפּגענומען אַלבאַניע, וואָס איטאַליע האָט געהאַט אָקופּירט, איז דאָס געווען פאַר אונדז אַ פריילעכע בשורה... נאָר אויך מיט פייער האָבן זיי זיך באַזאָרגט: היות יעדער איז געגאַנגען אין וואַטענע מלבושים, האָט מען אַרויסגעצויגן אַ שטיקל וואַטע און מען האָט עס אַזוי געקאָלערט און געריבן צווישן צוויי ברעטלעך ביז ס׳האָט אַרויסגעגעבן פונקען און דאָס שטיקל וואַטע האָט זיך אָנגעצונדן...

היות מיין ענין איז נאָך אַלץ געווען אין דער סטאַדיע פון אויספאָרשונג האָב איך אַמאָל באַשלאָסן, מיט דעם הסכם פון נאַטשאַלניק — צו שרייבן צו די העכסטע אינסטאַנצן, ד. ה., צום פאָרזיצער פון העכסטן סאָוויעט — קאַלינין און צו אונדזער באַקאַנטן פון די מאָסקווער פּראָצעסן — דעם הויפּט־פּראָקוראָר ווישינסקי. כ׳האָב אָנגעשריבן אַכט בויגנס פּאַפּיר, אויפ־געקלערט דעם גאַנצן ענין מיט אַלע פּרטים און געבעטן אַ גיכע דעציזיע. צו וועמען די בקשה איז דערגאַנגען, ווער עס האָט זי געלייענט, ווייס איך נישט, נאָר איך האָב קיין תּשובה נישט דערהאַלטן קיינמאָל.

אין אונדזער סדר־היום איז אויך געווען אַ שפּאַציר 20 מינוט. דאָס איז פאָרגעקומען אין אַזאַ פאַרמאַכטן קאַסטן פון פיר ווענט פון וואַנען אַפילו אַ קאַץ וואָלט נישט געקאָנט אַנטלויפן. פון דעסטוועגן זענען אויף הויכע בודקעס געשטאַנען וועכטער מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן איבער אונדזערע קעפּ. ביי אַ יום־טוב אָדער עפּעס אַ שטערונג, האָט מען גלייך אָפּגעשאַפט דעם שפּאַציר וועלכער איז אונדז אַזוי נויטיק געווען. אין אַ גע־וויסן טאָג האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז היינט וועלן מיר קיין שפּאַציר נישט האָבן, מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז עפּעס דאַרף פאָרקומען און טאַקע אין אַ גע־וויסער צייט אַרום עפנט זיך די טיר און עס גייט אַריין אַ גאַנצע קאָמיסיע:

דער נאַטשאַלניק, זיין פאַרטרעטער, דער פּאָליטרוק און נאָך צוויי אומבאַ־
קאַנטע פאַר אונדז מענטשן. זיי נעמען זיך אויספרעגן: ווי אונדז גייט, ווי
מיר לעבן, ווי איז די באַנעמונג פון דער אַדמיניסטראַציע און צי מיר
האָבן אָנקלאַגעס? פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן געענטפערט אַז אַלץ איז
אין בעסטער אָרדענונג. נאָר איך האָב זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און
זיי פאָרגעשטעלט מיין ענין: איך זיץ שוין באַלד 7 חדשים אָן אַ משפּט,
בעט איך זיי זיך פאַראינטערעסירן און אויפקלערן. זיי האָבן אַלץ פאַר־
צייכנט און צוגעזאָגט צו דערליידיקן פּאָזיטיוו. נאָך זייער אַוועקגיין האָבן
מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס זענען געווען דער פּראָקוראָר און דער אויספאָר־
שונגס־ריכטער פון אָבלאַסט. בערך אין אַ חודש אַרום האָט מען מיך גערופן
צום נאַטשאַלניק, ער האָט פאַר מיר נאָכאַמאָל פאָרגעלייענט דעם באַשולדי־
קונגס־אַקט און ער האָט מיר געגעבן אַ צעטל איך זאָל אַליין איבערלייענען.
ס'איז אים, ווייזט אויס, געווען שווער עס צו זאָגן מינדלעך... אין דעם צעטל
איז געווען געשריבן, אַז איך בין פאַרמשפּט אויף 5 יאָר. פאַר כעס האָב
איך דעם צעטל אַ וואָרף־געטאָן אין דער ערד. דער נאַטשאַלניק האָט מיך
געפּרווּט באַרויִקן, אַז 5 יאָר איז אַ קינדערשער אורטייל, אַז די סאָוויעטישע
יוסטיץ איז אַ גערעכטע און אַז דאָרט וווּהין מען וועט מיך שיקן וועט מיר
זיין בעסער ווי דאָ אין טורמע, נאָר איך האָב אים געענטפערט: ביי אונדז
האָבן נאָר שווערע פאַרברעכער באַקומען פינף יאָר און איך בין קיין פאַר־
ברעכן נישט באַגאַנגען. איך בין צוריק געגאַנגען אין קאַמער און גענומען
וואַרטן אויף מיין וויטערדיקן גורל.

מיטן עטאַפּ קיין טשערעפּאָוועץ

בלויז אין עטלעכע טעג אַרום מעלדעט מיר דער נאַטשאַלניק, אַז איך
דאַרף זיך גרייטן אין וועג אַריין. „וווּהין פירט מען מיך?״ — פרעג איך
ביי אים און ער ענטפערט — „אויף צפון, בערך אַ 2000 קילאָמעטער פון
דאַנען״ (אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז איך בין פאַרשיקט געוואָרן 20,000 קי־
לאָמעטער ווייטער). דעמאָלט האָבן מיר געהאַט אַ לענגערן שמועס, איך
האָב אים פאַרגעוואָרפן פאַרוואָס ער האָט אַריינגעשיקט צו אונדז אַן „אונ־
טערטראָגער״, דערצו נאָך אַזאַ מיאוסן נפש. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ
און געענטפערט: וואָס ווילט איר, אַלע זאָלן זיין קולטורעל? מיר האָבן זיך
געזעגנט, כ'האָב אים געדאַנקט פאַר זיין מענטשלעכער באַנעמונג צו מיר

כמעט די גאַנצע צייט פון מיין זיין דאָ, אים געזאָגט — צום ווידערזען! אָבער נישט אין טורמע, און בין אַרויס. צומאַרגנס האָט מיר דער וועכטער געהייסן פּאַקן מיינע זאַכן. איך נעם עס טאָן. אין קאַמער איז אַ טויט־שטיל־קייט, קיינער רעדט קיין וואָרט נישט אַרויס, אַ שווערע געדריקטע שטימונג. אַלע האָבן עפּעס דאָס געפיל ווי מען זאָל אָפּשניידן אַ שטיק פון אַ לעבעדי־קער זאַך. אין משך פון די 7 חדשים זענען מיר עפּעס ווי געוואָרן צוזאַמענ־געוואַקסן, ס'איז שווער די צעשיידונג. מען וויל עפּעס זאָגן, נאָר די וועכטער שטייען און קוקן אויפן מויל און אויף די הענט. האָב איך בלויז מיט אַ ווונק זיך געזעגנט מיט מיינע שותפים צום גורל, און אַזוי אַרום זיך פּאַראייניקט צו זייערע געדאַנקען און געפילן. כ'האָב דעם לעצטן קוק געטאָן אויף דער קאַמער און בין אַרויס מיט אַ פּחדימדיק פאַרגעפיל פאַר מיין וויטערדיקן גאַנג...

ס'איז חודש אַפּריל. די טיפע שנייען שמעלצן אונטער די שטראַלן פון דער זון. מיר שטייען אויפן הויף 80 מענטשן שוין פאַרמשפּטע — פון 6 חדשים פאַר פּראַגול, ביז 10 יאָר. דער נאַטשאַלניק רופט אויס די פאַמיליעס און מיר דאַרפן צוגעבן: דעם פאָטערס נאָמען, פּאַראַגראַף און די הויך פון דער שטראָף. מען שטעלט אונדז אויס, פיר אין אַ ריי און יעדער באַקומט זיין צוטיילונג אין וועג אַריין אויף פיר טעג ברויט. דער נאַטשאַלניק גיט אַ קאָמאַנדע די שומרים, זיי זאָלן זיך שטעלן אויף די ערטער, די ביקסן געלאָדן, די פינגער אויפן צינגל — גרייט צום שיסן. די לעצטע מעלדונג: ווער ס'וועט אַרויס פון די רייען, לינקס אָדער רעכטס, וועט דערשאָסן ווערן אָן אַ וואָרענונג און מיר מאַרשירן אַרויס פון תפיסה־הויף. נאָך זיבן חדשים זיצן פאַרשפּאַרט — אויף דער פרייער לופט, נאָר מיר זענען שוין אָפּגע־וווינט פון גיין. אין דרויסן איז גליטשיק. באַזונדער שווער איז עס מיר, ווייל איך האָב נאָך אַ ביסל זאַכן מיט זיך: עפּעס איבערצוטאָן, אַ קישעלע, עטלעכע קילאָ צוקער, אָפּגעשפּאָרט דורך דער גאַנצער צייט פון מיינע דעקאַדע־איינקויפן און איצט — דאָס ברויט אויף די עטלעכע טעג, צוזאַ־מען אַ גאַנץ־שווערער פּאַק, וואָס האָט מיר געשטערט צו גיין גלייך מיט אַלע.

מיר זענען 80 מענטשן, עטלעכע ייִדן און צוויי פּאָליאַקן. איינער אַ וואַרשעווער ייִד האָט מיר פאַרגעלייגט העלפן טראָגן עפּעס פון מיינע זאַכן. איך האָב אים געגעבן דאָס ברויט. באַלד דעם ערשטן טאָג פון אונ־דזער מאַרש איז אָנגעפאָרן אַ שווערער טראַקטאָר וואָס האָט געפירט קלעצער

פון וואַלד, ער איז געגאַנגען זייער פאַמעלעך און דער שאָפער האָט מסכים געווען מיטצונעמען אַ ביסל מענטשן. האָט דער קאָנוואָי דערלויבט די, וואָס האָבן געהאַט קליינע אורטיילן אַרויפצוגיין אויפן טראַקטאָר און פאָרן. אויך מיין העלפער ביים טראָגן — איז אַרויף אויפן טראַקטאָר און ביסלעכווייז האָט זיך דער טראַקטאָר דערווייטערט ביז ער איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון אונדזערע אויגן און איך בין געבליבן אָן ברויט און מיר דאַרפן נאָך גיין קנאַפּע פיר טעג. האָב איך זיך גענומען דערנערן מיט שניי און צוקער. פאַרשטייט זיך, אַז אויפן צווייטן טאָג האָב איך שוין נישט געהאַט קיין כּוח צו גיין און בין געבליבן הינטערשטעליק, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע שוואַכע גייערס. די מיליציאָנערן ווילנדיק מיר זאָלן גיין צוזאַמען מיט אַלע האָבן אונדז געשטעלט אין דער ערשטער ריי, אַז אַלע זאָלן גיין אין אונדזערע טריט און די יונגע רוסן, וואָס זענען געגאַנגען הינטער אונדז האָבן אונדז גענומען באַוואַרפן מיט קוילן שניי, פאַרוואָס מיר גייען אַזוי פאַמעלעך. פאַר זיי, וואָס דער גרויסער רוב איז געווען פאַרמשפּט פאַר כוליגאַניזם און גניבה איז דער וועג געווען אַזאַ מין הפקרדיקער שפּאַציר. ווען מיר זענען אַרויס פון דער ריי און דער קאָנוואָי האָט געפרעגט פאַר וואָס מיר גייען נישט גלייך, האָבן מיר אים דערציילט, אַז מען באַוואַרפט אונדז מיט קוילן שניי, מיט אייז און מיט קללות. האָט ער זיך צעשריגן, אַז מיר זענען סאַבאָטאַזשניקעס און מיר מאַכן דעם אָנשטעל אַז מיר קאָנען נישט גיין. אָבער אַ ביסל שפּעטער, גייענדיק לעבן אונדז, האָט ער אויך געכאַפּט אַ קויל שניי אין קאָפּ אַריין, האָט ער בלית־ברירה אונדז אַרויסגענומען פון די מאַרשירנדיקע רייען און איינער פון די קאָנוואָיען איז מיט אונדז געגאַנגען באַזונדער, ווי מיר האָבן געקאָנט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען אָנגעקומען פאַרשפּעטיקטע אויף אונדזערע אָפּרו־ערטער. מיר האָבן קוים באַוויזן אַראָפּצוואַרפן די נאַסע שיך פון די פיס און אַוועקגעפאַלן טויט־מידע אויף דער ערד שלאָפן.

סוף־כּל־סוף האָבן מיר זיך אויפן 5־טן טאָג דערשלעפּט קיין טשערעפּאָוועץ אין תּפיסה אַריין, נאָר אויך דאָרט האָט מען אונדז קיין עסן נישט געגעבן, ווייל מיר האָבן באַקומען ברויט אויף 5 טעג און זיי זענען נישט מחויב צו געבן טאָפּלט... אַזוי האָב איך גאַנצע פינף טעג געלעבט נאָר אויף אַ ביסל צוקער און שניי.

עטלעכע טעג האָבן מיר אָפּגערוט אין דער טשערעפּאָוועצער תּפיסה, ביז

מען האָט איבערגעקוקט אונדזערע דאָקומענטן, וועמען און וווהין מען דאַרף שיקן. דערווייל האָב איך אויך דאָ אין די עטלעכע טעג געהאַט גאַנץ אינטערעסאַנטע איינדרוקן:

באַקענענדיק זיך מיט מײַנע מיטזיצערס האָט זיך מיר גאָר שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן איינער אַ מאָדנער פּאַרשוין: אַ יונגער, גאַנץ פֿיין אָנגעטאָן, מיט אַ קמץ־בערדעלע און אַ פֿיינעם קאַפּעליוש. אַלע האָבן אים געקענט, מיט אַלע איז ער געווען אויסגעקאָכט, מען האָט אים גערופֿן „דאָקטער״ בראָנשטיין. און אָט האָט דער פּאַרשוין מיך באַמערקט און זיך גענומען דערנענטערן צו מיר, פֿאַרפֿירט מיט מיר אַ שמועס אין אַ פֿיינעם ליטעראַרישן ייִדיש וועגן הויך־פּאָליטיק. אין האַלבן וויץ פֿרעג איך בײַ אים, צי ער געהער נישט צו דער באַרימטער בראָנשטיין־משפּחה (געמיינט טראָצקי), און ער דערציילט מיר אַ גאַנצע געשיכטע, אַז נאָך אין 1920 איז ער געווען אין דער דעלעגאַציע צו פֿירן שלום־אונטערהאַנדלונגען מיט דער פּוילישער רעגירונג, דעמאָלט איז ער אויך געווען אין וואַרשע. איך זע, אַז די גאַנצע געשיכטע איז פֿול מיט סתירות, אין 1920 איז ער נאָך מסתמא געווען אַ קינד, נאָר איך מאַך זיך נישט וויסנדיק. דערווייל באַמערקט ער, אַז איך טראָג אויף די פֿיס אַ פּאָר גוטע פּוילישע שטיוול גייט ער גלייך אַריבער צום ענין: איך זאָל אים אָפּגעבן די שטיוול פֿאַר אַ פּאָר שיך מיט אַ פּאַרציע ברויט, דערבײַ זאָגט ער מיר, אַז סײַווי וועלן די בלאַטע חבֿרה (גנבֿים) בײַ מיר די שטיוול צונעמען, זאָל איך זיי בעסער אים אָפּגעבן און ער וועט מיך באַשיצן. אָט דערזע איך טאַקע הינטער אים אַ גאַנצע גרופּע רוסישע קאָליגאַנעס מיט וועלכע ער שרעקט מיך. איך האָב זיך נישט פֿאַרלוירן און אַ הויכן געשריי געטאָן, אַז ער האָט געטראָפֿן אַ פֿאַלשן אַדרעס. אויך ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז קיין לײַכטע מלאָכה וועט עס נישט זײַן און ער האָט זיך אָפּגעטראָגן צוזאַמען מיט דער חבֿרה. ערשט איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דער „דאָקטער״ איז געווען אַן אָנפֿירער פֿון אַן אָרגאַניזירטער שייקע, וואָס באַרויבט די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אין די סאָוויעטישע תּפֿיסות.

קיין וואָלאָגדע

אין אָוונט זענען די וועכטער אַריין אין קאַמער מיט אַ געשריי: „ז'וויעשטשאַמי!" מיט די זאַכן הייסט עס זאָלן מיר זיין גרייט און אין אַ פּאָר מינוט אַרום, זענען מיר שוין איינגעשטיגן אין פּאַרמאַכטע, פּאַר־קראַטעוועטע אויטאָס, אויפן וועג צו דער באַן־סטאַציע. אויך קיין וואָ־לאָגדע זענען מיר אָנגעקומען ביי נאַכט, ווידער פּאַרמאַכטע אויטאָס אויפן וועג צו דער תּפיסה, ביז מיר דערגרייכן אַהין. הויכע מויערן אַרום דער תּפיסה, נאָר אונדז פירט מען אַריין אין אַ טונעל. מיר גייען עטלעכע מינוט אין דער פינצטער. מסתּמא, מיר זאָלן נישט וויסן דעם וועג אויף צוריק. פּלוצים ווערט ליכטיק אין טונעל און מיר דערזעען פאַר זיך אַ הויכן איי־זערנעם טויער און גאָר אינדערהויך אויסגעאַרבעט פון אייזן די לוחות, מיט אַ קרוין פון אויבן. די „עשׂרת־הדברות אין די לוחות זענען נישט געווען, נאָר די ווערטער „כּתר תּורה" פון אויבן זענען נאָך געווען דייטלעך. וויפל איך האָב זיך שפּעטער נישט באַמיט צו דערוויסן, פון וואַנען עס קומט אַזאַ טויער ביי דער וואָלאָגדער תּפיסה, בין איך צו קיין ענטפער נישט דערגאַנגען און ס'איז ביי מיר ביז היינט אַ מיסטעריעזער סוד... שטייענדיק אַזוי פאַרטראַכט, זע איך לעבן זיך דעם „דאָקטער" בראָנשטיין, אויך ער וויזט מיר דעם מאָדנעם טויער, דערביי וויזט ער מיר אָן 11־יעריק רוסיש ייִנגעלע, וואָס האָט שוין באַוויזן צו באַקומען אַ יאָר תּפיסה. דרך־אגב גיב איך אים אַ פרעג „פּאַרוואָס ער אַליין זיצט", דערציילט ער מיר: אַרעס־טירט האָט מען אים פאַר פּאָליטיק, נאָר אין תּפיסה האָט ער זיך אַזוי אויפ־געפירט, אַז מען האָט אים נאָכאַמאָל געמשפּט פאַר כוליגאַנסטוואָ. אַזוי האָט ער אַ בעסערן אָנזען ביי נאַטשאַלסטוואָ און דאָס לעבן אין לאַגער וועט אים זיין לייכטער. שפּעטער האָב איך געזען, אַז ביי דער שייקע גנבים און מער־דער איז ער געווען דער פירער און באַפעלער.

אין די קאַמערן

פאַרשטענדלעך, אַז אונדז, די געפערלעכע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, די וואָס ווילן אַראָפּוואַרפן די ראַטן־מאַכט, האָט מען איינגעזעצט אין באַזונ־דערע קאַמערן. איך בין געזעסן אין אַ גרויסן קאַמער מיט 40 בעטלעך, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ וואָקזאַל. דאָ האָב איך אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. כ'האָב אָנגעטראָפן מענטשן, מיט וועלכע מ'האָט זיך שוין

געקאַנט אַדורכרעדן. ס׳זענען געווען ייִדן פון פוילן: אַ געוויסער אַדוואָקאַט האכט, געשטאַמט פון לעמבערג — געוווינט אין פּינסק, אינזשיניער רוד־בינשטיין פון פּינסק.ביידע זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר „רעוויזיאָניזם״. האָבן מיר טאַקע געהאַט וואָס צו שמועסן. יעדער האָט דערציילט וועגן זיינע אַמאָליקע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. געווען אויך צווישן אונדז אַן אוקראַאִינישער פּאָפּ, ער איז שוין געזעסן 22 יאָר. מ׳האָט אים אין קיין אַרבעטס־לאַגער נישט געשיקט, נאָר פון איין תּפיסה אין דער צווייטער. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע, שיינע ווייסע באָרד, געטראָגן אַ שיינעם פוטער מיט אַ ווידרע־קאָלנער, דאָס עסן פון קעסל האָט ער נישט גענומען, ער האָט געהאַט גענוג, וואָס זיינע אָנהענגער פון דרויסן האָבן אים אַריינגעשיקט. געווען אַ פאַל, ווען זיינע אָנהענגער האָבן אונטערגעשריבן זייערע נעמען (מסתמא ער זאָל פאַר זיי מתפּלל זיין), האָט מען זיי אַלע אַרעסטירט. פון דעמאָלט אָן האָט ער געקריגן פּעקלעך אָן אונטערשריפטן. ס׳איז דאָרט אויך געווען אַ רוסישער דאָקטער וואָס האָט יאָרן־לאַנג געאַרבעט אין מאָנגאָליע, אַן אינטעליגענטער מענטש, מיט וועמען כ׳האָב גערן געהאַט צו שמועסן פאַרזיכטיק וועגן פּאָליטישע ענינים. געווען אויך אַ מאַיאָר, אַ קירגיז. ער איז געווען הויפּט־קאָמאַנדיר אויף דער רוסיש־פינלענדישער גרענעץ און פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר. ווען איך בין געווען מיט אים אויף פיר אויגן, האָט ער גערעדט מיט מיר גאַנץ אָפן. ער האָט מיר אַפילו אָנגעטרויט זיינע פּלענער. היות ער האָט אַ ברודער אין טערקיי און איצט האָט ער געמאַכט אַן אַפּעלאַציע, איז ווי נאָר ער וועט באַקומען דעם נייעם אורטייל און מען וועט אים פאַרשיקן אין לאַגער, וועט ער פון דאָרט אַנטלויפן איבער דער גרענעץ, די וועגן זענען אים גוט באַקאַנט... ער האָט מיר נאָר געבעטן, אַז איך זאָל זיין פאָרזיכטיק. אַפילו דער דאָקטער פון מאָנגאָליע מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געגעסן און געשלאָפן האָט נישט געטאָרט וויסן וועגן אונדזערע שמועסן. בכלל האָב איך געפונען צוטרוי ביי מיינע מיטזיצער און זיי פלעגן מיר פאַרטרויען אַלע זייערע סודות.

אויסער שמועסן פלעגן מיר אויך שפּילן אין פאַרשיידענע שפּילן. אין דאָמינע און דאַמקע בין איך שוין געווען אַ גאַנצער „ספּעץ״ און פלעג שטענדיק געווינען. מיינע מיטשפּילער, דער דאָקטער מיט דעם מאַיאָר פלעגן אין האַלבן־וויץ זיך בעטן ביי מיר, כ׳זאָל אַביסעלע שוואַכער שפּילן, כדי זיי זאָלן אויך אַמאָל קאָנען געווינען.

מענטשן פון 7 נאַציעס זענען געווען אין אונדזער קאַמער, האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אין דרויסן איז געווען זייער קאַלט און דעם עולם האָט זיך נישט געגלוסט צו גיין אויף דעם 20־מינוטיקן שפּאַציר, נאָר זיבן מענטשן האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין. אין דרויסן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען „פאָרשטייער" פון 7 נאַציעס.

דאָקטער סעגאַל

נאָך אַ קורצער צייט זיצן אין וואָלאָגדער תפיסה איז צוגעקומען אַ גאַסט אין קאַמער, טאַקע אַ וואָלאָגדער איינוווינער, אַ דאָקטער פון שטאָטישן שפּיטאָל, אַ מענטש פון אַ יאָר 60, מיט אַ צען־יאָריקן אורטייל. ווי ער איז נאָר אַרייַן אין אונדזער קאַמער און דערזען אַ גרופּע פּוילישע יידן האָט ער זיך שטאַרק צעבייזערט, פאַרוואָס מיר זענען געקומען קיין רוסלאַנד. ער האָט געמיינט, אַז מיר זענען פרייוויליק געקומען אַהער. „צי ווייסט טאַקע נאָך נישט די וועלט וואָס דאָ קומט פאָר, ווי מען לעבט און מען ליידט אין דעם באַפרייטן סאָוויעט־רוסלאַנד?" האָט ער געפרעגט. נאָר ווען מיר האָבן אים אויפגעקלערט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען געלאָפן פון פייער אין וואַסער אַרייַן און ער האָט זיך באַרויִקט. באַלד האָט ער זיך צוגעוווינט צו אונדז און ער האָט זיך איינגעאָרדנט ווי ביי זיך אין דער היים. אָנגעטאָן אַ שלאָפראָק און אַרומגעשפּאַצירט אין אים אַ גאַנצן טאָג. פּעקלעך האָט ער דערהאַלטן גאַנץ לייטישע, כאָטש קיין משפחה האָט ער נישט געהאָט. אָט איז די געשיכטע פון זיין אַרעסט:

איינמאָל אין אָוונט, קומענדיק פון זיין אַרבעט אין שפּיטאָל, האָבן אים ביי דעם הויז אָפּגעוואַרט צוויי נ.ק.וו.דיסטן און אים העפלעך געבעטן מיט זיי מיטגיין אויף עטלעכע מינוט עפּעס אויפצוקלערן. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיין היים מער נישט געזען. אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט האָט מען אים נישט געמאָלדן. נאָך עטלעכע חדשים אָפּזיצן האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג. מען האָט אים פאַרגעוואָרפן: אַז גייענדיק אַמאָל אין אָוונט מיט אַ פרוי שפּאַצירן האָט ער איר געזאָגט, אַז ער וויל אונטערלייגן אַ באָמבע און זי זאָל אויפרייסן. די פרוי וועלכע זיי האָבן אָנגערופן איז געווען זיינע אַ נאָענטע מיטאַרבעטערין און זיינס אַ נאָענטער מענטש, מיט וועמען ער האָט געוווינט צוזאַמען. אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג האָט מען אים געזאָגט, אַז מען וועט אים צושטעלן עדות, וועלכע וועלן דאָס

באַשטעטיקן. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז מסכים געווען. ווי דערשיטערט איז ער געוואָרן, ווען צו דער קאָנפראָנטאַציע האָט מען אים צוגעשטעלט אַ פרוי, וועלכע ער האָט קוים דערקענט. דאָס איז געווען זיין אַמאָליקע געליבטע, וואָס אין משך פון עטלעכע חדשים איז זי געוואָרן נישט צו דערקענען. זי איז געווען אַ פרוי אין די דרייסיקער, אַ הויכע, מיט אַ שלאַנקער פיגור, אַ קאָפּ בלאָנדע האָר, אַ בילד־שיינהייט. און דאָ איז פאַר אים געשטאַנען אַ צעבראָכענע איינגעבויגענע פרוי מיט אַ גרויען קאָפּ האָר און זי האָט עס אים געדאַרפט זאָגן אין די אויגן דאָס, וואָס די אויספאָרשער האָבן געוואָלט. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס די פרוי איז אויסגעשטאַנען און איבערגעלעבט ביז מען האָט זי דערפירט צו אַזאַ מצב, זי זאָל געצוווּנגענערהייט מסכים זיין אַרויסצוטרעטן ווי דער איינציקער עדות מצד דער באַשולדיקונג. דאָס איז מסתמא געווען די סיבה פאַרוואָס עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז דער אויספאָרשונג. עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך צייט צו צעברעכן די פרוי זי זאָל גרייט זיין עדות זאָגן קעגן אַן אומשולדיקן מענטשן, וועלכן זי האָט ליב געהאַט... זי איז עס טאַקע געווען די, וואָס האָט פאַר אים געזאָרגט, עס זאָל אים קיין שום זאַך נישט פעלן און אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אין תפיסה האָט ער געלעבט כמעט אין לוקסוס. דער דאָקטער איז געווען אין אַ גאַנץ גוטער שטימונג, ער האָט זיך געחכמעט, אַז איצט איז ער זיכער צו לעבן 70 יאָר, ווייל די 10 יאָר מוז ער דאָך אויסזיצן... אין קאַמער איז אויך געזעסן אַ גרופּע פּאָליאַקן, אַלע פון איין דאָרף ביים בוג, לעבן דראָגאָטשין. זיי האָבן זיך געפילט גאַנץ גוט, טאַקע דערפאַר ווייל זיי זענען געווען נישט עלנט.

אין וואָלאָגדער תפיסה בין איך געווען דעם גאַנצן חודש אַפּריל 1941. מיר האָבן זיך געגרייט צו דער ווייטערדיקער נסיעה, וווהין האָט קיינער נישט געוווּסט, צווישן זיך האָט מען אַפילו גערעדט וועגן אַלאַסקאַ...

קיין נאָוואָסיבירסק

אין אַ געוויסן פרימאָרגן עפנט זיך די טיר און מען מעלדעט אונדז מיר זאָלן זיך גרייטן אין וועג אַריין. דער רוב מענטשן זענען סייווי געווען גרייט, ווייל זיי האָבן גאָרנישט געהאַט וואָס מיטצונעמען, נאָר איינציקע — צווישן וועלכע אויך איך בין געווען, האָבן נאָך עפּעס געהאַט. דאָך זענען מיר גיך פאַרטיק געוואָרן. מען פירט אונדז צו דער באַן־סטאַנציע און מען

האָט אונדז איינגעקוואַרטירט אין סטאָליפּינסקי־וואַגאָנעס. דאָס זענען פּיינע פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעס, נאָר הערמעטיש פאַרקראַטעוועטע און צוגעטשעפּעט צו אַ פּאַסאַזשיר־צוג. ווייל דער וועג איז געווען אַ ווייטער האָבן זיי אַליין געוואָלט עס זאָל גיין וואָס שנעלער. דאָ הויבט זיך אָן אַ נייע וועלט, פרישע מענטשן, נייע איבערלעבונגען: אָט באַקען איך זיך מיט אַ רוסישן אינזשי־ניער, וועלכער מאַכט שוין דורך דעם וועג צום צווייטן מאָל: 10 יאָר איז ער שוין אָפּגעזעסן פאַר אַ פּאָליטישן חטא, איצט האָט מען אים געמשפּט — ווידער אויף 10 יאָר, ווייל זיצנדיק מיט אַ גרופּע חברים האָט עמעצער פון זיי זיך אויסגעדריקט נעגאַטיוו וועגן ראַטן־פאַרבאַנד און כאָטש ער אַליין האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות צום שמועס, האָט מען אים פאַרמשפּט — פאַר נישט קומען מעלדן דער נ.ק.וו.ד. וועגן די פאַרברעכער...

מיט דעם אינזשיניער האָבן מיר זיך אַרויפגעקליבן אויף דער אויי־בערשטער נאַרע. מיר ליגן און קוקן אַרויס דורכן פענצטער, ווי די באַן לויפט דורך אומבאַקאַנטע פאַר מיר געגנטן און מיר שמועסן שטיל צווישן זיך. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אין נאָוואָסיבירסקער תפיסה. דאָס איז געווען אַן איבערשיקונגס־פּונקט און דאָ האָבן מיר שוין אויף אַן אמת געזען דאָס פּנים פון סאָוויעטישע תפיסות. אין קאַמער ווו מען האָט מיך אַריינגעפירט זענען געווען 150 מענטשן — אַ קאָנצענטרירונג פון פאַרשיי־דענע עלעמענטן, קאַטעגאָריעס און נאַציעס. דאָ זענען געווען: פּראָפעסאָרן צוזאַמען מיט באַנדיטן און כוליגאַנעס, פּאָליטישע אַרעסטירטע מיט גנבים און פאַרברעכער. יעדן טאָג האָט מען באַקומען אַ צייטונג, האָט עמעצער זי פאָרגעלייענט. דעמאָלט איז נאָך געווען די צייט פון דער גרויסער ליבע מיט דייטשלאַנד, האָט די פּרעסע כסדר איבערגעגעבן וועגן דייטשע נצחונות, דאָך צווישן די שורות האָט מען געקאָנט באַמערקן, אַז דער נצחון איז נאָך נישט קיין זיכערער. ס'זענען דאָ געווען צוויי ברידער פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן געלייענט פאַרטראָגן ווי להבדיל אין אַן אוניווערסיטעט. אָט דרייט זיך אַרום אַ פאַרשוין פון אַ יאָר 36 מיט אַ שיינער בלאָנדער באָרד, ממש אַ פּאַטריאַכאַליש געשטאַלט, טו אים אָן אַ שטריימל, קאָן מען אים אָננעמען פאַר אַ רבין, נאָר געווען איז ער אַ רוס, וואָס איז געזעסן פאַר באַנ־דיטיזם און אויך דאָ אין קאַמער האָט ער זיך צוגעזוכט עטלעכע חברהלייט און געשאַפן אַ שייקע, וואָס האָט געוואָלט באַהערשן און אָנוואַרפן אַ פּחד אויף דער גאַנצער קאַמער. אַמאָל ביינאַכט מען וועקט מיך אויף און איך זע אַזאַ בילד: איינער אַ מענטש שטייט אין מיטן קאַמער און רעדט מיט

אַ שטאַרקער שטימע וועגן זאַכן וואָס גאַנץ רוסלאַנד האָט מורא זיי צו דער־מאָנען: ער רעדט און דערציילט וועגן לעוו טראָצקין, בוכאַרין, ריקאָוו, זינאָוויעוו און קאַמיענעוו — הורא! דערנאָך וואַרפט ער אַנטי־סטאַלינישע לאָזונגען. אַלע אין קאַמער שווייגן, מען העלפט אים נישט און מען שטערט אים נישט. נאָר דער פאַרשווין מיט דער באָרד, דער אַטאַמאַן פון דער שייקע איז אַראָפּ פון דער נאַרע און האָט אים מיט אַ שטיוול געשלאָגן איבערן קאָפּ ביז בלוט. ווידער, מחמת מורא האָט זיך קיינער נישט אָנגעזשירט. נאָך דעם „נצחון" איבער דעם גייסטיק־קראַנקן מענטש איז זיין חוצפה גרעסער געוואָרן, ער האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין באַהערשט דעם קאַמער און טאָקע גלייך צומאָרגנס נאָך מיטאָג מעלדעט ער הויך אויפן קול, אַז ער וויל אונדז דערציילן אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע, און ער הויבט גלייך אָן: „אַמאָל איז געווען אַ חברה באַנדיטן אין וואַלד וואָס האָבן געהאַט זייערס אַ פירער, זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף דער גאַנצער געגנט אַרום" או"וו. נאָר דאָ האָט אים יענער, וואָס פלעגט שטענדיק פאַר־לייענען די צייטונג איבערגעריסן: וואָס פאַרא קולטור ווילסטו אונדז דאָ אַריינברענגען? ווער דאַרף דיינע מעשיות וועגן באַנדיטן און רויבער? די באַנדע אין קאַמער האָט זיך שוין געוואָלט אַ וואַרף טאָן אויף אים, נאָר דאָ האָט זיך פּלוצים אָפּגערופן איינער וואָס איז געלעגן אויף אַן אויבער־שטער נאַרע, אַן אַדזשערבידזשאַנער מיט אַ פּאָר פעסטע מוסקולירטע הענט, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס קומט פאָר. „היי, דו, שווייג בעסער, פאַרמאַך דאָס מויל, ווייסט דאָך, אַז איך האָב פאַר אייך נישט קיין מורא, קוים וועל איך אַראָפּ פון דער נאַרע, מאַך איך אַ סוף צו דיר". האָט ער טאָקע איבערגעריסן דאָס דערציילן. ער האָט זיך געפילט דעגראַדירט און האָט אָנגעווירן דעם אָנזען ביי דער גאַנצער כנופיה.

אין קאַמער זענען אויך געווען עטלעכע יידן. מיט איינעם פון זיי, ליכטנשטיין, פון לאָדזש האָב איך זיך נאָענטער באַקאַנט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ ברודער פון דעם באַקאַנטן בונדישן פירער אין לאָדזש ישראל ליכטנשטיין, אין 1920 איז ער בעת דער פויליש־רוסישער מלחמה צוזאַמען מיט דער רוסישער אַרמיי אַוועק קיין רוסלאַנד, דאָ האָט ער ווייטער שטודירט און געוואָרן אַ באַרג־אינזשעניער. נאָר צום סוף האָט ער פאַרענדיקט מיט 15 יאָר טורמע און לאַגער.

ס'איז דאָ געווען אַ גרופּע פּאָליאַקן, איינער אַן אינזשעניער האָט מיך באַקענט מיטן געוועזענעם לעמבערגער שטאָט־פּרעזידענט, דאָקטער אָס־

טראָווסקי. ווי נאָר מיר האָבן זיך באַקענט, איז ער אַריבערגעגאַנגען פון די פּאָליאַקן צו מיר. איך האָב געהאַט אַ קישעלע אונטערן קאָפּ און ער איז צוזאַמען מיט מיר געשלאָפן אויף דעם, דערווייל האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט אַ סך צו שמועסן. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, מיט אַ סך לעבנס־דערפאַרונג, לאַנגיאָריקער פּרעזידענט פון דער דריט־גרעסטער שטאָט אין פּוילן — לעמבערג, 12 יאָר אַ סיים־דעפּוטאַט, האָט ער זיך גוט אָריענטירט אין פּאָליטישע פּראָבלעמען האָבן מיר אָפט געשמועסט וועגן דער וועלט־פּאָליטיק און וועגן אונדזער לאַגע אַלס פּוילישע בירגער. איך בין געווען מער אָפּטימיסטיש אין דער פראַגע, כ׳האָב געהאַלטן, אַז עס וועט זיך נאָך ענדערן, סיי די צעטיילונג פון פּוילן, סיי דער רעזשים, נאָך דער מלחמה. ער אָבער, איז געווען זייער פּעסימיסטיש, ער איז געווען זיכער, אַז מיר בלייבן שוין אויף שטענדיק אַ טייל פון סאָוויעט־רוסלאַנד און אויב אַזוי, ווייל ער זיך באַקענען מיט די אינערלעכע פּראָבלעמען פון לאַנד, מיט די רייבונגען און אָפּאָזיציעס, זאָל איך אים אויפקלערן די ענינים וועלכע זענען אים אינגאַנצן פרעמד. פאַרשטייט זיך, איך האָב עס געטאָן ווי ווייט מיין וויסן האָט דערגרייכט. ער האָט מיר דערציילט ווי ער האָט זיך געפירט ביז דער לעצטער מינוט פאַרן אַרעסט. ער האָט געהאַט מעגלעכקייטן צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, נאָר רעדנדיק אויפן ראַדיאָ צו דער לעמבערגער באַפעלקערונג האָט ער זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט בלייבן מיט זיי ביזן לעצטן מאָמענט, און אַזוי איז ער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די סאָוויעטן. ער איז נאָך געגאַנגען אָנגעטאָן אַ גוטן אַנצוג פון דער היים, נאָר אָנגענייט לאַטעס אויף די אַרבל און די קני, מען זאָל מיינען אַז ס׳איז אַן אַלטער. מ׳זאָל אים נישט צורויבן ביי אים. מיר זענען ביידע געווען באַוואַקסן מיט בערד, האָבן מיר אָפּגעגעבן אַ פּייקע ברויט פאַר אַראָפּרייסן — מיט אַן אָנגעשאַרפט שטיקל בלעך — די בערד. אינטערעסאַנט, אַז דער זעלבער מענטש וואָס האָט מיך גערופן „אָטיעץ" (פאָטער), האָט באַלד נאָכן אַראָפּנעמען די באָרד מיך גענומען רופן „סינאָק", (זון) אַזוי געענדערט איז מען געוואָרן. פאַרשטייט זיך די פּאָליאַקן זענען געווען ברוגז אויפן ד״ר אָסטראָווסקי פאַרוואָס ער האָט זיי פאַרלאָזן און אַוועק צו מיר. אָבער נישט לאַנג האָט עס געדויערט, ווייל באַלד האָבן מיר זיך גענומען גרייטן אין ווייטערדיקן וועג אַריין.

ווידער האָט מען אונדז סאָרטירט אין פאַרשיידענע גרופּן ווערמען, ווהין צו שיקן און דורך היינטערוועגן אָפּגעפירט צו דער באַן און גלייך אין די וואַגאָ־

געס אַריין. מיט ד״ר אָסטראָווסקי האָב איך נאָך באַוויזן צו געזעגענען זיך פון דערוווייטנס. ער האָט צו מיר אַ געשריי געטאָן אויף פּויליש „אויף צפון״. דאָס האָט ער מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז אויב איך וועל לויפן זאָל עס זיין — אַלאַסקאַ־קאַנאַדע, אַמעריקע...

דאָ אין וואַגאָן האָב איך שוין געטראָפן גאָר אַן אַנדער עלעמענט. ייִדן באַיאָרטע, ד. ה. פאַרמשפּטע אויף עטלעכע יאָר תּפיסה. כמעט אַלע „זאַוומאַגס״ — אָנפירער פון מאַגאַזינען, דער רוב פון לענינגראַד. אין זייערע וואַליזעס האָט זיך נאָך געפונען: ווייסע געטריקנטע סוכאַרעס, פּוטער, קעז, ווורשט און אַנדערע זאַכן מיט וועלכע זיי האָבן אַמאָל געהאַנדלט. ס׳איז אויך געווען אַ ייִד פון נאָוואָסיבירסק אַליין, וואָס איז געמשפּט געוואָרן פאַר די זעלביקע חטאים. זיין נאָמען איז געווען שמש און זיין שווער איז געווען גבאַי אין דער נאָוואָסיבירסקער שול. מיט אים פלעג איך אַ ביסל שמועסן און ער האָט מיר געגעבן גוטע עצות ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפפירן, וואָס מען דאַרף אויסמיידן, ווו צו זיין פאָרזיכטיק אין סאָוויעט־רוסלאַנד...

אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין אירקוטסק און זיצנדיק אויפן הויף, האָבן אַלע גענומען אַרויפקוקן צו די פענצטער פון דער תּפיסה־מויער. מיר האָבן געזען, אַז איינער פון די אַרעסטאַנטן וואָס איז געווען מיט אונדז, האָט דאָ דערזען זיין פרוי מיט אַ קליין קינד — זי האָט עס אים געוויזן דורכן פענצטער — ער איז שוין געהאַט אָפּגעזעסן אַ יאָר פון די דריי, וואָס ער האָט באַקומען. איר, האָט מען געמשפּט אויף אַנדערהאַלבן און זי איז דאָ געזעסן צוזאַמען מיטן קינד. דאָס איז מסתמא געווען דער יונגסטער אַרעס־טאַנט אין דער אירקוטסקער תּפיסה. דאָ האָט מען אונדז באַלד געמאָלדן, אַז מיר וועלן זיך דאָ לאַנג נישט פאַרהאַלטן. דאָס הייסט, מיר דאַרפן זיך נישט איינאָרדענען נאָר זיצן אויף די פּעקלעך און וואַרטן. באַלד האָט זיך דאָ געיאַוועט אַ גרופּע גנבים און בלאַטנוי־חברה, וואָס זענען שוין תּושבים אין דער תּפיסה און דאָ אָנגעהויבן פּראַווען זייערע שטיק, וואָס האָבן פאַר אַ ציל אָפּצושרעקן, דעזאָריענטירן די אַרומיקע, מען זאָל זיך נישט וואַגן קעגנצושטעלן זייערע גנבות און טעראָר, באַטראַכטנדיק זיי פאַר גייסטיק קראַנקע מיט וועמען ס׳איז גלייכער נישט האָבן צו טאָן...

אָט נעמען זיי איינער דעם צווייטן מאַכן מאַסאַזשן און פּלוצים בלייבט איינער ליגן אויף דער פּאָדלאָגע מיטן פּנים אַרויף, צעשפּרייטע הענט און פיס — טויט, ווערט אַ צווייטער ווילד, נעמט זיך וואַרפן אויף אַלע אַרו־

מיקע, שלאָגט אויף רעכטס און לינקס, אַזוי אַרום גרייטן זיי צו דעם באָדן פאַר ווייטערדיקע מעשים...

אין אירקוטסקער תפיסה זענען מיר געווען נישט מער ווי אָנדערט־האַלבן טעג. ווידער אין די סטאָליפּינסקי־וואַגאָנעס; אין אַ קאַיוטע פון 12 מענטשן האָט מען אַנגעשטופּט 40. מען קאָן זיך פאַרשטעלן די באַקוועמ־לעכקייטן... מען קאָן נישט שטיין און נישט זיצן און דאָ בין איך נאָך אַריינגעפאַלן איינער אַליין צווישן חברה גנבים און כוליגאַנעס. צו עסן האָט מען אונדז געגעבן נאָר ברויט מיט שטאַרק־געזאַלצענע פיש, אַזאַ מין פיש וואָס איז אינעווייניק רויט. טרינקען האָבן מיר באַקומען נאָר צוויי מאָל אין טאָג, אויך אויף די מענטשלעכע באַדערפענישן האָט מען געפירט צוויי מאָל. האָבן מיר מורא געהאַט צו טרינקען, און אָן וואַסער האָט מען אויך די פיש נישט געקאָנט עסן. האָבן מיר געלעבט בלויז אויף דעם שטיקל טרוקענעם ברויט. דערווייל האָבן זיך די גנבים פאַרשטענדיקט מיט דעם קאָנוואָי פון אונדזער קאַיוטע ביי וועמען מען קאָן מיט כח צונעמען זאַכן, זיי פאַרקויפן פאַר אַ ביסל וואָדקאַ מיט צובייסן.

אָנגעהויבן האָבן זיי ביי מער איבערגעשראָקענע מענטשן, נאָר זיי זענען דערגאַנגען אויך צו מיר. צוערשט האָבן זיי געכאַפּט קליינינקייטן: שקאַר־פּעטן, נאָז־טיכלעך און דערנאָך אויך אויבערהעמדער און אַנדערע זאַכן. אמת, לייכט איז עס זיי נישט אָנגעקומען דאָס נעמען ביי מיר, נאָר איך בין פאַרט געווען איינער קעגן אַ סך און מיט זיי אויך דער סטרעלאָק. נאָר ווען כ׳האָב דערזען, אַז ביסלעכווייז לײדיקט מען מיך אויס, האָב איך זיך אַרונטערגעשטופּט אונטער אַ באַנק און בין פּשוט געלעגן אויף די זאַכן. דערביי האָב איך די העמדער אויסגעשמירט מיט די רויטע פיש, מען זאָל מיינען אַז זיי זענען אַלטע. אין איינעם פון יענע אָוונטן האָב איך געהערט, אַז מיר וועלן ביינאַכט דורכפאָרן בירא־בידזשאַן, בין איך אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט. צום סוף האָב איך זיך דערוואַרט צו זען דעם וואָקזאַל מיט דעם גרויסן ייִדישן אויפשריפט: ב י ר א ־ ב י ד ז ש א ן.

אונדזער צוג איז געלאָפן איבער די רעלסן. מיר זענען דורכגעפאָרן קראַס־נאָיאַרסק וואָס ליגט אין אַ טיפן טאָל, כאַבאַראָווסק, דעם בייקאַל — די לענגסטע אָזערע אין רוסלאַנד און אייראָפּע. מיר האָבן דורכגעשניטן 73 באַרג־טונעלן אויפן וועג קיין וולאַדיוואָסטאָק. מיט יעדן טאָג וואָס מיר זענען אָפּגעפאָרן אויפן ווייטן מזרח האָט זיך דער זייגער איבערגערוקט אויף

ווייטער, דאָ ווו מיר זענען איצט געווען איז שוין דער זייגער געווען מיט 10 שעה פאַרויס.

אָבער די באַנדע גנבים האָבן נישט פאַרגעסן, אַז ביי מיר רוקזאַק געפינען זיך נאָך אַ ביסל זאַכן, וועלכע קאָנען זיי גוט צונוץ קומען. האָבן זיי זיך גענומען צושאַרן איינציקווייז, שטילערהייט האָבן זיי געבעטן דער אַן אויבערהעמד, דער עפּעס אַנדערש און ווען איך האָב אָפּגעזאָגט, האָבן זיי מיר גלייך געזאָגט „אויב דו וועסט נישט געבן מיט גוטן, וועלן מיר ביי דיר אַלץ צונעמען מיט כח און קיינער וועט דיר גאָר נישט העלפן, אַפילו נישט די סטרעלאָגן...״ אַזוי פאַרנדיק ביז בוכטע — נאַכאַדקאַ — 250 קילאָ־מעטער אונטער וולאַדיוואָסטאָק, איז מיין רוקזאַק אויסגעליידיקט געוואָרן און זיי זענען שוין געווען באַקליידט מיט מיינע זאַכן.

בוכטע־נאַכאַדקאַ

נאָך צען טעג פאָרן פון אירקוטסק זענען מיר אָנגעקומען אין אַרבעטס־לאַגער וואָס געפינט זיך אין דער בוכטע־נאַכאַדקאַ. מיר זענען אַראָפּ פון די וואַגאָנעס, מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אין אַ ריי צו פינף און אַזוי האָבן מיר אַריינמאַרשירט אין דער ערשטער זאָנע פון לאַגער. דאָ האָב איך ווידער געטראָפן אַלטע באַקאַנטע: דעם רוסישן אינזשיניער, וואָס איז שוין דאָ דאָס צווייטע מאָל, דעם נאָוואָסיבירסקער ייד — שמש. זיי האָבן מיך כמעט נישט דערקענט, אַזוי האָב איך זיך געענדערט אין משך פון די צען טעג וואָס מען האָט אונדז צעשיידט. סיי צוליבן לעבן 10 טעג אויף בלויז טרוקן ברויט, אויך מחמת דער איבערלעבונג וואָס מען האָט מיך באַרויבט פון די לעצטע זאַכן, וואָס יעדע פון זיי איז געווען פאַרבונדן מיט אַ ספּעציעלן סענטימענט, האָט אויף מיר געווירקט, אַז איך האָב שרעקלעך אויסגעזען.

דער רוסישער אינזשיניער איז צו מיר ענערגיש צוגעשטאַנען זיך דערוויסן, וואָס מיט מיר איז געשען און איך האָב אים געמוזט דערציילן וואָס איך האָב איבערגעלעבט. האָט ער גענומען צו הילף דעם נאָוואָסי־בירסקער ייד און זיי האָבן געפאָדערט פון מיר איך זאָל אָנווייזן אויף די, וואָס האָבן עס געטאָן. אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. אינער־לעך האָב איך שוין געהאַט רעזיגנירט פון די זאַכן און דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך מורא געהאַט פאַר זייער נקמה. זיי אָבער האָבן זיך נישט געקאָנט

באַרוּיקן, זענען זיי אַוועק צו די קאָמענדאַנטן וועלכע האָבן אונדז געדאַרפט איבערנעמען און זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. ווי מען האָט מיך באַרויבט פאַרנדיק אַהער. זענען אויך די קאָמענדאַנטן צוגעקומען און מיך אויפגעפאָדערט איך זאָל אָנווייזן אויף די רויבער. דערביי האָבן זיי מיר אויפגעקלערט: היות איך בין אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט און זיי האָבן קרימינעלע פאַראַגראַפן וועלן מיר קיינמאָל נישט זיין צוזאַמען, האָב איך נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר זיי. ענדלעך האָב איך מסכים געווען. דער נאַטשאַלניק פון לאַגער האָט באַפוילן, אַלע זאָלן זיך אויסשטעלן אין אַ ריי צו פינף און געמאָלדן אויפן הויכן קול: „ווער עס האָט צוגענומען ביי דעם בירגער אויפן וואַגאָן זאַכן, זאָל דאָס גלייך צוריקגעבן”. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. דעמאָלט האָט דער נאַטשאַלניק געמאָלדן: „ביז די זאַכן וועלן נישט זיין צוריק, רירן מיר זיך נישט פון אָרט, אַפילו דריי טעג!” ווען אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און צוזאַמען מיט די קאָמענדאַנטן געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן און אָנגעוויזן וועלכע זאַכן זענען מיינע, האָט מען זיי באַלד געהייסן אויסטאָן און מיר צוריק געבן. אַ טייל האָבן עס געפּרוווט באַהאַלטן אונטער זייערע קליידער, נאָר מיר האָבן דאָס אָפּגעזוכט. אַנדערע האָבן גענומען אונטערוואַרפן זאַכן. אויף אַ פלויט איז געהאָנגען מיינע אַ פּאָר הויזן, איינער האָט געוואָלט אַריינוואַרפן זאַכן אין קלאָזעט, נאָר דער נאַטשאַלניק האָט עס באַמערקט. עטלעכע שעה האָט זיך דער טראַגיש־קאָמישער ספּעקטאַקל געצויגן ביז איך האָב אָפּגענומען מיינע זאַכן און מיין רוקזאַק איז ווידער פול געוואָרן. איצט האָט מען אונדז אָפּגעפירט אין די צוגעגרייטע פאַר אונדז זאָנעס, טאַקע לויט די פּאַראַגראַפן און איך האָב זיך געפונען צווישן בלויז פּאָליטישע „פאַרברעכער”. באַלד האָב איך זיך געוואָנדן, אַז איך וויל גיין צו דער אַרבעט ביי מיין פאַך — סטאָליערײ. איך האָב געוווּסט, אַז אין דעם דאָזיקן פאַך נייטיקן זיי זיך אומעטום. אויף דעם האָט מען מיר דערקלערט: אַז דאָ זענען מיר נאָר אויף טראַנזיט, איינגיכן פאָרן מיר ווייטער, נאָר פון דעסטוועגן וועלן זיי מאַכן אַן אויסנאַם און מיר טאָן די „טובה” איך זאָל קאָנען אַ ביסל אַרבעטן.

יידן געפינען זיך

דער ערשטער איז געקומען צו מיר אין באַראַק אַ יונגער ייִדישער בחור גרשון גאָלדבערג פון וויסאָצק ביי פינסק, מיט זיינעם אַ חבר פון זעלבן שטעטל — טשערקאַשין, אַ פּאָליאַק.ביידע האָבן זיי באַקומען צו 10 יאָר. דער גאָלדבערג האָט זיך אַזוי צוגעבונדן צו מיר, אַז ער האָט מיר אָנגעטרויעט זיין גאַנץ פאַרמעגן... זיין פּייקע ברויט. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל זי צעטיילן אויף דריי טיילן און זי אים אַרויסגעבן אין דריי מאָל. ער אַליין קאָן זיך נישט באַהערשן, עסט ער זי אויף אין איין מאָל, שפּעטער ליידט ער הונגער, ביז אויפן צווייטן טאָג. ס'איז געקומען אַ וואָלינער ייִד — אַבעלאָוו. היינט אין ישראל און אַנדערע.

אגב, האָט מיר דער זעלבער טשערקאַשין דערציילט אַזאַ עפּיזאָד, וואָס איז מעגלעך נאָר אין אַזאַ רעזשים ווי אין סאָוויעט־רוסלאַנד: אין דעם אָרט וווּ ער איז געווען פאַרשיקט, האָבן זיך געפונען פּוילישע משפחות שוין פון לאַנג. צווישן זיי יונגע פרויען, וועמענס מענער זענען געווען פאַרשיקט אויף אַנדערע פּלעצער. זיי האָבן אַפילו נישט געוווּסט וווּ זיי געפינען זיך און צי זיי וועלן זיך נאָך אַמאָל זען. און אָט זענען אונטער־געקומען אַ ביסל יונגע מענער, איז געווען אַ געלעגנהייט אַ לעב צו טאָן. אין רעזולטאַט פון דעם איז איינע פון די פרויען — טאַקע טשערקאַשינס סימפּאַטיע — שוואַנגער געוואָרן. ווען זי האָט עס אים דערציילט און גע־פרעגט אַן עצה, וואָס מען טוט ווייטער? האָט ער נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. זעענדיק זיין פאַרלוירנקייט, האָט זי אים באַרויִקט, אַז זי האָט שוין אַן עצה. נאָר דער סוד זאָל בלייבן צווישן זיי ביידע. זי איז אַוועק צו דער נ.ק.וו.ד. און זיי דערציילט, אַז זייענדיק אין אַ געזעלשאַפט פון באַקאַנטע אַ ביסעלע בגילופין האָט זי געהערט עטלעכע ווערטער קעגן דער ראַטן־מאַכט. מ'האָט איר געגלייבט, אז זי דערציילט דעם אמת, נאָר דערפאַר, וואָס זי איז אַליין געקומען זיך מודה זיין, האָט זי נאָר באַקומען אַנדערטהאַלבן יאָר (ממש געכאַפּט אַ מציאה, נאָר זי וואָלט געהאַט גענוג אַ העלפט פון דעם).

אַמאָל שפּאַצירנדיק מיט דעם גאָלדבערגן אין דער זאָנע, איז צו אונדז צוגעקומען אַ מענטש פון אַ יאָר 50 און אונדז געזאָגט, אַז עס געפעלט אים זייער אונדזער שיינער קלינגענדיקער ייִדיש. אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט צווישן אונדז אַ שמועס, צוערשט פאַרזיכטיק און וואָס ווייטער אַלץ אָפענער. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ חבר ביי די „פּאַראיי־

ניקטע״ (טעריטאָריאַליסטן), ער האָט אָנגערופן נעמען פון מענטשן, וועלכע איך האָב גוט געקענט. אַ טייל פון זיי זענען שפּעטער אַריבער אין „בונד״. זיין אמתער נאָמען איז געווען כּארנאס, זיין פּסעוודאָנים: שימקע שוסטער. ביז 1929 האָט ער געאַרבעט אין דער סאָוויעטישער האַנדלס־מיסיע אין לאָנדאָן פון דעמאָלט אָן אַרעסטירט. מיר פלעגן זיך זייער אָפט טרעפן. שמועסנדיק האָבן מיר איבערגעמישט אַ סך בלעטלעך פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין אַ געוויסן טאָג האָט מען צונויפגענומען 6000 מענטשן, שוואַכע שוין נישט פעיקע צו אַרבעט און מ׳האָט זיי אַוועקגעשיקט פֿין דער בוכטע־נאַכאָדקאַ — וווּהין? אויך כּאַרנאַס איז געווען צווישן זיי. ביים געזעגענען זיך לעבן טויער האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אָפּגעבן גרוסן — ווען איך וועל זיין אויף דער פריי — אַלע די, וועלכע ער האָט געקענט פון אַמאָל. איך האָב מיין צוזאָג מקיים געווען.

איך האָב שוין אַ סך מאָל געלייענט אין פאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפטן, ווען מען רעכנט אויס די אומגעקומענע ייִדיש־קאָמוניסטישע פירער, וועלכע זענען אומגעקומען, אָדער נעלם געוואָרן און מען ווייסט נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען, דערמאָנט מען אויך דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון קאָמיטעט פאַר בּיראָ־בּידזשאַן. וועט איר איצט זיך דער־וויסן, ווו ער האָט זיך געפונען אין יענער צייט וועלכע איך באַשרייב דאָ.

כּ אַ ז ו ק י ן

קיינער אין לאַגער האָט נישט געאַרבעט. אויך איך האָב זייער ווייניק געאַרבעט. האָבן מיר געהאַט אַ סך צייט, גאַנצע טעג אַרומצושפּאַצירן אין דער זאָנע, צו שטיין אין רעדלעך און שמועסן פּאָליטיק, פּרוּוון טרעפן וווהין מען וועט אונדז ווייטער שיקן. כּאָטש קיינער האָט נישט געקאָנט וויסן אויסער די נאַטשאַלסטוואָ, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט צוגרייטן אונדזערע דאָקומענטן. שטייען מיר אַ גרופּע פּוילישע ייִדן און שמועסן צווישן זיך, קומען צו צוויי מענטשן און איינער גיט אַ פרעג: „איר זענט פּוי־לישע ייִדן?״, יאָ, — ענטפערן מיר. נעמט ער זיך אויספרעגן פאַרשידענע אַל־געמיינע פראַגן. דרך־אגב גיט ער אַ זאָג „צוואָס דאַרפט איר רעדן אַ שלעכטן רוסיש, אַז מיר קאָנען רעדן אַ גוטן ייִדיש?״, זענען מיר טאַקע אַריבער אין ייִדיש און ס׳איז אַוועק אַ היימישער שמועס. אין מיטן געשפּרעך זאָגט מיר דער וואָס שמועסט מיט אונדז (דער צווייטער אַ קונסט־מאָלער — ליבערפאַרב,

האָט נישט געקענט קיין יידיש רעדן, נאָר פאַרשטאַנען האָט ער) „אפשר ווייל איך זיך אַ ביסל איבערגיין איבער דער זאַגע, מיר זאָלן פּערזענלעך אַ שמועס טאָן". איך בין מסכים געווען. ווי נאָר מיר בלייבן אַליין, גיט ער מיך אַ פרעג, צי האָב איך זיך אַמאָל פאַראינטערעסירט מיט די פּראָבלעמען פון „ביראָ־בידזשאַן?" איך דערצייל אים, אַז איך בין געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דער קאָלאָניזאַציע, געווען אַפילו אַמאָל אַ צייט, ווען כ׳בין גרייט געווען צו פאָרן דאָרט אַהין. דאָ גיט ער מיך אַ פרעג: צי מיר איז באַקאַנט דער נאָמען כאַווקין? זאָג איך אים, אַז כ׳ווייס זייער גוט ווער דאָס איז און וואָסער אַמט ער האָט פאַרנומען. (געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון אויספיר־קאָמיטעט פאַר ביראָ־בידזשאַן) שטעלט ער זיך אָפּ, דערלאַנגט מיר די האַנט און זאָגט: מיין נאָמען איז כאַווקין. יענעם טאָג האָבן מיר נאָך לאַנג געשמועסט, ביסלעכווייז איז די מחיצה פון אומצוטרוי פאַר־שוווּנדן און מיר האָבן געשמועסט אָפן און פריי, ווי אחים־לצרה. ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער מענטש און וואָס צו שמועסן האָבן מיר געהאַט זייער אַ סך. ער האָט מיר דערציילט פון זיין לעבן: ווי אין 1920 איז ער געווען איינער פון דער דעלעגאַציע צו פירן די שלום־אונטערהאַנדלונגען מיט דער פּוילישער רעגירונג אין בריסק ביים בוג. דעמאָלט איז ער געווען אַ מיליטער־מאַן, אַ גענעראַל מיט דריי אָרדנס און שפּעטער אין די שווי־דערלעכע יאָרן 6—1937, בעת די מאָסקווער פּראָצעסן, האָט מען אים אויך אַרעסטירט און ער האָט באַקומען 15 יאָר. בעת איך האָב זיך געטראָפן מיט אים, אין 1941, איז ער אַלט געווען 49 יאָר, אין לאַגער איז ער שוין געווען 4 יאָר, אַ גאַנצער תושב. אַמאָל בעת אַ געשפּרעך האָב איך אים געפרעגט: צי מען האָט אים נישט באַשולדיקט אין „נאַציאָנאַליזם?" ער האָט פאַרשטאַנען וווּהין איך ציל און באַלד געענטפערט: „קיין בונדיסט בין איך קיינמאָל נישט געווען". כל־זמן איך בין געווען אין דעם לאַגער האָבן מיר זיך יעדן טאָג געטראָפן, מיר האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבער די זאָנעס, ער האָט זיך דאָ געפילט אַ בן־בית, זיך געקענט מיט אַלע קאָמענדאַנטן און נאַטשאַלניקעס, ער האָט זיך גאַנץ גוט געהאַלטן, געווען נישט שלעכט אָנגעטאָן, אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם מיט אָפיצערישע שטיוול. אויך איך בין דאָ געגאַנגען אָנגעטאָן אין מיינע פּוילישע מלבושים; אַ גוטן פּאַלטאָ מיט אַ קאַראַקול־קאַלנער, אין גוטע שטיוול. אונדזערע מלבושים האָבן אונדז געמאַכט די „פּריווילעגיע" צו קאָנען גיין פון איין זאָנע אין דער צווייטער, ווייל קיין שום וועכטער וואָלט נישט געוואַגט אָפּצושטעלן אַזעלכע צוויי

„הערן״, זיי האָבן זיכער געמיינט, אַז מיר זענען עפּעס „קאָמיסאַרן״, ווייל מיר זענען געגאַנגען זייער דרייסט און זעלבסטזיכער און מיר פלעגן לאַכן פון זייער נאַיוון דרך־ארץ פאַר קליידער.

ווידער אין וועג אַריין

ס'איז צו אונדז דערגאַנגען ידיעות, אַז איגיכן וועלן מיר ווייטער פאָרן. צופעליק האָט פאַרבלאָנדזשעט צו אונדז אין דער זאָנע איינער פון די גנבים ביי וועלכע איך האָב אָפּגענומען מיינע זאַכן און דער האָט מיר געדראָט, אַז אויף דער שיף וועלן זיי נקמה נעמען. מען האָט זיי געמעגט גלייבן, זיי זענען הפקרדיק און נאָך עטלעכע יאָר שפּילט ביי זיי נישט קיין ראָל. אַמאָל איז זיי אין לאַגער בעסער ווי אויף דער פריי. דאָ אַרבעטן זיי אין די בעסטע ערטער: אין די קיכן, מאַגאַזינען, בעקערייען, אומעטום וווּ ס'זענען דאָ פּראָדוקטן און מען קאָן בעסער לעבן. די פּאָליטישע האָבן דאָרט נישט קיין צוטריט, מען איז זיי חושד אין סאַבאָטאַזש... כ'האָב געהערט צוואָס די חברה זענען פעיק, האָט זיך מיר נישט געגלוסט צו האָבן קיין עסקים מיט זיי. כ'האָב זיך באַמיט אָנצוקומען אין דער קאַנצעלאַריע פון לאַגער און דאָרט איבערגעבן וועגן מיין ענין, אַז כ'האָב מורא צו פאָרן מיט דעם עטאַפּ. נאָר דאָ האָט מען מיר פאַרזיכערט, אַז כ'וועל זיך מיט זיי נישט טרעפן, די פּאָליטישע וועלן זיין באַזונדער. האָט עס מיך באַרויִקט.

מען פירט אונדז אין באָד און גלייך פון דאָרט האָט מען אונדז אַרויפּגעזעצט אויף לאַסט־מאַשינען און מען פירט אונדז צום פּאָרט פון בוכטע־נאַכאָדקע. מיר פאָרן איבער צוויי שעה דורך פאַרשיידענע היגטערוועגן, דורך בערג און טאָלן, ערגעץ ווו אין עק וועלט. איבער אונדזערע קעפּ פליען כסדר אויסשפּיר־עראָפּלאַנען, מיר הערן אויך שטאַרקע שיסערייען. אויפן אָפענעם ים זעען מיר זייער אַ סך ים־טאַנקן מאַכן מאַנעווורעס. אונדזערע „פּאָליטיקער״ מאַכן פאַרשיידענע השערות. מיר זענען זייער נאָענט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער גרענעץ, נאָר גענוי ווייסט קיינער נישט. נישט ווייט פון דער שיף שטעלן מיר זיך אָפּ. מיר גייען אַראָפּ פון די אויטאָס, מיר שטעלן זיך אויס אין גרופּן, עס הויבט זיך אָן דאָס אויסרופן די אַרעסטאַנטן לויט די דאָקומענטן און פּאַראַגראַפן. דאָס פאַרנעמט אַ היפּשע צייט, ווייל מיר זענען בערך 3600 מענטשן: 1600 פּאָליטישע אַרעסטירטע, 2000 קרימינעלע — פון מערדער ביז — אַרעסטירטע פאַר נישט צאָלן

קיין אַלימענטן. דאָ איז מיר דאָס ערשטע מאָל אויסגעקומען צו זען בערך אַ 500 א״ג „ווייסע גוואַרדייצעס״. דאָס זענען קרימינעלע אַרעסטירטע, וואָס גאַנצע טעג זיצן זיי און שפּילן אין קאָרטן. דאָס איז זייער שטרענג פאַרבאָטן, נאָר ווער'מען פרעגן זיי? קיין געלט צום שפּילן האָבן זיי נישט, שטעלן זיי אײַן זייערע מלבושים. ביסלעכוויַיז פאַרשפּילן זיי אַראָפּ פון זיך אַלץ און בלייבן אין די הוילע אונטערוועש. אַזוי בלייבן זיי די גאַנצע צייט אין לאַגער און ווען מען גיט אַ געשריי „מיט די זאַכן!״ ד. ה., אַז מען פירט אונדז איבער, זענען זיי באַלד גרייט. זיי לאַכן נאָך פון די, וואָס דאַרפן זיך שלעפּן מיט באַגאַזש. די פאַרשפּילטע זאַכן פירן די שאָפערן אַרויס פון לאַגער, פאַרקויפן זיי אין שטאָט און ברענגען דערפאַר: וואָדקע, שינקע, ברויט און מאַכאָרקע. דעמאָלט זעצן זיך אַוועק די געווינער מיט די פאַר־שפּילער און מען רייבט אַ סעודה בשותפות, אַזוי, אַז אין לעצטן סך־הכל איז נישטאָ קיין פאַרשפּילטע... אַזאַ גרופּע „ווייסע״ האָב איך דאָ געזען ביי דער שיף. אויף דעם נייעם פּלאַץ וועט מען זיי ווידער מוזן אַרויסגעבן קליידער, כדי ווידער צו שפּילן, פאַרשפּילן, פאַרקויפן ווי אין אַ כישוף־דיקן קרייז...

... פּלוצים, האָט דער שיף־ראַדיאָ איבערגעריסן די סאָרטירונג מיט דער ציילונג. ס'איז געווען דער 22־סטער יוני 1941. דער ראַדיאָ מעלדעט: די דייטשישע באַנדיטן זענען פּלוצלינג, אומגעריכט אויף אונדז אָנגעפאַלן. מיר, דער ראַטן־פאַרבאַנד מיט אַנדערע שלום־ליבנדיקע פעלקער, ווערן אויפגעצוווּנגען דורך די דייטשישע פאַשיסטן אַרויסצוגיין אין קריג. גרויס־בריטאַניע און די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן זיין מיט אונדז אין דעם קאַמף קעגן דייטשישן אימפּעריאַליזם או״וו.

מיר אַלע דאָ אויפן פּלאַץ האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז מיר זענען איבערראַשט פון דער מעלדונג, אין דער אמתן אָבער, האָט די מעלדונג אַרויסגערופן ביי אונדז אַן אינערלעכע פרייד, וואָס דאָס „שותפות־געשעפט״ האָט באַנקראָטירט און אפשר וועלן זיך איצט אָנהויבן נייע ענדערונגען אין אונדזער גורל. פאַרשטייט זיך, אַז די רייד וועגן די „פאַרבינדעטע דעמאָקראַטישע מדינות״ האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַ חוזק־שמייכל, מיר האָבן נאָך געדענקט, וואָס זיי האָבן געזאָגט נעכטן...

אויף דער שיף סאַכאַלין

סוף־כל־סוף האָבן זיך אַלע פאָרמאַליטעטן געענדיקט און מ׳האָט אונדז אויפגעלאָדנט אויף אַן אַלטער שיף, וואָס איז נאָך געבויט געוואָרן אין 1903. אונדז די פּאָליטישע, האָט מען איינגעאָרדנט אין דער דריטער קלאַס מיט צוויי־שטאָקיקע בעטלעך איינס איבערן צווייטן. צופעליק האָב איך פאַרנו־מען אַ גוטן פּלאַץ אין אייבערשטן בעטל לעבן אַ פענצטער און אַ גרויסער טייל פון די פּוילישע ייִדן וואָס האָבן זיך געפונען אין דער אָפּטיילונג, זענען שטענדיק געזעסן אַרום מיר און איך האָב זיך באַמיט צו פאַרטרייבן זייער לאַנגווייל מיט זינגען אַ לידל, דערציילן מעשיות, ס׳זאָל זיי לייכטער זיין איבערצוטראָגן זייער עלנט און זייערע צרות.

אונדזער באַשפּייזונג אויף דער שיף אין באַשטאַנען פון 700 גראַם ברויט, אַ זופּ מיט אַ ביסל קאַשע און אַ שטיקל פאַרשטונקען פלייש, וואָס נישט אַלע האָבן עס געקאָנט עסן. צוויי מאָל אין טאָג האָבן מיר באַקומען הייסע וואַסער און אויב עס איז אונדז געווען ווייניק, האָבן מיר אַרויפגע־צויגן ים־וואַסער און עס געטרונקען.

מיר האָבן געדאַרפט דורכמאַכן בערך אַן אַכט טויזנט קילאָמעטער, מיר האָבן זיך שוואַך אָריענטירט אין די ים־וועגן, איז אונדז טאַקע גוט צונוץ געקומען אַ וויטעבסקער יונגערמאַן, — אַקסל איז געווען זיין נאָמען — וואָס איז אויף דער פריי געווען אַ מאַטראָס. ער האָט גערעדט אַ פיינעם ייִדיש, ווייל ער האָט נאָך געלערנט אין אַ ייִדישער שול אין וויטעבסק, ווען אַזעלכע זענען נאָך געווען כשר אין ראַטן־פאַרבאַנד. ער איז אַ סך אַרומגעפאָרן מיט סאָוויעטישע שיפן איבער דער וועלט און אָט איז מיט אים געשען אַזאַ מעשה: זיצנדיק מיט חברים האָט ער זיי דערציילט: זייענדיק אַמאָל אין שטאָקהאָלם האָט ער געזען אויף אַ בנין אַ ווייסע פאָן. ווען ער האָט זיך געפרעגט וואָס דאָס איז? האָט מען אים דערקלערט, אַז דאָס איז די שטאָקהאָלמער תפיסה און די ווייסע פאָן הענגט מען אַרויס ווען דאָרט איז נישטאָ קיין איין אַרעסטאַנט. פאַר דעם דאָזיקן „אויסלויבן פרעמדע רעזשימען" האָט ער באַקומען 10 יאָר... איצט איז ער געפאָרן און זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט אונדז. ער איז געווען אונדזער אינפאָרמאַטאָר אין די ים־פּראָבלעמען. ער האָט אונדז, למשל, דערציילט, אַז לויט פאַר־שיידענע מינים פייגל דערקענט מען ווי ווייט מען איז פון ברעג, ווייל אַ טייל פייגל פליען 50 קילאָמעטער, אַנדערע, 100 פון ברעג. ער האָט אונדז אויפגע־

קלערט ווו מיר געפינען זיך, ווי גיך די שיף גייט — אונדזערע איז געגאַנגען 30 קילאָמעטער אַ שעה, אאַ״וו.

ווי דערציילט, האָבן מיר געדאַרפט דורכמאַכן 8000 קילאָמעטער ים־וועג פון בוכטע־נאַכאָדקע ביז בוכטע פּיעוועק, די לעצטע בוכטע אויפן ווייטן צפון ביי אַלאַסקאַ, 1500 קילאָמעטער פון צפון־פּאָל. די רוסן זאָגן וועגן דער בוכטע „דאַלשע ניע קודאַ״ — ווייטער איז שוין נישטאָ וווּהין. מיר זענען דורכגעפאָרן פאַרשיידענע באַקאַנטע ערטער: סאַכאַלין, קאַמ־טשאַטקע, קאַלימאַ, אויף צוויי טעג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין דער בוכטע נאַגייעווע, ווייל די שיף האָט געדאַרפט אָננעמען ברען־מאַטעריאַלן און זיס וואַסער. אָפּפאָרנדיק אַ געוויסע שטרעקע פון דער בוכטע האָבן מיר דערפילט ווי די שיף נעמט זיך וואַקלען, ווען מיר זענען עטלעכע מענטשן אַרויף אויפן דעק, האָבן מיר דערזען, אַז דער ים האָט זיך אַזוי צעשטורעמט, אַז די כוואַליעס זענען שוין העכער פון דער שיף און די דעק איז שוין פול מיט וואַסער. נאָר די שיף האָט זיך פאַרקערעוועט, מער אין מיטן ים און מיר האָבן געהערט דאָס קלאַפּן פון די זיך אַראָפּלאָזנדיקע אַנקערס. די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער ים האָט זיך באַרויִקט און מיר האָבן ווייטער ממשיך געווען אונדזער נסיעה. אַמאָל אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטערל האָב איך באַמערקט ווי עפּעס שטאַרצט אַרויס פון ים, ווי אַ שפּיציק־פעלזיק אינדזעלע, איך האָב צוגערופן אונדזער אינפאָר־מאַטאָר און ער האָט אונדז אויפגעקלערט, אַז דאָס איז אַזאַ גרויסע ים־חיה וואָס מען רופט זי קיד, ווען די שיף זאָל זיך אין איר אַנקלאַפּן קאָן געשען אַ קאַטאַסטראָפע. די חיה איז אַזוי גרויס, אַז זי באַוועגט זיך קוים, זי עסט אויף אַלע ים־באַשעפענישן אַרום זיך. אָבער אויך צו איר קומט אַ סוף; ס'זענען פאַראַן פיש וועלכע האָבן אויפן רוקן אַזעלכע שאַרפע ציינדלעך ווי זעגלעך, קריכן זיי אַרונטער דעם קיד און שניידן אים אויף דעם בויך, אַזוי שטאַרבט ער און די ים־באַוווינער האָבן אויף לאַנגע יאָרן וואָס צו עסן. דאָס האָט מיך דערמאָנט אַ פאַרגעסענעם פּסוק אין פּרק: „על דאטפת אטפוך וסוף מטיפיך יטופון...״

ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מ'האָט געזען אונטערוואַסער־שיפלעך און מסתמא זענען עס יאַפּאַנישע. אין האַרצן האָבן מיר געבעטן ס'זאָל וועגן קומען אונדז פאַרכאַפּן; נאָר קיינער איז נישט געקומען און מיר זענען געבליבן ביי די, וואָס האָבן אונדז שוין געהאַט פאַרכאַפּט...

נאָכן אָפּפאָרן אַ 12 טעג פון בוכטע־נאַכאָדקע האָבן מיר פון דער־

ווייטנס געזען ווי אונדזער שיף פאָרט אַרײַן אין אַן אײַז־פּעלד באַדעקט מיט שניי. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר דאַרפֿן פֿאָרן דורכן אײַז־ים און איצט האָבן מיר דערפֿילט, ווי אונדזער שיף הויבט אָן קרעכצן, ווײַל ביז 60 צענטימעטער גרעב פֿון אײַז קאָן די שיף אַליין דורכברעכן, אָבער וואָס טיפֿער מיר זענען אַרײַנגעפֿאָרן אין אײַז־ים איז דאָס אײַז געוואָרן דיקער און די שיף האָט שוין ווייטער נישט געקאָנט גיין און מיר האָבן גאָר דער־פֿילט, אַז די שיף גייט אויף צוריק. נאָר באַלד איז אונדז אויפֿגעקלערט געוואָרן, אַז מען האָט געבערענגט דעם אײַזברעכער קראַסין (דער באַרימטער אײַזברעכער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער רעטונג פֿון דער אַמונדסען־עקספּעדיציע אויפֿן צפֿון־פּאָל). ער איז געגאַנגען פֿאָרויס און געבראָכן דאָס אײַז, וואָס האָט שוין דערגרייכט ביז 4 מעטער די גרעב און אונדזער שיף איז געלאָפֿן נאָכגעגאַנגען נאָך אים.

מײַן פֿרײַנד כאַווקין, וועלכער איז אויך געפֿאָרן מיט דער שיף, נאָר אין אַן אַנדער אָפּטייל איז יעדן טאָג געקומען צו מיר, ער איז געווען צופֿרידן פֿון דעם וואָס אַ גרופּע ייִדן האַלטן זיך צוזאַמען און מיר האַלטן זיך מוטיק. ער פֿלעגט זיך אַוועקזעצן אויף מײַן בעטל און דערציילן פֿאַר־שידענע געשיכטעס. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום גייען מיר שוין אַראָפּ פֿון דער שיף האָט מיך כאַווקין געראָטן: איך זאָל שוין אָנגעבן וואָס פֿאַר אַ פֿאַך איך האָב, כּדי איך זאָל נישט דאַרפֿן גיין צו קיין שוואַרצע אַרבעט, אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן.

(בוכטע פּיעווען) פּאָלאַר־קרייז

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אויפֿן אָרט. גרופּעווײַז זענען מיר אַרויף אויפֿן דעק און דורך העלגלייטערס זיך אַראָפּגעלאָזט, עס הויבט זיך אָן די פּראָצעדור, וואָס איז אונדז שוין אַזוי דערעסן: אויסרופֿן די נעמען, די פֿאַראַגראַפֿן, זיך אויסשטעלן צו פֿינף אא״וו. צום סוף האָט מען אונדז אָפּ־געפֿירט בערך אַן אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער פֿון ברעג. יעדער באַקומט אַ פֿולן קאָמפּלעט מלבושים, מען פֿירט אונדז אין באָד אַרײַן. מיר האָבן זיך אַלע איבערגעטאָן אין די נײַע קליידער — אויך די „ווײַסע גוואַרדיע״ האָבן אַלע באַקומען אײַן אויסזען, אמתע אַרעסטאַנטן.

דעם ערשטן טאָג לאָזט מען אונדז זיך אויסרוען, מען אָרדנט אונדז אײַן אין די באַראַקן. די קיך גיט אַרויס עסן וויפֿל מען וויל, נאָר מיר האָבן

גאָר נישט געוווּסט, אַז אין דעם קלימאַט דאַרף מען אַזויפיל עסן. דערווייל האָבן מיר זיך גענומען אַרומקוקן אין דער זאָנע, זיך באַקענען מיט די פריערדיקע איינוווינערס. מיר האָבן אַרומשפּאַצירט און זיך אינטערעסירט מיט עניינים וועלכע זענען געווען אַקטועל פאַר אונדז. מיר האָבן גאַנץ לאַנג געשמועסט און איך דערפיל אַ מידקייט, אַ חשק צו גיין שלאָפן. קיין זייגער האָט קיינער נישט געהאַט, זאָג איך צו די איבעריקע: נו, חברה, מיר גייען שלאָפן? דערהערן דאָס די תושבים פון לאַגער און זיי ברעכן אויס אין אַ גרויס געלעכטער: וואָס? שלאָפן גאָר? מען דאַרף שוין גיין עסן פרישטיק און זיך גרייטן צו דער אַרבעט. דעמאָלט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין אָט דער ליכטיקייט איז אַדורך די גאַנצע נאַכט. דריי חדשים אין יאָר איז דאָרט אַ שטענדיקע ליכטיקייט, בײַנאַכט איז די זון נישטאָ, עס זעט אויס ווי אַ כמורנער טאָג, נאָר ס׳איז פאָרט נאַכט. איז בײַ אונדז דער ערשטער „טאָג" געווען זייער אַ לאַנגער.

מען האָט גענומען פונאַנדערטיילן צו דער אַרבעט, דער רוב איז געגאַנגען אַרבעטן צו שווערער פיזישער אַרבעט ווי טרעגער, פלאַטניקעס אא״וו. איך בין געגאַנגען אין דער סטאָליערײַ און כאַווקין צו די שניידער. דערווייל האָב איך זיך אָנגעהויבן צו באַקענען מיט די ייִדן, וואָס זענען פריער געקומען דאָ אַהער, אויף דעם אָרט וואָס מען רופט „ט ש ע ק אַ ד ס ־ ק ע ה אַ ל ב ־ א י נ ד ז ל". אָט זענען עטלעכע פון זיי: דער נאַטשאַלניק פון לאַגער — ציטראָן (אַ ייִד) אַן אַרעסטאַנט, געמשפּט אויף 10 יאָר. זוין (אַ ייִד), געוועזענער דירעקטאָר פון דער מאָסקווער אָפּערע, 10 יאָר. האַלבין (אַ ייִד) געוועזענער נאַטשאַלניק מיליציע, 10 יאָר. ראַכמאַנטשיק (אַ ייִד) פון מינסק, מייסטער פון שוסטער־וואַרשטאַט, אַנדערהאַלבן יאָר פאַר נישט צאָלן אַלימענטן (אַ ייִדישער פּאַראַגראַף, רופט מען דאָס).

אין דער סטאָליערײַ בין איך געווען איין ייִד, די איבעריקע זענען געווען רוסן און אוקראַינער, עפּעס האָט זיך דאָרט אַרײַנגעדרייט אַרבעטן אַ דייטש פון בײַ דער וואָלגע און אַ פּאָליאַק, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ „ווייסרוס" און האָט בײַ יעדער געלעגנהייט געזידלט די פּאָליאַקן. נאָר סיווּוי האָט דאָס אים געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס... ווייל אין אַ געוויסן טאָג איז מען אַרײַנגעקומען אין דער סטאָליערײַ מיט אַ רשימה, מען האָט אויסגערופן אַלע נעמען, ווען ס׳איז צוגעקומען צו מײַן נאָמען, וועלכער איז אַן עכט־דייטשישער, זענען זיי געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, נאָר אַז זיי האָבן מיך געפרעגט, צו וואָסער נאַציע איך געהער און זיי האָבן געהערט אַז

אַ ייִד, האָבן זיי געזאָגט „איר זענט אונדז נישט נויטיק". נאָר דעם דייטש מיט דעם פּאַליאַק האָבן זיי צוגענומען מיט זיך (דעמאָלט איז נאָך נישט געווען דער אַנטי־ייִדישער קורס, וואָס האָט זיך אַזוי פאַרשאַרפט די לעצטע יאָרן פאַר סטאַלינס טויט). אין דער סטאַליעריי האָבן מיר געמאַכט פענצ־טער, די נאָרמע איז געווען אַ פענצטער אויף זעקס שויבן אַ טאָג. באַלד דעם ערשטן טאָג האָב איך געמאַכט די נאָרמע און מען האָט מיר צוגעלייגט נאָך 80 פּראָצענט. אַזוי איז געווען דאָס גענצע די ערשטע 10 טעג, און מען האָט מיך אַרויפגעשטעלט אויף דער כבוד־טאַבעלע צווישן די סטאַ־כאַנאָווצעס.

קאַגאַן פון טשעכאָסלאָוואַקיע

אין אונדזער טראַנספּאָרט איז געווען איינער אַ טשעך מיט נאָמען קאַגאַן. דאָס איז געווען איינער פון דער גרויסער צאָל טשעכישע מיליטער־לייט, וואָס זענען אין 1939 אַריבער די פּוילישע גרענעץ כדי צו קעמפן צוזאַמען מיט דער פּוילישער אַרמיי קעגן די דייטשן. זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז לויט דעם מאָלאָטאָוו־ריבנטראָפּ אָפּמאַך וועלן די רוסן פאַרנעמען אַ טייל פון דער פּוילישער טעריטאָריע; אַזוי אַרום זענען זיי אַריינגעפאַלן צו די רוסן, געוואָרן אינטערנירט און פאַרשיקט אין די לאַגערן אַריין. אָט דער קאַגאַן איז געווען אַ קאַפּיטאַן אין טשעכישן לופט־פלאָט, ער האָט זייער שנעל באַהערשט די רוסישע שפּראַך און איז געוואָרן אַ בריגאַדיר. ווען מיר האָבן אין יענער צייט באַקומען אַ באַשטעלונג צו מאַכן אַ נייע „כבוד־טאַבעלע" אין דער פאָרם פון אַ מאָנומענט, האָט מען אונדזביידן איבער־געגעבן דאָס צו מאַכן. שפּעטער אַ ביסל איז נאָך צוגעקומען צו דער אַרבעט אַ קונסט־מאַלער וועלכער האָט שטודירט אין פראַנקרייך, צוריקקומענדיק פון דאָרט האָט ער דערציילט זיינע נאָענטע חברים, אַז ער האָט געזען ווי אין פּאַריז האָט מען געקאָרמעט פערד מיט צוקער. איז עס דערגאַנגען וווּהין מען דאַרף און ער האָט געכאַפּט 10 יאָר. מיר דריי האָבן עס גערדאַרפט אויסקאָמבינירן אָט דעם מאָנומענט. אַזוי אַרבעטנדיק האָט זיך יעדער געברומט אַ מעלאָדיע און ווען קאַגאַן האָט זיך אונטערגעזונגען די מעלאָדיע פון שוּבערטן מיט די ווערטער „שטילע לידער" און ווען אים האָט אויסגעפעלט ווערטער, האָב איך אונטערגעכאַפּט אויף ייִדיש, איז ער איבערראַשט גע־וואָרן און דעמאָלט איז געשלאָסן געוואָרן אונדזער קאַנטשאַפט און פריינד־

שאַפּט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ ייִד, הייסט חיים קאַגאַן און האָט אַפילו פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ תורה־וואָרט. (אין לאַגער איז ער אָנגעגאַנגען פאַר אַ טשעך, געהייסן בענעדיקט קאַהאַן, דאָס האָט אַרויס־גערופן רעספּעקט.) ווידער האָב איך געהאַט אַ נאָענטן מענטש מיט וועמען צו שמועסן אין דער פרייער צייט.

נאָר אינגאַנצן גלאַטיק ביי דער אַרבעט איז מיר אויך נישט געגאַנגען. מיינע איבעריקע מיטאַרבעטער האָבן מיר נישט פאַרגונען, וואָס מען האָט מיך אַרויפגעשטעלט אויף דער כבוד־טאַבעלע (דאָסקאַ־פּאָטשאָטאַ) צווישן די סטאַכאַנאָווצעס, האָבן זיי זיך פאַרשטענדיקט מיט דעם בריגאַדיר וואָס האָט פאַרשריבן די נאָרמעס, אַן אוקראַיִנער האַכרעמינקאָ, און ער האָט אַראָפּגענומען פון מיינע נאָרמעס און פאַרשריבן פאַר די רוסן. אין רע־זולטאַט פון דעם האָב איך אָנשטאָט אַ קילאָ ברויט באַקומען נאָר 600 גראַם. אין יענעם קלימאַט איז עס געווען אַ הונגער־נאָרמע פאַר מיר. ווען כ׳האָב געפרעגט דעם בריגאַדיר די סיבה דערפון האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט. ביז איך האָב עס דערציילט מיינע לאַגער־פריינד, די אַלטע תושבים, זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט וועמען מען דאַרף און די לאַגע האָט זיך באַלד געענדערט, איך בין ווידער געווען גלייך מיט אַלעמען און די אַרבעט איז געגאַנגען נאָרמאַל.

די אַמנעסטיע

מחמת דעם וואָס דאָס אָרט ווו מיר זענען געווען איז זייער ווייט פון צענטער, איז די נייעס, אַז אַלע פּוילישע בירגער וואָס זענען אַרעסטירט, ווערן באַפרייט — אָנגעקומען אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. דאַן ווען מיר האָבן זיך דערפון דערוווּסט, זענען מיר געוואָרן מונטערער און פול מיט האָפענונג, אַז אָט פאָרן מיר שוין אַהיים. די פאַנטאַזיע האָט שוין געמאָלן בילדער ווי מיר קומען צוריק קיין וואַרשע, עס פאַרזאַמלען זיך אַלע ליבע און נאָענטע און מיר דערציילן וועגן אונדזערע איבערלעבונגען; ביי די טרויעריקע לאָזט עמיצער אַ טרער, ביי די פריילעכע לאַכט מען האַרציק... ליידער האָבן מיר דעמאָלט נישט געוווּסט וועגן דער גרויסער בראָך, וואָס האָט אונדז גע־טראָפן, אַז די דייטשישע מאָרד־מאַשין אַרבעט שוין מיט דער פולער פאַרע און, אַז אַהיימקומענדיק וועלן מיר נישט האָבן וועמען צו דערציילן, מיר וועלן זיין יתומים, די איינציקע לעצטע איבערגעבליבענע פון דער משפּחה...

ביז די אַמנעסטיע־בשורה איז צו אונדז דערגאַנגען האָט מען דערוויל די מענטשן פונאַנדערגעשיקט אַרבעטן אין די אַרומיקע געביטן: פּערקאַקאַ, קיינעמיינע, אַמבאַרטשיק און אַנדערע, דאָרט ווו עס געפינט זיך דאָס גרעסטע רוסישע רייכטום, די פּלאַטין־שאַכטעס. צופעליק האָט מען אויך געשיקט אַהין עטלעכע פּוילישע ייִדן, נאָר מען האָט זיי באַלד צוריקגע־ברענגט, ווייל אויף אונדז אַלע איז שוין חל געווען דאָס אַמנעסטיע־געזעץ.

דער פריזירער

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ פאַקט וואָס עס איז אין יענע טעג געשען, ווידער האָב איך געזען דעם גורל פון מענטש אין יענעם רעזשים. נישט ווייט פון מיר איז געשלאָפן אַ יונגער מענטש, אַ ייִד פון ווייסרוסלאַנד. ווען ער האָט געזען אַמאָל ווי איך פּאַק איבער מיינע זאַכן און איך פאַרמאָג נאָך אַ שיינעם אַנצוג מיט פיינע אויבער־העמדער, האָט זיך אים ווי יעדן מענטש אין יענער צייט — געוואָלט האָבן אַזעלכע זאַכן. פרעגט ער ביי מיר וועלכן פּאַראַגראַף איך האָב? און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז אַ פּאָליטישן פּאַ־ראַגראַף, גיט ער מיר צו פאַרשטיין, אַז סיידווי וועל איך שוין פון לאַגער נישט אַרויס; ווען די ערשטע 5 יאָר וועלן זיך ענדיקן, וועלן זיי מיר צולייגן נאָך עטלעכע, אַזוי כסדר. ער אָבער, וואָס האָט געהאַט אַ קרימינעלן פּאַראַ־גראַף און זיין טערמין ענדיקט זיך שוין, אין 15 טעג אַרום גייט ער אויף דער פריי, דערפאַר איז שכלדיק איז זאָל אים פאַרקויפן אַ ביסל פון מיינע זאַכן. פאַרשטייט זיך, נישט פאַר קיין געלט, וואָסער ווערט האָט געלט אין לאַגער, נאָר פאַר פּראָדוקטן: צוקער, פּוטער, קאָנסערוון וועלכע ער האָט לרוב, ווייל פאַר ראַזירן די נאַטשאַלסטווע באַקומט ער אַלץ. אגב, איז דאָרט געווען אַ ריזיקער זאַפּאַס פון פּראָדוקטן אויף יאָרן פאָרויס, ווייל שטענדיק איז געווען די געפאַר, אַז די פאַרבינדונג מיט דעם האַלב־אינדזל קאָן אי־בערגעריסן ווערן. אַזוי האָט ער אין מיר אַריינגערעדט. קיין סך האָב איך אים נישט פאַרקויפט, באַזונדער איצט נאָך דער אַמנעסטיע, ווען מיר אַליין האָבן געהאַט אַ האָפענונג פריי צו ווערן, נאָר איין אויבער־העמד האָב איך אים געגעבן, פאַר וועלכן ער האָט מיר באַלד געברענגט אַ גרויס שטיק צוקער פון עטלעכע קילאָ, אָפּגעהאַקט פון נאָך אַ גרעסערן היטל־צוקער און אַ גרויס שטיק פּוטער, הארט ווי שטיין. דאָ האָט מען נישט קיין מורא געהאַט די פּוטער זאָל צעגיין, אַפילו אין די „הייסע" צוויי חדשים מוז מען טראָגן וואַטענע מלבושים...

דערווייל זענען אַוועק עטלעכע וואָכן און איך האָב דעם פּריזירער מער נישט געזען, איך בין געווען זיכער, אַז ער איז שוין דאָ נישטאָ, נאָר פּלוצים דערזע איך אים אין דער זאָנע, נאָר כ׳האָב אים כמעט נישט דערקענט, אַזאַ אויסגעדאַרטער, מיט אַזאַ אומעטיקן פּנים. איך פרעג ביי אים, וואָס איז געשען? פאַרוואָס איז ער נאָך אין לאַגער? דערציילט ער מיר זיין טרויעריקע געשיכטע: דעם לעצטן טאָג פאַר זיין באַפרייונג, ער האָט זיך שוין געהאַלטן אין פּאַקן האָט מען אים אַרויסגערופן צום נאַטשאַלניק און מ׳האָט אים געהייסן אונטערשרייבן אַ דאָקומענט; ווען ער האָט איבערגעלייענט וואָס דאָרט איז געשריבן, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. היות, — האָט זיך דאָרט געשריבן — מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער זיך געשלאָגן מיט איינעם און ער האָט יענעם אַ שטאָך געטאָן מיט אַ ראַזירמעסער, ווערט אים דערפאַר צוגעלייגט נאָך צוויי יאָר צו זיין אין לאַגער. קעגן דעם איז נישטאָ קיין שום אַפּעלאַציע. פאַרשטייט זיך, אַז מער קיין זאַכן האָט ער שוין ביי מיר נישט געקויפט, און דווקא איך האָב זיך געגרייט באַפרייט צו ווערן.

מען האָט אונדז אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער זאָנע, אַ דריי קילאָמעטער ווייטער, דער וועג איז געווען זייער אַ שווערער, דער באָדן פול מיט דראָבנע שטיינדעלעך און אין אָונט האָט געבלאָזן אַזאַ שטאַרקער ווינט, אַז מיר האָבן זיך געמוזט אָנהאַלטן איינער אין צווייטן כדי צו קאָנען גיין און זיך נישט פאַרלירן. אונדזערע באַראַקן זענען געווען נאָענט צום ים אויף וועלכן ס׳זענען געווען אויסגעשטעלט אַ גאַנצע ריי הידראָפּלאַנען מיט זייערע שיפלעך, ווייל לופט־קאָמוניקאַציע פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט אין די חדשים, ווען דער ים איז געפרוירן און ס׳איז פינצטער. פון דער צווייטער זייט אונדזערע באַראַקן איז געווען אַ הויכער באַרג, בערך 1500—2000 מעטער די הויך. דאָ זענען מיר געגאַנגען אָן אַ קאָנוואָי, אַז מיר זאָלן אַנטלויפן האָבן זיי קיין מורא נישט געהאַט... פלעג איך טאָקע שפּאַצירן אין די לינדערע אָוונטן מיט מיין חבר גאָלדבערג און טרוימען אויף־דערוואָר: ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען מיר קאָנען נאָך אַמאָל אַהער קומען ווי פרייע מענטשן, צו קוקן אויף די וווּנדערלעכע נאַטירלעכע שיינקייטן וואָס געפינען זיך דאָ. נאָר... אָן די באַראַקן און אָן די אומגליקלעכע אומשולדיקע קרבנות.

די נאַטור און די אַרטיקע באַפעלקערונג

ביז 1—1930 איז די געגנט געווען אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט און פאַר־וואַרלאָזט. אויסער די אַרטיקע באַפעלקערונג זענען דאָ געקומען סוחרים פון אַמעריקע און קאַנאַדע, וועלכע פלעגן אויסקויפן די פעלן פון די חיות, דער עיקר פון בערן, וואָס ווערן דאָ געכאַפּט. צאָלן פלעגן זיי מיט אַ יאַגד־ביקס, אַ ביסל קוילן צום שיסן בעתן פאַנג און מיט אַנדערע קלייניקייטן אין וועלכע די אַרטיקע באַפעלקערונג האָט זיך געניטיקט. דאָס איז געווען נאָר אין די חדשים ווען די נאַוויגאַציע איז געווען טעטיק, און די שיפן זענען געווען אין באַוועגונג. די אַרטיקע איינוווינער זענען געווען פּרימי־טיוו און אָפּגעשטאַנען, ווי דיווילדע שבטים. זייער אויסזען: נידעריקער ווּוקס, ברייטע פּנימער מיט טונקעלער הויט. זייער עסן: קליינע ברייטע ים־פישלעך, וואָס זענען אויס ווי אַ קאָפּ מיט אַן עק, קיין גוף האָבן זיי כמעט נישט, און פלייש פון די בערן. דאָס מוז נישט זיין געקאָכט, אויך רויערהייט פאַרדייען זיי עס. די מלבושים: זענען אַלע אויפגענייט פון בערן־פעלן. אַ חוץ דעם האָבן זיי אַזאַ מין אויפגענייטן זאַק פון פעל, ביינאַכט קריכן זיי אַריין אין זייערע „וווינונגען" — אַ לאָך אויסגעהאַקט אין דער ערד אָדער אין באַרג — טוען אָן דעם זאַק און אַזוי שלאָפן זיי איבער די נאַכט.

ווי שוין דערציילט איז דער ים־וועג פריי נאָר 2—3 חדשים אין יאָר, די איבעריקע צייט איז דער ים געפרוירן און די קאָמוניקאַציע דאָרט אַהין איז דורך דער לופט (די רוסן זאָגן: 12 חדשים איז דאָ ווינטער, דאָס אי־בעריקע זומער). נאָר די אַרטיקע באַפעלקערונג האָט זיך אירע אייגענע קאָמוניקאַציע־מיטלען, דאָס זענען שליטנס געשפּאַנט אין ספּעציעלע פּאָלאַר־הינט, זייער אויסזען איז ווי גרויסע וועלף. זיי זענען געשפּאַנט פון 7 ביז 13 אין אַ שליטן, אַלע פּאָרנווייז, נאָר דער ערשטער איז אַ ספּעציעל־דרע־סירטער הונט, וואָס ווייסט ווו עס דראָט אַ געפאַר און ווו מען קאָן לויפן גלייך. אָט מיט דעם געשפּאַן פאָרן די טשעקאָדקער אַרויס אויפן אָפענעם ים אויף יאַגד נאָך די בערן. זומערצייט שפּאַצירן די הינט אַרום אין גאַנצע גרופּעס, נאָר זיי בילן נישט, זיי גייען שטיל זייער וועג. עס טרעפט אַמאָל: אַרעסטאַנטן וועלכע האָבן גרויסע אורטיילן און זיי האָבן שוין פאַרלוירן די האָפענונג אַרויס אויף דער פריי, רעדן זיך אָפּ מיט די באַלעבאַטים פון אַזאַ קאָמפּלעט הינט און זיי מאַכן אַ פּרווו צו אַנטלויפן קיין אַלאַסקאַ (אַמעריקע). אָבער נישט שטענדיק געלינגט אַזאַ „נסיעה", ווייל מען איז אויסגעשטעלט

אויף פֿאַרשידענע געפֿאַרן: אַריינצופֿאַלן צו די בערן, אָדער גאָר אַריינצו־פֿאַלן אין אַן אָפּגרונט וואָס געפֿינט זיך אין דעם אייז־ים.

נאָר, די לעצטע 10 יאָר האָט זיך דאָרט די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט, צוליב די גרויסע רייכטימער — פּלאַטין־גרובן, וואָס דאָרט געפֿינט זיך, האָבן די סאָוויעטן אַריבערגעפֿירט דאָ אַהער אַ גרויסע מיליטערישע און ציווילע אַדמיניסטראַציע, און דער עיקר, אַן אַרבעטס־לאַגער פֿון פּאָליטישע און קרימינעלע פֿאַרברעכער, ס׳זאָלן זיין אַרבעטער און די אַדמיניסטראַציע זאָל זיין באַשעפֿטיקט. אַזוי האָט מען מיט ביליקע אַרבעטס־הענט אויפֿ־געבויט כמעט אַ גאַנצע פֿאַרשטאָט ב ו כ ט ע פּ י ע וו ע ק. איצט איז שוין דאָרט פֿאַראַן אַ שול פֿאַר קינדער, אַ דאָקטער, אַן אַפּטייקער וועלכער איז גלייכצייטיק אויך ריכטער. אגב, אַ ייד, וועלכער פֿלעגט אָפּט אַריינ־קומען צו אונדז אין סטאָליערײַ צו כאַפּן אַ שמועס מיט מיר. אויך ביי די אָרטיקע באַמערקט מען געוויסע קליינע ענדערונגען: מ׳זעט שוין אַן אָר־טיקן מיליציאָנער, אַ קראַנקן־שוועסטער, אַ צוהעלפֿעריך אין דער קינדער־היים. ס׳זענען שוין אַפֿילו פֿאַראַן אָרטיקע „פּאָליטישע אַרעסטירטע״, כאָטש קיין צייטונג אָדער בוך האָבן נאָך זייערע הענט נישט געהאַלטן... נאָר דער גרעסטער טייל פֿון זיי גייט נאָך אַנגעטאָן אין די בערן־פֿעל און אויף אַ שטריקל אויפֿגעצויגן טראָגן זיי די ים־פֿישלעך וועלכע זיי עסן רויער־הייט. אַמאָל האָב איך געזען אַ 40־יעריקן טשיקטשינער זיצן און וויינען, ווען איך האָב זיך גענומען נאָכפֿרעגן, פֿאַרוואָס ער וויינט? האָט ער מיר דערקלערט: דאָס וויינט ער, ווייל מען צווינגט אים צו גיין אין באָד זיך וואַשן...

די הויפּט־אַרבעט דאָרט איז אין די פּלאַטין־שאַכטעס, וואָס געפֿינען זיך אין די פֿאַרשיידענע פּונקטן אין יענער געגנט, פּערקאַקאַ, קיינע מיינע, אמבאַרטשיק א. א. דער טראַנספּאָרט דאָרט אַהין איז מיט גרויסע ווי הייזער שליטנס צו וועלכע עס ווערן צוגעטשעפּעט עטלעכע טראַקטאָרס. יעדע וואָך גייט אָפּ אַזאַ טראַנספּאָרט מיט אַלעם נייטיקן פֿאַר די אַרעס־טאַנטן וואָס אַרבעטן דאָרט. די זעלבע שליטנס ברענגען דעם רוי־מאַטעריאַל פֿון דעם פּלאַטין, וועלכן די אַרבעטער האָבן אַרויסגעצויגן פֿון די שאַכטעס. מען פֿאַרלאָדנט אים אויף שיפֿן וועלכע שטייען אין פּאָרט און זיי פֿירן אים אַוועק אין צענטער פֿון לאַנד, צום באַאַרבעטן.

דער נאַטשאַלניק בעט אונדזער הילף

ווי מיר ווייסן שוין זענען אין לאַגער געווען אויך קרימינעלע פאַר־ברעכער, זיי פלעגט מען פירן צו דער אַרבעט שטרענג באַוואַכט, דאָך האָבן זיי נישט געאַרבעט. איינמאָל אַ פרימאָרגן איידער מיר זענען אַרויס צו דער אַרבעט האָט מען געמאָלדן, אַז איצט קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג. דער נאַטשאַלניק פון לאַגער ציטראָן האָט אָנגעהויבן זיין רעדע מיט די ווער־טער: „איר ערלעכע אַרעסטאַנטן (דאָס האָט ער געמיינט אונדז „פּאָליטישע פאַרברעכער"), העלפט אונדז באַקעמפן די שעדלעכע עלעמענטן, וועלכע געפינען זיך צווישן אונדז, זיי ווילן נישט אַרבעטן און דעמאָראַליזירן דעם גאַנצן לאַגער. אַליין קאָנען מיר עס נישט טאָן, נאָר צוזאַמען מיט אייך וועלן מיר עס באַווייזן. פון דעסטוועגן אין דער אמתן זענען גאָר זיי געווען די פּריווילעגירטע. זיי האָט מען צוגעלאָזט צו אַלע לייכטע אַרבעטן אין קיך, מאַגאַזין א. א., וואָס אונדז די פּאָליטישע איז עס נישט געווען דער־לויבט צוליבן חשד אין סאַבאָטאַזש. נאָר מיר, סטאָליאַרעס, האָבן אויך גע־האַט קליינע פּריוועלעגיעס, מיר זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט אַליין, אָן אַ וואַך. די נאַטשאַלניקעס פלעגן זאָגן: „דאָס איז אונדזער דראָבנע אינטע־ליגענציע". מיר זענען אויך נישט געגאַנגען אַלע עסן אין דער לאַגער־קיך, נאָר מיר האָבן צווישן זיך איינגעשטעלט דיזשורן, יעדער טאָג איז געגאַנגען אַן אַנדערער ברענגען עסן פאַר אַלע אין דער סטאָליערײַ. עס דערמאָנט זיך מיר: אַמאָל ווען ס'איז געווען מיין ריי, בין איך געגאַנגען פון קיך מיט אַן עמער זופּ און מיט אַ גרויסער שיסל קאַשע, דערווייל האָט זיך געמאַכט אַ שטאַרקער ווינט וואָס האָט מיך געהויבן אין דער לופטן און געדרייט אין אַלע זייטן ווי אַ קאַרוזעלע, נאָר דאָס עסן האָב איך שטאַרק געהאַלטן און נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט. מיינע מיטאַרבעטער אין דער סטאָליערײַ האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געזען מיין גע־ראַנגל מיטן ווינט, נאָר זיי האָבן געלאַכט, פאַר זיי איז עס נישט געווען קיין נייעס, די טשעקאַדקער ווינטן אין מיטן זומער...

צרות ביי דער אַרבעט

אין דער סטאָליערײַ בין איך געווען איין ייִד און דאָס האָט מסתמא געוויסע מענטשן גוט געשטאָכן די אויגן. האָבן זיי געוואָלט מיר אונטערשטעלן אַ פּיסל אויף אַן אופן וואָס דאָס פאָלק רופט „מיר איין אויג און יענעם ביידע". היות ווי די נאָרמע איז געווען איין פענצטער אַ טאָג, האָבן זיי גענומען מאַכן וואָס ווייטער אַלץ מער, ביז זיי זענען דערגאַנגען צו דריי פענצטער אַ טאָג. ווען זיי האָבן אָבער געזען, אַז איך מאַך אויך דאָס זעלבע, זענען זיי מיד געוואָרן און האָבן אָפּגעשטעלט דאָס „יאָגן און איבעריאָגן". נאָר פאַר דער „חכמה" האָב איך זיי פאַר מיין אָפּפאָרן איבערגעלאָזט אַ „לעצט־געלט" וועגן וועלכן כ'וועל שפּעטער דערציילן.

ס'האָט געטראָפן אַ פאַל: ביי דער אַרבעט האָב איך זיך צעווערטלט מיט איינעם אַן אַרבעטער, אַ רוס — פּריטיאַגין. האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן „אַ שאָד וואָס היטלער האָט אייך אַלע נישט אויסגעהרגעט". נאָך דער אַרבעט בין איך אַוועק צום נאַטשאַלניק פון לאַגער און אים געמאָלדן, אַז איך וויל גיין צו שוואַרצער אַרבעט, ווייל אין דער סטאָליערײַ קאָן איך מער נישט אַרבעטן. איז ער צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל אים זאָגן וואָס ס'איז געשען, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'מוז זיין אַ וויכטיקע סיבה דערפאַר. ווען איך האָב אים דערציילט, האָט ער גלייך אַרויסגערופן דעם רוס און האָט אויסגעפאָרשט דעם ענין. יענער האָט זיך אַנטשולדיקט און צוגעזאָגט, אַז מער וועט זיך אַזוינס נישט איבערחזרן. דער נאַטשאַלניק האָט אויף מיר געווירקט און איך בין ווידער אַוועק אַרבעטן אין דער סטאָליערײַ. שפּעטער בין איך מיט דעם פּריטיאַגינען געוואָרן פריינד און מיר פלעגן בשותפות אָננעמען זייטיקע שטיקלעך אַרבעט, פאַר וועלכע מיר האָבן באַקומען באַצאָלט אין פּראָדוקטן.

אין יענער צייט איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג, אַז מיר דאַרפן אַרבעטן 12 שעה אין טאָג און אויך זונטיק — דעם אָפּרו־טאָג — דאַרפן מיר אַרבעטן. דאָס איז שוין באמת געווען צופיל... האָב איך געזוכט אַן עצה ווי זיך אָפּצוראָטעווען עטלעכע טעג. עמעצער האָט געגעבן אַזאַ מיטל פון וועלכן מען באַקומט פיבער אויף עטלעכע שעה — אַן פיבער באַפרייט מען...

אין דער צייט בין איך אַוועק צום דאָקטער און ער האָט מיך באַפרייט אויף אַ טאָג. צומאָרגנס האָב איך ווידער געמאַכט די זעלבע קונץ און ווידער באַקומען אַ פרייען טאָג. נאָר ווען איך האָב עס געוואָלט מאַכן אַ דריט

מאָל, האָט דער דאָקטער געזאָגט, אַז ער מוז מיך שיקן אין שפּיטאָל אַריין, האָב איך שוין רעזיגנירט. די צוויי רו־טעג זענען פּונקט אויסגעפאַלן ראש־השנה און איך האָב זיי אויסגענוצט אויף צו מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג אין מיין אייגענער ווירטשאַפט. נאָך די עטלעכע טעג האָב איך זיך פאַרט געפילט בכח ווייטער אַ געוויסע צייט צו אַרבעטן.

פּרוּוון צו וועלן אַנטלויפן

כאָטש דאָס אָרט איז געווען פאַרשטופּט הינטער די הרי־חושך און אַרויסרייסן זיך פון דאָרט איז געווען אוממעגלעך, זענען דאָך געווען פאַלן, ווען מענטשן האָבן געפּרוּווט לויפן און פריי ווערן. אמת, דאָס זענען דער רוב געווען קרימינעלע פאַרברעכער, וועלכע זענען בטבע דרייסטער און איינשטעלערישער. איינמאָל איז געווען אַזאַ פאַל: צוויי קאָנוויער האָבן געפירט 6 אַרעסטאַנטן צו דער אַרבעט, נאָכן אָפּגיין עטלעכע קילאָמעטער פון צענטראַלן פּונקט, זענען די אַרעסטאַנטן באַפאַלן די צוויי זעלנער, איי־נעם פון זיי דערהרגעט אויפן אָרט, דעם צווייטן צעשניטן דאָס פּנים מיט די ליפּן, — מסתמא ער זאָל נישט קאָנען רעדן — געכאַפּט די ביקסן און זענען אַנטלאָפן. דער פאַרוווּנדעטער וואָס האָט נאָך קוים געלעבט, האָט מיט די לעצטע כחות זיך דערשלעפּט צו בוכטע־פּיעוועק און דערציילט וואָס ס׳איז געשען. באַלד זענען אַרויסגעפלויגן עראָפּלאַנען צו זוכן די אַנטלאָפענע. איינעם פון זיי איז זיי געלונגען צו כאַפּן און אים ברענגען אין לאַגער. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אים באַלד פאַרמשפּט צום טויט און דעם אורטייל אויסגעפירט.

שניידער און שוסטער־וואַרשטאַטן

זייער אייגנטלעכע אויפגאַבע האָט געדאַרפט זיין ברענגען אין אָרדנונג, אויספאַרריכטן די מלבושים פון די אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען צעריסן געוואָרן. נייע זאַכן זאַכן אין גענוג גרויסע צאָלן האָט מען געבראַכט גרייטע פון די פאַבריקן אין צענטראַל־רוסלאַנד. אָבער ביסלעכוויז איז דער וואַרשטאַט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאָר עפּעס אַנדערש; מען האָט דאָרט אויסגעאַרבעט שפּאָגל־נייע זאַכן פאַר די נאַטשאַלניקעס און זייערע פרויען, פאַר די מאַגאַזיניערן און פאַר דעם קיך־פאַרוואַלטער. זיי האָבן געהאַט מיט

וואָס צו צאָלן; די גרויסע בלעכענע פושקעס פלייש־קאָנסערוון, וועלכע האָבן געדאַרפט גיין אין די קעסלען זופּ פאַר די אַרעסטאַנטן, זענען אויף אַ געהיימנישפולן אופן איבערגעגאַנגען אין די וואַרשטאַטן, און די אַרעס־טאַנטן האָט מען די קאַשע געקאָכט אויף וואַסער, נאָר ווי פאַר אַ זכר האָט מען אַריינגעוואָרפן עטלעכע פושקעס קאָנסערוון.

ביי די שניידער האָט געאַרבעט איין ייִד — מיין פריינד כאַוקין, ביי די שוסטער — דער ייִד ראַכמאַנטשיק. די איבעריקע זענען געווען רוסן.

כאַוקין האָט געוווּסט, אַז אויסער אַ סטאָליער בין איך אויך אַ קאַ־מאַשן־שטעפּער, האָט ער זיך צוזאַמענגערעדט מיט ראַכמאַנטשיקן — ער איז געווען דער מייסטער ביי די שוסטער, מען זאָל מיך אַרייננעמען אין דער קאָמפּאַניע. ראשית־כל וועט זיין אַ מזומן ביים בענטשן, והשנית וועט זיין מיט וועמען צו כאַפּן אַ שמועס און דער קאָמפּלעט וועט זיין פאַרפולט... ראַכמאַנטשיק האָט מיר פאַרגעלייגט: היות ער דאַרף מאַכן אַ פּאָר מאָדערנע לאַטשן פאַר דעם נאַטשאַלניקס פרוי, זאָל איך מאַכן די כאָלעוועקעס און דערפאַר וועט מיך דער נאַטשאַלניק אַריבערפירן צו זיי אין וואַרשטאַט אַלס שטעפּער. אין עטלעכע וואָכן בין איך פאַרטיק געוואָרן מיט די לאַטשן, באַלד האָט מען מיר אונטערגערוקט אַ פּאָר שטיוול־כאָלעוועס פאַר דעם קיך־פאַרוואַלטער. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב באַקומען האַנט־געלט אַ גרויסע פושקע מיט קאָנסערוון — מיט וועלכער איך בין קוים פאַרטיק געוואָרן אין משך פון עטלעכע וואָכן... נאָר דער גאַנצער ענין פון איבערגיין אויף אַ נייעם אַרבעטס־פּלאַץ האָט שוין נישט געלויבט און נישט געווען אַקטועל, ווייל דערווייל האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען און ס׳זענען געווען סימנים דערצו, אַז די צייט פון אונדזער באַפרייונג איז נאָענט. דער בעסטער סימן איז געווען: ווען אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך באַוויזן אַ מאַסע פון 3000 מענטשן, באַוואַקסענע און מידע. דאָס זענען געווען אַרעסטאַנטן פון די באַלטישע לענדער: ליטע, לעטלאַנד, עסטאָניע. מען האָט זיי גלייך אַראָפּגעפירט אין די פּלאַטין־שאַכטעס און וועגן זייער גורל, ווי סאָוויעטישע בירגער — ווייסט נאָר גאָט אַליין...

אונדזער אַרויספאָר פון טשעקאַדקער האַלב־אינדזל

מיינע נביאותן הייבן זיך אָן צו באַשטעטיקן, ווייל ביים אַרויספאָרן פון בוכטע־נאַכאַדקע האָבן מיר שוין געוווּסט וועגן דער מלחמה צווישן דייטשלאַנד און סאָוויעט־רוסלאַנד. האָב איך דעמאָלט אַ זאָג־געטאָן צו אונדזערע פוילישע יידן: „זעט, די שיף וואָס פירט אונדז קיין טשעקאַדקע, וועט אונדז צוריק פירן". נאָר ווען מען האָט אונדז אַלעמען אַראָפּגענומען פון דער שיף, מען האָט אויסגעלאָדן אַלץ וואָס די שיף האָט געבראַכט און זי איז אַרויסגעשווומען פון פּאָרט, האָבן מיר אַלע געפרעגט: „נו, וואָס איז מיט דיינע נביאותן?" וואָס האָב איך זיי געקאָנט ענטפערן? האָב איך געשוויגן. נאָר וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן? ווען די שיף „סאַ־כאַלין" איז אָפּגעפאָרן האַלב וועג האָט מען זי צוריקגערופן. אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די שיף שטייט פאַראַנקערט אין פּאָרט און אונדזערע בליקן זענען שוין געווען געווענדעט אַהין. די אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן שוין געקוקט אויף אונדז מיט קנאה און איינער פון זיי, — אַ יונגער פּאַעט וואָס האָט באַקומען 10 יאָר פאַר אַן אַנטימלוכיש לידל — האָט זיך אַפילו אויסגעדריקט „וואָס מיינט איר, איר זענט בעסער פון אַלע אַנדערע?...

2־טער אָקטאָבער 1941

ס'איז געווען באַלד נאָך יום־כיפור האָט מען אָנגעהויבן אַרויסרופן אַלע פוילישע בירגער, פּאָליאַקן און יידן. די פּאָליאַקן האָט מען געבראַכט פון די פּלאַטין־שאַכטעס, ווו זיי האָבן געאַרבעט קיין בוכטע־פּיעוועק, ווו מיר זענען געווען סטאַביל. איצט איז שוין קלאָר געווען, אַז מען באַפרייט אונדז. אייגנטלעך האָבן מיר שוין פון לאַנג געוווּסט, אַז מיר דאַרפן באַ־פרייט ווערן, נאָר איינער פון די נאַטשאַלניקעס, וואָס איז זיינע הענט איז געווען אונדזער גורל, האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און אונדז ווייטער געהאַלטן ביי דער אַרבעט. אים האָט וואַרשיינלעך געדראָט אַ משפּט פאַר דעם, מיט אַן אורטייל ביז 15 יאָר, האָט ער זיך אַליין פאַרמשפּט און האָט זיך אויפגעהאָנגען. ביי אונדז אין דער סטאָליערײַ האָט מען באַשטעלט די טרומנע פאַר אים, ער איז געווען צוויי מעטער די הויך, די טרומנע 2,20 און איך בין עס געווען דער מאַכער...

דער לעצטער טאָג אין טשעקאַדקע

אין דער פרי האָב איך צוגעגרייט מאַטעריאַל אויף 4 פענצטער. דאָס איז געווען מיין לעצטע נקמה אין די, וואָס האָבן להכעיס מיר, אַרויפגעטריבן די נאָרמע צו 3 פענצטער. פיר פאַרנאַכט זענען זיי שוין געווען פאַרטיק און איך האָב זיך געשטעלט מאַכן: אַ דאַמינע, אַ דאַמקע און אַ שאָך צו קענען שפּילן אויפן וועג. אויך אַ האַלצערנעם לעפל האָב איך זיך געמאַכט פאַר אַן אָנדענק. נאָר דערווייל קומט צולויפן דער סטאָליער־מייסטער און דערציילט מיר, אַז אַלע פּוילישע האָט מען אַראָפּגענומען פון דער אַר־בעט, זיי געגעבן נייע מלבושים און געשיקט אין באָד אַריין. וואָסזשע איז עס מיט מיר? פאַרוואָס שווייג איך? און ער ראָט מיר, איך זאָל שוין לויפן צו דעם נאַטשאַלניק, וועלכער איז דער ממונה אויף דער באַפרייונג און אַליאַרמירן. ווען איך בין געקומען אַהין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין גאָר נישטאָ אין די רשימות פון די באַפרייטע. איך האָב גענומען לויפן, זוכן צו וועמען דאָס געהער און צו וועמען איך דאַרף זיך ווענדן. אַלץ איז דאָך געווען אַ סוד, נאָר אָט טרעף איך כאַווקינען און ער זאָגט מיר צו וועמען דאָס געהער, ער זאָגט מיר אויך אַן איך זאָל זיך נישט לאָזן אָפּפּטרן מיט גאָרנישט, איך זאָל מאַכן אַ סקאַנדאַל. נאָר צום נאַטשאַלניק לאָזט מען מיך נישט צו און אַנדערע נעמען מיר גאָר איינרעדן: „צו וואָס דאַרפסטו פאָרן? וואָס פעלט דיר דאָ? זיי דאָ? ווערסט זען ווי שיין די הימלען זענען אין ווינטער, ווען זיי לייכטן מיט די קאָלירן פון צפון־שיין". צום סוף האָב איך זיך מיט כח אַריינגעריסן צום נאַטשאַלניק און אויפגעהויבן אַ געשריי, כ'האָב אים געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס זענען אַנדערע וואָס האָבן די זעלביקע פאַראַגראַפן און אורטיילן — אַמאָל נאָך גרעסערע פון מיר, יאָ אין די רשימות און איך נישט? ביז דער נאַטשאַלניק האָט געהייסן מיך אַריינשרייבן. דערווייל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך עטלעכע מענטשן, צווישן זיי מיין איצט נאָענטער חבר גאָלדבערג זענען אויך נישטאָ אין די רשימות, בין איך געלאָפן עטלעכע קילאָמעטער אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער און זיי געגעבן צו וויסן, וואָס דאָ טוט זיך. זיי זענען געקומען צו לויפן און זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער קאַנצעלאַריע פון נאַטשאַלניק, געקלאַפּט אין די טירן. זיי האָבן זיך שוין פאַררופן אויף מיר, ביז מען האָט זיי אַלעמען אַריינגעצויגן אין די רשימות צום באַפרייען. איצט בין איך געלאָפן זיך געזעגענען מיט מיינע פריינד; מיט כאַווקינען און די אַלע

איבעריקע. מען קאָן זיך פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ ביטערע געמיטער זיי זענען פאַרבליבן אָפּקומען נאָך 10—15 יאָר שטראָף.

צו דער שיף

אין דרויסן איז שוין פינצטער, מען רופט אויס אונדזערע נעמען, ווי שטענדיק שטעלט מען אונדז צו 5 אין אַ ריי און מיר מאַרשירן צום פּאָרט. אויפן האָרץ איז אַ ביסל לייכטער, פון דערווייטן טליעט אַ שטיקל האָפע־נונג... דאָ מאַרשירן מיר שוין ווי פרייע מענטשן אָן „באַגלייטונג". קיינער וועט נישט צוריקלויפן און מיטכאַפּן זיך מיט אונדז, קאָן אויך קיינער נישט, ווייל אַלע זענען שוין פאַרשפּאַרט אין זייערע זאָנעס. ביי דער שיף האָבן מיר געהאַט אַ שטיקל אַנטוישונג; מיר האָבן זיך געריכט ווי פרייע מענטשן צו האָבן באַקוועמע פּלעצער, נאָר דאָ זענען אַפילו די דריטע קלאַס מיט וועלכע מיר זענען אַהער געקומען שוין געווען פאַרכאַפּט פון אַנדערע.

אונדזער טראַנספּאָרט איז איצט באַשטאַנען פון עטלעכע קאַטעגאָריעס באַפרייטע:

1) רוסישע בירגער מיט קליינע שטראָפן, וועלכע זענען שוין אָפּגע־קומען זייער טערמין.

2) פאַרברעכער מיט גרויסע שטראָפן, וועלכע זענען שוין נישט פעיִק געווען צו דער אַרבעט. זיי האָט מען גערופן „אַקטירטע", ד. ה., טיילווייזע באַפרייטע.

3) טשעכישע בירגער, געוועזענע מיליטער־לייט, וועלכע זענען גע־וואָרן אַרעסטירט בעתן מלחמה־אויסברוך. צווישן זיי האָב איך ווידער באַגעגנט מיין פריינד קאַגאַן.

4) און מיר די פּוילישע בירגער, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן לויטן אָפּמאַך מיט דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג, וועלכע האָט געדאַרפט אויפשטעלן אַ פּוילישע אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל אַנדערס.

אויסער דעם זענען דאָ געווען אַ גרויסע צאָל פון נאַטשאַלסטוואָ, וואָס האָבן געוואָלט דאָ אין דעם פאַרוואָרפענעם עק־וועלט איבערקומען די מלחמה, איצט האָט מען זיי צוריק גערופן.

היות אונדזערע פּלעצער זענען שוין געווען פאַרכאַפּט פון אַנדערע גרעסערע „מיוחסים", האָבן מיר זיך געמוזט איינאָרדענען אין בויך פון שיף, דאָרט וווּ מען פירט דעם באַגאַזש, ווי אויף אַ לאַסטשיף. ווי נאָר

מיר זענען אַרונטער האָט מען געמאָלדן, אַז מיר דאַרפֿן זיך נעמען צו דער אַרבעט: צורעכט מאַכן די נאַרעס און מאַכן אָרדענונג. נאָר ווען מען האָט זיך עס איצט געגלוסט טאָן? מיר זענען דאָך שוין פֿרייע מענטשן! אָבער איך האָב זיך יאָ אַ נעם־געטאָן צו דער אַרבעט, אַלע האָבן מיך געקענט און געוווּסט, אַז איך בין אַ סטאָליער. דאָס האָט מיר טאַקע שפּעטער גע־בראַנגט נוצן אויף דער שיף; וואָס נאָר מען האָט געדאַרפֿט פֿאַרריכטן פֿון סטאָליעריי האָט מען זיך געוואָנדן צו מיר. איך האָב צו דעם נישט דער־לייגט: אַמאָל אַ פּושקע קאָנסערוון, אַמאָל אַ קילאָ צוקער און אַנדערע זאַכן. אין דער פֿרײַ איז די אַרבעט געוווען געענדיקט, יעדער האָט זיך צוגעפּאַסט שכנים לויט זײַן אייגענעם פֿאַרלאַנג און מיר זענען געוווען „איינגעאָרדנט"...

דאָקטער זשעלינסקי

ער איז געוווען צוזאַמען מיט אונדז דער איינציקער דאָקטער אין לאַגער. געוווען איז ער מסתמא אַ לעמבערגער ייִד, נאָר ער האָט עס פֿאַר־לייקנט און געטענהט, אַז ער איז אַ פּאָליאַק. פֿון ספּעציאַליטעט אַ כירורג. קיין ערנסטע אָפּעראַציעס האָט ער נישט געמאַכט, נאָר ווען ער האָט געדאַרפֿט אויפֿשנײַדן אַ מכּה אָדער עפּעס ענלעכס איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין דער שוסטעריי, געבאָרגט דאָרט אַ שאַרף מעסער און געטאָן זײַן אַר־בעט. מיט מיר און קאַגאַנען האָט ער זיך געהאַלטן נאָענט און שטילער־הייט האָט ער מיך דערמאָנט ייִדישע מאכלים: טשאָלנט, קוגל, צימעס און זיך באַלעקט דערבײַ. אָט דעם דאָקטער זשעלינסקי האָט מען באַשטימט פֿאַר דעם קאָמענדאַנט פֿון דער גרופּע פּוילישע בירגער, קאַגאַן איז געוואָרן קאָמענדאַנט בײַ די רוסישע באַפֿרייטע. שפּעטער אַ ביסל האָט דער דאָקטער אָפּגעגעבן אויף זײַן אַמט צו קאַגאַנען, אַזוי איז ער שוין געוואָרן דער ציוויל־קאָמענדאַנט פֿון גאַנצן הינטערשטן טייל שיף, וווּ מיר האָבן זיך געפֿונען. ס׳איז נאָך געוווען אויך אַ מיליטערישער קאָנוואָי צוליב די רוסן, וועלכע האָבן נאָך געדאַרפֿט איבערגעשיקט ווערן אין אַנדערע לאַגערן צו לײַכטערע אַרבעט, בײַ אַ לײַכטערן קלימאַט.

דעם 3־טן אָקטאָבער 1941, איז די שיף „סאַכאַלין" שטיל אַרויסגעפֿאָרן פֿון פּאָרט, מיר פֿאָרן קיין וולאַדיוואָסטאָק, דער גרעסטער ווײַט־מזרחדיקער פּאָרט. די נסיעה וועט דויערן 4 וואָכן, נעמען מיר אײַנשטעלן אַ שטיקל סדר־היום, איך צי אַרויס מײַנע שפּיל־אינסטרומענטן. אַ געוויסע צאָל

מענטשן שפילן, די איבעריקע שטייען און קוקן, נאָר זאָל כאַטש זיין אַ שטיקל באַשעפטיקונג. די קרימינעלע חברה רוסן אויף דער צווייטער זייט, זיצן אַ גאַנצן טאָג און שפילן אין קאָרטן. זיי האָבן שוין אַלץ פאַרשפּילט פון זיך, זיצן זיי אין די בלויזע העמדער און אונטערהויזן. כאַטש שפילן אין קאָרטן איז שטרענג פאַרבאָטן, האָבן אָבער די קאָנוואָי־מענטשן מורא זיך צו דערנענטערן צו זיי. אַמאָל האָט קאַגאַן געפּרוווט זיי שטערן, האָבן זיי אים גלייך געמאָלדן „דיין לעבן איז דיר נאָך אַ שאָד? אונדזערס איז שוין סייווי פאַרפאַלן, טאָ גיי בעסער נישט צו נענטער". מער האָט ער עס שוין נישט געטאָן. איך אַליין האָב יאָ געהאַט אַ ביסל מזל ביי זיי; ווייל אַמאָל ווען זיי האָט זיך פאַרגלוסט מען זאָל קאָכן האַלישקעס (דאָס זענען אַזעלכע ברייטע פערפל) און קיינער האָט עס נישט געקאָנט מאַכן, האָב איך עס געמאַכט פאַר זיי. זיי האָבן אַפילו מיך איינגעלאַדן מיטשפּילן מיט זיי, אָדער זיך צוקוקן. נאָר איך האָב זיי העפלעך געדאַנקט...

אַזוי האָט זיך די שיף פּאַמעלעך געשלעפּט, ס'איז אונדז שוין געוואָרן לאַנגווייליק, מיר זענען שוין געווען אומגעדולדיק צו זען וואָס וועט מען טאָן מיט אונדז אַראָפּגייענדיק פון שיף. נאָר דערווייל האָבן מיר געמוזט באַהערשן די נערוון און ווייטער שפילן... אַמאָל זיצנדיק אויף דער נאַרע, זע איך צוויי פון אונדזערע פּוילישע יידן שפילן אין דאָמינע, כ'האָב זייביידע געקענט. איינער הערשנבערג פון לאָדזש, דער צווייטער באַרג — (היינט אין ישראל — בת־ים). פּלוצים זע איך ווי איינער פון זיי טוט אויס די פּופּייקע און גיט זי איבער דעם צווייטן. איך שפּרינג אַראָפּ פון דער נאַרע און פרעג זיך וואָס דאָ קומט פאָר? דערוויס איך זיך, אַז זיי האָבן גע־שפּילט אויף דעם מלבוש און דער האָט פאַרשפּילט... פאַרשטייט זיך, איך האָב אויפגעהויבן אַ גרויסן סקאַנדאַל, די דאָמינע האָב איך באַלד צוגע־נומען און מיר האָבן געצוווּנגען אָפּצוגעבן די פּופּייקע, כאָטש דער פאַרשפּיל־טער האָט זי נישט געוואָלט אָפּנעמען, ווייל ס'איז נישט פאַרן „האָנער" פון שפּילער... נאָר פון איצט אָן האָב איך געגעבן די שפּיל־כלים נאָר צו אַזעלכע וואָס האָבן נאָר געוואָלט פאַרטרייבן די צייט, אָן האַזאַרט, ווייל כ'האָב באַמערקט, אַז אויך צווישן אונדזערע יידן זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס נעמען גיך איבער די תורה פון די רוסישע קאָרטן־שפּילער.

געווען נאָך אַ צייט־פּאַרטרייב

אויסהערן דערציילן מעשיות. איינער אַ גאַליציאַנער ייִד פון אַ שטעטל וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט בוקאָווינע, איז געווען אַ מייסטער אויף דערציילן מעשיות, געשיכטעס וואָס האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף. עטלעכע טעג האָט זיך געצויגן דאָס דערציילן אַ מעשה און מיר זענען געזעסן און אויסגעהערט. אגב, האָט דער ייִד זיך געמאַכט אַ „צוגאָב־פּרנסה" אויף דער שיף. פון פאַך איז ער געווען אַ פריזירער, האָט ער דאָ אויסגעזוכט אַ שטיקל שמאָלע בלעך, עס אויסגעשאַרפט אויף אַ שטיין, צוגעבונדן צו אַ שטיקל האָלץ און געקראַצט בערד. באַצאָלט האָט מען אים מיט אַן עק פון הערינג, מיט אַ ציגאַר מאַכאָרקע א.א. איך בין געווען זיינער אַ שטענדיקער קליענט, ווייל איך האָב געהאַט אַ סך איבעריקע זופּן מיט קאַשעס...

מיר זענען שוין דורכגעפאָרן קאַלימאַ, קאַמטשאַטקע, סאַכאַלין, מיר ציילן שוין נישט קיין וואָכן נאָר טעג. מיר דערנענטערן זיך צו וולאַדי־וואָסטאָק. מיר האָבן אויך נישט אויסגעמיטן אַ ביסל שרעק: אין שיף האָט זיך אָנגעהויבן באַוויזן וואַסער אינעם אונטערשטן טייל. ס'איז געקומען פון אַ קלאַפּ וואָס די שיף האָט באַקומען אָנקלאַפּנדיק זיך אין אַן אייז־קריע נאָך פאָרנדיק קיין טשעקאָדקע. מען האָט זי פאַרריכט, נאָר ווייזט אויס, נישט ווי געהעריק. אָבער מיר זענען איבערגעקומען דעם וועג ביז וולאַ־דיוואָסטאָק בשלום.

וולאַדיוואָסטאָק

נאָך אַ חודש פאָרן אויפן אָכאָדסקן־ים זענען מיר אָנגעקומען אין פּאָרט פון וולאַדיסוואָסטאָק, מען האָט אָנגעהויבן אויסלאָדענען די שיף. מיר זענען אַראָפּ די לעצטע. צוערשט זענען אַרונטער די מיליטער־לייט, די ציווילע רוסישע בירגער און אַנדערע מיוחסים, ערשט צום סאַמע סוף, מיר. דאָ איז עפּעס געשען: מ'האָט גענומען עטלעכע אונדזערע מענטשן צום אויסלאָדן געוויסע פּראָדוקטן פון דער שיף, צווישן זיי אויך מיין חבר גאָלדבערג און איינעם אַן אוקראַינער — פּאַביאַניק, וואָס איז אָנגעגאַנגען פּאַר אַ פּאָליאַק. טראָגנדיק די פּראָדוקטן האָבן זיי באַמערקט אַ קאַסטן מיט קיכלעך (פּראַניקעס), דאָס האָבן מסתמא באַקומען די בעסערע פּאַ־סאַזשירן אויף דער שיף. דערזען אַזאַ מציאה האָבן זיי אויפגעריסן דעם

קאַסטן, אַנגעשאָטן אַ גרויסן זאַק מיט קיכלעך און עס געברענגט צו מיר איך זאָל עס באַהאַלטן. איך האָב עס פאַרשטופּט אויפן געלעגער אונטערן קאָץ. אָבער לאַנג ליגן דאָרט האָט עס דאָך נישט געקאָנט, מיר האָבן דאָך אינגיכן געדאַרפט פאַרלאָזן די שיף און קוים וואָלט מען דאָס געפונען ביי אונדז פּאַליטישע וואָלט עס געהייסן סאַבאָטאַזש... האָב איך בסוד גענומען זוכן אַפּנעמערס. כ׳האָב געטיילט די ייִדן מיט וועלכע איך בין געווען זיכער, יענע האָבן זיך פאַרדעקט מיט די קאָצן, געמאַכט זיך שלאָפן און אַזוי שטילערהייט געקייעט. דערווייל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען האָט זיך דערוווּסט וועגן דער גניבה און באַלד וועט מען זוכן. מען קאָן זיך פאַרשטעלן אונדזער שרעק. איך האָב גענומען אויף גיך טיילן שוין צו אַ גרעסערן קרייז מענטשן. דער עולם האָט געגעסן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז נישט איינער איז קראַנק געוואָרן פון צופיל עסן. אַזוי האָב איך כמעט צעטיילט די גאַנצע סחורה. נאָר אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דעם קלאַנג האָבן פאַרשפּרייט טאַקע די, וועלכע האָבן נישט באַקומען, כדי איך זאָל זיין געצוווּנגען אויך זיי צו געבן...

סוף־כל־סוף האָט מען געמאָלדן מיר זאָלן זיך גרייטן אַראָפּגיין פון שיף. מיר גייען אַרונטער און וואַרטן אויף דער פּראָצעדור פון אונדזער באַפרייונג. נאָר נישט אַזוי גיך מאַכט זיך עס. דערווייל האָט מען אונדז איבערגעפירט אין אַ טראַנזיט־לאַגער נישט ווייט פון פּאָרט. דאָרט זענען געווען האַלצערנע באַראַקן. ס׳איז געווען אַ נאָוועמבער־אָוונט, ס׳האָט זיך געשטעלט דער ווינטער מיט זיינע קעלטן און מיר האָבן נישט געוווּסט צי שוין פון דאַנען וועט מען אונדז באַפרייען, צי מען וועט אונדז נאָך איבערשיקן אין אַן אַנדער פּלאַץ. צווישן אונדז איז אויך געווען מיין פריינד „קאַגאַן דער טשעך״, האָט ער מיך געבעטן איך זאָל זינגען עפּעס אַ ייִדיש לידל, נאָר איך האָב זיך געפילט נישט־מיט־אַלעמען, געהאַט אַ ביסל היץ, האָב איך אָפּגעזאָגט. נאָר קאַגאַן האָט שטאַרק געבעטן, האָב איך געזונגען נאָמבערגס סיבירער לידל: „עס לויפן און יאָגן שוואַרצע וואָלקנס״ א.א.וו. ווען איך האָב געענדיקט האָב איך אים געפרעגט, צי ער האָט פאַרשטאַנען. האָט ער מיר געענטפערט: נישט בלויז פאַרשטאַנען, נאָר אויך געפילט. אויך די איבעריקע ייִדן האָבן דאָס גוט געפילט...

צוריק אין בוכטע נאַכאָדקע

אַזוי זענען מיר איבערגעזעסן די גאַנצע נאַכט מיט דער האָפענונג אַז מאָרגן וועלן מיר שוין זיין פרייע מענטשן. אָבער גאַנץ פרי האָט מען אונדז געהייסן נעמען די פעקלעך, מען האָט אונדז צוגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע ווו עס זענען שוין געשטאַנען גרייטע לאַסט־וואַגאָנעס מיט נאַרעס. וועמען צו פרעגן איז נישט געווען, אַלע האָבן געענטפערט: מיר ווייסן נישט. די באַן האָט גערירט און מיר זענען פאַרפאָרן צוריק צו אונדזער אַלט־באַקאַנטן אָרט — בוכטע נאַכאָדקאַ.

מען פירט אונדז אַריין אין איינע פון די זאָנעס. ווידער שיקט מען אונדז אויף אַרבעט, אין דרויסן איז שטאַרק קאַלט נאָר צו קיין פאַך־אַרבעט קאָנען מיר נישט גיין, מיר זענען דאָך עפּעס... באַפרייטע־אַרעסטאַנטן. בכלל איז אונדזער לאַגע געווען אַ מאָדנע פיינלעכע; מיר האָבן געוווּסט אַז ס׳איז דאָ אַן אַמנעסטיע פאַר די פוילישע בירגער, מיר האָבן אויך געוווּסט, אַז ס׳האָט זיך געשאַפן אַ פוילישע אַרמיי, וואָס דאַרף קעמפן אויף דער זייט פון די אַליאירטע מלוכות. נאָר דאָ אין לאַגער איז שאַ־שטיל, ווי עס וואָלט זיך גאָרנישט געענדערט אויף דער וועלט. עס איז נאָך ערגער געוואָרן, מיר אַרבעטן איצט ביי 400 גראַם ברויט, ווען פריער האָבן מיר באַקומען 700 גראַם.

מיר פּרוּוון זיך אַרויסדרייען פון דער אַרבעט, ס׳איז שוין טיפער ווינ־טער מיט שנייען און פרעסט. אמת, דער קלימאַט איז דאָרט אַ מיטל־איירָאפּעיִשער, דאָ גייט אַדורך דער וואַרעמער גאָלף־שטראָם. נאָך דאָך דערגייען די קעלטן ביז 20—25 גראַד. מיר האָבן באַקומען הענטשקעס צו דער אַרבעט, אָבער מיר באַהאַלטן זיי און טענהן, אַז מיר קאָנען נישט אַרבעטן מיט די בלויזע הענט. איין טאָג איז אונדז טאַקע געלונגען אָבער צומאָרגנס האָבן די שומרים גענומען זוכן און טאַקע געפונען עטלעכע פּאָר הענטשקעס, דאָס איז שוין געווען אַ גענוגנדיקע סיבה מען זאָל אונדז אונטערטרייבן און אָנרופן סאַבאָטאַזשניקעס. נאָר פּאָרט האָבן מיר זיך נישט געקאָנט באַרויִקן, מיר האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ שרייענדיקער עוולה אַזאַ באַציונג, האָבן מיר געזוכט אַנדערע מיטלען...

געוויינטלעך האָט מען אונדז אַרויסגעפירט צו דער אַרבעט פינף פאַר־טאָג, ס׳איז נאָך געווען גוט פינצטער. דער בלאָז־אָרקעסטער ביים טויער פון דער זאָנע האָט געשפּילט מאַרשן און מיר הונגעריקע האָבן געציטערט

פון קעלט. ביי אַזאַ לאַגע איז פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן געוואָלט אויס־מיידן די אַרבעט. האָבן אַ טייל צעריסן עפּעס אין די שיך, זיי אָפּגעגעבן צום פאַריכטן און דערווייל אַ טאָג נישט אַרויס צו דער אַרבעט. אַנדערע האָבן סתם באַהאַלטן די שיך און געזאָגט, אַז זיי האָבן זיי געגעבן צו פאַריכטן. אַזוי האָב איך אויך געטאָן, נאָך דעם ווי כ'האָב דערהאַלטן אַ צעטעלע פון קאַגאַנען, אַז ער איז געוואָרן דער אָנפירער פון דער וועשעריי און ער וויל מיך אומבאַדינגט זען, בין איך אַוועק צו אים. ער האָט מיך פאַרגע־שטעלט פאַרן פּערסאָנאַל ווי אַ סטאַכאַנאָוויעץ פון טשעקאַדקער האָלב־אינדזל און מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג פאַרברענגט צוזאַמען און זיך אויסגע־שמועסט פאַר אַלע צייטן. דאָ, דערמאָנט זיך מיר — האָט אַ פרוי פון ביוראָ באַמערקט, אַז איך טראָג אַ שיינעם סוועטער מיט אַ שאַל, האָט זי מיר פאַרגעלייגט אַ לעגענדאַרע סומע פאַר אים. דאָס אַלץ נישט אין געלט נאָר ברויט און פּראָדוקטן. אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, דערקלערנדיק איר: אַז דעם סוועטער מיט דער שאַל האָט מיין מוטער אַליין מיט אירע הענט אויסגעשטריקט און דאָס איז ביי מיר אַ הייליקער אָנדענק. איר איז דאָס שווער געווען צו פאַרשטיין.

דעם זעלבן אָוונט איז געוואָרן צונויפגעשטעלט אַ ליסטע פון אַלע די, וואָס זענען נישט אַרויס צו דער אַרבעט, איך אויך צווישן זיי און מיר האָבן באַקומען אַ שטראָף: 5 טעג קאַרצער. ד. ה., ביי טאָג אַרבעטן נאָר שלאָפן אין קאַרצער. איך האָב באַלד אָנגעזאָגט מיין חבר גאָלדבערג, אַז ווען מען וועט מיך נעמען אין קאַרצער זאָל ער דאָס צוווּיסן געבן קאַגאַנען. אַזוי איז עס טאַקע געווען; באַלד נאָכן אָוונט־ברויט האָט מען אונדז אַלע פאַרנומען אין קאַרצער. נאָר אַרום 12 ביי נאַכט האָט מיך אויפגעוועקט דער קאָ־מענדאַנט און מיך געהייסן צוריק גיין אין באַראַק. ער האָט מיר נאָר אָנגע־זאָגט איך זאָל קיינעם נישט דערציילן וואָסער פּראַטעקציע איך האָב. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז יעדע נאַכט וועט מען מיך אויסרופן צו גיין אין קאַרצער, נאָר איך זאָל זיך מאַכן נישט־וויסנדיק און בלייבן אויף דער נאַרע. אַזוי בין איך געווען 5 טעג פריי פון קאַרצער. אין די פרייע אָוונטן האָב איך געוואָלט פאַריכטן מיינע זאַכן, נאָר קיין נאָדל איז נישט געווען, האָב איך אויסגעזוכט אַ שטיקל דראָט און געמאַכט אַליין אַ „נאָדל". ביז, ביים איבערפירן אונדז אין אַ צווייטער זאָנע האָט מען איבערגעקוקט די זאַכן און זי געפונען. פאַרשטייט זיך, מען האָט זי צוגענומען...

דער נאַכט־אַלאַרם

איין מאָל אַרום 12 ביינאַכט הערן מיר אַ געשריי: אויפשטיין צו דער אַרבעט! די רוסן זענען באַלד אַראָפּ פון די נאַרעס, נאָר מיר, די פּוילישע בירגער — יידן און פּאָליאַקן, האָבן זיך אַלע ווי איינער קעגנגעשטעלט. מיליטער איז אַריין מיט ביקסן אין די הענט, האָבן מיר זיי דערקלערט, אַז מיר זענען אַמנעסטירטע פּוילישע בירגער און זיי האָבן נישט קיין רעכט אונדז צו צווינגען צו אַרבעטן. נאָר זיי האָבן געענטפערט: „מיר וויסן גאָרנישט״. די סטרעלאָקן האָבן גערופן צוהילף די קאָמענדאַנטן און בריגאַדירן און זיי האָבן גענומען מיט כח אונדז שלעפּן פון די נאַרעס. קעגנשטעלן זיך האָט שוין נישט געהאַט קיין זין, עס האָט נאָך געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ בונט אין לאַגער און די רעזולטאַטן האָבן מיר זיך געקאָנט פאָרשטעלן. האָבן מיר זיך געמוזט אונטערגעבן, זיך אָנטאָן און אַרויסגיין. אַרויסקומענדיק אין דרויסן האָבן מיר שוין געטראָפן בערך אַ 4000 מענטשן, גרייטע צום אָפּמאַרשירן. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אין רייען צו פינף, אַרומגעשטעלט מיט אַ שטאַרקער וואַך. מיר שפּאַנען אין דער פינצטער, קיינער ווייסט נישט וווהין. אין קאָפּ קריכן פינצטערע מחשבות — אפשר איז עס שוין אונדזער לעצטער וועג? ס׳איז אַ פראָסט, קאַלט און אַלע ציטערן פון שרעק, וואָס זאָל דאָס באַטייטן? נאָר ענדלעך נעמען מיר זיך צוגעוווינען צו דער פינצטערניש און מיר באַמערקן, אַז מיר זענען ביי דער באַן־ליניע, עס שטייען הונדערטער לאַסט־וואַגאָנעס און עס זענען אָנגעוואָרפן אַ סך גרויסע קופּעס ברעטער.

באַלד טיילט מען איין אין בריגאַדעס. מיר דאַרפן פאַריכטן און ברענגען אין אָרדנונג די וואַגאָנעס: פאַריכטן די פענצטער, די טירן, די נאַרעס אא״וו. נאָר היות אַ סך וואַגאָנעס זענען שוין פאַריכטע, ווייזט אויס פון בריגאַדעס וואָס זענען געווען פאַר אונדז, די געמיטער האָבן זיך אַ ביסל באַרויִקט, אָן כחות זענען מיר געווען פון דעם לאַנגן מאַרש, באַמיט זיך דער עולם אַרויסצודרייען פון דער אַרבעט. ס׳איז נאָך אַלץ פינצטער, באַהאַלט זיך דער עולם אין די פאַריכטע וואַגאָנעס. זיי רוקן זיך אַרונטער די נאַרעס און שלאָפן. ווען די בריגאַדירן מיט די סטרעלאָקן באַמערקן, אַז די אַרבעטער זענען נעלם געוואָרן, נעמען זיי זוכן און זיי טרעפן טאַקע אין יעדן פאַרטיקן וואַגאָן עטלעכע שלאָפנדיקע מענטשן. נאָר יענע מאַכן זיך תמעוואַטע: זיי האָבן נאָר וואָס פאַרענדיקט די אַרבעט און זיי האָבן זיך

אַ ביסל אָפּגערוט... האָט מען זיי אַרויסגעטריבן אויפן פּלאַץ, דאָרט האָבן זיי זיך אַ ביסל אָנגעוואַרעמט ביי די פונאַנדערגעלייגטע פייערן און ווידער אַוועק שלאָפן. אַזוי האָט זיך די סצענע איבערגעחזרט עטלעכע מאָל און די אַרבעט האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, זעלטן ווו האָט מען געהערט אַ קלאַפּ פון אַ האַמער און ווידער אַ שטילקייט, אַזוי האָבן מיר זיך אָפּגעמאַטערט אַ גאַנצע נאַכט. דערווייל איז געוואָרן טאָג, ליכטיק, די זון האָט געשיינט, דער עולם איז אַרויסגעקראָכן פון די לעכער פאַרשלאָפענע און ציטערנדיקע פון קעלט. איצט האָט מען אונדז געהייסן צוזאַמענטראָגן די ברעטער אויף איין אָרט. נאָך עטלעכע שעה טראָגן האָבן מיר באַמערקט, אַז אַן אַנדערע בריגאַדע טראָגט די זעלביקע ברעטער ווידער אויף די פריערדיקע פּלעצער. אויף אונדזער פראַגע: וואָס זיי טוען? האָבן זיי געענטפערט: „מען האָט אַזוי געהייסן". דעמאָלט האָבן מיר באַשלאָסן: ס'איז גלייכער גאָרנישט צו טאָן, נאָר לאָזן די ברעטער אויפן אָרט. איצט האָבן מיר גוט פאַרשטאַנען די מעשה פון חומש מיט דעם „דור הפלגה". די צעטומלעניש פון די מוחות... ווען די מיליטערישע וואַך איז געקומען צולויפן מיט אַ געשריי, האָבן מיר זיי אויפגעקלערט וואָס דאָ געשעט. סוף־כל־סוף איז זיי נמאס געוואָרן די חוזק־שפּיל און ס'איז געקומען אַ באַפעל, אַז מיר קערן זיך אום אין דער זאָנע. אַרום 12 בייטאָג זענען מיר שוין געווען צוריק פון אונדזער „נאַכט־אַרבעט", מיר האָבן באַקומען אונדזער פאַרציע ברויט מיט אַ זופּ און מיר זענען אַרויף אויף די נאַרעס אָפּרוען. דאָ האָבן מיר נאָך לאַנג געשמועסט וועגן דער נעכטיקער נאַכט און ווידער האָבן מיר זיך געקאַכט, געטומלט און געצאַנקט וועגן דער אַמנעסטיע, און מיט וועלכע רעכט שלעפּן זיי אונדז אויף נאַכט־אַרבעט?

ווידער האָבן זיך געצויגן טעג מיט שווערער אויסמאַטערנדיקער אַרבעט, וועלכע איז באַשטאַנען אין אויפלאָדענען און אָפּלאָדן משאות פון די גרויסע לאַסט־אויטאָס. איינמאָל האָט מען אונדז צוגעפירט צו אַ גרויסן באַרג מיט געגאָסענע אין פאָרמעס רוי־אייזן (טשיגון), וואָס יעדע שטיק האָט געוויגן בערך אַ 70 קילאָ, דאָס האָבן מיר גענאַרפט אויפלאָדענען אויפן אויטאָ, די נאָרמע איז געווען 30 שטיק פאַר אַ מענטש. אַ סך האָבן זיך גענומען אַרבעטן אין צווייען, נאָר איך האָב זיך איינגעשפּאַרט און אַליין געמאַכט מיינע 30 שטיק. אַן אַנדער מאָל איז געשען אַזאַ זאַך: מען האָט אונדז גענומען אויפצולאָדענען לאַנגע שווערע שטאַבעס אייזן, ביי דעם האָבן שוין געמוזט אַרבעטן דריי מענטשן, איך האָב געאַרבעט מיט

מיין חבר גאָלדבערג און מיט איינעם אַ פּאָליאַק. מיר האָבן פאַרענדיקט אונדזער נאָרמע פאַר אַלע און מיינע מיטאַרבעטער האָבן זיך אָפּגערוקט זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן פּלאַץ אָפּרוען. איינער פון דער מיליטערישער וואַך האָט מיך געפרעגט פאַרוואָס איך זיץ? ווען איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז איך האָב שוין פאַרענדיקט מיין נאָרמע, האָט דאָס אים נישט באַפרידיקט און ער האָט מיך אויפגעפאָדערט איך זאָל ווייטער גיין צו דער אַרבעט. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט און דער קאָנוואָי האָט געדראָט מיט שיסן, נאָר עס האָט אויף מיר נישט געווירקט. נאָך אַמאָל האָט ער מיך אויפגעפאָדערט איך זאָל גיין צו אַרבעט, איך האָב נישט געפאָלגט, האָט ער באַפוילן איך זאָל זיך לייגן אויפן שניי און ווען איך האָב זיך געלייגט האָט ער גענומען צוגרייטן די ביקס צום שיסן. אונדזער גאַנצע בריגאַדע יידן און פּאָליאַקן זענען געשטאַנען דערשראָקענע פול מיט פחד און זיך צוגעקוקט צו דעם בילד. ווען זיי האָבן געזען, אַז דער קאָנוואָי מיינט טאַקע צו שיסן, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר און מיך גענומען בעטן איך זאָל נישט זיין איינגע־שפּאַרט, ווייל ער וועט נאָר אַ צי־טאָן דאָס צינגל פון דער ביקס און עס וועט שוין זיין נאָך אַלעמען און דער גערעכטער וועט ער סייווי בלייבן, ס'איז אויך נישטאָ ביי וועמען צו מאָנען קיין גערעכטיקייט. מיט אַ שווער האַרץ האָב איך זיך געלאָזט איבעררעדן און זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבעט.

מען האַנדלט

די לאַגע איז געוואָרן אַלץ שווערער, די אומגעדולדיקע דערוואַרטונג, שווערע אַרבעט און קנאַפּע באַשפּייזונג האָבן געדריקט. מען האָט געדאַרפט עפּעס צופאַרדינען, און אַט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין דער צווייטער זאָנע איז דאָ אַ געוועלבל (לאַראָק), ווו מען פאַרקויפט הערינג, נאָר מען דאַרף זיך קאָנען אַריבערקומען אַהין, ווייל פון איין זאָנע אין דער צווייטער איז געווען אַ פאַרצוימונג, ביי וועלכן ס'איז געשטאַנען אין אַ בודקע אַ מיליטערישע וואַך און דאָרט האָבן נאָר געקאָנט אַדורכגיין די נאַטשאַלניקעס, קאָמענדאַנטן, בריגאַדירן און ענלעכע פאַרשוינען. דעמאָלט בין איך געפאַלן אויף שוין אַן איינמאָל אויסגעפרווט מיטל; כ'האָב זיך אויסגעפּוצט אין מיין אייגענער קליידונג: אַ שיינעם ווינטער־פּאַלטאָ מיט אַ פוטערנעם קאָל־נער, אַ פאַר שטיוול, אַ פיין היטל און אין אַט דער קליידונג בין איך דרייסט

אַריבערגעגאַנגען אין דער צווייטער זאָנע. קיינער האָט מיך נישט פאַר־האַלטן, קיינער האָט נישט געוואַגט אָפּצושטעלן אַ מענטש אין אַזעלכע מלבושים. זיי זענען געווען זיכער, אַז כ׳בין מסתמא עפּעס אַ גרויסע פיגור. דערצו בין איך נאָך געגאַנגען אַזוי דרייסט, אַז ס׳האָט קיין ספק נישט געקאָנט זיין אין דעם, אַז איך בין עפּעס אַ חשובער מענטש, וועלכן מען טאָר נישט שטערן. אַזוי בין איך אַ סך מאָל דורכגעגאַנגען די זאָנעס, געקויפט עטלעכע קילאָ הערינג, וועלכע מען האָט שפּעטער פאַרקויפט אָדער אויסגעטוישט אויף אַנדערע פּראָדוקטן. נאָר ווען איך פלעג אַזוי דרייסט מאַרשירן צו דער צווייטער זאָנע, זענען מיינע חברים געשטאַנען פון דערווייטנס און געלאַכט ווי לייכט ס׳איז זיי צו נאַרן...

לאַנגזאַמע און טיילווייזע באַפרייונג

עס קומען אָן באַפרייטע פון פאַרשיידענע ערטער: פון קאַלימיי, קאָמ־טשאַטקע, סאַכאַלין. אַפילו דער קליינער טייל אַרעסטירטע וועלכע זענען געבליבן אויפן טשעקאַדקער האַלב־אינדזל, ווייל די פּוילישע בירגערשאַפט איז נישט געווען קלאָר, האָט מען זיי נישט באַפרייט צוזאַמען מיט אונדז. האָט מען אין יאַנואַר 1942 אַרויסגעפירט פון דאָרט. נאָר מיר, די פריער באַפרייטע זענען נאָך אין לאַגער, ווער ווייסט אויף ווי לאַנג נאָך? מען פירט אונדז אויף דער אַרבעט, נישט רעגולער. מען פירט אונדז אויך קאָ־לעקטיוו, גאַנצע באַראַקן צוזאַמען — אין באָד. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע אָפּקומעניש, ווייל מיר האָבן געמוזט שלעפּן אונדזערע פּעקלעך אין דיזעג־פעקציע־קאַמער. דערביי האָט מען נאָך דורכגעפירט איבער אונדז אַן אַקט פון וועלכן מיר האָבן זיך געפילט דערנידעריקט: מען האָט אונדז אויס־ראַזירט די האָר פון די אינטים־מענטשלעכע ערטער און אָפּט האָט מען געשיקט פרויען צו מענער, און מענער צו פרויען. ס׳איז געווען אַ שרעקלעך מאָראַלישע פּיין... נאָר זעלטן פלעגט אונדז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון גיין אין באָד. פריער פלעגן זיי שיקן אַן אונטערזוכונגס־קאָמיסיע און אויב זיי האָבן געפונען אַ דריי מענטשן ריינע און זויבערע, איז דער באַראַק באַפרייט געוואָרן פון דער באָד. מיר האָבן שוין געוווּסט ווער מען אַרויס־צושטעלן צו דער אונטערזוכונג. איך בין שטענדיק געווען איינער פון די דריי און ווען מיר זענען געווען באַפרייט פון גיין אין באָד, איז עס פאַר אונדז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג.

דער הונגער

אַרומגייענדיק מיט דער האָפענונג, אַז אָט־אָט וועלן מיר באַפרייט, זענען מיר אָבער שוין געווען זייער דערשעפּט פון הונגער און פון שלאָפן אויף די האַרטע ברעטער וואָס האָבן געקוועטשט אונדזערע אויסגעפּייניקטע קערפּערס. באַזונדער שווער איז געווען די לאַגע פון די וועלכע האָבן גע־רויכערט. זיי פלעגן אָפּגעבן אַ האַלבע פּאַרציע ברויט פאַר אַ ביסל מאַכאָרקע און האָבן געלעבט אויף 200 גראַם ברויט אַ טאָג. אַזעלכע זענען אַרומגעגאַנגען אויף די מיסטן לעבן די לאַגער־קיכן, אפשר וועלן זיי געפינען עפּעס צום עסן. מ׳האָט געטראַכט און פאַנטאַזירט וועגן עסן. געווען ביי אונדז אַ ייִד פון קאַסטאָפּאָל (וואָלין — פוילן) מיטן נאָמען האַבילאָוו. אין זיין שטעטל האָט ער געהאַט אַ דרוקעריי און ער האָט גוט באַהערשט די רוסישע שפּראַך, דאָ האָט ער געאַרבעט אין איינער פון די לאַגער־קאַנצעלאַריעס. ער טאָקע פלעגט אונדז ברענגען אַ ביסל נייעס פון דער וועלט. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז דאָ אַ פּוילישע אַרמיי, וואָס גייט האַנט ביי האַנט מיט דער ענגלישער אַרמיי קעגן געמיינזאַמען שונא, אָבער דער עיקר פלעגט ער דערציילן ווי גוט די אַרמיי עסט און וואָסערע גוטע אויסזיכטן מיר האָבן זיך אַנצוּעסן מיט לאָקשן, אַפילו מיט יויך. מיר האָבן זיך גע־ווערטלט, אַז האַבילעוו חלומט זיך לאָקשן מיט יויך און דערפון איז ער פריילעך...

אין רעזולטאַט פון הונגער האָט זיך גענומען מערקן נעגאַטיווע דער־שיינונגען. מ׳האָט שוין געהערט וועגן פאַלן, ווען מ׳האָט צוגעגנבעט ביי מענטשן דאָס לעצטע שטיקל ברויט, ביי נאַכט ווען יענער איז געשלאָפן. וואָס דאָס באַטייט הונגערן אַ טאָג אין לאַגער און צו וואָסערע רעזולטאַטן דאָס קאָן דערפירן — קאָנען וויסן נאָר די, וואָס זענען אין לאַגער געווען. האָבן מיר, דאָס ביסל פּוילישע ייִדן, וואָס זענען אַלע געווען קאָנצענטרירט אין איין באַראַק — זיך באַראַטן וואָס צו טאָן. מיר האָבן קודם כל באַשלאָסן אָפּצוהיטן דאָס ברויט. אַלע האָבן מיר פאַרנומען איין נאַרע גאַנץ אויבן, דאָרט האָבן מיר אויסגעלייגט אַלע אונדזערע זאַכן און געמאַכט איין גרויס געלעגער פאַר אַלעמען צוזאַמען. אויף צוגעדעקט האָבן מיר זיך געמיינזאַם. אַזוי איז געווען וואַרעמער... דאָס ברויט האָבן אַלע אַריינגעלייגט צו מיר אין רוקזאַק, וועלכער איז געווען גוט פאַרמאַכט, יעדער אין זיין זעקעלע מיט אַ סימן. ביי נאַכט ווען מען האָט מיר איבערגעגעבן דאָס ברויט האָב

איך דעם רוקזאַק אַנגעטאָן אויף זיך און אַזוי בין איך געשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט מיטן ברויט אַנשטאָט אַ קישן. דערצו בין איך געשלאָפֿן אינמיטן, אַלץ כדי, עס זאָל זיין שווער צוצוקומען. אַזוי האָבן מיר אָפּגעהיטן אונדזער גרויסן פאַרמעגן... אין דער פרי האָט יעדער צוריק באַקומען זיין פאָרציע ברויט גאַנץ נישט געריררט. אַזוי אַרום האָבן מיר זיך אויסגעהיטן פון רייבונגען און חשדים.

מען דאַרף זאָגן דעם אמת, אַז אַלע האָבן מיר באַוווּנדערט, וואָס ביי אַזעלכע אומשטענדן האָב איך נאָך כח און געדולד זיך צו זאָרגן פאַר אַנדערע. אויך די פּאַליאַקן האָבן באַוווּנדערט, ווי איין מענטש האַלט אַלע אַזוי פאַראייניקט. ביי זיי איז עס אַזוי נישט געווען. איינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויפן צווייטן.

דאָס אייז רירט

ס'נעמען זיך באַווייזן איינציקע באַפרייטע, וועלכע גייען דורך אונדזער זאָנע. דאָ דאַרפן זיי באַקומען זייערע באַפרייונגס־דאָקומענטן. צווישן זיי איז אויך געווען דער צווייטער אַרעסטירטע פון מיין פּאָשאָלעק יצחק קירשבוים. דאָ האָבן זיך באַגעגנט קרובים און משפחה, וואָס זענען צעטיילט געוואָרן בעתן אַרעסטירט ווערן. אַזוי האָבן זיך דאָ געטראָפן דריי ברידער ליפשיץ פון ראָזוואַדאָוו, וואָס יעדער פון זיי איז געווען פאַרשיקט אויף אַן אַנדער אָרט און איינער האָט פון אַנדערן ניט געוווּסט. צוקוקנדיק זיך צו דעם האָט זיך אויך ביי אונדז דערוועקט אַ האָפענונג, אַז אונדזער אויסגעבענקטער חלום, זיך נאָך אַמאָל צו זען מיט אונדזערע משפחות וועט מקוים ווערן. מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט וועגן דעם, וואָס ס'איז געשען מיט די יידן אין אייראָפּע, באַזונדער מיט דעם פּוילישן יידנטום. מיר האָבן געלעבט מיט אילוזיעס, וואָס די נאָענטע צוקונפט האָט אַזוי ברוטאַל צעשטערט...

עס דערגייט אויך צו אונדז

מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצורופן אין דער קאַנצעלאַריע פון לאַגער און די וועלכע מען האָט אַרויסגערופן זענען שוין מער נישט געקומען צוריק. אין אַ געוויסן טאָג ביים פרישטיק האָט מען אויסגערופן מיין נאָמען. אין אַ רגע האָב איך אַלץ געלאָזט שטיין, כאָטש נישט וויסנדיק גענוי צוליב וואָס מען רופט מיך, האָב איך געכאַפּט מיין באַגאַזש מיט זיך. כ'האָב געפילט,

אַז עפּעס וויכטיקס קומט פֿאָר אין מיין לעבן. אין לאַגער־קאַנצעלאַריע האָט מען מיר געגעבן אַ דאָקומענט מיט מיין בילד, וואָס איז נאָך געמאַכט גע־וואָרן אין ביאַלי־אָזיערע תּפֿיסה, איך האָב באַקומען 300 רובל, 5 קילאָ ברויט און אַ באַן־בילעט ביז בוזאַלוק, צו דער פּוילישער אַרמיי. מיט אָט דעם פֿאַרמעגן האָט מען אונדז צוגעפֿירט צו דעם טויער פֿון לאַגער און געהייסן גיין. איך בין אָבער נישט אַוועק, נאָר צוגעגאַנגען צום פּלויט פֿון לאַגער, דאָרט האָט געוואַרט אויף מיר מיין חבר גאָלדבערג. איך האָב אים געגעבן אַ ביסל געלט און ברויט און מיר האָבן זיך געזעגנט מיט דער האָפֿענונג, אַז מיר וועלן זיך טרעפֿן אויף דער פֿריי. צום באַדויערן האָבן מיר זיך שוין מער נישט געזען. ער איז נישט צוריקגעקומען. ביז 1946 איז ער געווען פֿאַרבונדן מיט זיין משפּחה, וועלכע איז געווען פֿאַרשיקט אין סיביר, שפּעטער זענען אַלע שפּורן זיינע פֿאַרשוווּנדן.

אויף דער פֿריי

עטלעכע צענדליק מענטשן זענען מיר אַרויס פֿון לאַגער. דער שומר עפֿנט דעם טויער און זאָגט צו אונדז: „איר זענט שוין פֿריי, איר קאָנט גיין וווּהין איר ווילט״. נאָר מיר זאָגן מיט אַ ביסל איראָניע: „מיר ווייסן נישט וווּ צו גיין, אפֿשר וויל ער אונדז אַ ביסל אונטערפֿירן?״ מיר זענען שוין נישט געוווינט געווען צו גיין אַליין און האַלטן די הענט פֿריי ווי מען וויל...

נאָכן אָפּגיין עטלעכע קילאָמעטער זענען מיר אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַנציע פֿון בוכטע־נאַכאָדקאַ. מיר האָבן גענומען וואַרטן אויף דער באַן קיין וולאַדיוואָסטאָק, וואָס האָט זיך געפֿונען אַ 250 קילאָמעטער פֿון דאַנען. דערווייל ביז איך אַרייַן זיך אָפּראַזירן, אַראָפּוואַרפֿן אַ צענדליק יאָרן פֿון זיך. רוסישע ייִנגלעך האָבן אונדז פֿאַרקויפֿט אַזעלכע ים־באַשעפֿענישן, וואָס פֿון זייערע פּיס מאַכט מען קאָנסערוון. מיר זענען געווען אויסגעהונגערט און זיך צוגעכאַפּט עסן — אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט. נאָר אָט איז שוין אָנגעקומען אונדזער צוג און נאָכן פֿאָרן ביז מאָרגן אין דער פֿרי, זענען מיר אָנגעקומען קיין וולאַדיסוואָסטאָק. די שטאָט אַליין איז אפֿשר אַמאָל געווען אַ לעבעדיקע שטאָט; איצט זעט זי אויס ווי געשטאָרבן. לאַנגע גאַסן מיט 3—4 שטאָקיקע הייזער, אַ גאַנצן טאָג זעט מען ווייניק מענטשן אין גאַס, אַ מאָדנע שטילקייט, נאָר אין דער פֿרי און פֿאַר נאַכט זענען די טראַמ־

ווייען פול, מענטשן פאָרן צו־און־פון דער אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי האַלב־ליידיק. בכלל מאַכט עס בשום־אופן נישט קיין איינדרוק, אַז דאָס איז די אַלטע גרעסטע ווייט־מזרחדיקע פּאָרט־שטאָט וולאַדיוואָסטאָק, ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט. אַלץ איז אַלט און טויט. נישט ווייט פון וואָק־זאַל איז דער פּאָרט, איז ער פאַרלייגט מיט הונדערטער אַלטע צעבראָכענע שיפן, וואָס זענען שוין לאַנג אַרויס פון פאַרקער. ווען נישט דאָס „ביסל" וואַסער אין ים וואָלט עס אויסגעזען ווי אַ מאַגאַזין פון אַלט אייזנוואַרג.

מיר שפּאַצירן איבערן וואָקזאַל און אַט דערזע איך עטלעכע דאָרפישע פרויען מיט באַנקעס מילך, שוין לאַנג האָב איך דעם געטראַנק נישט געזען. איך גיי צו און בעט זיי זאָלן מיר פאַרקויפן אַ ליטער מילך. איך דערצייל זיי, אַז איך קום איצט פון לאַגער און שוין צוויי יאָר האָב איך קיין מילך נישט פאַרזוכט. איך האָב געלט און קאָן באַצאָלן. איינע פון די פרויען ענטפערט גוטמוטיק, אַז צו פאַרקויפן האָט זי נישט, נאָר זי קאָן מיר געבן אָן געלט. עס האָט נישט געהאָלפן אַלע מיינע פאַרזיכערונגען, אַז איך האָב גענוג געלט צו באַצאָלן. זי האָט אַרויסגענומען פון מיין האַנט דאָס קעסעלע (אָן וועלכן מען טאָר זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד נישט רירן), און האָט מיר אָנגעגאָסן בערך אַ 2 ליטער מילך, וועלכע כ'האָב מיט איין מאָל אויסגע־טרונקען. כ'האָב געזען, אַז די פרוי האָט מיר שטאַרק מיטגעפילט און מיר דאַנקבאַר געווען וואָס כ'האָב איר געגעבן די געלעגנהייט צו טאָן אַ גוטע זאַך... די מילך האָט פון דעסטוועגן מיין גאַנצן הונגער נישט געשטילט. האָב איך זיך גענומען נאָכפרעגן ווו עס געפינט זיך ערגעץ אַ רעסטאָראַציע, מען זאָל קאָנען אָפעסן אַ מיטאָג ווי אַ מענטש ? איך האָב זיך אויפגעזעצט אויפן טראַמווײ, געפאָרן כמעט איבער גאַנץ וולאַדיוואָסטאָק. רעסטאָראַנען זענען טאַקע געווען, אפשר נאָך פון די צאַרישע צייטן, ווייל אויף איין אָרט איז אַפילו געשטאַנען אַ שווייצער ביי דער טיר, וואָס האָט אויסגע־טאָן דעם מאַנטל — נאָר איצט איז עס געווען בלויז אַ שילד מיט פיר ליידיקע ווענט. אויסער הערינג איז גאָרנישט געווען...

צופעליק האָב איך געטראָפן אַן אַרבעטער און ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַרום דריי ביי טאָג איז פאַראַן אַ רעסטאָראַן ווו איך וועל קאָנען באַקומען אַ מיטאָג פאַר 2 רובל, מלוכישע פרייז. דאָרט טאַקע האָב איך געגעסן מיטאָג און אַפילו געטרונקען אַ גלאָז ביר. לעבן מיין טיש איז געזעסן אַ יונגע, סימפּאַטישע פרוי, אַ באַן־אַרבעטערין — וואָרשיינלעך אַ יידישע — זעענדיק מסתמא ווי איך עס, האָט זי מיר פאַרזיכטיק פאַרגעלייגט; אויב

איך וועל זיך נישט באַליידיקן וויל זי מיך מכבד זיין מיט איר מיטאָג. זי קאָן באַקומען אַ צווייטס. איך האָב זיך אַ ביסל פאַרלוירן, נאָר נישט וועלנדיק זי באַליידיקן, האָב איך איר געטאָן די „טובה״ און אויפגעגעסן אויך איר מיטאָג. זי האָט טאַקע געהייסן זיך דערלאַנגען אַ מיטאָג. נאָר סיווי האָבן אַלע געזען, וואָס מיט דעם ערשטן איז געשען. איצט, אַ זאַטער בין איך צוריק געפאָרן צום וואָקזאַל, וואַרטן אויף דעם צוג קיין נאָוואָ־סיבירסק. אויפן פעראָן האָב איך ווידער געטראָפן די פרוי. איך בין צוגעגאַנגען און איר געדאַנקט. זי האָט זיך אויסגעפרעגט פון וואַנען איך בין און פון וואַנען איך קום איצט? איך האָב איר געענטפערט. זי האָט גאָרנישט גערעדט, זי האָט זיך נאָר אַרומגעקוקט צי מען זעט נישט אַז מיר שמועסן. מיר האָבן זיך געזעגנט, נאָר זי האָט נאָך לאַנג מיט פריינטלעכע און באַדויערנדיקע בליקן געקוקט צו אונדז.

ביראָ־בידזשאַן

ענדלעך איז אָנגעקומען דער צוג אויף וועלכן מיר האָבן געדאַרפט פאָרן ביז נאָוואָסיבירסק. מיר זענען אַריין אין צוג און יעדער האָט זיך צוגעזוכט שכנים. איך האָב דאָ קיין שום באַקאַנטע נישט געהאַט, האָב איך זיך אַרויפגערוקט אויף די העכערע נאַרעס אין וואַגאָן. כ׳האָב דאָ נישט געזען פאַר זיך קיין געזעלשאַפט.

ביי יעדער סטאַנציע ווו דער צוג האָט זיך געשטעלט זענען געשטאַנען מענטשן און האָבן פאַרקויפט לעפּיאָשקעס (אַזעלכע פלעצעלעך פון געקאַכטע קאַרטאָפל) עס האָט געקאָסט אַ רובל אַ שטיק. אין אָנהויב האָב איך אויך געקויפט, נאָר גיך האָב איך זיך געכאַפּט, אויב איך וועל אַזוי קויפן וועל איך אינגיכן בלייבן אָן אַ גראָשן געלט און איך האָב אויפגעהערט קויפן. איך בין אַראָפּגעגאַנגען נאָר אין גרעסערע שטעט, ווי כאַבאַראָווסק, קראַסנאָיאַרסק. נאָר דער עיקר האָב איך געוואַרט אויף ביראָ־בידזשאַן. פאַרנדיק ווי אַן ארעסטאַנט האָב איך אויפזייענדיק אַ גאַנצע נאַכט זיך באַגנוגנט מיט זען דורכן פענצטער פון וואַגאָן דעם יידישן אויפשריפט: ב י ר אָ ־ ב י ד ז ש אַ ן אויפן וואָקזאַל. איצט אָבער ווי אַ פרייער מענטש, האָב איך באַשלאָסן אַראָפּצוגיין און גוט אָנקוקן, מיט מיינע אייגענע אויגן די „יידישע רעפובליק״. ס׳איז געשען אַזוי, אַז די באַן האָט זיך געשטעלט אין ביראָ־בידזשאַן אין מיטן נאַכט, ביי אַ 50 גראַדיקן פראָסט. נאָר פאָרט בין איך אַראָפּ אויפן וואָקזאַל, וועלכער איז געווען פול מיט

געזשום פון מענטשן. איך בין צוגעגאַנגען צום בופעט, ביי וועלכן ס׳זענען געשטאַנען עטלעכע יידישע מיידלעך, שיינע ברונעטקעס, פול מיט יידישן חן און גערעדט צווישן זיך אַ שיינעם ליטווישן יידיש. נאָר צו די, וואָס זענען געקומען קויפן, האָבן זיי גערעדט נאָר רוסיש. איך האָב זיך געוואָנדן צו זיי אויף יידיש און דאָס איז געווען פאַר זיי עפּעס אַ מאָדנע איבעראַ־שונג.. איך האָב זיי דערציילט, אַז איך קום פון בוכטע־נאַכאָדקער לאַגער, עס פעלט מיר אויס ברויט און איך בעט זיי זאָלן מיר פאַרקויפן עטלעכע קילאָ ברויט אויף מלוכישע פּרייזן. מיין דערציילן האָט אויף זיי געמאַכט אַ רושם. נאָר זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי אַליין האָבן נישט קיין רעכט צו פאַרקויפן ברויט, נאָר איך זאָל זיך ווענדן צום דיזשורנע־סטאַנציע, נאָר ער קאָן עס טאָן. דערווייל האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס צווישן אונדז: איך האָב זיי געפרעגט פון וואַנען זיי רעדן אַזאַ שיינעם יידיש? האָבן זיי מיר דערציילט, אַז זיי קומען פון וויטעבסק און דאָרט האָבן זיי געענדיקט אַ יידישע פאָלקס־שול (ס׳איז נאָך געווען אין די גוטע צייטן). כ׳האָב זיי דערציילט, אַז איך בין פון פוילן און זיי האָבן געלויבט מיין גוטן יידיש רעדן. כ׳האָב באַמערקט, אַז זיי זענען געווען צופרידן פון דער באַגעגעניש. איצט בין איך צוגעגאַנגען צום דיזשורנע און אים אָנגערופן אויף יידיש חבר נאַ־טשאַלניק, האָב אים געזאָגט מיין פאַרלאַנג און ער איז מיט מיר צוגעגאַנגען צו די מיידלעך און זיי געזאָגט: „גיט דעם חבר עטלעכע קילאָ ברויט!״ זיי האָבן עס מיר מיט צופרידנקייט געגעבן. ווידער האָב איך זיך געוואָנדן צום דיזשורנעם און אים געבעטן: היות דאָס איז מיין איינציקע געלעגנהייט צו קאָנען זען דאָס יידישע בירא־בידזשאַן, וואָלט איך געוואָלט דאָ בלייבן אַ טאָג־צוויי און זיך אַ ביסל צוקוקן צו דעם לעבן דאָ. נאָר איך קאָן עס טאָן אין דעם פאַל, ווען ער וועט מיר צוזאָגן צו קאָמפּענסירן מיין באַן־בילעט, צו קאָנען פאָרן ווייטער. נאָר ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קאָן מיר דאָס אַלץ דערליידיקן, ס׳איז אָבער בעסער איך זאָל איצט פאָרזעצן מיין רייזע, ווייל אַלע באַנען וואָס קומען פון וולאַדיוואָסטאָק זענען שטענדיק געפּאַקט און מען מוז פאָרן שטייענדיק. איך דאַרף נאָך פאָרן זייער אַ ווייטן וועג און כ׳האָב איצטער אַ גוטן פּלאַץ מיט אַן אָרט צום שלאָפן, איז פאַר מיר בעסער איך זאָל פאָרן ווייטער. האָב איך זיך געלאָזט באַגנוגענען מיט דעם וואָס כ׳האָב געזען אויף דער באַן־סטאַנציע, ווען די גאַנצע שטאָט בירא איז געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. כ׳האָב זיך געזעגנט מיט דעם נאַטשאַלניק און מיט די יידישע מיידלעך און ווייטער אין וועג אַריין...

דאָס צווייטע מאָל אין אירקוטסק

אויפן וועג האָט זיך דער צוג אָמלענגסטן פאַרהאַלטן אין די שטעט בירא־בידזשאַן און אין אירקוטסק. לענגער ווי אין די גרויסע שטעט כאַבאַ־ראַווסק אָדער קראַסנאָיאַרסק. ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אירקוטסק האָט מיך אינטערעסירט אָנצוקוקן די שטאָט וואָס ווערט אַזוי פיל דערמאָנט, אַז דאָרט אַהין האָט מען פאַרשיקט — אין די צאַרישע צייטן — פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. ווען איך האָב געזאָגט אין וואַגאָן, אַז איך גיי אין שטאָט אַריין, האָט איינע אַ יונגע רוסישע פרוי אויסגעדריקט איר ווילן צו גיין מיט מיר. מיר האָבן זיך אָוועקגעלאָזט איבער דער שטאָט — פיינע פעסט־געבויטע 2—3־שטאָקיקע הייזער לויטן אַלטן סטיל, די גאַסן זענען ליידיק, מען זעט קיין מענטש נישט פאַר די אויגן.. כ׳האָב געפּרוווט עפּעס צו קויפן אין די מאַגאַזינען, אָבער אומזיסט איז געווען מיין זוכן. כ׳האָב נאָר באַמערקט, אַז די בירגער אין אירקוטסק זענען מסתמא זייער מוזיקאַליש, ווייל אין אַלע מאַגאַזינען זענען געווען צום פאַרקויפן מאַנדאָלינעס... נאָר אָן סטרונעס. ווען איך האָב געפרעגט דעם פאַרקויפער: „ווי קאָן מען שפּילן אָן סטרונעס?״, האָט ער געענטפערט: „איך פאַרקויף דאָס, וואָס איך באַקום צום פאַרקויפן״.

אין אירקוטסק גייט דורך דער טייך אַנגאַראַ, זייער אַ שטורעמדיק וואַסער. איצט איז דער טייך געווען פאַרפרוירן און מיר זענען געגאַנגען אויף אים שפּאַצירן. דאָ האָט מיר די פרוי דערציילט, וועגן דער גרופּע וואָס האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען אין וואַגאָן. זיי האָבן געגעסן, געטרונקען און געטאַנצט. אַז איינער פון זיי איז אַראָפּ פון צוג עטלעכע סטאַציעס פאַר אירקוטסק און ווען זי האָט זיך אַרומגעקוקט האָט אין איר וואַליזע געפעלט די העלפט זאַכן; דערפאַר וויל זי מיט איר חברטע מער נישט האָבן קיין שייכות מיט זיי און זיי האָבן זיך דערנענטערט צו מיר.

נאָוואָסיבירסק

מיר זענען אָנגעקומען קיין נאָוואָסיבירסק, וואָס פאַרמאָגט איינעם פון די שענסטע וואָקזאַלן נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אייראָפּע. אַ ים מיט מענטשן האָבן זיך דאָ אָנגעזאַמלט פון אַלע עקן פון דעם גרויסן לאַנד. טויזנטער מענטשן זענען געלעגן אויף דער ערד איינער אויפן צווייטן, ס'איז אוממעגלעך געווען דורכצוגיין, נישט געווען קיין פּלאַץ אפילו ווו צו שטיין. כ'האָב נישט פאַרשטאַנען די סיבה דערפון, נאָר ערשט אין אָוונט איז מיר אַ ביסל קלאָר געוואָרן...

ביינאַכט זענען אַלע די וועלכע זענען ביי טאָג געשלאָפן, וואַך געוואָרן. אין וואָקזאַל איז געוואָרן אַ ביסל פרייער און גרוימער. די סיבה איז די, וואָס אין רוסלאַנד ווערט אַ סך אַרבעטן געטאָן ביינאַכט; די נ.ק.וו.ד. אַרבעט דער עיקר אין די נעכט, די רייען נאָך פּראָדוקטן פאַרמירן זיך ביי נאַכט, די רעסטאָראַנען זענען אָפן ביינאַכט א.א.וו. אויך דאָ האָט מען 12 ביינאַכט געעפנט די קיך אַרויסצוגעבן זופּן מיט פּאַרציעס ברויט. די וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן וואָקזאַל זענען געווען די ערשטע קאָנסומענטן. היימלאָזע, אָדער סתם בראָדיאַגעס, זענען זיי אַ גאַנצן טאָג געלעגן, געשלאָפן אויפן וואָקזאַל, ביינאַכט זענען זיי צענדליקער מאָל געשטאַנען אין דער ריי. די זופּן האָבן זיי אויפגעגעסן און דאָס ברויט באַהאַלטן. אַזוי אַ גאַנצע נאַכט. אין דער פרי האָט מען זיי געזען מיט אויפגעבלאָזענע בייכער, פון די צענדליקער זופּן וואָס זיי האָבן אַריינגעגאָסן און מיט פולע זעקלעך ברויט, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט איבער נאַכט. אין דער פרי האָט זיך געשטעלט דער מאַרק צו פאַרקויפן דאָס ברויט. קיין קויפערס האָבן נישט געפעלט, דאָס זענען געווען די אַדורכפאַרנדיקע, אָדער סתם שטאָטישע מענטשן. נאָכן מסחר האָבן זיך די סוחרים ווידער געלייגט שלאָפן אויפן וואָקזאַל וואַרטנ־דיק אויף דער צווייטער נאַכט. דאָס האָט זיך אַזוי איבערגעחזרט יעדן טאָג. די אָנגעשטעלטע אויפן וואָקזאַל האָבן געוווסט וועגן דעם האַנדל, זיי האָבן שוין אויך געקענט אַלע סוחרים, נאָר זיי האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק און נישט פאַרשטייענדיק, ווייל מסתמא האָבן זיי געדאַרפט אויספילן די נאָרמע, פאַרקויפן וואָס מער, אפשר האָבן זיי אויך נישט דערלייגט צו דעם געשעפט, וואָס האָט זיך דאָ געפירט אַזוי בפרהסיה...

איך האָב זיך פאַרהאַלטן אויף דעם נאָוואָסיבירסקער וואָקזאַל צוויי טעג און זיך געמאַכט אַ זאַפּאַס ברויט, איך זאָל זיך קאָנען לאָזן ווייטער

אין וועג אַריין. מיינע דאָקומענטן זענען געווען אויסגעשטעלט קיין בוזאַליק, דאָרט האָט זיך פאַרמירט די פּוילישע אַרמיי. נאָר צו אונדז זענען שוין דערגאַנגען קלאַנגען, אַז יידן מאַכט מען גרויסע שוועריקייטן אָנגענומען צו ווערן אין דער אַרמיי. גלייכצייטיק האָבן מיר געהערט, אַז אויך אין אַנדערע ערטער ווערן אָרגאַניזירט פּוילישע מיליטער־באַטאַליאָנען. באַזונדער האָט איך זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון דעם קאַלטן סיביר. און אָט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס גייט אָפּ אַ באַן קיין קאַזאַכסטאַן, ווו דער קלימאַט איז אַ וואַרימער. כ׳האָב אויך געהערט, אַז דאָרט זענען דאָ פּוילישע יידן און דאָ האָב איך זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין, אָפּגעשניטן פון דער וועלט. בין איך אויפגעזעסן אויף דער באַן וועלכע האָט מיך פאַרפירט קיין דזשאַמבול, אַ גרויסע שטאָט אין קאַזאַכסטאַן.

דזשאַמבול

אָנקומענדיק אויפן דזשאַמבולער וואָקזאַל האָב איך באַמערקט, אַז אויף אַ באַלקאָן פון וואָקזאַל שטייט אַ ריי פון טעפּלעך און בלעכלעך און איך האָב זיך דערוווּסט אַז ביי נאַכט קאָן מען דאָרט געפינען עסן אָן געלט. דאָס איז די איבערגעבליבענע צוגעברענטע קאַשע, וואָס בלייבט אין די גרויסע קעסלען אין וועלכע מען קאָכט פאַר דעם מיליטער, וואָס פאָרט דאָ דורך אין די נעכט. די קוכערס, אַנשטאָט זיי זאָלן דאָס אַוועקוואַרפן, טיילן זיי עס צו די הונגעריקע מענטשן. יעדער שטעלט אַוועק די כלים וואָס ער פאַרמאָגט: אַ טעפּל, אַ שיסל, אַ בלעכל און זיי פילן דאָס אָן מיט די איבער־געבליבענע קאַשע. ווי לאָזט מען דאָס דורך אַזאַ גוטע געלעגנהייט ? נאָך דערצו ווען איך האָב געהאַט אַזאַ בלעכל פון אַ דריי ליטער, מיט וועלכן אַלע האָבן מיר מקנא געווען... בין איך שוין דאָרט געבליבן איבער נאַכט, זיך גוט אָנגעגעסן און אין דער פרי, ווי נאָר ס׳איז געוואָרן טאָג האָב איך זיך געלאָזן אין שטאָט זוכן דעם פּוילישן פּונקט, ווו מען האָט רעגיסטרירט אין דער פּוילישער אַרמיי. דאָ איז שוין דער האַנדל געווען אין פולן ברען; מען האָט פאַרקויפט אויפגעבלאָזענע קוקורוזע, אַ רובל אַ גלעזל. מען שיט עס אַריין אין קעשענע און ס׳איז שוין דאָ וואָס צו קייען. מען פאַרקויפט נאָך אַנדערע מאכלים. נאָר דאָס ליידן פון קעלט איז אויך דאָ נישט געוואָרן לייכטער, די פרעסט זענען דערגאַנגען ביז 35 גראַד. כ׳האָב אַ טעות געהאַט, כ׳האָב געדאַרפט פאָרן קיין אוזבעקיסטאַן, קיין טאַשקענט, בוכאַרע. דאָרט

איז טאַקע וואַרעם, אפשר שוין אַ ביסל צו וואַרעם. נאָר פאַרפאַלן, בין איך שוין דאָ, וועל איך שוין דאָ זוכן דערגיין צו עפּעס. כ׳האָב זיך דערפרעגט צום פּוילישן פּונקט און נאָך איידער איך האָב עמעצן געטראָפן האָט מען שוין גאַנץ אָפן דערקלערט: אַז עס ווערן אָנגענומען נאָר אמתע הונדערט פּראָצענטיקע פּאָליאַקן. יידן, אוקראַינער, ווייסרוסן, ווערן נישט אָנגענומען, מעגן זיי זיין געבוירענע און געלעבט דאָס גאַנצע לעבן אין פּוילן. דעמאָלט איז מיר שוין נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי גיין אויפן וואָקזאַל. אפשר וועל איך דאָרט טרעפן עפּעס נייע מענטשן און זיך עפּעס דערוויסן. אפשר וועל איך זיך דאָרט אָריענטירן וואָס ווייטער צו טאָן. דערווייל וועל איך אַוועקשטעלן מיין בלעכל אין די רייען פון די שיסלען און טעפּלעך...

אַזוי אַרומגייענדיק איבער די דזשאַמבולער גאַסן אַ מידער און אויסגעפּרוּירענער, זוכנדיק אַן עצה ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען ביז דער ווינטער וועט אַריבער, דערזע איך אַ ריי פון מענטשן ביי אַ מאַגאַזין. מסתמא גיט מען דאָ עפּעס — טראַכט איך. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן ווען כ׳האָב דערזען, אַז מען פאַרקויפט אייז־קרעם (מאַראָזשענאָיע), אין אַזאַ פראָסט אייז־קרעם גאָר? די ערשטע רגע האָב איך זיך שטאַרק צעלאַכט — ביי אונדז האָט מען דאָס געגעסן נאָר אין די גרויסע היצן. נאָר די מענטשן האָבן מיר אויפגעקלערט: אין סאָוויעטן־רוסלאַנד עסט מען נישט ווען מען וויל און וואָס מען וויל, נאָר וואָס ס׳איז דאָ און ווען ס׳איז דאָ...

אויפן וואָקזאַל איז געווען אַ שרעקלעכע ענגשאַפט, טויזנטער מענטשן וואָס זענען אַרויס פון די לאַגערן און געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט זוכנדיק קרובים, פריינד, זענען דאָ אָפּגעשטיגן. אַמאָל האָב איך באַגעגנט אַ וואַרשעווער ייִד און שמועסנדיק מיט אים, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זיינער אַ ברודער לעבט. ער איז געווען מיט מיר אויפן טשעקאַדסקער האַלבאינדזל. זיין פרייד איז געווען אין לשער. היינט געפינען זיך ביידע ברידער גאַבינעט אין ישראל. אין דעם געדרענג זענען אויך געווען פאַלן פון גניבה. איינער אַ גנב האָט פאַרבלאָנדזשעט צו מיר אין קעשענע, נאָר אָנשטאָט געלט האָט ער גאָר אַרויסגעצויגן מיין באַפרייונגס־דאָקומענט. איך האָב אויפגעהויבן אַ גרויס געשריי און דער „ערלעכער" גנב האָט דעם דאָקומענט אונטערגעוואָרפן שוין אַ צעריסענעם אויף שטיקלעך, כ׳האָב אים קוים צוזאַמענגעקלעפּט.

אין קאַלכאַז

די אַדמיניסטראַציע האָט אָנגעהויבן זוכן אַ תּכלית פאַר די הימלאָזע. מען האָט גענומען געבן באַשטימונגען און רעקאָמענדאַציע־בריוו אין קאַלכאַזן אַריין, וווּ מען האָט אונדז צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן, ממש אַ גן־עדן התּחתּון... מיר האָבן זיך צונויפגענומען אַ גרופּע פון 6 מענטשן: 3 רוסישע און 3 פּוילישע ייִדן און מיר זענען געפאָרן אין אַ שטעטל מיטן נאָמען ט ש ו — אויפן נאָמען פון אַ טייך, וואָס שניידט דורך און באַוואָסערט די געגנט זומער צייט, ווען עס רעגנט נישט —. 21 קילאָמעטער פון דעם שטעטל איז געווען דער קאָלכאָז אין וועלכן מיר זענען באַשטימט געוואָרן. פאָרן דאָרט אַהין האָט מען געדאַרפט מיט אַ קאָלייקע וואָס האָט געפירט סעקסאויל און נאָך צוגיין אַ 5 קילאָמעטער צופוס. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אונדרוס (אַזוי האָט געהייסן דער קאָלכאָז) איז זייער ערשטע פראַגע געווען פון וואָסער נאַציאָנאַליטעט מיר זענען? נאָר מען האָט אונדז שוין פריער אינפאָרמירט, אַז מיר דאַרפן זאָגן — פּאָליאַקן. דאָס האָט שוין עמעצער געמאַכט אונדז אַזאַ „גוטן” שם. דערווייל האָט מען אונדז איינגעאָרדנט יעדן איינעם באַזונדער ביי אָרטיקע משפּחות. מיר האָבן זיך גוט אויסגערוט און אָפּגעגעסן צו דער זעט מיט רייז און האָזן־פלייש געקאָכט צוזאַמען. מיר האָבן זיך באַקענט מיט די הימלאָזע משפּחות וואָס האָבן שוין געוווינט פאַר אונדז. אויסער צוויי אמת־פּוילישע משפּחות האָבן געוווינט צוויי ייִדישע משפּחות: קאַגאַן פון קישעניעוו, אַ משפּחה קיסילענקאָ און אַ משפּחה כאַזאַנאָוו פון דניעפּראָפּעטראָווסק, און אַ משפּחה פון כאַרקאָוו. דאָס זענען אַלץ געווען עוואַקואירטע פון 1941.

אויסער די דערמאָנטע האָבן נאָך 5 מענטשן — 3 מענער און אַ פּאָרפאָלק געוווינט אין אַ קיביטקע, דאָס איז אַ ליימענע כאַטע אָן טירן און פענצטער. טאַקע אין יענעם „פּאַלאַץ” האָבן מיר דריי פּוילישע ייִדן זיך אַריינגעצויגן וווינען. קיין זאַכן האָבן מיר נישט געהאַט, מיין פאַרמעגן איז געלעגן אין רוקזאַק וועלכן כ׳האָב שטענדיק געטראָגן מיט זיך. ביי מיינע מיטוווינער איז ער געלעגן אין די קעשענעס. קיין מעבל האָבן מיר אויך נישט געדאָרפן. אַ ביסל שטרוי אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע און מיר זענען „איינגעאָרדנט”. ווען מיר זענען אַוועק אויף דער אַרבעט איז אונדזער „וווינונג” געבליבן אָפן און הפקר. אַמאָל האָט דאָרט פאַרבלאָנדזשעט אַן אייזעלע אָדער אַ הונט. גענומען האָבן זיי גאָרנישט, אַמאָל האָבן זיי עפּעס איבערגעלאָזט...

אונדזער בריגאַדיר פּיניע, איינער פון די קישעניעווער, אַן אידעם פון דער משפּחה קאַגאַן, איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, ער האָט נאָך פאַרן קריג אויסגעשריבן צייטונגען פון פּוילן! איז געקומען אונדז רופן צו דער אַרבעט און איך האָב אים אַריינגעצויגן אין אַ פּאָליטישן שמועס, וואָס האָט געדויערט ביז מיטאָג־צייט. אַזוי אַלע טאָג, און די אַרבעט האָבן מיר אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, ווי לאַנג עס האָט זיך געלאָזן. ווייל אונדזער געהאַלט איז געווען אַ האַלבער קילאָ ווייץ אַ טאָג. מיר האָבן נאָך שפּעטער געדאַרפט זוכן אַ פּרימיטיוו מילעכל צו מאַכן דערפון אַ ביסל מעל. אַזוי, אַז מיר האָבן קיין סך נישט היזק געהאַט. ביי וואָס מ׳זאָל זיך נישט עסקן האָט עס געבערענגט מער רווח. אַ טייל האָבן שוין געהאַנדלט. געוועֹן צווישן אונדז אַ שוסטער, האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט מיט אַ קאָלכאָזניק, ער האָט אונדז געגעבן לעדער, איך האָב געמאַכט די אויבער־טיילן, דער שוס־טער האָט זיי צונויפגעקלאַפּט, — אמת, נישט לויט דער לעצטער מאָדע, — מיר האָבן פאַר דעם באַקומען רייז און אַנדערע פּראָדוקטן. דאָס האָט בעסער געלוינט ווי שווער אַרבעטן אויפן פעלד...

עס זענען צוגעקומען נאָך עטלעכע משפּחות, איינע, גאָלדעצקי פון אוקראַינע, אַ מוטער, אַ זון מיט צוויי טעכטער. אַלע אינטעליגענטע מענטשן. אָבער אויך זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדלען, דער עיקר די טעכטער.

נאָך אַ משפּחה פון אַ שטעטעלע אונטער ריגע. אַ פאָטער, אַ טאָכטער מיט אַ 16־יעריק יינגל. מיט זיי צוזאַמען זענען מיר אַרויס צו דער אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען פון גראָבן ראָוועס (אַריקעס) אויף וואַסער, צום באַ־וואַסערן די פעלדער.

אַ מעשה מיט קאַרטאָפל

מיר זענען אַרויס צו דער אַרבעט, צו פאַרזייען קאַרטאָפל. נאָר היות דער קאָלכאָז האָט קיין קאַרטאָפל נישט געהאַט, האָט מען זיי געקויפט אין אַן אַנדער קאָלכאָז צום פאַרזיי. נאָר, ווי מען האָט זיי געבערענגט, האָבן די קאָלכאָזניקעס אַליין אַ העלפט אָפּגעטראָגן אין זייערע הייזער צום קאָכן און די, וואָס מען האָט פאַרזייעט, האָבן זיי ביי נאַכט אויסגעגראָבן און פאַר־זעצט אין זייערע פּריוואַטע גערטנדלעך ביי די הייזער, וואָס דער גערעטעניש האָט געהערט צו זיי. האָט טאַקע דער קאָלכאָז קיינמאָל קיין קאַרטאָפל נישט געהאַט, כאָטש מען האָט אַלע יאָר געקויפט צום פאַרזייען. פאַר דער מאַכט

האָט מען צוגעשטעלט אַן אַקט, אַז ס'איז געווען אַ טריקעניש, אָדער די קאַרטאָפל טויגן נישט...

7 קילאָמעטער פון אונדזער קאַלכאָז האָט זיך געפונען אַ רייכער קאָל־כאָז וואָס האָט געהייסן: מיינקום. דאָרט האָבן געוווינט 21 נאַציעס, אַ גרוי־סער טייל דייטשן. דאָס איז אויך געווען דער האַנדלס־צענטער פון דער געגנט, ווו אַלץ ווערט געקויפט און פאַרקויפט. ווי באַוווּסט טאָר מען אין רוסלאַנד נישט האַנדלען, דאָס איז אַ ספעקולאַציע און מען ווערט באַשטראָפט. גייט דער האַנדל אויף אַזאַ אופן: אין שטעטל — אין דעם פאַל, דאָס שטעטל טשו — אויפן באַזאַר, קויפט מען פאַרשידענע זאַכן, מען טוישט זיי אויס אין קאָלכאָז אויף שפייז־פּראָדוקטן און די פּראָדוקטן פאַרקויפט מען ווידער אין שטעטל אויפן באַזאַר. היות מיר האָבן געהייסן קאָלכאָזניקעס, האָבן מיר האַלב לעגאַל געמעגט פאַרקויפן די פּראָדוקטן. אַ קאָלכאָזניק מעג פאַרקויפן דעם עודף פון זיינע פּראָדוקטן — די מיליץ האָט ביי די זאַכן אַ ביסל אַוועקגעקוקט....

קיין מענער זענען שוין אין דעם קאָלכאָז נישט געווען, אַלע מענער פון 18 יאָר אַן זענען שוין געווען באַביליזירט אין דער אַרמיי. די איינציקע מענער זענען געווען, מיר די היימלאָזע. אַלע אַרבעטן האָבן געמאַכט — פרויען, נאָר ווען מ'האָט געדאַרפט עפּעס פאַריכטן אין דער ווירטשאַפט האָבן מיר עס געמוזט טאָן. אַמאָל ווען עס האָט אויסגעפעלט טשוועקעס בין איך אַליין אַוועק אין דער קוזשניע, און זיי אַליין געמאַכט פון גראָבן דראָט. די אַרבעט האָט מיך אינטערעסירט. נאָך מער אינטערעסאַנט איז געווען, ווען איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז מיר האַלטן שוין ביי 1942 און דאָ מאַכט מען נאָך טשוועקעס מיט די הענט...

פ ל י י ש

שוין לאַנג, לאַנג האָבן מיר קיין פלייש פאַר די אויגן נישט געזען. פלוצים רופט מען אונדז און יעדער באַקומט אַ האַלבן קילאָ פלייש. מיר האָבן זיך זייער געוווּנדערט, וואָס איז דאָ געשען? נאָר באַלד זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז עס איז אַן עפּידעמיע צווישן די בהמות, איינע אַ קו איז שוין געווען אין גסיסה, האָבן די פירער אין קאָלכאָז באַשלאָסן זי צו שעכטן, פאַנאַנדערטיילן דאָס פלייש און מאַכן אַן אַקט פאַרן ראַיאָנעם קאָ־מיטעט (ראַיקאָם). נאָר אינטערעסאַנט איז געווען צו קוקן ווי דאָס שטיקל

פלייש האָט מען געוויגן אויף אַ וואָג פון צען־טאָניקע משאות. קיין קלענערע וואָג איז נישט געווען אין קאַלכאָז. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אונדז ווידער גערופן נעמען פלייש, איצט שוין גרעסערע פּאַרציעס, ווייל אַלע קאַזאַכן, די רוסיש־ייִדישע משפחות און די בעסאַראַבישע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דאָס פלייש, האָבן מיר די עטלעכע פּוילישע צוגענומען די גאַנצע קו־פלייש, עס האָט אויסגעמאַכט ביי אַ צוואַנציק קילאָ אויף אַ מענטש. ס׳איז נאָר געווען אַ צרה; מיר האָבן נישט געהאַט קיין זאַלץ צום קאָכן און אויך נישט קיין ברויט צום פלייש. פונדעסטוועגן האָבן מיר אין משך פון עטלעכע טעג בייגעקומען דאָס פלייש און גענומען וואַרטן אויף נאָך אַזאַ געלעגנהייט, ווען עס וועט פּגרן אַ קו און מיר וועלן זיין זאַט... איינער פון אונדזערע מיטווילנער ל. ג. (היינט אין ישראל) האָט אַמאָל אַפילו גע־ברענגט צו שלעפּן אַ געפּגרטן שעפּס און אים געקאָכט און געגעסן. אוי, הונגער, הונגער!...

אין דער־אַ לאַגע האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין די שטעט האָבן זיך געעפנט פּוילישע פּונקטן, אין וועלכע פּוילישע בירגער באַקומען עפּעס הילף. מיר האָבן זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין קיין נאָוויטרויסק — אונדזער ראַיאָן־־צענטער. אויך דאָרט איז געווען אַזאַ פּונקט. פון דעם ביסל מעל וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר אויסגעבאַקן אַ ביסל פּלעצלעך און היידאַ אין וועג אַריין. נאָך איידער מיר זענען אַרויס פון דאָרף זענען מיר מיט אונדזער צידה־לדרך געווען פּאַרטיק; ווייטער זענען מיר שוין געגאַנגען הונגעריקע. ס׳איז געווען אַ גוט פרעסטל זענען מיר דורך הינטער־וועגן פּאַר נאַכט־צו אָנגעקומען קיין נאָוויטרויסק אין דעם פּוילישן פּונקט. דאָ האָט מען אונדז דערקלערט, אַז מיר דאַרפן וואַרטן ביז מאָרגן אין דער פרי — וועלן מיר האָבן מיט וועמען צו רעדן. טאַקע דאָ האָבן מיר זיך באַלד איינגעאָרדנט צום שלאָפן. אַלע ייִדן אין איין ווינקל, ס׳זאָל זיין אַ ביסל וואַרעמער. אין אַן אַנדער ווינקל זענען געזעסן אַ גרופּע פּאָליאַקן און גע־שמועסט צווישן זיך בקול־רם ווי געוויינטלעך — וועגן ייִדן. ס׳איז געווען פינצטער, מיר האָבן זייערע פּנימער נישט געזען נאָר דאָס קול פון זייער ראש־המדברים איז מיר עפּעס געווען קענטלעך. ווען זייער שמועס איז דערגאַנגען צו די העכסטע אַנטיסעמיטישע אַקטאַוועס, האָב איך זיך אויפ־געהויבן און גענומען גיין אין זייער ריכטונג, כדי צו רעאַגירן אויף זייער געשפּרעך. ווי איך האָב נאָר אַן עפן־געטאָן דאָס מויל איז עמעץ אויפגע־שפּרונגען, צוגעלאָפן צו מיר, מיך אַרומגעכאַפּט און גענומען קושן. ער

האָט פּשוט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון מויל מחמת פאַר־לעגנהייט. דאָס איז געווען איינער פאַביאַנין, אַ פּאָליאַק פון לעמבערגער געגנט, וואָס איז געווען מיט מיר אויפן טשעקאַדקער האַלב־אינדזל. די גאַנצע צייט האָבן מיר זיך געהאַלטן זייער גוט, ער האָט געאַרבעט אין קיך צוזאַמען מיט מיין חבר גאָלדבערג. שטעלט זיך פאָר, ווי דערשטוינט זיין גרופּע פּאָליאַקן זענען געוואָרן — פּונקט ווי אונדזער גרופּע ייִדן — ווען זייער פירער האָט זיך אינמיטן דערינען געכאַפּט קושן מיש אַ ייִד. מיר האָבן זיך גענומען דערציילן אונדזערע איבערלעבונגען, דערמאָנען זכרונות און מיר האָבן האַרציק געלאַכט. אַלס אויסדרוק פון פריינדשאַפט, אפשר וועלנדיק פאַרגלעטן זיין פריערדיקע דרשה האָט ער מיר אָפּגעשניטן אַ האַלבן ברויט. דעמאָלט איז עס געווען אַ גרויסער קרבן און די שטימונג האָט זיך אין גאַנצן געענדערט. אָנשטאָט ייִדן־פרעסערישע רייד האָט מען גענומען זינגען פּוילישע לידער. אַזוי איז דורכגעגאַנגען די נאַכט.

אין דער פרי זענען געקומען די פאָרשטייער פון „פּונקט". דער הויפּט־מאַכער איז געווען אַ פּאָליאַק פון אונטער קראָקע וועמען מען האָט טיטו־לירט: פּאַניע בורמישטשו, און זיין געהילף, אַ פּאַניע סענדזשע. ס׳איז אויך געווען אַ ייִד וואַרשאַווסקי, אַן אַדוואָקאַט פון וואַרשע. אַלע זענען נאָך געגאַנגען אין די וואַטענע הויזן, ווייל די הילף פון אויסלאַנד איז נאָך נישט געהאַט אָנגעקומען. דערווייל האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט רעגיסטרירן די פּוילישע בירגער: ווו געבוירן, אין וועלכן לאַגער מען איז געווען אא״וו. זיי האָבן געהייסן אויסקלייבן פאָרשטייער פון יעדן אָרט ווו עס געפינען זיך פּוילישע בירגער. מיר האָבן אַזאַ באַשטימט און מיט דעם זענען מיר צוריק אַוועק אין קאָלכאָז, מיט דער האָפענונג אויף בעסערע צייטן.

אַ טייכל קורקאַטיי

פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם האַלבן קילאָ ברויט האָבן מיר נישט גע־קאָנט לעבן, איז אויסגעקומען אַ ביסל צוהאַנדלען. אין דער געגנט האָט קורסירט אַ מין קליינבאַן, וואָס האָט געפירט דעם דאָרטיקן ברען־מאַטער־יאַל: סעקסעאול. דאָס זענען אויסגעטרוקנטע קליינעביימלעך, וועלכע וואַקסן אין די סטעפּעס. מען רייסט זיי אויס מיט טראַקטאָרס. די קליינבאַן פירט זיי ביז דער סטאַציע קוסקעדוק, לעבן דעם שטעטל טשו, דאָרט ווערן זיי אויפגעלאָדנט אויף משא־צוגן און פונאַנדערגעשיקט איבער גאַנץ קאַזאַכ־

סטאַן און אוזבעקיסטאַן, ווי ברען־מאַטעריאַל צו טרייבן עלעקטראָ־סטאַנציעס, פאַבריקן און באַנען, אַנשטאָט שוואַרצע שטיין־קוילן.

צו אָט דער קאַלייקע פלעגט מען פון צייט־צו־צייט צוטשעפּען אַ פּאָר־מאַכטן וואַגאָן, כדי מענטשן זאָלן קאָנען פאָרן אין שטעטל טשו, עפּעס קויפן אויפן באַזאַר, אָט דאָס האָבן מיר אויסגענוצט און מיר פלעגן זיך מיטכאַפּן אין שטאָט עפּעס איינצוקויפן. נאָר אַזאַ רייזע איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות. אויפן וועג איז געווען אַ טייכל קורקאַטיי, וועלכעס איז פרילינג און האַרבסט געווען טיף און קאַלט און כדי נישט צו פאַרפאָרן צו־ווייט האָבן מיר געמוזט אַראָפּשפּרינגען אין מיטן גאַנג פון דעם באַנדל. נישט שטענדיק איז עס אַראָפּ בשלום, אַמאָל האָט מען זיך צעקלאַפּט, בעת אַ ווינט איז מען אַריין מיטן קאָפּ אין זאַמד. ווען מיר זענען געפאָרן ביי נאַכט האָבן מיר שוין געמוזט אַריבערפאָרן דאָס טייכל, אַראָפּגיין אויף דער סטאַנציע מיטן זעלבן נאָמען, דאָרט האָט אין אַ קליינע כאַטע געוווינט דער דיספּעטשער (נאַטשאַלניק־סטאַנציע). ביי אים האָבן מיר איבערגענעכטיקט, אַמאָל האָבן מיר געקויפט ביי אים אַ ווילדע קאַטשקע וואָס ער האָט געשאָסן אויף יאַגד — און אין דער פרי האָבן מיר זיך אומגעקערט אין קאָלכאָז. נאָר איצט האָבן מיר שוין געהאַט דורכצומאַכן טאָפּלט וועג. דער וועג האָט געפירט דורך אַ חזרים־פערמע, האָבן זיי געמאַכט איבער דעם טייכל אַ פאַרמאַכטע קאָריטע, אין אָט דער קאָריטע זענען מיר קריכנדיק אויף אַלע פיר אַריבער דאָס טייכל. געקומען אין קאָלכאָז און זיך אַ ביסל אויסגערוט פון דער שווערער נסיעה, זענען מיר איצט אַוועק אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָלכאָז מיינקום, כדי אויסצובייטן אונדזער סחורה אויף פּראָדוקטן. ביס־לעכווייז האָבן מיר זיך אַזוי צוגעוווינט צו דעם אופן „האַנדלען", אַז מיר האָבן געמיינט, אַז קיין בעסערס קאָן גאָרנישט זיין...

פונדעסטוועגן זענען מיר צייטנווייז אויך אַרויס אַרבעטן אויפן פעלד. אמת, ווינטער איז קיין פעלד־אַרבעט נישט געווען, אָבער זיי האָבן שוין עפּעס אויסגעזוכט צו טאָן. אַמאָל האָט מען מיך געשיקט אין דער חזרים־פערמע אויפצושטעלן אַ שטאַל. קיין מכשירים און מאַטעריאַל האָט מען מיר נישט געגעבן, אויסער אַ לאָפּעטע און אַ גרויסן שטויסל. „מער דאַרף מען נישט" האָט מען מיר געזאָגט, און ס'איז טאַקע געווען אַזוי. אויפן אָרט האָט מען מיר געגעבן אַ ביסל אַלטע פאַרפוילטע ברעטלעך, פון דעם האָב איך געמאַכט צוויי ווענטלעך און צווישן זיי אָנגעשיט ערד, שטיינער, ליים און מיט דעם שטויסל האָב איך דאָס גוט אַראָפּגעזעצט, ביז ס'איז

געוואָרן האַרט. ווען איך האָב שוין געהאַט פיר אַזעלכע ווענט, האָט מען פון אויבן אַרויפגעלייגט אַ ביסל דרענגלעך און אויף זיי שטרוי און דער בנין איז געווען פאַרטיק... אַפילו אָן אַן אַרכיטעקט. אויף דעם זעלבן אופן זענען געווען געבויט אויך די וווין־הייזער. „דאָס איז אַ כינעזישע דערפינדונג, אַזאַ הויז קאָן שטיין 50 יאָר" האָט מען מיר געזאָגט. אגב, דערמאָן איך זיך, האָט אין דער פערמע געאַרבעט אַ פרוי פון כעלם — פוילן. זי מיט אַ מאַן און זון טרעף איך איצט אין ישראל.

מען פאַרלאָזט דעם קאָלכאָז אונדזערס

די, וואָס זענען געווען גאַנצע משפחות האָבן זיך באַטראַכט, אַז ס'איז נישט קיין עסק צו זיצן אין דעם אָרעמען קאָלכאָז, אַפילו צייטווייליק. זיי פלעגן אונדז אויסנוצן צו פאַרשיידענע אַרבעטן, פאַר דעם האַלבן קילאָ ברויט. אַמאָל האָבן זיי אונדז געשיקט אויפן 10־טן קילאָמעטער אַרבעטן, (די ערטער האָט מען גערופן לויט די קילאָמעטערס) דאָרט האָבן מיר ייִדן געהאַט אַ מעגלעכקייט נאָך דער אַרבעט זיך צוזאַמענקומען אַביסל שמועסן. די הויפּט־שמועסער זענען געווען: איך און דער בעסאַראַביער יונגערמאַן — אונדזער בריגאַדיר פּיניע. מיר האָבן געשמועסט פון פאַרמלחמהדיקן לעבן, וועגן דער ייִדישער קולטור אא"וו. די אַלע רוסישע ייִדן זענען געזעסן און געשלונגען אונדזערע רייד. זיי האָבן ממש מקנא געווען, וואָס מענטשן אין די אָפּגעשטאַנענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן געהאַט די מעגלעכקייטן וועגן אַלעם צו וויסן, ווען זיי איז דאָס אַלץ פרעמד. ווען מיר זענען אַמאָל געגאַנגען אין ראַיאָן אַריין — די בעסאַראַבישע און רוסישע ייִדן — אויסצופּועלן אַ דערלויבעניש צו באַזעצן זיך אין מיינקום אָדער אין שטעטל טשו און מיר אין נאָוויטרויסק אין פּוילישן פּונקט, האָט זיך צו מיר צוגערוקט אַ שכן פון קאָלכאָז, אַ ייִדיש־רוסישער יונגערמאַן, וואָס איז געווען אַ פּאָליטרוק אין אַ טורמע פון איינער אַ גרויסער רוסישער שטאָט. ווען מיר זענען געבליבן אויג־אויף־אויג, האָט ער מיך געפרעגט צי מיר אין פוילן האָבן געוווּסט וואָס ביי זיי איז פאָרגעקומען ביז 1939. ער האָט מיר דערציילט, אַז אויך זיי האָבן געוווּסט און פאַרשטאַנען, אַז די אַלע פּראָצעסן קעגן די אָפּאָזיציאָנערן, וועלכע האָבן „געוואָלט פאַרראַטן די רעוואָלוציע" און דאָס מודה זיין זיך, איז געווען אַ קאַמף פאַר מאַכט פון אַ קליקע מיט סטאַלינען בראש. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער שמועס

האָט געדאַרפֿט בלײַבן אַ סוד אַפֿילו פֿאַר זײַנע משפּחה־מיטגלידער. זײַן פֿאָטער ווידער האָט מיר פֿאַרטרויט, אַז אין די פֿאַרמלחמה־יאָרן האָבן זיי אומלעגאַל אויסגעהאַלטן אַ ישיבה אין קורסק. שליחים זענען אַרומגעפֿאָרן איבערן גאַנצן לאַנד, וווּ זיי האָבן געהאַט פֿאַרבינדונגען און געזאַמלט אָפּגע־שפּאָרטע גראָשנס פֿאַר דעם צוועק. יעדער האָט זיך געמוזט אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן אַראָפּרעדן פֿונעם האַרץ...

מיר זענען אָנגעקומען אין ראַיאָן נאָוויטרויסק, דאָרט האָט מען אַלע־מען דערלויבט זיך איבערצוטראָגן קיין מיינקום און טשו. געבליבן זענען בלויז די משפּחה גאָלדעצקי, איך און מײַן פֿאַרטנער ל. גא—ט.

ווידער האָבן מיר זיך פֿאַרנומען מיט האַנדלען. געברענגט פֿון טשו געוויסע אַרטיקלען צווישן זיי אויך זאַלץ וואָס איז אין קאַלכאַז נישט געווען און קיין טשו פֿלעגט מען עס ברענגען פֿון די ווײַטע פֿאַרוואָרפֿענע סטעפּעס. פֿאָרנדיק מיט דער באַן פֿון קאַזאַכסטאַן קיין אוזבעקיסטאַן, האָט מען געזען ערטער, וווּ די ערד איז געווען ווײַס ווי שניי. דאָרט איז געווען אַן אָזיערע, אַ מין ים־המלח פֿון יענער געגנט, וואָס האָט געשפּייזט דעם גאַנצן געגנט מיט זאַלץ, נאָר ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל עס רעגולירן דעם טראַנס־פּאָרט, איז עס געוואָרן אַ שוואַרצער האַנדל. אין קאָלכאָז האָט מען געגעבן אַ קילאָ מעל אָדער רײַז פֿאַר אַ קילאָ זאַלץ און די ספּעץ־פּערעסעלענצעס (ד. ה. פּרײַע־פֿאַרשיקטע), וועלכע האָבן נישט געטאָרט אַרויסגיין פֿון קאָלכאָז, האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אונדז, זייערע צושטעלער פֿון די זאַכן אין וועלכע זיי האָבן זיך געניײטיקט.

זייער אָפֿט האָב איך געהאַט צו טראָגן אַ גאַנץ שווערן פּאַק, אַ 40—50 קילאָ און גיין מיט אים 7 קילאָמעטער ביז אונדזער קאָלכאָז. זייער זעלטן האָט דאָרט פֿאַרבלאָנדזשעט אַ פֿערד און וואָגן צו קאָנען אונטערפֿאָרן אַ שטיקל וועג. נאָר איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט, איז פּונקט דעמאָלט אָנגעקומען אַ קאַזאַכקע רײַטנדיק אויף אַ קעמל און זי האָט מיר פֿאַרגעלייגט מיר זאָלן זיך בײַטן; זי וועט פֿאָרן אויף דעם וואָגן און איך אויף דעם קעמל. איך האָב גלײַך מסכּים געווען, — ווײַל שוין לאַנג האָב איך זיך צוגעקוקט ווי אַ גאַנצע קאַזאַכישע משפּחה פֿאָרט אַריבער פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן אויף בלויז איין קעמל. צוויי קאַסטנס מיט עטלעכע זעק הענגען זיי אויף אויפֿן האָרב פֿון קעמל, מאַן און ווײַב קריכן אַרויף, די קינדער גייען נאָך פֿון הינטן און מיט שטריקלעך זענען צוגעבונדן אַ קאָזע, אַ שעפּסעלע, אַמאָל אַפֿילו אַ קעלבל אָדער אַ קועלע. ווען איך האָב געזען

אַזאַ בילד האָב איך זיי מקנא געווען. עפּעס האָט עס מיך דערמאָנט אין די בילדער פון חומש, ווו אונדזערע אורעלטערן פאָרן איבערן לאַנד כנען... בכלל זענען די קאַזאַכן ענלעך געווען צו די אַלטע נאָמאַדישע שבטים. זיי האָבן געוואַנדערט פון איין אָרט אויפן צווייטן, מיטפירנדיק מיט זיך אַ יורטע. דאָס איז אַזאַ הייזעלע געפלאָכטן פון שטרוי מיט אַ שפּיץ פון אויבן. עס דערמאָנט אין אַ בשמים־ביקסל. מ׳קאָן עס צענעמען און לייכט איבערפירן. זיי האָבן מיט זיך עטלעכע שעפסן, אַזוי לעבן זיי. האָבן מיר זיך געטוישט מיט אונדזערע פּלעצער. דאָס קעמל איז געלעגן אויף דער ערד, איך האָב אַרויפגעלייגט אויף אים מיין זעקל פּראָדוקטן, אַליין אַרויפגעקראָכן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דערווייל איז די קאַזאַכקע אָפּגעפאָרן און ביי מיר האָט זיך אָנגעהויבן צרות מיט דעם קעמל. די ערשטע עטלעכע טריט איז עס געגאַנגען ריכטיק אָבער באַלד האָט עס גענומען גיין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, אָדער גאָר אויף צוריק. וויפל איך האָב געצויגן ביי די לייצעס, געקלאַפּט מיט דער צונג און געשריגן היי, היי, האָט עס געהאַלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. כ׳האָב געזען, אַז דער קעמל פאַרפירט מיך אַ ביסל צו וויט, האָב איך גיך אַרונטער געוואָרפן מיין באַגאַזש און דערנאָך אַליין אַראָפּגעשפּרונגען. צום גליק איז מיר גאָרנישט געשען. איצט האָב איך גענומען דעם זאַק אויף די פּלייצעס און גענומען גיין צוריק אויפן וועג צום קאָלכאָז. אָפּגייענדיק עטלעכע קילאָמעטער האָב איך געזען די קאַזאַכקע זיצט און וואַרט אויף מיר מיט איר קעמל. ווי דערשטוינט איז זי געוואָרן זעענדיק מיך אַליין. כ׳האָב אויסגעטראַכט, אַז דער קעמל האָט נישט געוואָלט גיין און האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, איצט שטייט ער נישט וויט און וואַרט אויף איר... זי האָט אַ ביסל געשריגן און זיך געלאָזט זוכן דעם קעמל און איך האָב זיך גיך אָפּגעטראָגן פון דאַנען אין קאָלכאָז אַריין. מער האָב איך אַזעלכע שאַנסן נישט געזוכט, נאָר מערסטנס זיך באַנוצט מיט מיינע אייגענע פיס...

ביי נאַכט צווישן וועלף

אָפט פלעגט מיר אויסקומען צו גיין פון מיינקום צו אונדזער קאָלכאָז. דער וועג האָט געפירט דורך אַ וואַסערל צוויי מעטער ברייט אויף וועלכן ס׳איז געלעגן אַ ברעטל אַריבערצוגיין. דעם וועג האָב איך שוין געקענט אַפילו מיט צוגעמאַכטע אויגן. נאָר איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו גיין דאָרט אין אַ שטאַרק־פינצטערער נאַכט און צוקומענדיק צום וואַסער האָב איך

דאָס ברעט נישט געזען. קריכן אין וואַסער מיט אַ פּאַק פון 50 קילאָ אויפן אַקסל האָב איך מורא געהאַט, האָב איך גענומען טראַכטן ווי זיך איינאָר־דענען איבערצושלאָפן די נאַכט. נאָר דער פּחד איז געווען גרויס, ווייל אין יענער געגנט האָבן זיך אויפגעהאַלטן סטאַדעס וועלף וועלכע זענען באַפאַלן די שעפּסן אין די אַרומיקע קאָלכאָזן. ערשט מיט אַ טאָג פריער זענען זיי באַפאַלן דעם קאָלכאָז עמבעק, אויפגעריסן די שטאַל, צעריסן אַ ביסל שעפּסן, די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן, דערצו זענען דאָ געווען גרויסע קאַמאַרעס וועלכע האָבן געריסן שטיקער פון מענטשן. כ׳האָב גענומען אַ זאַק און אַריינגעקראָכן אין אים מיט דעם קאָפּ און הענט און אַזוי טראַכטנדיק וועגן די וועלף בין איך דערווייל אַ שטאַרק מידער איינגעשלאָפן און דווקא מיט גוטע חלומות... ווי ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן האָב איך זיך איבער־געוועקט, כ׳האָב זיך אַליין געוווּנדערט וואָס איך בין נאָך אַ גאַנצער און ווי עס טרעפט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין געשלאָפן גאָר נאָענט פון דעם ברעט אַריבערצוגיין דאָס וואַסער. אַ פריילעכער וואָס איך בין ניצול געוואָרן פון וועלף און קאַמאַרעס בין איך אַוועק אין קאָלכאָז.

די שבתדיקע לוויה

אַ פּרייטיק־פאַרנאַכט, מיר זיצן איך און מיין פּאַרטנער ל.ג—ט אין דער קיביטקע. אין צווייטן צימער געפינט זיך די קראַנקע פרוי גאָלדעצקי מיט איר זון — דער לערער. מיר בעטן ביי אים (ביידע טעכטער זענען געווען אין מיינקום) אַ כלי צו ברענגען וואַסער אָדער זויערמילך. ער וויל נישט געבן און מיין מיטווינער איז שוין גרייט אַוועקצוגיין ערגעץ שלאָפן. נאָר איך קאָן ביי זיך נישט פּועלן איבערצולאָזן אים אַליין מיט אַ שטאַרק־קראַנקער מוטער אין דעם לעצטן הייזל פון קאָלכאָז, ווייט פון מענטשן, כאָטש ער איז אַזוי אומסימפּאַטיש. בלית־ברירה זענען מיר געגאַנגען שלאָפן. פּלוצים דערהער איך אַ געשריי, מען רופט מיין נאָמען און מען שרייט: „מיין מאַמע איז געשטאָרבן!״ ס׳איז פינצטער, קיין ליכטל אָנצוצינדן איז נישטאָ, זענען מיר אַזוי געזעסן אַ גאַנצע נאַכט, ביז ס׳איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיק, איצט האָבן מיר גענומען טראַכטן וואָס מען טוט ווייטער. דאָס ערשטע האָט מען געדאַרפט צוּוויסן געבן די צוויי טעכטער אין מיינ־קום זיי זאָלן גלייך קומען. ל.גא—ט כאַפּט זיך גיין. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז פאַר אים איז עס אַ גוטער אויסרייד פּטור צו ווערן פון די אַלע קלאָפּאָטן.

נאָר כ׳האָב נישט געהאַט קיין עצה און ער איז אַוועק. איך בין געשטאַנען אויפן וועג וואַרטן אויף זייער אָנקום, כדי זיי אַ ביסל צוגרייטן און באַרויִקן. זיי זאָלן נישט אַריין אין שטוב און טרעפן אַ טויטע מוטער. ווען כ׳האָב זיי געזען פון דערווייטן און איך בין זיי אַנטקעגן געגאַנגען האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען מיט זייער מוטער און זענען אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט אַ גרויס געוויין. ווען זיי האָבן זיך אַביסל אויסגעוויינט זענען מיר אַוועק אין שטוב און גענומען גרייטן די לוויה. די שוועסטער האָבן גענייט תכריכים און דער ברודער איז אַוועק צום פרעדסעדאַטעל פון קאָלכאָז צו פאַרשטענדיקן זיך וועגן דער קבורה. זיי זענען גרייט געווען צו געבן אַן אָרט אויף זייער בית־הקברות, נאָר בתנאי דאָס זאָל געמאַכט ווערן אויף זייער שטייגער. ביי זיי פירט זיך עס אַזוי: מען גראָבט אויס אַ טיפע גרוב, אין איין זייט פון דער גרוב מאַכט מען אַ טיפע לאָך, ווי אַן אויוון צום באַקן, דאָרט אַהין רוקט מען אַריין דעם קאַסטן, מען פאַרשיט דעם גרוב און מיט דעם איז אַלץ פאַרענדיקט. נאָר איך, הגם אַ זייטיקער מענטש, איז מיר נישט געפעלן געוואָרן דער אופן פון קבורה. כ׳האָב געהאַלטן, אַז סוף־כל־סוף וועלן מיר אַלע אַוועקפאָרן פון דאַנען און שפּעטער וועלן זיי האָבן אויפן געוויסן, אַז זיי האָבן זייער מוטער איבערגעלאָזט ערגעץ אין די וויסטע סטעפּעס פון קאַזאַכסטאַן אָן אַ סימן און זכר. דערפאַר האָב איך פאַרגעלייגט: מען זאָל נעמען אַ פערד און וואָגן און דעם מת אַריבערפירן קיין מיינקום ווו עס וווינען אַ סך ייִדן און אויפן דאָרטיקן בית־עולם איז פאַראַן אַ באַזונדער ווינקל פאַר ייִדישע מתים. דער קאָלכאָז האָט צוגעזאָגט אַ פערד און וואָגן, איך האָב אויסגעזוכט עטלעכע אַלטע טירן, אַ פּאָר ברעטער און כ׳האָב צונויפגעקלאַפּט אַ קאַסטן, די צוויי שוועסטער האָבן צוגעגרייט דעם מת. דער וואָגן איז אָנגעקומען, מיר האָבן געדאַרפט איילן אַרויסצופאָרן ווען ס׳איז נאָך ליכטיק, ווייל מיר האָבן געמוזט אַריבערפאָרן אַ וואַסער, קיין בריק איז נישט געווען, האָט מען געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק דער וואָגן זאָל זיך נישט איבערדרייען.

קיין מיינקום זענען מיר אָנגעקומען, ווען ס׳איז שוין געווען פינצטער, אַלע יידן וואָס האָבן דאָרט געוווינט זענען שוין געווען פאַרזאַמלט. מיר זענען צוגעפאָרן צום בית־עולם, ס׳איז געווען אַ לבנה־נאַכט, מיר האָבן אויסגעגראָבן אַ קבר און זי מקבר געווען אויפן יידישן שטייגער, ווי אין דער אַלטער היים. די משפחה גאָלדעצקי איז אַ ביסל שפּעטער צוריקגעפאָרן

קיין אוקראַינע און איך בין זיכער, אַז זיי זענען געווען זייער צופרידן וואָס זייער מוטער איז געקומען צו איר אייביקער רו אויף אַ יידיש־מענטשלעכן אופן. אויב ברכות האָבן אַ באַטייט, וואָלט איך געהאַט גענוג אויפן גאַנצן לעבן די ווונטשן מיט וועלכע די יידן אין מיינקום און די משפחה האָבן מיך באַשאָנקען...

אינדרוס איז געוואָרן אויסגעליידיקט פון אונדזערע מענטשן, אויך איך האָב זיך אויסגעזוכט אַ וווינונג אין טשו ביי אַ יידיש־רוסישער פאַמיליע — פעלץ. דאָרט האָב איך געהאַט מיין בעטל און אויף פרנסה האָב איך אויך פאַרדינט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן אין אַ שטעטל, צווישן אַ סך יידן מיט וועלכע מען טרעפט זיך יעדן טאָג, מען קאָן זיך אַדורכשמועסן און עפּעס געוואָר ווערן. פון צייט־צו־צייט האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין מיינקום, דאָרט עפּעס איינגעהאַנדלט. דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט ווינטער איז געוואָרן אַ פּראָבלעם — באַהייצונג. נאָר מיר האָבן זיך אַן עצה געטאָן. היות לעבן טשו איז געווען די לעצטע סטאַנציע וווהין מען האָט געברענגט די טראַנספּאָרטן מיטן סעקסאול און די איינוווינער פון דער סטאַנציע זענען אין זייער רוב געווען יידן פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, האָבן מיר פון דאָרט געברענגט דעם ברענשטאָף . פאַרשטייט זיך, אַז מערסטנטייל האָבן מיר עס געטאָן ביי נאַכט...

מן פון הימל

אין יענער געגנט איז געווען אַ באַזע פון צוקער־בוראַקעס. דאָרט זענען זיי געוואַקסן און טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין פרונזע (קירגיזיע), ווו ס׳איז געווען אַ גרויסע צוקער־פאַבריק. די צושטעלער פון צוקער פאַר קירגיזיע, קאַזאַכסטאַן און אוזבעקיסטאַן. אַט די בוראַקעס זענען עס געווען אַ חשובער טייל פון דער באַשפּייזונג פון דער באַפעלקערונג. מען האָט פון דעם געמאַכט פאַרשידענע פּאַטראַוועס, יעדער איינער לויט זיינע קענטענישן און פעיִקייטן. זיי זענען געווען גרויס און זיס, ווער עס האָט געהאַט געלט האָט זיי געקויפט און ווער נישט, האָט זיך עס אויך איינגעשאַפט. טויזנטער קילאָ זענען זיי געלעגן און געפוילט אויף דער באַזע. פונדעסטוועגן, ווען איינע, אַ יידיש מיידל פון פוילן וואָס האָט געאַרבעט אויפן פעלד ביי די בוראַקעס, האָט אַמאָל אַהיימגענומען אַ בורעק און דער בריגאַדיר האָט דאָס געזען, האָט מען איר פאַרמשפּט אויף צוויי יאָר אַרבעטס־לאַגער. דער פאַל

האָט אויפֿגערודערט די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג אין יענער געגנט. איך אַן אַלטער קוכער נאָך פֿון לאַגער, האָב פֿון די בוראַקעס געמאַכט פֿאַרשיידענע מטעמים און פּרויען האָבן אַרויסגעזאָגט זייער בעסטע מיינונג וועגן מיינע קאָך־פֿעיִקייטן...

אין קוסקודוק איז אויך געווען אַן אַרבעטער־רעסטאָראַן ווו מען האָט באַקומען צו קויפֿן ביליקע זופּן פֿון לאַקשן, 20 קאָפּיקעס אַ פּאָרציע. אויך איך בין דאָרט געוואָרן אַ קונה. נאָר ס'איז מיר געווען מאָדנע וואָס ביי מיר אין טעלער געפֿינען זיך נישט מער ווי אַ 2—3 לאַקשן און ביי די איבעריקע קליענטן זע איך אַ פֿולן געדיכטן טעלער לאַקשן, וואָס איז עס די סיבה? נאָר אָט האָב איך באַמערקט ווי אין דער זייט שטייט עפּעס אַ גרויסער פֿאַס, וואָס ווערט פֿול מיט שמוציקע וואַסער און ווען אַ פֿרישע גרופּע אַרבעטער איז אַריינגעקומען, האָט יעדער פֿון זיי געקויפֿט צו 20 זופּן, דאָס וואַסער האָבן זיי אָפּגעזיגן אין דעם פֿאַס אַריין און די לאַקשן צוזאַמענגעלייגט אין איין טעלער. צום סוף האָבן זיי געהאַט איין געדיכטן טעלער לאַקשן. צוערשט האָב איך מורא געהאַט עס צו טאָן, מען קאָן נאָך צוטשעפּען אַ פּאַראַגראַף, נאָר ווען כ'האָב געזען אַז אַלע טוען דאָס און ס'איז אַ לעגאַלע זאַך, האָב איך אויך געמאַכט דאָס זעלבע. ביים אָפּגיסן דאָס וואַסער איז יעדער געווען אַזוי ערנסט ווי עס וואָלט געווען אַ מלאכת־הקודש; ערשטנס מען זאָל טאַקע נישט פֿאַרלירן קיין לאַקש, שנית, האָט מען נישט געשמייכלט, מען זאָל נישט חושד זיין, אַז ס'איז אויפֿן חשבון פֿון דער שיינער אָרדענונג...

אין קוסקודוק האָב איך זיך באַקענט מיט אַ ברודער און שוועסטער בלא—ן פֿון שטעטל פּיאַסק — ביי לובלין (היינט אין ישראל) און מיר האָבן גענומען טראַכטן צוזאַמען וועגן אַ ביסל פּרנסה, היות קיין מאַרק־הענדלער קאָנען מיר נישט זיין. מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן אַ מילעכל צו מאָלן מעל. ס'איז געווען איינגעאָרדנט מיט אַ רעדל ווו צוויי מענטשן האָבן געדאַרפֿט דרייען. זענען מיר געוואָרן מילנערס... מיר האָבן געקויפֿט ווייץ, גערשטן, דאָס געמאָלן און דאָס מעל פֿאַרקויפֿט אויפֿן באַזאַר. ס'איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט, נאָר מיר האָבן עס געמוזט טאָן. ליידער האָט אויך דער מסחר נישט לאַנג אָנגעהאַלטן.

אינוואַלידן

סוף 1942 זענען קיין טשו אָנגעקומען אַ סך אינוואַלידן פֿון די פֿראָנטן. מען האָט זיי געמוזט שיקן וואָס ווייטער, ווייל די דייטשן האָבן מאַרשירט אויף קאַווקאַז, וועלנדיק זיך דערשלאָגן קיין באַקו צום נאַפֿט. די שווערע אומפּעיִקע אינוואַלידן, האָט מען צעשיקט אין די קאָלכאָזן וועלכע האָבן זיי געדאַרפֿט אויסהאַלטן. די לייכט־פֿאַרוווּנדעטע, די וואָס האָבן זיך נאָך געקאָנט פֿריי באַוועגן האָבן נישט געוואָלט גיין אין די קאָלכאָזן און זענען געבליבן אין שטאָט און געזוכט פּרנסה אויפֿן באַזאַר. דער הויפּט־מקור פֿון זייער הכנסה איז געווען: אויסצוקויפֿן דעם בראָנפֿן, וואָס מען האָט געגעבן אין די מאַגאַזינען אויף מלוכישע פּרייזן און שפּעטער אים פֿאַרקויפֿן אויפֿן שוואַרצן מאַרק. די מיליץ האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק. (כאָטש די פּרייַע בירגער האָבן כּמעט קיינמאָל נישט באַקומען קיין פֿלעשל ספּירט), זיי האָבן נישט געוואָלט איינרייסן מיט די אינוואַלידן.

אין קאַזאַכסטאַן זענען אויסער פֿרייַע בירגער און עוואַקואירטע געווען אויך אַ גרויסע צאָל פֿאַרשיקטע מכּל־המינים, די א. ג. „ספּעץ־פּערעסי־לענצעס״. דאָס זענען געווען שטאַרק פֿאַרביטערטע מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויף דער מינוט ווען די היטלער־אַרמיי זאָל זיך דערנענטערן כּדי זיך אָפּצורעכענען מיט זייערע שונאים און מיט דעם ביסל ייִדן, וואָס האָבן זיך דאָ געפֿונען. ווען זיי האָבן געהערט, אַז אויף די פֿראָנטן גייען די דייטשן כּסדר פֿאָרויס, איז זייער שׂמחה געווען אומגעהייער, אַז אָט באַלד קומען זייערע אויסלייזער. נישט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן, האָבן זיי שוין איצט שטילערהייט צוגעגרייט אַ פּלאַן פֿון אַ פּאָגראָם אויף ייִדן. נאָר וועגן דעם האָבן זיך דערוווּסט די אינוואַלידן צווישן וועלכע ס׳זענען געווען אַ סך ייִדן — דער רוב פֿון זיי אָפֿיצערן און אונטעראָפֿיצערן — און זיי האָבן אַלע זייערע פּלענער צעשטערט.

דער גורל פֿון די יחידים

צווישן די אַלע פּליטים פּוילישע ייִדן ,וואָס זענען געווען צעשפּרייט איבערן גרויסן שטח פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן אַמשטאַרקסטן געליטן די איינציקע מענטשן. אַ חוץ די איינזאַמקייט פֿון וועלכער זיי האָבן געליטן איז זיי אויך מאַטעריעל געווען שווערער. די, מיט משפּחות, אָדער ברידער מיט שוועסטער, האָבן זיך גיכער אָן עצה געגעבן מיט פּרנסה, איינער האָט

געזאָרגט פאַרן צווייטן און טאַקע דאָס זיין צוזאַמען האָט אַ ביסל לייכטער געמאַכט דאָס לעבן. אמת, ס׳האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געפרווט אַרויסגיין פון זייער טראַגישער איינזאַמקייט; ווער צייטווייליק און ווער שוין אויף שטענדיק האָבן זיך פאַרבונדן אין משפחות. געווען אַ סך רוסיש־ייִדישע פרויען, וואָס זייערע מענער זענען געפאַלן אויף די פראָנטן און זיי האָבן צוגעטוליעט, אָדער ס׳האָט זיך צו זיי דערנענטערט — אַזאַ איינציק־איינזאַמער מענטש. אָבער נישט אַלע האָבן דאָס געקאָנט טאָן, זייער אַ סך האָט דאָס געוויסן נישט געלאָזט; צו פאַרגעסן די פרויען און קינדער וועלכע מען האָט געלאָזט אין דער היים און וועמענס גורל ס׳איז געווען נאָך אומבאַוווּסט. זענען טאַקע אַ סך פון אָט אַזעלכע יחידים אומגעקומען. ס׳איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך מיט זיי פאַראינטערעסירן אין פאַל פון קראַנק ווערן אָדער טויט. איינער אַזאַ פאַל איז מיר געבליבן אין זכרון און כ׳קאָן אים נישט פאַרגעסן: געווען דאָ אין קוסקודוק אַ ייִד — חיים, אַ רעליגיעזער מענטש, ביי אַ באַרדיטשעווער רעליגיעזער משפחה האָט ער יעדן טאָג געדאַוונט אין טלית און תפילין, איז ער פלוצים קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, מ׳האָט אים גענומען אין שפיטאָל. אמת, די באַרדיטשעווער פרוי האָט זיך מיט אים ווי וויט מעגלעך פאַרנומען, האָט אים יעדן טאָג עפעס אַריינגעטראָגן אין שפיטאָל. אָבער מען האָט געדאַרפן רפואות, דער עיקר קאַמפער און אין שפיטאָל איז קיין שום מעדיקאַמענטן נישט געווען. דאָס האָט מען געקאָנט קריגן נאָר אויפן באַזאַר פאַר טייערע פרייזן. קיין געלט האָט דער ייִד נישט געהאַט, כאָטש אַ ביסל זאַכן צום פאַרקויפן איז יאָ געווען. נאָך עטלעכע טעג, ווען איך האָב זיך דערוווּסט וועגן זיין קראַנק זיין, בין איך אַוועק אין שפיטאָל. צו אים האָט מען מיך נישט צוגעלאָזט, נאָר דער דאָקטער האָט מיר דערקלערט, אַז ער נויטיקט זיך אין קאַמפער, נאָר דאָס קאָן אים נאָך ראַטעווען, זיי האָבן דאָס נישט. איך בין אַרויס אין גאַס מיט אַן אַליאַרם צו די פוילישע ייִדן, צו די פני און צו די אַלע מיט וועמען ער פלעגט זיך טרעפן אַלע שבת אָדער יום־טוב ביים דאַווענען. נאָר זיי זענען געווען פאַרנומען מיט זייערע אייגענע עסקים, און ווען מען האָט שוין יאָ גענומען עפעס טאָן איז שוין געווען צו שפעט. דער מענטש איז געשטאָרבן. ערשט איצט האָבן זיך געיאַוועט די „כלל־טוערס" צו פאַרדינען אַ מצווה, ווי אין דוד עדעלשטאַטס „געלט און לעבן", ווען די „גוטהאַרציקע" דאַמעס קומען שטענדיק צו שפעט... ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַן ענין מיט געלט, ביז מען וועט פאַרקויפן די זאַכן, כאָטש די אַלע רעלי־

גיעזע יידן זענען געווען נישט־שלעכט איינגעאָרדנט, האָב איך געמוזט אויסלייגן דאָס געלט פאַר וועלכן מען האָט געקויפט די נויטיקע זאַכן, מען האָט אויך באַשטעלט אַ בעל־עגלה, נאָר ביז מען האָט אַלע ענינים דער־ליידיקט איז שוין געווען שפּעט ביי נאַכט, דער בית־הקברות איז געווען ווייט אויף אַ פּוסט פעלד אין סטעפּ, נאָר מיר זענען געווען אַ מנין מענטשן און אַלץ איז געמאַכט געוואָרן כדת וכדין. צום סוף האָבן מיר נאָך אַרויפ־געלייגט עטלעכע שווערע שטיינער אויפן קבר, כדי די הינט זאָלן עס נישט אויפגראָבן, ווי עס פלעגט אָפט געשען. אויף צו מאָרגנס האָבן זיך שוין עט־לעכע יידן מטפל געווען מיט פאַרקויפן די „ירושה”. מיר האָט מען אָפּ־געגעבן מיין געלט. נאָר גאָר אין גיכן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז מיט די איבערגעבליבענע 5000 רובל האָבן זיך צעטיילט די עטלעכע יידן וואָס זענען געקומען מקבר זיין דעם מת־מצוה...

פּאַספּאָרטיזאַציע

אין אַ געוויסן טאָג בין איך געשטאַנען מיט אַ באַקאַנטן ייד פון קראָ־קעווער געגנט — אַקסנהענדלער האָט ער געהייסן. ער איז געווען דער פאָרשטייער פון טשו אין דער פּוילישער פּלאַצוווקע. מיר האָבן געשמועסט וועגן אונדזער לאַגע און וואָס ס'וועט זיין ווייטער. פּלוצים האָבן מיר באַ־מערקט ווי אין שטעטל קומען אָן עטלעכע קאָמפּאַניעס מיליטער. דאָס איז געווען עפּעס אַ נייעס און מיר האָבן געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו אונדז. לאַנג האָבן מיר טאַקע נישט געוואַרט, באַלד האָבן זיך באַוויזן מעלדונגען, אַז „אַלע פּוילישע בירגער דאַרפן אַרויסנעמען סאָוויע־טישע פּאַספּאָרטן”. צוערשט האָבן מיר זיך געפרווט טרייסטן, אַז דאָס מיינט מען נאָר די, וואָס שטאַמען פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, וועל־כע זענען „באַפרייט” געוואָרן פון די פּאָליאַקן. נאָר עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז מען מיינט אַלע פּוילישע בירגער, פּאָליאַקן און יידן פון גאַנץ פּוילן. די שטימונג איז געוואָרן אַ געדריקטע. מיר האָבן זיך געשראָקן און מורא געהאַט פאַר יעדער באַפעל, וואָס קאָן אונדז מאַכן פאַר סאָוויעטישע בירגער און דערפאַר געצווונגען ווערן צו בלייבן אין לאַנד. נאָר קיינער האָט נישט געפרעגט אונדזער מיינונג. ס'איז געווען אַ באַפעל...

מיין צווייטער אַרעסט

ווען כמעט אַלע האָבן שוין געהאַט אַרויסגענומען סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן האָב איך זיך נאָך געהאַלטן ביי מיינעם, אַז איך נעם נישט. וואָס קאָנען זיי מיר טאָן פאַר אַזאַ זאַך? איך בין דאָך אַליין און האָב נישט וואָס מורא צו האָבן. אין האַרצן בין איך גרייט געווען אַריינצופאַלן אין זייערע הענט.

איינמאָל אַרום איינס אַזייגער ביי נאַכט האָט מען געקלאַפּט אין מיין טיר, צוויי מיליטער־לייט האָבן זיך געפרעגט אויף מיר. איך האָב שוין געוווסט, וואָס דאָס באַטייט. זיי זענען אַפילו געווען העפלעך און מיר פאַרזיכערט אַז זיי דאַרפן נאָר עפּעס זען אין מיין לאַגער־דאָקומענט, האָב איך זיי דאָס געגעבן און בין מיט זיי געגאַנגען קיין קוסקעדוק אין דעם פּאָליציי־אַמט. דאָרט זענען שוין געווען אַ ביסל מענטשן, מען האָט אונדז רעגיסטרירט, נאָר היות ס׳איז נאָך געווען פינצטער אין דרויסן האָט מען אונדז געהייסן צוואַרטן ביז ס׳וועט ווערן ליכטיק. איך האָב דערווייל צווישן געגעבן מיינע פריינד בלוש—ן ווו איך געפין זיך. ווען זיי זענען געקומען האָב איך זיי געזאָגט, ווו זיי זאָלן נעמען מיינע זאַכן און דאָס ביסל געלט, וואָס איך האָב געהאַט. זיי זאָלן אויך דערציילן ווו איך געפין זיך.

אין דער פרי האָט מען צוזאַמענגענומען די גאַנצע גרופּע און אַ מיליציאָנער האָט אונדז אָפּגעפירט קיין נאָוויטרויסק אין דער ראַיאָן־מיליץ. דאָרט האָט אונז אויפגענומען דער נאַטשאַלניק — אַ מאַיאָר. ער האָט קיין זאַך נישט געפרעגט נאָר אַרויסגענומען אַ בלאַנקעט מיט אַ סך רובריקעס, מיך אַלץ אויסגעפרעגט און פאַרשריבן מיינע ענטפערס. צום סוף האָט ער מיך געהייסן אונטערשרייבן. איך פרעג זיך — „וואָס דאַרף איך אונטערשרייבן?” ענטפערט ער: „אַז דו ביסט גרייט צו נעמען אַ סאָוויעטישן פּאַספּאָרט”. דאָ האָב איך אים גלייך געמאָלדן, אַז איך נעם נישט. ער שפּרינגט אויף מיט אַ געשריי פאַרוואָס איך האָב געלאָזן אויספילן די גאַנצע אַנקעטע און איצט זאָג איך זיך אָפּ? איך זאָג אים, אַז כ׳האָב נישט געוווסט צו וואָס די אַלע פראַגן זענען. אין כעס כאַפּט ער דאָס טעלעפאָן־טרייבל און קלינגט צום דיזשורנע אין דער פּאָליציי־טורמע. אַן אויפגערעגטער שרייט ער צו אים: „איך שיק דיר דאָ איינעם, זאָלסט אים איינאָרדענען פעסט (קרעפּקאָ)”. איך האָב פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, נאָר איך בין געווען דעצידירט אויף אַלעמען. מען פירט מיך אַריין אין אַ קאַמער און איך דערזע

אַזאַ בילד: איינער שטייט מיט אַ ברעט און שלאָגט אַ מענטשן מיט אַ שרעק־לעכער אכזריות. דער געשלאָגענער שרייט און מאַכט געוואַלדן און קיינער פון די 25 מענטשן אין קאַמער רופט זיך נישט אָפּ. ווען דער מיליציאָנער עפנט די טיר און ער פרעגט וואָס מען שרייט דאָ, ווייזט דער געשלאָגענער אויף דעם שלעגער, נאָר דער מיליציאָנער מאַכט זיך גאַרנישט דערפון און פאַרמאַכט די טיר. דאָס שלאָגן דעם מענטשן חזרט זיך איבער. איך קאָן פשוט נישט צוזען די פיין פון דעם געשלאָגענעם און בין שוין אַפילו גרייט זיך צו וואַרפן מיט ציין און נעגל אויף דעם כוליגאַן. נאָר פּלוצים רייסט זיך דער געשלאָגענער אַרויס און פאַלט צו צו דער טיר, נעמט קלאַפּן מיט די פיס און פויסטן. דער מיליציאָנער עפנט די טיר, נעמט אַרויס דעם מענטש און מער קומט ער שוין נישט צוריק אין קאַמער.

מיך אינטריגירט צו וויסן וואָס דאָ איז פאַרגעקומען, נאָר כ'האָב נישט ביי וועמען צו פרעגן. אַלע זענען אָנגעשראָקן. דערווייל דערנענטערט זיך צו מיר אַ „דעלעגאַציע" — דער שלעגער און נאָך איינער אַ כוליגאַן. זיי פרעגן ביי מיר, צי איך האָב עפּעס ביי זיך געלט? איך זאָג, אַז ניין. זיי נעמען מיך באַזוכן פון אַלע זייטן, טרענען אויף די פּאַטשעווקע פון פאַלטן. ווען זיי האָבן גאַרנישט געפונען האָבן זיי מיך צורו געלאָזט און זענען אַוועק אויף זייערע ערטער.

די קאַמער איז געווען שמוציק און ענג. אויף דער ערד זענען מיר געלעגן פיס צו פיס און די קעפּ ביי די ווענט. אויסציען די פיס איז נישט מעגלעך געווען. די פּאַדלאָגע איז געווען צו קורץ. אויך אויף דער פּליצע האָט מען נישט געקאָנט ליגן, נאָר אויף אַ זייט, אַזוי ענג איז געווען.

דערווייל האָב איך זיך דערוווסט וואָס דאָ קומט פאָר: דער געשלאָ־גענער איז געווען אַ פּוילישער ייִד (פון לאָדזש), וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ סאָוויעטישן פּאַספּאָרט, האָט מען אים ספּעציעל אַריינגעזעצט אין אַ קאַמער אין וועלכער עס זענען געזעסן עטלעכע גנבים־כוליגאַנעס, די, האָבן באַקומען אַ ווונק פון אויבן, אַז לגבי די דאָזיקע פּאָליטישע, האָבן זיי פרייע הענט צו טאָן וואָס זיי ווילן. און דאָס מערדערלעכע שלאָגן איז געווען איינע פון די מיטלען זיי איינצוברעכן.

אַנטקעגן איבער מיר איז געלעגן אַ פּאָליאַק, אַ הויכער און שטאַרקער יונג, אויך פאַר דעם זעלבן „חטא". דער אייגענער כוליגאַן האָט אים גע־שלאָגן אוברחמנותדיק און ער האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. אַמאָל האָט מען אין מיטן נאַכט געברענגט אַן אַרעסטאַנט, אַ פּאָליאַק אין די

50־קער יאָרן, די חברה איז גלייך וואָך געוואָרן און זיך צו אים אַ נעם־ געטאָן. זיי האָבן אויפגעטרעטנט די כאַליעוועס פון די שטיוול און אַרויס־ געצויגן פון דאָרט 400 רובל. אויף צומאָרגנס האָבן זיי — צוזאַמען מיט די מיליציאָנערן, וועלכע האָבן אונדז געהיטן — געהאַט אַ פריילעכן טאָג. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געשיכורט און געהוליעט...

לעבן מיר איז געלעגן אַ ציגיינער, מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט. ער האָט מיר געזאָגט: „דו ווייסט, אַלע וואָס זיצן דאָ האָבן פיינט ייִדן און ציגיינער, דערפאַר דאַרפן מיר זיך האַלטן צוזאַמען קעגן זיי". נאָר ווען ער האָט באַמערקט ביי מיר אין רוקזאַק אַ פאָר הויזן, האָט ער מיר איידל פאַרגעלייגט כ'זאָל זיי אים אָפּגעבן.

מיינע באַקאַנטע בלושטיין זענען געקומען צו מיר אויף אַ באַזוך און מיטגעברענגט אַ פעקל עסן. אַ העלפט פון דעם האָב איך גלייך צעטיילט צווישן מיינע מיטזיצער (אַזאַ טורמע־געזעץ, אויך נישט פאַר אַלע) איינער אַ קאַזאַך איז נישט צופרידן געווען פון דער פּאָרציע וואָס איך האָב אים געגעבן און זיך געכאַפּט שלאָגן צו מיר. קיינער האָט זיך נישט געשטעלט אויף מיין זייט. אויסער דער קאַמער־עלטסטער, דער פּראָפעסיאָנעלער שלעגער. „וואָס ווילסטו? — האָט ער אים געזאָגט — ער האָט דאָך געגעבן מער אַפילו ווי עס קומט לויטן געזעץ". איז שטיל געוואָרן. אגב, האָט מען אים אין גיכן אַראָפּגענומען פון זיין אַמט, אַלס עלטסטער און טיילער פון עסן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן איז ער געווען אַנשטעקנדיק (ווענעריש) קראַנק. אַלע זענען זייער צופרידן געווען פון דער ענדערונג.

אין אונדזער קאַמער זענען געווען באַשולדיקטע מכל־המינים. אמתע פאַרברעכער: גנבים, כוליגאַנעס, פּוילישע בירגער אָן פּאַספּאָרטן, ס'זענען אויך געזעסן זעקס אוזבעקישע גייסטלעכע, וואָס זענען באַשולדיקט גע־ וואָרן אין אומלעגאַלער טעטיקייט. אין וואָס איז באַשטאַנען די „טעטיקייט" איז שווער געווען צו דערגיין. אַלע די האָבן דערוואַרט שווערע שטראָפן. פון 2—5 יאָר. עס זענען אויך געווען אַ טייל מיט לייכטע שטראָפן ביז 3 חדשים, וואָס זיי זענען אָפּגעקומען אין דער פּאָליציי־טורמע.

איינער אַזאַ, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 3 חדשים, פאַר שעכטן אַ קעלבל אומלעגאַל און פאַרקויפט דאָס פלייש אויפן שוואַרצן מאַרק, איז געווען אַ פּערסיער מיטן נאָמען — אייאַיוואַזעוו. אַן אינטעליגענטער מענטש, און ער איז עס געוואָרן אונדזער נייער קאַמער־עלטסטער. און דאָ האָט זיך מיין לאַגע אינגאַנצן געענדערט. באַלד איז דער עלטסטער צוגע־

קומען צו מיר און מיר פאַרגעלייגט, איך זאָל זיך מיט מיין פעקל איבערטראָגן אויף דער צווייטער זייט ווו ער שלאָפט מיט דער גאַנצער „עליטע״, ד. ה., מיט די אונטערוועלט־מענטשן. נאָר פאַרט האָט עס גע־הייסן אַז איך אַוואַנסיר. אַלע — באַזונדער מיין געוועזענער שכן, דער צי־גיינער — האָבן מיך מקנא געווען און געגומען קוקן אויף מיר מיט אַ באַ־זונדערן דרך־ארץ...

אַריבערגייענדיק אויף דער צווייטער זייט איז מיר ערשט פאַרשטענד־לעך געוואָרן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען: ווי געזאָגט, איז דער פּערסיער געווען אַן אינטעליגענטער מענטש און ווערנדיק דער עלטסטער איז אים נימאס געוואָרן צו זיצן כסדר מיט דער בלאַטנוי־חברה, אויסהערן זייערע גניבהשע געשיכטעס, האָט ער געזוכט אַ פּאַרטנער מיט וועמען צו קאָנען אויסרעדן אַמאָל אַ מענטשלעך וואָרט און דער גורל איז געפאַלן אויף מיר. זענען מיר טאָקע געשלאָפן צוזאַמען און גאַנצע טעג געשמועסט וועגן פאַרשיידענע ענינים. אַמאָל אין די אָוונטן פלעגט ער צוזאַמענגעמען די גאַנצע כנופיה און זיי דערציילן היסטאָרישע געשיכטעס. ער קאָט געקענט די געשיכטע פון תנ״ך. אַמאָל האָט ער זיי דערציילט וועגן דער שטאָט נינוה, דערביי האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר, אַז איך ווייס אַ סך וועגן דעם... (דאָס האָט ער געמיינט די מעשה מיט יונה הנביא, וואָס דער פיש האָט איינגעשלונגען.) אַזוי ביסלעכוויז זענען מיר געוואָרן גוטע פריינד און צוליב גוטפריינדשאַפט האָט ער מיר געפרוווט איבערצייגן, אַז איך דאַרף נעמען אַ סאָוויעטישן פּאַס, איך דאַרף נישט מורא האָבן, אַז דאָס הייסט, כ׳וועל שוין שטענדיק בלייבן אין רוסלאַנד. דאָ זענען נישטאָ קיין אייביקע געזעצן. אַ פּאַספּאָרט גיט מען אַרויס אויף 5 יאָר און דעמאָלט איז שוין דאָס געזעץ גאָר אַנדערש. ער אַליין האָט שוין עטלעכע מאָל געהאָט 5־יאָריקע פּעסער און איצט איז ער ווידער אַ פּערסישער בירגער. דערביי האָט ער מיר פאַרטרויט בסוד: כל־זמן ער וועט דאָ זיין וועט קיינער נישט וואָגן אַ פינגער אויף מיר אַרויפצולייגן, נאָר ער בעט מיך זיך מאַכן נישט זעענדיק ווען מען שלאָגט אַנדערע פּאַליאַקן, כאָטש עס טוט מיר וויי. ווייל אַזוי הייסט מען פון אויבן... נאָר ס׳איז אַ שאָד וואָס איך מאַטער זיך ביי אַזעלכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען. אמת, כ׳בין שוין באַלד געווען איבער־צייגט, אַז ער איז גערעכט. כ׳האָב נאָר געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנ־הייט. נאָר דערווייל זענען אָנגעקומען פרישע „געסט״ אין אונדזער קאַמער אַריין.

אין איינעם אַן אָונט זענען אָנגעקומען צוויי ברידער שטשעטשענצעס, אַזאַ קאַווקאַזער סעקטע, פון דעם רייכן קאַלכאַז מיינקום. זיי זענען געווען באַלאָדן מיט פּעק עסנוואַרג פון אַלעם גוטן. באַלד האָבן זיי אויסגעשפּרייט אַ טישטעכל אויף דער ערד און אַרויסגעלייגט אַ טייל פון זייער זאַפּאַס. ס׳איז געוואָרן פריילעך... אויך איך בין געווען אַ גאַסט אויף דער שמחה. ווי אָנגעלייגטע געסט האָט מען זיי איינגעלאַדן צו שלאָפן אויף אונדזער זייט. טאַקע מיט די זעלבע וואַנצן און פליי, דערפאַר אָבער אין אַ „בעסערער" געזעלשאַפט...

אין באָד אַריין

נאָך דריי וואָכן אַפּוואַלגערן זיך אין שמוץ אויף דער גאָלער ערד האָט מען זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף אונדז לאָזן אַפּוואַשן דעם שמוץ פון אונ־דזערע צעביסענע לייבער. מען האָט אונדז געפירט אין באָד אַריין. ווען מיר זענען צוריק געקומען אין קאַמער האָט פשוט אַרומגעכאַפּט אַן איבל. זענענדיק אין וואַסער שמוץ מיר זענען די גאַנצע צייט געווען. פולע עמערס שמוץ האָבן מיר אַרויסגעטראָגן און זיך ווידער געלייגט אויף אונדזערע ערטער. ווידער האָב איך גענומען טראַכטן: וואָס ווייטער? ס׳איז אַריבער צוויי וואָכן, פלוצים עפנט זיך די טיר און מען רופט־אויס מיין נאָמען. ווען איך בין אַרויס אויפן הויף האָב איך דערזען, אַז מען האָט אין מיר נישט פאַרגעסן. ס׳איז געווען מיין באַקאַנטע ר. בלאָשטיין און מיט איר מיין מיטוווינער אין קאַלכאַז אונדרוס גאַב־ט, מיט וועמען איך האָב זיך גע־האַלטן צוזאַמען. זיי האָבן געברענגט אַ פּעקל עסן. נאָר קוקנדיק אויף מיר האָט ביי די בלאָשטיין זיך גענומען גיסן טרערן פון די אויגן. כ׳בין געווען באַוואַקסן און געל ווי אַ מת. איך אַליין האָב עס אפילו נישט געוווּסט, ווייל כ׳האָב נישט געהאַט קיין שפּיגל...

מען האָט זיי צוגעלאָזט נאָענט צו מיר, ווייל זיי האָבן פאַרזיכערט דעם נאַטשאַלניק, אַז זיי זענען געקומען ווי שליחים ווירקן אויף מיר איך זאָל נעמען אַ פּאַס. און זיי האָבן טאַקע מיר דערציילט, אַז אַלע מיינע באַ־קאַנטע און צווישן זיי דער פאַרשטייער פון טשו אין דער פוילישער פּלאַ־צווקע אַקסנהענדלער, האָבן שוין גענומען פּאַספּאָרטן און זיי האָבן באַפוילן, אַז איך בין דער איינציקער יי׳ד אין דער גאַנצער געגנט וואָס האָט עס נאָך נישט געטאָן, אַז עס האָט נישט קיין זין איך זאָל איינער אַליין אויסטראָגן אויף זיך אַזאַ קאַמף, וואָס איז איבער מיינע כחות.

איך האָב זיך געלאָזט איבעררעדן. ס'האָט אויף מיר געווירקט דאָס, וואָס זיי האָבן מיר דערציילט און דאָס וואָס מיין באַקאַנטער פּערסיער אייאי־וואַזעוו האָט מיר געזאָגט, איך האָב מסכים געווען און מ'האָט מיך גלייך אויפן אָרט באַפרייט, אַפילו נישט דורכפירנדיק קיין שום פאָרמאַליטעטן. מען האָט מיר געגלויבט אויפן וואָרט. פון זיי — אַנטלויפט מען נישט...

איך בין אַוועק צוריק קיין טשו, זיך אָפּגעשוירן, אָפּראַזירט און ווידער באַקומען אַ מענטשלעכע צורה. נאָר נעמען דעם פּאַספּאָרט האָב איך זיך נישט געאיילט, כ'האָב זיך נאָך געפּרוּווט אַרויסדרייען.

איך האָב זיך אָפּגערעדט מיט דעם ברודער און שוועסטער בלאָשטיין און מיר האָבן אויסגעזוכט אַ סאָווכאָז וווּהין מיר זענען אַוועק אַרבעטן. מ'האָט דעמאָלט אָנגעהויבן מאָביליזירן מענטשן צו דער טרוד־אַרמיע (אַרבעטס־פראָנט) און עס זענען געווען קלאַנגען, אַז די וואָס אַרבעטן אין די סאָווכאָזן זענען באַפרייט. אַזוי האָבן מיר אָפּגעאַרבעט אַ חודש צייט, ביז מען האָט שוין אָנגעהויבן זוכן אומעטום אפילו אין די סאָווכאָזן. בין איך אַוועק און זיך צוגעשטעלט „פּריווויליק". נאָר ביז מען האָט אונדז צוזאַמען גענומען פון דער גאַנצער געגנט, האָט זיך אין טשו אויפן באַזאַר געעפנט אַ בעקעריי און איך האָב זיך אונטערגענומען צו מאַכן אַלע איינריכטונגען. איך האָב נאָך אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט אין וועג אַריין.

פון מיינע אַלע נאָענטע באַקאַנטע בין איך נאָר איינער געוואָרן מאָבי־ליזירט, כמעט אַלע האָבן זיך אַרויסגעדרייט. אויך מיין מיטווינער פון קאָל־כאָז אונדרוס האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דער מאָביליזאַציע. ביי דער געלעגנ־הייט פון מיך באַזוכן אין תפיסה צוזאַמען מיט מיין באַקאַנטע ר. בלאָשטיין האָבן זיי זיך נעענטער באַקאַנט און אין אַ געוויסער צייט אַרום חתונה געהאַט. עס באַקומט זיך, אַז אויך מיט מיין זיין אין טורמע האָב איך געטאָן אַ גוטע זאַך... היינט זענען זיי אין ישראל, כ'האָף, אַז מיין שדכנות־געלט וועלן זיי נישט אָנזעצן...

איך גרייט זיך אין וועג אַריין

מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז מען שיקט אונדז קיין אַקטיובינסק און אַז דאָרט איז אַלץ פּיל טייערער ווי דאָ אין דער געגנט פון אַלמאַ־אַטאַ און דזשאַמ־בול, האָבן מיר עטלעכע מענטשן דאָ, איינגעקויפט דאָס סאַמע נויטיקסטע. ווען סוף־כל־סוף מען האָט אונדז שוין צוזאַמענגענומען, זענען מיר פון טשו געפאָרן קיין דזשאַמבול, אויף אַ זאַמלפּונקט פון דער גאַנצער געגנט. עטלעכע טעג האָט מען אונדז דאָ געהאַלטן און נישט געגעבן קיין עסן. די מענטשן זענען ממש ווילד געוואָרן. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען אונדז אַריבער־געפירט אויף אַ צווייטן זאַמלפּונקט. דאָרט איז געווען אַ מיליטערישער לאַגער מיט אַ קיך, האָט מען אונדז געמאָלדן: אַז ווער עס האָט מיט זיך וועלכע ס׳איז כלי, וועט באַקומען פון די רייז וואָס בלייבט אין די קעסלען, נאָך דעם ווי דאָס מיליטער וויל שוין נישט עסן, ווייל ס׳איז צוגעברענט אויף דער דנאָ. נאָר פאַר אַזעלכע ווי מיר, אויסגעהונגערטע ווי די וועלף, איז אַלץ געווען גוט. שלעכט איז נאָר געווען די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין כלי אין וואָס צו נעמען די רייז. זיי האָבן געמוזט וואַרטן ביז עמעץ וועט אָפּעסן, כדי צו באָרגן ביי אים די כלי. פלעגט מען זיך טאַקע וויצלען: „שלאָף גיך, ווייל מען דאַרף דאָס קישן, עס גיך, ווייל מען דאַרף דאָס טעפל". מיט האַרצווייטיק האָב איך זיך צוגעקוקט צו דעם, ווי מ׳נעמט נאָרמאַלע מענטשן און מ׳פאַרוואַנדלט זיי אין ווילדע חיות. נישטאָ צו וועמען צו שרייען, מען מוז שווייגן...

אויפן וועג האָב איך זיך באַפריינדט מיט איינעם אַ רוסישן ייד — מייזנ־בערג, אַ פיינער מענטש. מיר האָבן זיך צוגעבונדן און נישט געקאָנט זיין איינער אָן דעם צווייטן. בכלל אונטערוועגנס קאָן מען נישט זיין אַליין, איינער מוז היטן און העלפן דעם אַנדערן און מיט די, מיט וועלכע איך בין אַרויס־געפאָרן פון טשו, זענען נישט געווען פאַר מיר קיין פאַרטנערן. ליידער ווען מיר זענען אין דזשאַמבול ארויף אויף די וואַגאָנעס, האָט מען אונדז צעשיידט.

האריס / מען לאָזט מיך אַ נאַקעטן...

פון דזשאַמבול זענען מיר געפאָרן קיין האַריס, דאָס איז אַ באַן־קנופּ סטאַנציע צו פאָרן אויף אוזבעקיסטאַן און קאַזאַכסטאַן. דאָרט זענען מיר געשטאַנען 24 שעה, און אין אָוונט האָט מען אונדז געפירט אין באָד אַריין. ווי עס פירט זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד, פאָרן גיין אין באָד גיט מען איבער די מלבושים אויסצופּאָרען אין אַ הייסן אויוון, צו פאַרניכטן די איינזעקטן.

יעדער איינער בינדט צונויף זיינע זאַכן אין אַ פּעקל און ער גיט עס אָפּ אין אויוון, אַרויסגייענדיק באַקומט יעדער זיין פּעקל צוריק. מאָדנע וואָס דווקא דאָ גלויבט מען אויפן וואָרט. זענען אָבער פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן זייער וויניק אַריינצוגעבן. זייער גאַנצע גאַרדעראָבע באַשטייט פון אַ פּאָר הויזן מיט אַ העמד. נעמען עטלעכע חברה־לייט (און אַזעלכע זענען געפאָרן אויך ביי אונדז אין וואַגאָן), בינדן צוזאַמען זייערע שמאַטעס אין איין פּעקל און גיבן עס אָפּ, נאָר אַרויסגייענדיק נעמט יעדער פון זיי אַ באַזונדער פּעקל מלבושים. פאַרשטייט זיך, אַז זיי לויפן די ערשטע און ווען מען כאַפּט זיך זענען זיי שוין ערגעץ נעלם געוואָרן. אַזוי האָט געטראָפן מיט מיר אין האַריס. ווען איך בין אַרויס פון באָד זענען מיינע זאַכן נישט געווען, איך האָב געוואַרט ביזן סוף, ס'איז אָבער געווען אומזיסט מיין וואַרטן. אַלע האָבן זיך אָנגעטאָן, נאָר איך בין געבליבן אַ נאַקעטער. נישטאָ צו וועמען צו רעדן און ביי וועמען צו מאָנען. קוים אַרויפגעשלעפּט אויף זיך עטלעכע אַלטע שמאַטעס זענען מיר אָוועק אין וואַגאָן. עטלעכע חברה־לייט האָבן געפעלט, אַ ביסל שפּעטער זענען זיי געקומען פון שטאָט מיט ברויט, פּוטער, וווּרשט או"וו. אַלע האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז געשען, אַז מיינע זאַכן זענען שוין פאַרקויפט געוואָרן און אָט איצט עסט מען זיי אויף. נאָר כ'האָב געמוזט שווייגן, אויב כ'האָב זיי נישט געכאַפּט ביי דער האַנט. עס האָט ווי געטאָן נאָך מער דערפאַר, וואָס דאָס זענען דאָך געווען אונדזערע פּוילישע ייִדן, וואָס מיר האָבן אַזוי פיל דורכגעליטן צוזאַמען און דאָ אַזאַ אכזריות. איינעם פון די חברה האָב איך דערקענט אין ישראל און כ'האָב אים דערמאָנט זיין שיינע האַנדלונג. אין וואַגאָן האָב איך אַרויסגענומען אַ פּאָר וואַרעמע טונקעלע אונטערוועש און אין זיי בין איך שוין דערפאָרן ביז אַקטיובינסק.

אַקטיובינסק

אין יולי 1943, זענען מיר אָנגעקומען אין זשיל־גאַראַדאָק, 7 קילאָמעטער פון אַקטיובינסק, ווו עס האָט זיך געפונען דער קאָמבינאַט נ.ק.וו.ד., דער גרויסער זאַוואָד „פּערעספּלאַוו", וואָס האָט אויסגעאַרבעט דעם זייער האַרטן שטאָל פאַר די קריגס־מכשירים. דאָרט איז אויך געווען אַן אַרבעטס־לאַגער, מען האָט דאָך געדאַרפט כמעט אומזיסטע אַרבעטס־הענט (פאַר אַ ביסל זופּ מיט אַ שטיקל ברויט). האָט מען טאַקע אין אַ גאַנץ קורצער צייט אויפגעבויט אַ גאַנץ שטעטל (גערופן זשיל־גאַראַדאָק).

אַראָפּקומענדיק דאָרט האָט מען אונדז גלייך רעגיסטרירט, יעדער האָט באַקומען אַ קאָמפּלעט שווארצע בגדים און אַ קאַץ, אַ ליילעך, אַ שטרוי־קישעלע מיט אַ מאַטראַץ. מ׳האָט איינגעטיילט לויט פאַכן און די נישט־פאַכמענער האָט מען געשיקט צו שוואַרצער אַרבעט, אָדער אַלס שומרים ביי נאַכט צו פאַרשיידענע סקלאַדעס און מאַגאַזינען. איך האָב זיך אָנגע־געבן פאַר אַ סטאָליער און באַלד האָבן זיך געשאַפן צוויי בריגאַדעס. אין איינער בין איך געווען בריגאַדיר, אין דער צווייטער אַ געוויסער אברהם וואַנסאָווער — אַ פּולטוסקער (היינט אין ישראל).

דער געהאַלט פאַר אונדזער אַרבעט איז געווען נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן. די באַשפּייזונג אין דער ספּעציעל פאַר אונדז געשאַ־פענער סטאָלוווקע איז באַשטאַנען פון געקאָכט וואַסער און פאַקשעווע (אַ זיכער מיטל פאַר צינגאַ), מען האָט עס אין מויל נישט געקאָנט נעמען. האָט טאַקע יעדער איינער גענומען זוכן עפּעס אַ זייטיקע הכנסה. אַ טייל זענען אַוועק אויפן באַזאַר אַ ביסל צוהאַנדלען, אַנדערע האָבן עפּעס צו־פאַרדינט ביי דער אַרבעט און מיר די סטאָליאַרעס האָבן געמאַכט בינטלעך האָלץ־אָפּפאַל, און נאָך דער אַרבעט זענען מיר אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער אויסצוטוישן עס אויף אַ ביסל עסנוואַרג: אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל קאַרטאָפל א. א.. אונדזער הויפּט־זאָרג איז איצט געווען פאַר יעדן פּרייז דערהאַלטן דעם גוף. ווייל פון דער מלוכה־קעסט האָט אונדז געדראָט פיזי־שער אונטערגאַנג. פאַר נאַכט איז דער גאַנצער פרייער פּלאַץ געווען איין שטיק רויך — פון די קיכלעך פון עטלעכע ציגל — וואָס יעדער האָט זיך געמאַכט אָפּצוקאָכן דאָס ביסל עסן אין אַ פּושקע פון קאָנסערוון...

נאָר נישט אַלע האָבן געהאַט די מעגלעכקייט עפּעס זייטיק צו פאַרדינען. די וואָס האָבן געאַרבעט ביים גראָבן גריבער, אָדער ביי שלאַ־סעריי האָבן גאָרנישט געקאָנט פאַרקויפן און עסן דאַרף מען דאָך, האָט מען גענומען טראָגן אויפן באַזאַר אין אַקטיובינסק און פאַרקויפן די קאָצן, די ליילעכער, אָדער עפּעס פון די בגדים (קיין טויט־שטראָף פאַר ווירט־שאַפטלעכע פאַרברעכנס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען). נאָר ס׳איז דאָך פאַרט געווען מלוכה־אייגנטום און ס׳האָט געדראָט אַ שטראָף, האָט מען באַלד נאָכן פאַרקויפן געמאַכט אַ געוואַלד, אַז מען האָט באַגנבעט... און נאָך לאַנגע געשרייען האָט מען באַקומען אַ צווייטן. ווען ס׳איז שווער געוואָרן צו פאַרקויפן די אייגענע זאַכן האָט מען פאַרקויפט דעם שכנס.

ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז יעדן אין דער פרי האָט מען געדאַרפט זוכן אַן אָרט, ווו צו באַהאַלטן דעם קאָץ מיט דעם ליילעך...

בערך 90 פראָצענט פון די מאָביליזירטע זענען געווען ייִדן, ד. ה., מיר זענען געווען כמעט צווישן אייגענע, האָט מען באַשטימט ייִדישע קאָמענדאַנטן. דער הויפּט־קאָמענדאַנט איז געווען אַ ייִד — גאָלדמאַן און זיינע געהילפן: אברהם נאדלער, און אַ פּאָליאַק פון ווייסרוסלאַנד. מען האָט גענומען אַ מענטש, וואָס האָט נישט געטויגט צום האַנדלען אויפן באַזאַר, ער האָט אויך נישט געהאַט קיין פאַך, אַ יונגערמאַן וואָס האָט געהאַט מיט זיך אַ טלית און תפילין, האָט אַלע טאָג געדאַוונט און אים באַשטימט פאַר די אויפגאַבן: צו היטן פון גניבות, אויסקערן די צימערן, ברענגען וואַסער צום טרינקען אא״וו. דאָס פאַך האָט מען גערופן „דניע־וואַלנע״ און דעם יונגנמאַן משה דניעוואַלנע.

אין זשיל־גאָראָדאָק האָבן מיר געוווינט צייטווייליק, איצט האָט מען פאַר אונדז אויסגעזוכט אַ סטאַבילן ווין־פּלאַץ. דאָס אָרט האָט מען גערופן „צענטער — לאַגפּונקט״, דאָרט זענען געווען האָלצערנע באַראַקן איינגע־גראָבן דריי פּערטל אין דער ערד (צוזאַמען מיט זיי, אויך מיר). בלויז דעם דאַך האָט מען אַרויסגעזען אויף דער אויבערפלאַך. יעדער האָט זיך צוגעקליבן אַ שכן לויט זיין אויסוואַל. איך האָב ווידער געטראָפן מיין פריינד, דעם רוסישן ייִד מייזנבערג און מיר האָבן צוזאַמען זיך איינגעאָרדנט אויף אַ היינטערשטער נאַרע אין דעם באַראַק.

מייזנבערג האָט באַלד באַקומען אַרבעט אין אַ ביוראָ פון גרויסן זאַוואָד „פּערעספּלאַוו״ און יעדן פאַרנאַכט ווען מיר האָבן זיך געלייגט אויף דער נאַרע האָט ער מיר איבערגעגעבן וואָס מען הערט אויף דער גרויסער וועלט. ער האָט געהערט דעם ראַדיאָ אין ביוראָ. ער האָט אויך איבערגעגעבן אויפן הויכן קול, אויף ייִדיש אָדער רוסיש. ער איז געווען דער פאַרבינדלער צווישן אונדז און דער וועלט. מ׳האָט מיך מקנא געווען מיט מיין שכן, מען האָט מיר אַפילו פאַרגעלייגט „אָפּטרעט־געלט״. יעדער איז להוט געווען נאָך אַ ביסל נייעס אין יענע שטורעמדיקע יאָרן.

מאַלאַריע

אַ סך פון אונדז האָבן גענומען לײַדן פון דער מאַלאַריע־קרענק, אויך מיך האָט עס נישט אויסגעמיטן. יעדן טאָג אין דער זעלביקער שעה, פון 10—12 בײַ טאָג. איך האָב שוין פּאַרויס געוווּסט, אַז פאַר 10 אַזייגער דאַרף איך אָפּעסן פרישטיק און זיך אַוועקלייגן. וויפל קאָצן און פּאַלטנס ס'איז נאָר געווען האָט מען אויף מיר אַרויפגעלייגט, נאָר ווען עס האָט מיך גענומען וואַרפן איז אַלץ געפלויגן אין דער לופטן. נאָך צוויי שעה וואַר־פעניש בין איך צוריק אַוועק צו דער אַרבעט, גלײַך ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צײַט.

די אָרדנונג אין זשיל גאָראָדאָק

בכלל איז די באַפעלקערונג דאָ געווען אײַנגעטײלט אין פיר קאַטע־גאָריעס. צו דער ערשטער האָבן געהערט נאָר דרײַצן משפחות פון די הויפּט־נאַטשאַלניקעס. צו זיי אין די וווינונגען פלעגט מען אין מיטן נאַכט אָפּשיקן פון שענסטן און בעסטן וואָס האָט זיך געפונען אין די מאַגאַזינען. ווען מען האָט בײַ נאַכט געקוילעט אַ חזיר, איז דאָס פלייש תיכף פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אויף די באַשטימטע אַדרעסן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ האָט געדאַרפט זײַן בסוד־סודות, אַז די קלענערע זאָלן זיך נישט דערוויסן. די צווייטע קאַטעגאָריע האָט באַקומען אַ ליטערנעם־פּאַיאָק מיט וועלכן מען האָט נאָך אויך געקאָנט לעבן־בלײַבן. ס'איז נאָך געווען אַ דריטע קאַטע־גאָריע, וואָס האָט באַקומען אַ ביסל ווייניקער און מיר די פערטע.

מיט די אַלע פּריווילעגיעס האָט זיך נאַטשאַלסטוואָ געהיטן פאַר דער באַפעלקערונג, וואָס איז אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פון פרויען און קינדער, וואָס זייערע מענער און פאָטערס זענען געווען אויפן פראָנט. נאָר פאַר אונדז, די לעצטע קאַטעגאָריע, די טרוד־פראָנטניקעס האָט מען זיך גאָרנישט געהיטן און נישט צערעמאָנירט. אין אונדזער סטאָלאָווע זענען געשטאַנען עטלעכע רייען טישלעך געדעקט מיט טישטעכער, צו וועלכע מיר האָבן זיך נישט געטאָרט זעצן. בײַ אונדזערע נאַקעטע טישן איז שטענ־דיק געווען ענג און מען האָט לאַנג געדאַרפט וואַרטן, כאָטש אונדזער צײַט איז געווען באַגרענעצט און פאַר פאַרשפּעטיקן איז געווען אַ שטראָף.
איינמאָל האָב איך זיך פאַרנומען: איך מוז זיך אַוועקזעצן בײַ אַ טישל

מיט אַ טישטעך, זען וואָס דאָ וועט זיין. איך האָב אַזוי געטאָן און געבעטן מיר דערלאַנגען עסן. אָבער די קעלנערין האָט מיר דערקלערט, אַז זי האָט אַ פאַראָרדענונג נישט צו דערלאַנגען די אַרבעטער אויף די טישלעך אַפילו ווען זיי שטייען ליידיק אַ גאַנצן טאָג. אַלס פּראָטעסט בין איך די גאַנצע מיטאָג־שעה אָפּגעזעסן ביי דעם טיש און צום סוף אַוועק אָן אומגעגעסענער, וויל אויף אַ געווינטלעכן טיש האָב איך זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן.

צווישן די בעסערע געסט זענען געווען אַזעלכע צוויי מאָדנע הויכע חברה־לייט בריגאַדירן ביי די אַרעסטאַנטן ביים בויען נייע הייזער. דורך אַ געוויסער אַסאָציאַציע האָבן זיי אונדז דערמאָנט אין "דתן ועבירם" און מיר האָבן זיי אַזוי גערופן. אין יענער שעה פון אונדזער עסן, זענען יעדער טאָג געקומען פינף רוסישע מיידלעך, און מיר זייענדיק אין טראַנס פון תנ"כישע פאַרגלייכן האָבן זיי גערופן די „בנות צלופחד". אויך ביי דער אַרבעט האָבן מיר אונדזערע מיטאַרבעטער באַקרוינט מיט סימבאָלישע פאַרשטעלטע נעמען: דעם מייסטער אין דער שוסטער־אָפּטיילונג, אַ לאַגער־ניק וואָס האָט זיך יעדן טאָג געמוזט מעלדן אין דער קאַנצעלאַריע, האָבן מיר גערופן „דער פאַרשלאָסענער". אַ שוסטער וואָס איז נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פון תפיסה און וואָס האָט ביי דער מינדסטער קליינוקייט געכאַפּט זיך צום מעסער, האָט ביי אונדז געהייסן „דער שוחט אָן אַ ברכה" א. א. ווי דער לייענער זעט האָבן מיר נאָך אפילו ביי יענע שווערע אומשטענדן אַמאָל געהאַט אַ גוטע שטימונג און דער חוש פאַר הומאָר האָט אונדז נישט פאַרלאָזן...

יום־כיפור אין 10־טן לאַגפּונקט

נישט ווייט פון אונדז זענען געשטאַנען נישט באַוווינטע באַראַקן, האָבן זיך אַלע ייִדן אָפּגערעדט, אַז צו כל־נדרי און אויך צומאָרגנס טרעפן זיך אַלע ביי איינעם פון די באַראַקן. אַזוי איז טאַקע געווען. אַלע ייִדן אפילו די נישט־רעליגיעזע האָבן זיך געטראָפן און אין דער פינצטער געזאָגט די תפילות. דער שליח־ציבור איז געווען אַ ייִד כ"ץ. אויף וויפל זיי האָבן געקענט אויסנווייניק (קיין מחזור איז נישט געווען) האָבן ייִדן געדאַוונט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער בריגאַדיר האָט געדראָט צו באַשטראָפן אַלע, וואָס וועלן זיך נישט שטעלן צו דער אַרבעט, ווי מאָביליזירטע אין קריגס־צייט. אפשר טאַקע דערפאַר וואָס קיינער האָט זיך נישט געבראָכן, איז עס אַריבער בשלום...

דער „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן" (ז.פּ.פּ.)

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן דער „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן" אונטער דער אָנפירונג פון וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ. אַלע ייִדן פון פּוילן זענען אויך געווען פאַרטרעטן אין די פאַרבאַנדן. אין דער צענטראַלער אָנפירונג אין מאָסקווע זענען געזעסן: ד״ר זאַמערשטיין, ב. מאַרק און אַנדערע. אין אַקטיובינסק האָט געדאַרפט פאַרקומען די ערשטע אָרגאַניזיר־פאַרזאַמלונג אויסצוקלייבן אַ פאַרטרעטער. אין דעם באַראַק, ווו איך האָב געוווינט האָט מען געמאַכט אַ רשימה פון אַלע פּוילישע ייִדן (קיין פּאָליאַקן זענען נישט געווען) און פון 120 מענטשן בין איך אויסגעקליבן געוואָרן. אין צווייטן באַראַק איז אויסגעקליבן געוואָרן אברהם נאַדלער און מיר זענען געפאָרן אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג קיין אַקטיובינסק.

איך האָב פאַרלאָזט מיין אַרבעט אַלס סטאָליער און בין אַריבער אַרבעטן אין דעם אַרטעל פון שוסטער און שניידער. פון פאַך בין איך דאָך געווען אַ קאַמאַשן־שטעפּער. מיר האָבן געאַרבעט אין צוויי שיכטן. ווייל דער אַרבעטס־פּלאַץ איז געווען צו קליין אַריינצונעמען אַלע וואָס זענען דאָרט געווען באַשעפטיקט. די נאַכט־שיכט האָט זיך געענדיקט 1 ביי נאַכט און זייער אָפט זענען מיר שוין געבליבן נעכטיקן אין אַרטעל, ווייל דער וועג אין 10־טן לאַגפּונקט, איז געווען אַ שווערער, באַזונדער ווינטער, ווען ס'איז געפאַלן זייער אַ סך שניי און די שטאַרקע אַקטיובינסקער ווינטן האָבן אים אָנגעיאָגט אויף איינציקע ערטער, איז געווען בערגער שניי. מען האָט געמוזט גיין מיט אַ לאַנגן שטעקן אויסצומעסטן די טיפקייט, כדי נישט אַריינצופאַלן אין שניי. איינמאָל אין אַזאַ נאַכט, זענען מיר געגאַנגען פון דער אַרבעט און מיר האָבן נישט געפונען אונדזער באַראַק, ווייל דער שניי האָט אים אויסגעגלייכט מיט דער אויבערפלאַך. ווען נאָך לאַנגע זוכענישן האָבן מיר שוין יאָ געפונען אַ שפּיץ פונעם דאַך איז אָבער דער אַראָפּגאַנג צו דער טיר געווען פאַרשאָטן און נישט מעגלעך צו דערגרייכן. נאָר צווישן אונדז איז געווען אַ הויכער יונגער בחור משה כ״ץ (היינט אין ישראל), האָבן מיר אים אַראָפּגעלאָזט מיט קאָפּ און הענט פאָרויס, מיר האָבן אים געהאַלטן ביי די פיס, ער זאָל נישט פאַרלוירן גיין און ער האָט זיך דערשלאָגן צו דער טיר, זי געעפנט און מיר זענען אַריין אין באַראַק. טויט־מידע זענען מיר אַוועקגעפאַלן שלאָפן און דער שניי האָט ווידער פאַרשאָטן אונדזער בנין. ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט אַרום ניין, האָט

זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון פינף פאַרטאָג שטייען מענטשן מיט לאָפּעטעס אין די הענט און ווילן אונדז באַפרייען פון אונדזער לעבעדיקן קבר. ווען זיי איז געלונגען אויפצורייסן אַ ביסל די טיר, זענען מיר אַרויס און איבערגענומען זייער אַרבעט. אַזוי זענען מיר געשטאַנען און אָפּגערייניקט די בערגער שניי. ווייל ס׳איז געווען אַ געפאַר, אַז ווען די זון וועט אויפשיינען וועט דער באַראַק דערטרונקען ווערן אין וואַסער.

די ערשטע טעטיקייט פון ז.פּ.פּ.

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך צו מיר געמאָלדן אַן אומבאַקאַנטער מענטש און האָט מיר איבערגעגעבן, אַז מ׳האָט אים געשיקט פון דער אָבלאַסטנוי ז. פּ. פּ. אין אקטיובינסק, מיט דער מיטטיילונג, אַז איך דאַרף ווערן איר פאָרשטייער פאַר די מאָביליזירטע פּוילישע בירגער, וואָס געפינען זיך דאָ אין זשיל־גאָראָדאָק. איך האָב נאָך קיינעם נישט געקענט און נישט געוווסט ווער עס זענען די מענטשן אין אקטיובינסק וועלכע האָבן אים געשיקט, האָב איך אים נאָר צוגעזאָגט, אַז איך וועל אַראָפּפאָרן קיין אַקטיובינסק און אויפן אָרט אַלץ זען. שפּעטער האָבן מיר דאָ געשאַפן אַ קאָמיטעט צו וועלכן ס׳האָבן געהערט: ה. קעמפּינסקי, אהרון טייכנער, י. גאָלדהאַרד (ער איז געווען ב. מאַרקס אַ שוואָגער און ער איז עס געקומען צו מיר מיט דער מיטטיילונג פון אַקטיובינסק און איך. מיין אָפּטיילונג איז געווען „געזעלשאַפטלעכע הילף״ און איך האָב זיך טאַקע אינגאַנצן געווידמעט די הילף־אַרבעט פאַר די פּוילישע בירגער. כ׳האָב געברענגט און פונאַנדער געטיילט די פּראָדוקטן אא״וו. איצט האָט מען אונדז אַרויסגענומען פון דעם 10־טן לאַגפּונקט און אַריבערגעפירט אויף אַן אַנדער אָרט, וואָס האָט זיך גערופן „די וואכרע״. אויך דאָ זענען געווען האָלצערנע באַראַקן, נאָר שוין נישט טיף אין דער ערד נאָר, גלייך מיט דער ערד. אויך דאָ האָבן מיר געהאַט אַ „דניעוואַלנע״, זיין נאָמען ה. קעמפּינסקי, וואָס אויסער מיט זיינע נאָרמאַלע פליכטן האָט ער זיך פאַרנומען מיט קולטור־אַרבעט. ווען מיר זענען נאָך געווען אין 10־טן לאַגפּונקט, האָט ער מיט אַ געוויסן מ. ליבלינג געאַרבעט אין לייען־זאַל („רויטער ווינקל״). זייביידע זענען מסתמא געווען די איינציקע לייענער אין דעם לייען־זאַל. דאָרט איז ער געווען אַן אנגעשטעלטער ביי דער מלוכה און דאָ האָט ער געאַרבעט זעלבשטענדיק. ווי נאָר ער האָט פאַרמאָגט אַ רובל האָט ער גלייך אויסגעשריבן

פון מאָסקווע צייטונגען („די אייניקייט" א.א.) און יידישע ביכער. ער האָט זיי געגעבן צום לייענען ווער עס האָט נאָר געוואָלט אַריינקוקן אין אַ יידיש וואָרט. אמת, פון די אַלע אַרבעטן האָט מען נישט געקאָנט מפרנס זיין אַ ווייב מיט קינדער, נאָר ער האָט זיך געפילט גוט אויף דעם אַמט. מען איז אים דאַנקבאַר געווען פאַר זיין קולטור־אַרבעט.

איך האָב נאָך אַלץ געאַרבעט אין דעם אַרטעל, פון וועלכן מען האָט דאָך געצויגן דאָס ביסל פּרנסה, נישט אַזוי פון דעם געהאַלט וואָס האָט באַטראָפן 75 רובל אַ חודש, פּונקט אַזויפיל האָט געקאָסט אַ האַלבער קילאָ ברויט אויפן שוואַרצן מאַרק... נאָר די פּרנסה האָבן מיר געהאַט פון נאָך דער אַרבעט. די שוסטער אין אַרטעל וועלכע האָבן זיך אויך געגוויטיקט אין אַ זייטיקן פאַרדינסטל, האָט יעדער פון זיי געמאַכט אַ פּאָר שיך אָדער שטיוול צום פאַרקויפן אויפן שוואַרצן מאַרק, און איך האָב געמאַכט די אויבערטיילן און באַקומען דערפאַר באַצאָלט. דאָס האָבן מיר געמאַכט נאָך דער אָפיציעלער אַרבעטס־צייט. אַזוי זענען מיר ווי־נישט־איז דורכגעקומען.

די ערשטע הילף פון ז.פּ.פּ

מען האָט אונדז אָנגעזאָגט די בשורה, אַז יעדער פּוילישער בירגער באַקומט אַ קילאָ פוטער. בין איך געפאָרן קיין אקטיובינסק און באַקומען פוטער פאַר אַלע פוילישע בירגער פון זשיל־גאָראָדאָק. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון מיין טעטיקייט אין דער ז.פּ.פּ.

די אָנפירערין מיט אונדזער אַרטעל, אַ געוויסע מאַריאַ וואַסילעוונאַ (אַ יידישע), האָט נישט געקאָנט באַשטיין און מיר נישט געוואָלט מוחל זיין, וואָס איך האָב געוואָגט אין דער אַרבעטס־צייט צו דערליידיקן די ענינים פון הילף פאַר די פּוילישע בירגער. כּאָטש 90 פּראָצענט אַרבעטער זענען געווען פּוילישע יידן. האָט זי געזוכט אַ מיטל זיך נוקם צו זיין אין מיר. אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך באַלד געמאַכט: אַלע יאָר שיקט מען אַוועק פון יעדער אונטערנעמונג אַ געוויסע צאָל מענטשן אויף אַראָפּנעמען דאָס היי פון די פעלדער. מען דאַרף פאָרן אַ 200 קילאָמעטער. האָט די פאַר־וואַלטערין באַשלאָסן, אַז איך זאָל דאָס יאָר זיין איינער פון די פאָרערס. פאַר־שטייט זיך, אַז אויך איך בין נישט געשלאָפן וועגן דעם ענין, בין איך... געוואָרן קראַנק און אַוועק אין שפּיטאָל.

דער פּשוטער רוסישער פֿאָלקס־מענטש

צווישן אונדזערע מאָביליזירטע זענען געווען אַ סך וואָס האָבן נישט געוואָלט ווינען אין די אַלגעמיינע ווינונגען (אָבשע זשיטשע). נאָר געזוכט זיך צוצוטוליען צו אַ משפחה בכדי צו פֿאַרטרייבן זייער איינזאַמקייט. צווישן אונדז איז געווען אַ וואָלינער ייד, זיין פֿאַמיליע ־נאָמען, לאַגער. ער האָט געאַרבעט אַלס באַן־אַרבעטער. ער האָט זיך איינגעאָרדנט ביי אַ רוסישער פֿרוי, וואָס האָט געהאַט צוויי קינדער. איר מאַן איז געפֿאַלן אויפֿן פֿראָנט, ער איז געווען דער טיילווייזער פּרנסה־געבער. די פֿרוי האָב איך געקענט, ווייל זי פֿלעגט קומען נעמען זיין פּאַרציע, וואָס ער האָט באַקומען אַלס הילף פֿון ז.פּ.פּ. אַזוי האָבן זיי געוווינט אַ לענגערע צייט ביז ער איז אַמאָל קראַנק געוואָרן און פֿון דער קראַנקהייט מער נישט אויפֿגעשטאַ־נען. די פֿרוי איז געקומען צום קאָמיטעט איבערגעבן וועגן דעם פֿאַל און געבעטן, אַז די יידן זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט דעם ענין לויטן יידישן דין. אין אָקטיובינסק איז געווען אַ ייד, זיין נאָמען ה. היג—ע, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט אַלע רעליגיעזע ענינים און אויך ביי אַ טויט־פֿאַל, ווען די פֿרוי האָט באַקומען אַ פּאָזיטיוון ענטפֿער, איז זי אַוועק אַהיים און גע־ברענגט אַ זייגער און זאָגנדיק דערביי מיט טרערן אין די אויגן, אַז זי ווייסט, אַז ביי יידן איז אַ חרפּה ווען איינער שטאַרבט און מען מאַכט זיין לעצטע אויסשטאַטונג פֿון צונויפֿגענומענע נדבות, בעט זי מען זאָל פֿאַרקויפֿן דעם זייגער וואָס איז געבליבן פֿון אים און פֿאַר דעם געלט מאַכן וואָס עס איז נויטיק אויף זיין לעצטן וועג. ווען מ'האָט איר צוגעזאָגט, אַז אַלץ וועט זיין לויט איר פֿאַרלאַנג און דעם זייגער זאָל זי צוריק נעמען, ווייל זי בלייבט דאָך מיט צוויי קליינע קינדער, אָבער זי האָט נישט גע־וואָלט אַפֿילו הערן פֿון דעם און איז אַוועק מיט אַ געוויין, איבערלאָזנדיק דעם זייגער.

איך טויש מיין אַרבעטס־פּלאַץ

כדי צו האָבן מער צייט, כ׳זאָל זיך קאָנען מער ווידמען די הילפס־אַרבעט, וואָס איז פאַר אַ גרויסע טייל פון אונדז געווען ממש אַ לעבנס־פראַגע, בין איך אַוועק פון אַרטעל און זיך איינגעאָרדנט צו אַרבעטן ביי נאַכט. די הילפס־אַרבעט האָט פאַרנומען זייער פיל צייט; כ׳האָב געדאַרפט ברענגען און פונאַנדער טיילן פראָדוקטן פאַר בערך אַ 1000 נפשות פוילישע בירגער. פונדעסטוועגן ווען איך האָב נאָר געהאַט אַ ביסל צייט האָב איך צוגעאַרבעט ביי דעם פאַך.

דזשיגאַן און שומאַכער

ווי שוין דערציילט, איז אין אַקטיובינסק געווען אַ גרויסער אַרבעטס־לאַגער מיט צענדליקער טויזנטער אַרעסטירטע, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך אויך געפונען די באַרימטע יידישע אַרטיסטן פון פוילן דזשיגאַן און שומאַכער. ווען איך האָב נאָך געאַרבעט אין שוסטער־שניידער אַרטעל, איז דאָרט אַהין געקומען אַרבעטן פון לאַגער איינער גאָלדבערג. ער איז דאָרט אָפּגעקומען אַ שטראָף פון צוויי יאָר, פאַר נעמען אַ ביסל זאַלץ אין קעשענע אַריין ביי אַ באַן־סטאַנציע, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ לאַסט־צוג מיט 50 וואַגאָנעס זאַלץ... אָט דער גאָלדבערג האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט דזשיגאַנען אין שניידער־וואַרשטאַט פון לאַגער. דזשיגאַן האָט נאָר געאַרבעט אַ האַלבן טאָג, ווייל דעם אַנדערן האַלבן טאָג איז ער געווען פאַרנומען מיט מאַכן רעפּעטיציעס צו אַ פאָרשטעלונג וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען. ווען פון אונדזער אַרטעל האָט מען געשיקט אין שליחות אין לאַגער אַריין דעם יונגן משה קאַץ און דזשיגאַן האָט אים געפרעגט צי ער האָט אַמאָל געהערט פון אַ פירמע „דזשיגאַן־שניידער" אין פוילן. האָט אים קאַץ געענטפערט: פון אַזאַ שניידער האָב איך נישט געהערט, נאָר פון אַזאַ אַרטיסט האָב איך יאָ געהערט. דעמאָלט האָט אים דזשיגאַן געזאָגט: נו, אויב אַזוי איז שוין פאַרשיט די גאַנצע גאַלעריע...

צוזאַמען מיט זיי איז אין לאַגער געווען נאָך אַ באַקאַנטער אַרטיסט און זינגער פון פוילן חיים לעוויך, און זיי אַלע דריי האָבן געדאַרפט אַרויסטרעטן און ווילן די ציוויל־באַפעלקערונג, אויך אונדז מאָביליזירטע.

פאַרשטייט זיך, אַז די פאָרשטעלונג האָט געדאַרפט זיין אין דער רו־

סישער שפּראַך, דאָך, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז דזשיגאַן מיט שו־מאַכערן וועלן אַרויסטרעטן, האָבן מיר זיך געגרייט ווי צו אַ גרויסן יום־טוב, אַז עס זאָלן זיין וואָס מער ייִדן בעתן אויפטריט פון אונדזערע באַליבטע אַרטיסטן. אויף דער פאָרשטעלונג האָבן מיר פּשוט פאַרגעסן ווו מיר געפינען זיך, אַלץ איז געווען אַזוי היימיש און נאָענט — ווי מיר וואָלטן געזעסן אויף ביעלאַנסקי 5 אין „נאָוואָשטשי״־טעאַטער. דער אינהאַלט איז געווען אַן אַנטי־היטלעריסטישער מיט עכט דזשיגאַן־שומאַכערישן הומאָר. דער עולם האָט געקייכט פון לאַכן, ווען היטלער הערנדיק ביי נאַכט דאָס באָמ־באַרדירן בערלין, האָט געבעטן ביי הימלערן — ער זאָל אים געבן אַנדערע אונטערוועש... מיר אַלע, די פאַרוואָגלטע, פאַרשטויסענע און פאַריאָגטע פון זייערע היימען, האָבן טיף מיטגעלעבט און נישט ביי איינעם האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן, ווען אַלע דריי אַרטיסטן האָבן זיך אַרומגענומען און צוזאַמען געזונגען „מיין שטעטעלע בעלדז...״ (אויף רוסיש)

וואָס פאַר אַ שרעקלעכן איינדרוק עס האָט געמאַכט אויף אונדז, ווען מיר האָבן געזען אונטערן פאָרהאַנג אויף דער בינע, דעם מיליטערישן קאָנוואָי מיט די ביקסן אין די הענט, און האָבן געהיטן די אַרעסטאַנטן־שוישפּילער, וואָס האָבן אונדז געדאַרפט ווייזן. מען קאָן זיך פאָרשטעלן זייער געמיט און שטימונג...

דייטשע ציוויל־געפאַנגענע

אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר באַמערקט, אַז אויף דער באַן־סטאַנציע פון קאָמבינאַט האָט זיך פאַרהאַלטן אַ לאַסט־צוג געפּאַקט מיט מענטשן. ווער זיי זענען האָט קיינער נישט געוווּסט. די וואַגאָנעס זענען געווען געשלאָסענע און געהיטן דורך מיליטער, אַז מיר זאָלן זיך נישט קאָנען פאַרשטענדיקן מיט זיי. נאָר ווען מ׳האָט זיי אַרויסגעלאָזט פון די וואַגאָנעס און אָפּגעפירט אין 10־טן לאַגפּונקט, ווו מיר זענען פריער געווען, האָבן מיר זיך דער־וווּסט, אַז דאָס זענען ציוויל־דייטשן פון די ערשטע דייטשע שטעט, וואָס די רוסן האָבן פאַרנומען און זיי זענען אהער געבערענגט געוואָרן צו שווערע שוואַרצע אַרבעט. באַלד האָבן זיך די רוסישע קינדער, וואָס זייערע עלטערן זענען געפאַלן אויף די פראָנטן און סתם קינדער דערוווּסט, אַז דאָס זענען דייטשן, ד. ה., די שולדיקע אינעם טויט פון זייערע עלטערן און ווען מען האָט זיי געפירט צו דער אַרבעט זענען זיי באַגעגנט געוואָרן מיט אַ האָגל שטיינער. עס האָט נישט געהאָלפן דער מיליטערישער קאָנוואָי מיט די ביקסן אין די הענט. די קינדער האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען וועט נישט שיסן אויף זיי. מען האָט זיך מיט די קינדער נישט געקאָנט קיין עצה געבן. אַפילו די לערער האָבן גאָרנישט געקאָנט פועלן; די קינדער האָבן נאָך גוט געדענקט וואָס די זעלביקע לערער האָבן דערציילט וועגן די דייטשישע גרויל־מעשים (פאַרשטייט זיך, נישט אין 39—40, ווען דער ריבנטראָפּ־מאָלאָטאָוו אָפּמאַך איז נאָך געווען גילטיק, נאָר פון 41־טן יאָר אָן). די קינדער איז דאָס שווער געווען צו פאַרשטיין...

ליידער, אין דער זעלביקער צייט, וואָס אַפילו קינדער האָבן געפירט אַ קאַמף מיט די דייטשן, האָבן אונדזערע ייִדן גענומען האַנדל׳ען מיט די דייטשישע מערדער. פאַר אַ העמד אָדער אַ פּאָר הויזן האָט מען זיי צו־געשטעלט פון אַלעם גוטן. ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס אַפּעלירן צום געוויסן פון אָט די באַזאַר־הענדלער, אַז דאָס זענען אפשר זאַכן פון זייערע עלטערן, ברידער און שוועסטער... זיי האָבן פאַרשטאַנען נאָר איין שפּראַך: מען דאַרף פאַרדינען! זיי האָבן אַפילו ריזיקירט מיט באַשטראָפט ווערן, ווייל די דייטשן זענען געווען אין אַ פאַרמאַכטע זאָנע און האַנדלען מיט זיי איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. דורך די שטעכל־דראָטן איז געפירט געוואָרן דער מיאוסער מסחר, וואָס האָט אונדז קיין כבוד אין די אויגן פון די רוסן נישט געבערענגט...

איך אַליין האָב די דאָזיקע פאַרשווינען געדראָט, אַז כ׳וועל דאָס אי־בערגעבן צו דער מאַכט. געווען אַפילו אַזאַ פאַל, ווען איך האָב ביי אַזאַ הענדלער צוגענומען אַ העמד און עס געוואָלט איבערגעבן דער נ.ק.וו.ד. כ׳האָב זיך גאָרנישט געקאָנט באַרויִקן. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז יעדער זאַך וואָס מ׳נעמט ביי די דייטשן, איז באַפלעקט מיט ייִדיש בלוט און מיט אַלע מיטלען טאָר מען נישט דערלאָזן צו אַזאַ שאַנד. אַז ווען אין פוילן האָבן נאָך געברענט די קאַלך־אויוונס אין אָשוויענטשים, טרעבלינקע און מיידאַנעק, זאָלן ייִדן געבן אָט די מערדער פוטער, פלייש און ציגאַרעטן. און דאָס האָבן געטאָן דווקא די איינציקע מענטשן וואָס זייערע גאַנצע משפחות זענען אומגעקומען. צווישן זיי אויך ייִדן מיט שטאַרק נאַציאָנאַלע געפילן, וואָס זייער מאַטעריעלע לאַגע איז נישט געווען אַזוי שלעכט, אַז זיי זאָלן זיך מוזן פאַרנעמען מיט דעם שמוציקן האַנדל. נאָר די געלט־גיריקייט האָט זיי דערפירט צו דעם פינצטערן תהום.

יום־כיפור 1944

אין צרות דוכט זיך, אַז די צייט שטייט אויף אַן אָרט. דאָך איז זי געגאַנגען און מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים סוף זומער. ייִדן האָבן שוין גענומען טראַכטן וועגן יום־הדין. דאָ איז שוין געווען בעסערע מעגלעכקייטן צום דאַווענען: באַראַקן מיט ליכטיקע פענצטער, כמעט אַלע האָבן שוין געקאָנט קומען אויך ביי טאָג, ווייל מען האָט געאַרבעט ביי נאַכט ווי וועכטער און דער עיקר מיר זענען שוין נישט געווען קיין גרינע, מיר האָבן שוין געוווּסט וואָס מ׳מעג און וואָס נישט. דאָס מאָל האָט עס געדאַרפט זיין בעסער ווי פאַראַיאָרן אין 10־טן לאַגפונקט. דאָס ערשטע האָט מען גע־דאַרפט שאַפן אַ מחזור, היות אין אקטיוּבינסק האָט געוווינט אַ רב פון בעסאַראַביע און איינער פון אונדזערע מאָביליזירטע איז געווען ביי אים אַן אַפּטעקער אייגנגייער, האָט דער רב מסכים געווען צו באָרגן אַ מחזור. נאָר ער האָט פאַרלאַנגט אַ גאַראַנטיע. אַזוי ווי מען האָט מיך געקענט פאַר אַ כלל־טוער אין יענע באַדינגונגען, בין איך אַוועק צום רב און גענומען ביי אים דעם מחזור אויף מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. וואָס טוט מען נישט פאַר ייִדן וואָס ווילן כאָטש איינמאָל אין יאָר מאַכן אַ חשבון־הנפש. די, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די דייטשן האָבן עס זיכער געדאַרפט טאָן... עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז טאַקע אין דעם באַראַק וווּ איך האָב געוווינט איז

געוועז דער מנין צום דאַווענען און מיין שאַפּקעלע האָט געדינט פאַר אַן עמוד ביי וועלכן דער חזן איז געשטאַנען און געדאַוונט. פאַר נאַכט צו כל־נדרי איז דער באַראַק געווען פול געפּאַקט מיט ייִדן, אַפילו עטלעכע רוסישע ייִדן זענען געקומען אַהער דאַווענען. דער בעל־תפילה איז געווען דער זעלבער ווי פאַריאָרן ה. קאַץ (היינט אין ישראל), ער איז געווען דער איינציקער ביי אונדז רעליגיעזער ייִד מיט אַ באָרד, מיט טלית און תפילין אין וועלכע ער האָט יעדן טאָג געדאַוונט. נאָך דעם מאָרגנדיקן מוסף האָט שוין געדאַווענט אַן אַנדערער — מנשה אָפּאַזדאָווער. שוין נישט אַזאַ פרומער, דערפאַר אָבער דעם פּרושקאָווער שוחטס אַ זון, האָט מען אים מכבד געווען מיט מוסף. געווען דאָ אַ בעסאַראַבישער בחור מיט אַ חזנישן פונק, האָט ער געמאַכט אַן „אל מלא רחמים" און מזכיר געווען אַלע קדושים. אַלע אַנוועזנדיקע האָבן געזאָגט „קדיש", ווייל אַלע האָבן זיך שוין דעמאָלט באַטראַכט פאַר יתומים...

אַ מעשה מיט אַ געפּלאַצטער רייף

די הילפס־אַרבעט אין דער ז.פּ.פּ. האָט זיך אויסגעברייטערט, אויסער די פּאַיאָקן וואָס אַלע האָבן באַקומען איז נאָך געווען ספּעציעלע צוטיילונגען פאַר קינדער, קראַנקע אין אויסנאַם־פאַלן. דאָס אַלץ האָט פאַרנומען מיין גאַנצע פרייע צייט, איך בין שטענדיק געווען פאַרנומען. פאַרשטייט זיך, ווי שטענדיק, זענען אויך געווען אַ טייל אומצופרידענע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז עס דאַרפן נישט זיין קיין אויסנאַמען, נאָר אַלע דאַרפן באַקומען גלייך. נאָר מיר האָבן זיך מיט זיי נישט גערעכנט. אַמאָל ווען כ'האָב באַקומען אַ ביסל פייגן (אמתע !) און אויך זיי האָבן באַקומען זייער חלק, האָט מען זיך געוויצלט, אַז די גבירים באַקומען נאָר פייגן... אגב, זענען די אומצופרידענע געווען דווקא פון די בעסער איינגעאָרדנטע.

אין יענער צייט האָב איך באַקומען אַ מעלדונג, כ'זאָל קומען אָפּנעמען די פאַר אונדז צוגעטיילטע פּוטער, אַ קילאָ פאַר יעדן מענטש. (אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ פאַרמעגן) האָב איך גענומען מיין סטאַבילן פורמאַן — בערגער און געפאָרן ברענגען די פּוטער. מיר האָבן באַקומען אַ גאָר גרויסן פאַס פּוטער און זיך געלאָזט צוריק אַהיים. דאָ איז געשען אַ צרה: ס'האָט געפּלאַצט א רייף פון דעם פאַס און די פּוטער האָט גענומען אַרויס־רינען. כ'האָב זיך געפונען אין אַ ביטערער לאַגע, כ'בין אין מיטן פעלד,

אַהיים דאַרפֿן מיר נאָך פֿאָרן אַ 4 קילאָמעטער און דאָ רינגט פֿון אַלע זייטן. מ׳קאָן זיך פֿאָרשטעלן אין וואָסער קאָמפּליצירטער לאַגע איך האָב זיך געפֿונען. איך האָב געהייסן פֿאָרן וואָס שנעלער און קוים מיט גרויסער מי זענען מיר דערפֿאָרן צום וווין־אָרט. באַלד זענען צוגעקומען עטלעכע חברה און מיר האָבן לאַנגזאַם אַראָפּגענומען דעם פֿאַס פּוטער אין באַראַק אַריין. אַלע האָבן שוין געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם גרויסן פֿאַרמעגן. איך האָב אָבער באַשלאָסן די פּוטער נישט צו רירן, ביז עס וועט צונויפֿגעשטעלט ווערן אַן אַקט, וואָס ס׳איז געשען אויפֿן וועג און דאָס איבערשיקן אין אָבלאָסט אַריין. אַלע זענען געווען קעגן דעם, דאָס וואָלט געווען אַ פֿאַר־שלעפּטער ענין און דער עולם איז געווען אויסגעבענקט נאָך אַ שטיקל פּוטער, איז מען געקומען צו מיר מיט אַ פֿאָרשלאַג: איך זאָל אַרויסגעבן מיט עטלעכע דעקאַ ווייניקער אויף אַ פּערזאָן און אַלע וועלן אונטערשרייבן, אַז אויב ס׳וועט נאָך צופֿעלן צום גלייכן חשבון וועלן זיי אומקערן דאָס איבעריקע, כדי איך זאָל נישט דאַרפֿן ליידן. מיר האָבן געהאַט צו זיך דעם פֿולן צוטרוי, טאַקע באַלד האָב איך גענומען אַרויסגעבן די פּוטער און אין שטעטל איז געוואָרן פּריילעך... איך האָב אַלעמען צעטיילט, די לעצטע האָבן באַקומען די מיטגלידער פֿון קאָמיטעט, נאָך אַלץ מורא האָבנדיק, אַז עס וועט אויספֿעלן. ס׳איז ווערט צו באַמערקן, אַז אויף צומאָרגנס זענען אַ סך געקומען פֿרעגן צי איך האָב געהאַט אויסצוקומען. זיי זענען באמת גרייט געווען אומצוקערן אַ טייל פֿון זייערע פּאָרציעס. אַזוי גרויס איז געווען דער צוטרוי.

טאַטאַרן

אין יענער צייט, האָבן מיר אין אַ געוויסן טאָג באַמערקט, אַז עס פֿאָרן דורך אַקטיובינסק אַ סך פֿאַרשלאָסענע לאַסט־צוגן מיט פֿרויען און קינדער, און קיינער האָט נישט געוווּסט, ווער זיי זענען, פֿון וואַנען, און וווּהין, זיי פֿאָרן? נאָר איינמאָל האָט אַזאַ צוג זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע און באַלד האָבן מיר זיך דערוווּסט: דאָס זענען טאַטאַרן, וועלכע מען האָט חושד געווען (און ס׳איז טאַקע אויך אמת געווען) אין פּראָ־היטלע־ריסטישע סימפּאַטיעס. זיי האָבן מיט גרויס אומגעדולד און פֿרייד געוואַרט אויף דער דייטשער אַרמיי, זיי זענען נאָך פֿון פֿאָרויס גרייט געווען צוהעלפֿן און מיטאַרבעטן מיט די דייטשן. די סאָוויעטישע מאַכט האָט דאָס געוווּסט

און צוגרייטנדיק זיך האָט זי אין איין נאַכט אַרויסגעפירט כמעט אַלע מענער פון דער רעפובליק. די פרויען און קינדער האָבן אַפילו נישט געוווסט, וואָס מיט זייערע מענער און פאָטערס איז געשען, ווו זיי זענען אַהינגעקומען. איצט, ווען די לאַגע אויף די פראָנטן האָט זיך געענדערט לטובת דער רוסישער אַרמיי, האָט מען די פרויען און קינדער געפירט צו זייערע מענער. אַזוי איז אַריבערגעפירט געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט אַ גאַנץ פאָלק, די גאַנצע טאָטערישע רעפובליק.

מיין נייער אַרבעטס־פּלאַץ — גרויש־טראַנספּאָרט

ווי שוין פריער דערמאָנט האָט די הילפס־אַרבעט ביי מיר פאַרנומען פיל צייט און נאָר ביי טאָג, אַזוי אַז איך האָב געמוזט איבערגיין אויף נאַכט־אַרבעט, בכדי ביי טאָג צו זיין פריי. ס׳איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ אין דער לאַגער־זאָנע ווו עס האָבן זיך געפונען פערד און וועגענער און עטלעכע סטויגעס היי, וועלכע איך האָב געדאַרפט היטן. ס׳זענען אויך געווען בריטשקעס מיט זיצפלעצער, וועלכע מען האָט באַנוצט נאָר ביינאַכט... פאָר נאַטשאַלניקעס פון — פיר אויתיותדיקע אינסטיטוציעס: נ.ק.וו.ד. (נ.ק.ג.ב.) א.טש.ק.א., וואָס זייער אַרבעט איז נאָר ביי נאַכט. איינער אַ דיספּעטשער איז אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן אויף דער באַנק און געוואַרט אויף טעלעפאָנען און ער האָט מיר געזאָגט ווען מען דאַרף פאַרן נעמען. אגב, האָט ער אויך געמוזט איינשפּאַנען דאָס פערד, ווייל איך האָב נישט געקאָנט די מלאכה. וווהין מען דאַרף פאָרן האָט שוין געזאָגט דער געפירטער, אָדער די פערד האָבן עס שוין אַליין געוווסט. ס׳איז ביי זיי נישט געווען דאָס ערשטע מאָל פירן נאַטשאַלניקעס אויף די ערטער. צוריק אַהיים זענען די פערד זיכער געלאָפן אַליין ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַנטלויפן פון דער „ריינער" אַרבעט... איך האָב טאַקע קיין סך אַרבעט נישט געהאַט און אויב אויפן וועג איז עפּעס קאַליע געוואָרן אין געשפּאַן, אָדער אַן אַנדער שטערונג האָב איך געהייסן דעם נאַטשאַלניק מוחל זיין און אַליין פאַריכטן. אויף זיין פראַגע פאַרוואָס איך טו עס נישט אַליין? האָב איך מודה געווען, אַז איך האָב זיך קיינמאָל מיט אַזאַ אַרבעט נישט פאַרנומען און דערפאַר קאָן איך זי נישט. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ חקירה ודרישה: ווער איך בין, פון וואַנען איך קום, וואָס האָב איך פריער געטאָן א. א. איך האָב זיי אַלץ אויפגעקלערט און בין געבליבן אין אָרדענונג. ביי דער אַרבעט

גופא האָב איך געטאָן אַלץ אין דער וועלט כדי נישט אַנטשלאָפן צו ווערן. כ׳האָב געקאָכט עסן און נאָכן אָפעסן האָב איך שוין געוואָרט צו קאָנען זיך אַ ביסל איבערפאָרן מיט מיינע נאָכט־פּאַסאַזשירן. עס פלעגט אַפילו טרעפן, אַז איך האָב זיי איבערגעגעבן די לייצעס און איך האָב זיך געזעצט אויפן הינטערשטן ווייכן געזעס...

נאָר דאָ האָב איך זיך נישט לאַנג געהאַלטן, עס האָט זיך אונטערגערוקט דער ווינטער און דאָס היי האָט מען געדאַרפט היטן אין דרויסן, שלאָפן האָט מען נישט געטאָרט, בין איך אַריבער אַרבעטן ווי אַ שומר אין אַ מאַ־גאַזין פון קאַלך, סמאָלע, פּאַפּי־פּאַפּיר, און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן. דאָ בין איך געזעסן אין אַ קליינער בודקע, ס׳האָט געברענט אַ קליין קאָפּטשערל, ביי וועלכן איך האָב געקאָנט אַ ביסל לייענען. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין נישט איינמאָל איינגעשלאָפן און די, וואָס האָבן געוואָלט עפּעס נעמען האָבן געהאַט אַלע מעגלעכקייטן עס צו טאָן. אמת, אין דרויסן האָט געברענט אַ גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ אויף אַ הויכן סלופּ, האָט מען אים אַרויס־גענומען און אין דער פינצטער האָט מען גענומען אַ מאַשין מיט קאַלך און אָפּגעפאָרן. אין דער פרי, ווען דער מאַגאַזינער איז געקומען האָט מען געמאַכט אַן אַקט — נישט אויף דער מאַשין קאַלך, נאָר אויף דעם לאָמפּ וואָס פעלט און מען האָט מיר אַראָפּגערעכנט 53 רובל פון די 73, וואָס איך האָב פאַרדינט אַ גאַנצן חודש, און קיינער האָט נישט געפרעגט פון וואַנען איך לעב...

איינמאָל האָט מען געברענגט אַ טראַנספּאָרט מיט 500 פּעקלעך סמאָלע־פּאַפּיר. אַזאַ פּאַק פּאַפּיר האָט אויפן שוואַרצן מאַרק געקאָסט 450 רובל. האָט מען עס שוין געמוזט היטן אַ גאַנצע נאַכט אין דרויסן. צופעליק איז יענע נאַכט געווען אַ גרויסער פראָסט, אַ שניי מיט אַ ווינט. לויטן געזעץ האָבן געדאַרפט זיין צוויי מענטשן, נאָר איך בין געווען אַליין, ווייל די סחורה האָט מען געברענגט ביי נאַכט ווען אַלע זענען שוין געווען אָפּגעשיקט אויף אַנדערע אַרבעט. האָט מען מיר געברענגט אַ פּאָר ווויליקעס מיט אַ גרויסן פעלץ און אַזוי בין איך געשטאַנען פאַרוויקלט אַ גאַנצע נאַכט נישט אַרויס־שטעקנדיק די נאָז. פון דעסטוועגן, נישט געקוקט אויף דעם שרעקלעכן וועטער, האָט זיך געפונען אַ בעלן צו נעמען אַ פּעקל פּאַפּיר. ווען איך האָב אַ רגע אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פונעם פעלץ און געזען ווי עמעץ טראָגט אַוועק אַ פּעקל פּאַפּיר און איך האָב אים נישט אָפּגעשטעלט, נאָר אויף צומאָרגנס האָב איך „פאַרכאַפּט די פיש פאַר די נעץ" און אָנגעגעבן אַן אָנקלאַגע: פאַר־

וואָס מען האָט מיך געלאָזט שטיין אַ גאַנצע נאַכט אַליין. כ׳האָב געבעטן מען זאָל מיך איבערפירן אויף אַן אַנדער אַרבעט. מען האָט מיר דאָס צוליב געטאָן און איבערגעשיקט אויף אַן אַנדער אָרט, וווּ מיר זענען געווען צוויי מענטשן. האָט מען געקאָנט אַ האַלבע נאַכט שלאָפן. דאָרט איז אויך געווען אַ טעלעפאָן, איז מעגלעך געווען אַמאָל אַ שמועס טאָן מיט וועמען עס האָט זיך געוואָלט און ס׳איז נויטיק געווען.

מ׳וויל פאַרפוילישן די ז.פּ.פּ.

דער צוזאַמענשטעל פון די פוילישע בירגער איז נישט אומעטום געווען דער זעלבער. למשל: אין די שטעט און אַרום זיי, איז דער רוב געווען ייִדן — אין די דערפער און קאָלכאָזן — די מערהייט פּאָליאַקן. נאָר די פירער פון דער ז.פּ.פּ. זענען אין גרעסטן טייל געווען ייִדישע. אין אָבלאַסטנוי־קאָמיטעט איז דער הויפּט־סעקרעטאַר געווען י. מענדלסאָן. נאָר אין אַ געוויסן טאָג איז אַראָפּגעקומען אַ דעלעגאַציע פון צוויי פּערזאָן פון מאָסקווע. איינער אַ ייִד, אַ קאָמוניסט און דער צווייטער אַ פּאָליאַק פון „סטראַניצטוואָ לודאָווי״. מען האָט אָרגאַניזירט אַ גרויסן מיטינג אויף וועלכן דער פּאָליאַק איז אַרויס־געטרעטן. נאָכדעם איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ וועלכע האָט געהאַט דעם איינציקן צוועק — לויט די אָנווייזונגען פון מאָסקווע צו ענדערן דעם צו־זאַמענשטעל פון דעם אָבלאַסטנוי־קאָמיטעט אויף מער פּויליש. אין דער ערשטער ריי האָט מען געמיינט צו באַזייטיקן דעם הויפּט־סעקרעטאַר י. מענ־דלסאָן, ווייל די פאַרזיצערין און די געהילף־סעקרעטאַרין זענען געווען ריינע אַריער. נאָר עס זענען געקומען פאַרשיידענע דעלעגאַציעס און גרופּעס מענטשן צו דער מאָסקווער דעלעגאַציע און געבעטן, פאַרלאַנגט, אַז מענדל־סאָן זאָל בלייבן, ווייל ער איז טאַקע געווען דער פּאַסיקסטער מענטש אויף דעם אַמט. איז ער טאַקע געבליבן, נאָר אַלס פאַרזיצער האָט מען געברענגט אַ פּאָליאַק — לימיינסקי, מיט גרויסע שלאַכעצקע וואָנצעס און אין דעם צוזאַמענשטעל האָבן זיי געאַרבעט, ביז צום אַרויספאָרן קיין פּוילן.

די גוטע בשורה

ס'איז אָנגעקומען די פריילעכע בשורה, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, דייטשלאַנד איז באַזיגט און אַז איינגיכן דאַרפן מיר זיך גרייטן צו פאָרן אַהיים. נאָר מיר, דער גרעסטער טייל פּוילישע ייִדן, האָבן אויפגענומען די גוטע בשורות מיט עפּעס אַן אינערלעכער שרעק. מיר האָבן זיך געשראָקן און מורא געהאַט זיך צו טרעפן, מיט דער גרויזאַם־שרעקלעכער ווירקלעכקייט; זען מיט אונדזערע אייגענע אויגן אונדזער גרויס אומגליק, טרעטן מיט אונדזערע פיס אויף די חורבות און קיינעם מער נישט טרעפן. כאָטש ביי אַ טייל האָט זיך נאָך דערהאַלטן אַ שטיקעלע האָפענונג עמעצן צו טרעפן צווישן די לעבעדיקע. אפשר האָט זיך דאָך ווער פון די אייגענע, נאָענטע געראַטעוועט? ס'האָט זיך אַזוי געוואָלט גלויבן און האָפן...

מיר האָבן נאָך נישט געוווּסט דעם אופן פון אונדזער אַרויספאָרן פון רוסלאַנד, דערווייל זענען מיר נאָך געווען מאָביליזירטע, כאָטש די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט. איך האָב דערווייל אויסגענוצט די צווישנצייט און געשריבן בריוו, וווּהין, און צו וועמען, עס האָט זיך נאָר געלאָזט. האָב איך טאַקע אין אַ געוויסער צייט אַרום באַקומען אַ בריוו פון קוזינעס אין מעזריטש, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט ווי פּאַרטיזאַנער אין די מינסקער וועלדער. איז דאָס ביי מיר געווען אַ גרויסע פרייד און אַ סימן, אַז דעם פאַשיזם איז נישט געלונגען און ער האָט נישט באַוויזן פולשטענדיק צו „לייזן דאָס ייִדן־פּראָבלעם". ס'איז פאַר מיר אויך געווען אַ צייכן, אַז איך דאַרף נישט מיד ווערן, נאָר ווייטער זוכן, אפשר דאָך, וועט זיך ווער געפינען. דערווייל האָב איך זיך אַריבערגעטראָגן קיין אַקטיובינסק, כ'האָב געדונגען אַ צימער ביי זייער פיינע, אינטעליגענטע און רעליגיעזע מענטשן. צוזאַמען מיט זיי האָב איך ווידער דערפילט דעם טעם פון אַ משפחה־לעבן. שבת זענען מיר געזעסן ביי אַ טיש ווי איין משפחה היימישע און נאָענטע. כ'האָב זיך געקויפט אַ ניי־מאַשין און אַרויסגענומען אַרבעט אין שטוב אויף בייטאָג, ווייל מיין אָפיציעלע אַרבעט איז נאָך אַלץ געווען ביי נאַכט. אַזוי איז זיך דאָס לעבן געגאַנגען.

איך געפֿין רעשטלעך פֿון מיין משפּחה

עס נעמען גיין עשאַלאָנען פֿון צוריק פֿאָרנדיקע, קיין צענטראַל־רוסלאַנד און קיין פּוילן, זיי קומען פֿון אוזבעקיסטאַן, און פֿון טיפֿן קאַזאַכסטאַן, און אַלע פֿאָרן דורך אַקטיובינסק, וואָס איז די הויפּט־באַן־ליניע וואָס פֿירט אין די אייראָפּעיִשע געביטן, פֿון רוסלאַנד און ווייטער...

אין די טראַנספּאָרטן זענען געפֿאָרן אַממערסטן אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט וואָס פֿריער אַרויספֿאָרן פֿון רוסלאַנד און אויך וואָס גיכער אַרויספֿאָרן פֿון פּוילן אין דער גרויסער און פֿרייער וועלט. און איינמאָל זייענדיק ביי מיינע אַ באַקאַנטע משפּחה, האָב איך צו זיי געזאָגט, אַז איך גיי אַרויס אויף דער באַן־סטאַנציע זוכן מיינע ברידער. עס גייען דאָ דורך פֿיל עשאַלאָנען, וועל איך זיך אָנוועקשטעלן פֿון אינדערפֿרי ביז ביי נאַכט און זיך נאָכפֿרעגן, אפֿשר ווייסט עמעצער וועגן זיי. איך וואַרט נישט לאַנג און טו אַזוי. איך שטיי ביי דער סטאַנציע און וואַרט בלויז עטלעכע מינוט; ס׳קומט אָן אַן עשאַלאָן פֿון בוכאַרע. איך שפּאַציר נישט ווייט פֿון דער באַן. פּלוצים הער איך ווי צוויי מענטשן וואָס זיצן ביי אַ וואַגאָן־פֿענצטער רעדן צווישן זיך וועגן מיר. איך דערנעענטער זיך צו זיי און גיב זיך זיי צו דערקענען, אַז דאָס בין איך טאַקע דער וועגן וועמען זיי רעדן איצטער צווישן זיך. דערשטוינטע הערנדיק מיינע ווערטער שפּרינגען זיי אַראָפּ צו מיר און שטעלן זיך פֿאָר. איינער איז פֿון אַ שטעטל לעבן שעדלעץ — לאָשיץ. ער איז פֿון מיין פֿאַך. דער צווייטער זאָגט מיר, אַז אין וואַרשע האָט ער ביי מיר געאַרבעט, ווען איך האָב געפֿירט אַ זעלבשטענדיקן וואַרשטאַט. ער רופֿט אָן זיין נאָמען, ערשט דעמאָלט האָב איך אים גוט דערקענט. אומגעריכט גיבן זיי אַ זאָג: „מיר האָבן אַ גרוס פֿון אייער ברודער וואָס געפֿינט זיך אין בוכאַרע״. ס׳איז פֿאַר מיר געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע איבערראַשונג און פֿרייד. נאָר איך האָב נישט געוווּסט וועלכער ברודער, צי דער וואָס מען האָט אַרעסטירט נאָך אין ביאַליסטאָק, צי איז עס דער, וועלכן כ׳האָב געלאָזן אין וואַלד, בעת מיין אַרעסט? נאָכן געניטען שילדערן מיר זיין אויסזען האָב איך שוין געוווּסט, אַז ס׳איז דער פֿון וואַלד. ער האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס פֿון דער פֿאַבריק ווו מיין ברודער אַרבעט, כ׳האָב זיי באַדאַנקט און באַפֿרידיקט מיט וואָס נאָר איך האָב געהאַט ביי זיך און און זיך געזעגנט מיט זיי. איצט בין איך אַוועקגעלאָפֿן צו דער משפּחה פֿישמאַן און זיי דערציילט וועגן מיין הצלחה. צוערשט האָבן זיי געמיינט, אַז איך מאַך

אַ וויך. נאָר צו אונדזער פרייד איז עס געווען אַן אמת. מיט מיין חבר און פריינד ב. בלאַטבערג בין איך אַוועק אויף דער פּאָסט און געגעבן אַ ראַ־דיאָ־טעלעגראַמע (זי איז געגאַנגען בלויז 1 שעה, די 3000 קילאָמעטער פון אַקטיובינסק ביז בוכאַרע) פאַר וועלכער איך האָב באַצאָלט 1200 רובל.

אַזוי האָב איך אָנגעהויבן צונויף קלייבן די רעשטלעך פון מיין משפחה. לײדער, מער פון מיינע גאָר נאָענטע האָב איך שוין נישט געפונען.

אין אַ וואָך אַרום האָב איך באַקומען פון אים אַן ענטפער־טעלעגראַמע און עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונדז אַ נאָרמאַלער בריוו־אויסטויש. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק אויסדערציילט וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין די פינף יאָר פון אונדזער געצוווּנגענער צעשיידונג און גענומען טראַכטן ווי אַזוי מיר זאָלן זיך ווידער צוזאַמענטרעפן. איך האָב פאָרגעלייגט: ער זאָל קומען צו מיר, ביי יענע באַדינגונגען בין איך דאָך געווען אַ ביסל איינגעאָרדנט. נאָר ער האָט מיר געשריבן, אַז ער איז קראַנק אויף מאַלאַריע, קאָן ער זיך נישט לאָזן אין אַזאַ וויטן וועג. האָב איך דעריבער באַשלאָסן צו פאָרן צו אים קיין בוכאַרע. נאָר דאָ אין סאָוויעט־רוסלאַנד מאַכט זיך עס נישט אַזוי שנעל. דערווייל זענען מיר נאָך געווען מאָביליזירטע. האָב איך געדאַרפט קלאַפּן אין אַ סך טירן, זיין ביי פאַרשיידענע נאַטשאַלניקעס, כדי צו בעטן אַ חודש אורלויב. ביי דעם אַלעמען האָט מיר אַ סך געהאָלפן מיין פריינד, דער רוסישער ייִד מייזנבערג, וואָס האָט געהאַט אַ צוטריט צו נאַטשאַלסטוואָ. דערווייל האָב איך געקויפט אַ 100 פּאָסט־קאַרטלעך און יעדן טאָג האָב איך געשריבן אַ קאַרטל קיין בוכאַרע. נאָך סוף־כל־סוף בין איך בייגעקומען אַלע שוועריקייטן, עטלעכע נעכט בין איך געשטאַנען ביי דער קאַסע נאָך אַ באַן־בילעט, ווייל נאָר ביי נאַכט קאָן אַמאָל געלונגען צו באַקומען אַ בילעט. נאָר סיי ווי האָב איך אים געמוזט קויפן „הינטנאַרי־מער", ד. ה. געבנדיק אין יד אַריין...

ענדלעך זיץ איך שוין אין וואַגאָן און פאָר. כ'קאָן זיך עס אַליין גאָר נישט צוגלייבן, אַז איך פאָר טאַקע און איינגיכן וועל איך זען מיין ברודער. קיין סך מענטשן זענען אין וואַגאָן נישט געפאָרן, כ'האָב געהאַט גענוג פּלאַץ אויף די בענק צום שלאָפן. מיט די פּאַסאַזשירן האָט זיך נישט פאַרבונדן קיין שמועס. נאָר אין וועג איז איינגעשטיגן אַ יונגע, שיינע אוזבעקישע לערע־רין, מיר האָבן זיך באַלד באַקענט און מיר האָבן געהאַט וואָס צו שמועסן. איז אונדז דערעסן געוואָרן זיצן אין דער קאַיוטע זענען מיר אַרויס אין דרויסן אויף די טרעפּלעך פאָרזעצן אונדזער שמועס. איינעם אַ יונגן אוז־

בעק האָט זייער באַאומרויִקט אונדזערע שמועסן, אים האָט זיך זייער געוואָלט כאַפּן אַ פּלירט מיט דעם שיינעם מיידל. ער האָט איר אַפּילו געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז דאָ בילכער און נענטער ווי אַ נישט־אוזבעק... נאָר זי האָט אים געגעבן דעם געהעריקן פּסק, האָט ער זיך שוין געהאַלטן פון דערווייטן. צווישן אַנדערע שטעט זענען מיר אויך דורכגעפאָרן די שטאָט קאַזאַלינסק וואָס איז באַרימט מיט אירע פּרוכטן, ספּעציעל מיט אַרבוזן און דיניעס. די גאַנצע לענג פון דער באַן־סטאַנציע שטייען קאַזאַכן ביי הויכע בערג אַרבוזן און דיניעס און פאַרקויפן. איך האָב געקויפט אַ ריזיקגרויסע דיניע. דריי טעג זענען מיר נאָך געפאָרן ביז טאַשקענט. איך האָב אַליין געגעסן און מכבד געווען מיינע שכנים און מיר האָבן זי נישט געקאָנט אויפעסן ביזן סוף.

טאַשקענט

מיר זענען אָנגעקומען קיין טאַשקענט, די הויפּטשטאָט פון אוזבעקיסטאַן. דאָ האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז די באַן גייט נישט ווייטער און מיר דאַרפן קאָמפּענסירן די בילעטן. מען קאָמפּענסירט אָבער נישט, ביז מען ברענגט אַ צעטל, אַז מען איז געווען אין באָד (סאַן־אַבראַבאָטקע). אַלע פּאַסאַזשירן וואָס האָבן געדאַרפט פאָרן ווייטער האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי: ווו וועלן זיי זיך אַהינטאָן מיט זייער באַגאַזש? דעמאָלט איז צוגעקומען איינער, אַ פּאַרשוין און איינגערוימט בסוד, אַז מען דאַרף נישט גיין אין באָד אַריין, נאָר ביי דער באָד זיצט אַ מענטש און פאַר 5 רובל באַקומט מען אַ צעטל, אַז מען איז שוין געווען... אַזוי טוען אַלע מענטשן, בפרט נאָך ערלעכע כשרע מענטשן, וואָס דאַרפן פאָרן ווייטער. אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן (כ׳האָב זיך דערמאָנט דעם פּסוק: „כסף וזהב מטהר״...).

ווען איך בין שוין געווען מיט דעם צעטל האָב איך זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין זוכן מיין חבר צו וועלכן איך האָב געשיקט אַ טעלעגראַמע, פאַר מיין אַרויספאָרן פון אַקטיובינסק. אין האַנט האָב איך געהאַלטן אַ קליין וואַליזקעלע, איז צו מיר צוגעקומען אַ מענטש און געזאָגט אויף יידיש: מען זעט, אַז איר זענט אַ צוגעפאָרענער דאָ, ראָט איך אייך, איר זאָלט דאָס וואַליזקעלע אָפּגעבן אויפן וואָקזאַל אין דער היט־קאַמער, ווייל דאָ רייסט מען אַרויס פון די הענט, די גנבים דערקענען שוין ווער ס׳איז אַ פרעמדער און מען דאַרף אים באַאַרבעטן. כ׳האָב אים געדאַנקט און געפאָלגט.

דערוויל בין איך אַוועק אויפֿן טאַשקענטער באַזאַר צו פֿאַרזוכן פֿון טאַש־קענטער פּרוכטן, וואָס שמען אַזוי אין גאַנץ רוסלאַנד. ס׳איז אמת, דאָ איז טאַקע דאָ פֿון כל־טוב. דאָ טאַקע האָט מיך דערקענט אַ באַקאַנטע פֿון וואַרשע און זי האָט מיך געפֿירט צום חבר מ.ב.—ן. אַריינקומענדיק צו אים אין שטוב איז ער גראָד געזעסן און געשריבן אַ בריוו צו מיר. מיר זענען אַוועק אויף דער פּאָסט אָפּנעמען די טעלעגראַם, וואָס איך האָב צו אים געשיקט מיט היפּשע עטלעכע טעג פֿריער. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געשמועסט וועגן אַלץ און אַלעמען. מיר האָבן געגעסן צוזאַמען מיטאָג און פֿאַרנאַכט האָט ער מיך אַוועקגעפֿירט צו אַ חבר יענקל רייז פֿון כרוביעשאָוו (היינט אין ישראל), ווו איך האָב איבערגענעכטיקט. אין דער פֿרי בין איך אָפּגעפֿאָרן קיין בוכאַרע. אויך נישט דירעקט, כ׳בין נאָך איבערגעזעסן אין אַן אַנדער צוג אין קאַגאַן.

קומענדיק קיין בוכאַרע, האָב איך געטראָפֿן ממש אַ שטאָט מיט ייִדן. כ׳בין אַוועק אויף דעם אַדרעס ווו מיין ברודער האָט געוווינט, נאָך פֿון דער־ווייטנס אויפֿן גאַס האָבן מיר זיך דערזען, אונדזער פֿרייד און גליק איז געווען אין לשער... פּונקט צו די פֿינף יאָר האָבן מיר זיך געטראָפֿן און זענען ווידער צוזאַמען...

מיין ברודער האָט אין בוכאַרע געוווינט צוזאַמען מיט דער משפּחה גרושקעוויטש, דאָס איז דער זעלבער שעדלעצער אַדוואָקאַט, מיט וועמען מיר זענען געווען פֿאַרשיקט אין פּאַשאַלעק און בעת מיין אַרעסט און אויס־פֿאַרשונג, איז ער אויך טיילווייז געווען פֿאַרמישט. איצט, נאָך 5 יאָר האָב איך זיי ווידער געטראָפֿן אין בוכאַרע. כאָטש אויף דער פֿריי, האָבן זיי זיך געגוג געמאַטערט. גרושקעוויטש האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער און פֿאַרדינט 100 רובל אַ חודש. ער אַליין האָט אויסגערעכנט, אַז די איינציקע הון וואָס זיי האָבן געהאַלטן, פֿאַרדינט מער פֿון אים — דעמאָלט האָט אַן איי געקאָסט 4 רובל, 120=4x30, אַ גלייכער חשבון. אויך די דירה אין וועלכער זיי מיט מיין ברודער האָבן געוווינט, איז געווען ערגער ווי אין פּאַשאַלעק. ס׳איז נישט געווען וואָס אונטערצולייגן און מיט וואָס זיך צוצודעקן ביי נאַכט. די זאַפּאַסן פֿון דער היים האָבן זיך שוין געהאַט אויס־געשעפּט. ס׳האָט אַפֿילו נישט געהאָלפֿן דאָס, וואָס פֿרוי גרושקעוויטש האָט זיך אַ ביסל פֿאַרנומען מיט האַנדלען אין די אַרומיקע דערפֿער מיט אַ הינדל, עטלעכע אייער אָדער אַ שטיקל פּוטער.

איצט האָבן מיר געטראַכט וואָס ווייטער צו טאָן. צי זאָל איך אים נעמען

מיט זיך קיין אקטיובינסק, אָדער איך זאָל בלייבן אין בוכאַרע? אַלע באַקאַנטע פון פוילן, וועלכע כ׳האָב דאָ געטראָפן האָבן מיך שטאַרק צוגערעדט איך זאָל בלייבן דאָ, נאָר ס׳איז געווען שווערקייטן מיט ברענגען מיין באַגאַזש מיט דער ניי־מאַשין און בכלל די רייזע־שווערקייטן ביים איבערטראָגן זיך אויף אַ ניי אָרט.

נאָך 4 טעג זיין אין בוכאַרע האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איך פאָר ברענגען מיינע זאַכן און ביזן אַרויספאָרן קיין פוילן וועלן מיר שוין זיין צוזאַמען אין בוכאַרע.

אָנגעקומען צוריק קיין אָקטיובינסק האָב איך זיך געזען נאָר מיט די סאַמע נאָענטסטע מענטשן. פונקט איז עס אויסגעפאַלן ראש־השנה, איך בין געווען ביי מיינע באַלעבאָטים, די משפחה איג—ע. זייער שטוב האָט מיך דערמאָנט אין דער היים אַמאָל, באַזונדער אין די שבתים און יום־טובים.

באַלד נאָך ראש־השנה האָב איך פאַרפאַקט מיינע זאַכן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דער איינציקער באַגלייטער מיינער איז געווען הלל קעמ־פינסקי. ער האָט מיר געהאָלפן טראָגן דעם באַגאַזש און אים עקספעדירן.

קיין קאַגאַן בין איך אָנגעקומען אין מיטן דער נאַכט. איך בין אַראָפּ אויפן וואָקזאַל שלעפנדיק מיט זיך מיין פעקל אין וועלכן ס׳איז געווען דאָס קעפל פון דער ניי־מאַשין. דאָ איז געווען אַ באַן־פּאָליציי־אַמט און מען האָט געדאַרפט דורכגיין אַ שטרענגע רעוויזיע. די אוזבעקן האָט מען געהייסן זיך אויסטאָן אדם־נאַקעט, מען האָט געזוכט אין אַלע געהיימע ערטער, אַפילו צווישן די פינגער פון די פיס. נאָר ווען ס׳איז געקומען צו מיר — האָבן זיי — צוליב עפּעס אַ סיבה וואָס איך פאַרשטיי נישט ביז היינט — מיך נישט געהייסן זיך אויסטאָן, זיי האָבן אַפילו נישט געזוכט אין מיינע זאַכן, נאָר העפלעך געבעטן: אויב איך וויל אַזוי גוט זיין אויפמאַכן מיין וואַליזע. ווען איך האָב זי געעפנט האָבן זיי בלויז אַזוי, כלאחר־יד אַ קוק געטאָן און געהייסן פאַרמאַכן. זיי האָבן זיך אַנטשולדיקט: אַז דאָס איז זייער פליכט אא״וו.

אויב אַזוי, האָב איך שוין באַקומען אַ ביסל מוט און זיי געבעטן, זיי זאָלן מיר דערלויבן — ביז עס וועט ווערן טאָג איבערצוזיצן אין זייער וואַרט־זאַל, ווייל אין דעם אַלגעמיינעם זאַל איז פול מיט גנבים. זיי האָבן עס מיר דערלויבט. ווען ס׳איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיק, בין איך מיטן ערשטן צוג אָפּגעפאָרן קיין בוכאַרע.

נאָך דער אַמנעסטיע פאַר די פּוילישע בירגער אין 1941, ווען ס׳זענען באַפרייט געוואָרן אַלע פון די לאַגערן און פּאַשאָלקעס, זענען זיי געווען אויסגעמאַטערט פון הונגער און קעלט, איז ביי דעם גרעסטן טייל געווען אַ בענקשאַפט זיך צו באַזעצן אין וואַרעמע ערטער, כדי זיך אַ ביסל אָנ־צוואַרעמען. זענען זיי געלאָפן קיין מיטל־אַזיע: קאַזאַכסטאַן, אוזבעקיסטאַן. אַזוי זענען אַ סך פון די פּוילישע יידן אָנגעקומען קיין בוכאַרע, ווו זיי האָבן זיך געגומען פילן היימישער ווי ערגעץ אַנדערש. אפשר צוליבן אויסזען פון דער שטאָט, וואָס האָט אין געוויסע ערטער דערמאָנט אין קליינע פּוילישע שטעטלעך און אין אַנדערע ערטער, האָבן זיי געבערענגט אַ ווייטע אָנונג פון תנ״כישע שטעט, למשל, אַזוי האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט אַלט־ירושלים. דער קלימאַט איז אויך געווען אַ מילדער, אַ ישראלדיקער. נאָר צוויי וואָכן אין יאָר פאַלט אַ ביסל שניי, וועלכער צעגייט באַלד און לאָזט איבער בלאָטעס...

נאָר דער עיקר האָט זיי היימיש געמאַכט — די בוכאַרער איינגעבוי־רענע יידן מיט זייער יידישן לעבנס־שטייגער. שבת האָט מען נישט גע־אַרבעט (אויך פּוילישע יידן האָבן עס אויסגענוצט, אויסער אין די גרויסע פאַבריקן), ס׳איז געווען אַ באַזונדער יידישער בית־עולם. באַלד נאָך דער באַפרייונג האָבן פּוילישע יידן פאַרנומען אַ סך ערטער אויפן דאָזיקן בעת־הקברות, 3000 מתים זענען געווען אָפיציעל רעגיסטרירט. ס׳זענען אָבער געווען פיל מער.

צו דער היימישקייט האָט אויך מיטגעווירקט דאָס, וואָס דער רעזשים איז דאָ געווען אַ ביסל לייכטער ווי אין אַנדערע ערטער; דאָ זענען נאָך געווען פּריוואַטע דירות וואָס די בעלי־בתים האָבן געהאַט דאָס רעכט צו פאַרדונגען, דאָ האָט מען געקאָנט אַרויסנעמען אַ פּאַטענט צו אַרבעטן ביי זיך אין דער היים. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר דער פּריווילעגיע האָט מען דאַרפט גוט באַצאָלן באַזונדער...

בכלל איז דער רעזשים דאָ געווען אַ ביסל מילדער. כ׳האָב זיך עס אויסגעטייטשט מיט דעם, וואָס די מאַכט האָט נישט געוואָלט איינרייסן מיט דער באַפעלקערונג, וואָס אירע מנהגים און שטייגער איז געווען טיף פאַר־וואָרצלט. ביי דער געלעגנהייט אַ קאַפּיטעלע בוכאַרער געשיכטע: די שטאָט האָט אַרומגערינגלט אַ הויכע מויער, וואָס איז אַמאָל געווען

פעסט פּאַרמאַכט און דער פּאַרקער איז פאַרגעקומען דורך די 12 טויערן. נאָך היינט זענען געבליבן טיילן פון דער מויער אויף געוויסע ערטער. ביי די אַמאָליקע קריגס־מכשירים איז די מויער געווען, אַ וויכטיק שוץ־מיטל קעגן אויסערלעכע שונאים. אין 1917 אין דער רעוואָלוציע־צייט, האָט די רויטע אַרמיי בשום־אופן זיך נישט געקאָנט אַדורכרייסן קיין בוכאַרע. אָט די „כינעזישע" מויער האָט געשטערט און ביי די טויערן זענען געשטאַנען אוזבעקן מיט אייזערנע פּיקעס און דרענגער, מיט אַ ביסל אַלטע ביקסן און געהיטן די שטאָט. דעמאָלט האָט מאָסקווע באַשלאָסן אַרויסצושיקן קיין בוכאַרע בודיאָניס אַרמיי. די קאָזאַקן האָבן עס מיט שטורעם געדאַרפט נעמען די שטאָט. נאָר דער וועג איז געווען אַ ווייטער האָט עס געדויערט זייער לאַנג און איידער בודיאָני איז דאָרט אַהין אָנגעקומען איז די שטאָט שוין געווען פאַרנומען דורך דער רעגולערער אַרמיי נאָך דריי־יאָריקע קאַמפּן, און בודיאָניס קאָזאַקן האָבן זיך אומגעקערט פון מיטן וועג צוריק אַהיים. ביז היינט זענען נאָך די אוזבעקן נישט קיין צו־שטאַרקע אָנהענגער פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

אין יענער צייט האָט דאָ עקזיסטירט אַ „טאָרגסין". ווער ס'האָט געהאַט גאָלד אָדער זילבער אין מטבעות אָדער חפצים האָט געקאָנט אין רעגירונגס־געשעפטן קויפן פאַר מלוכה־פּרייזן וואָס נאָר ער האָט געוואָלט. זיי האָבן ספּעציעל אַרויסגעשיקט אונדזערע מענטשן, צו פאַרמיטלען ביי די עניים. ווייל אַפילו די, וואָס האָבן עפּעס געהאַט האָבן מורא געהאַט צו דערציילן קוים וועט מען עס ביי זיי צונעמען.

דאָ האָבן זיך פּוילישע ייִדן איינגעאָרדנט ערטער צום דאַוונען, שבת און יום־טוב, אַמאָל אויך אינדערוואָכן. דאָ האָט מען געקאָנט זען ווי ייִדן זינגען און טאַנצן שמחת־תורה ביי די הקפות, ווי אין די אַמאָליקע ייִדישע שטעטלעך. דאָ איז אויך געווען אַ רב פון אַ גרויסער ווייסרוסישער שטאָט. שפּעטער איז אים אַפילו געלונגען אַרויסצופאָרן צוזאַמען מיט די פּוילישע ייִדן פון רוסלאַנד, ווייל זיין טאָכטער האָט פיקטיוו חתונה געהאַט מיט אַ גע־וועזענעם סטודענט, וואָס די איינזאַמקייט און צרות וואָס ער איז דורכ־געגאַנגען בעתן קריג האָבן אַזוי געווירקט אויף אים, אַז ער איז געוואָרן אַ ביסל נישט מיט אַלעמען. דורך דער „חתונה" האָט זיך געראַטעוועט די גאַנצע משפּחה.

צוויי באַזאַרן האָט בוכאַרע פאַרמאָגט. איינעם האָט מען גערופן „דער גרינער באַזאַר", דאָ האָט מען באַקומען אַלץ צום עסן: גרינוואַרג, פּרוכטן,

מילכיקס, ברויט אא״וו. דאָ האָבן די אוזבעקן פאַרקויפט דאָס, וואָס זיי נעמען אַראָפּ פון זייערע קליינע חלקים ערד, וואָס זיי באַאַרבעטן ביי די קיביטקעס און עס געהער נישט צום קאָלכאָז, אָדער דאָס מילכיקס פון דער איינציקער קו, קאָזע אָדער שעפּס וואָס זיי מעגן האַלטן פאַר זיך אַליין. נאָר די הויפּט־ראָל האָט דאָ געשפּילט דער אַנדערער באַזאַר, ווו מען האָט געקאָנט קריגן אַלץ אין וואָס אַ מענטש נויטיקט זיך, פון אַ נאָדל ביז אַן אָנצוג אָדער אַ פּאָר שטיוול. אויך רפואות האָט מען דאָ געקראָגן צו קויפן. אין שפּיטאָל איז עס נישט געווען, פון דאָרט האָט מען עס אַרויסגעשיקט אויפן באַזאַר צום פאַרקויפן. דאָ זענען אויך פאַראַן בילדלעך מיט בעסערע פּרוכטן פון יענעם ראַיאָן: ווייַנטרויבן, אוריוק, ראָזשינקעס, גראַנאַטן א. א. געווען פאַלן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער באַפרייונג 41—1942, זענען געקו־מען די באַפרייטע פון די לאַגערן אויסגעהונגערטע אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה, זענען זיי אַרומגעגאַנגען ביי די בילדלעך, זיך צוגעקוקט צו דעם כל־טוב וואָס דאָ געפינט זיך און געפּאַלן אויף אַן המצאה: זיי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי ווילן עפּעס קויפן און דערווייל פאַרזוכט צי די סחורה איז גוט... אַזוי אַרום האָבן זיי זיך דערכאַפּט די פאַרחלשטע הערצער. אין אַ צייט ארום האָבן זיך די אוזבעטשקעס געכאַפּט אויף דעם און מען האָט זיי געיאָגט מיט שטעקנס, אָדער מיט רחמנות צוגעוואָרפן עפּעס ווי צו אַ הונט.

דאָ האָט מען אויך געקאָנט קריגן צו קויפן אַ פּאָרציע פּלאָוו (רייז געקאָכט מיט ראָזשינקעס און פעטס). באַקומען האָט מען עס אין אַ שיסעלע, נאָר אָן אַ לעפל. די אוזבעקן עסן עס מיט די הענט.

דאָ האָט איר געקענט זען אַזאַ בילד: ערגעץ אין אַ ווינקל שטייט אַ פרוי און זי פאַרקויפט איר טאָג־פּאָרציע ברויט, מסתמא דאַרף זי עפּעס וויכטי־קערס פאַר זיך קויפן, שפּאָרט זי אָפּ פון מויל דאָס שטיקל ברויט. פּלוצים שפּרינגען אַרויס פון אַ לויערונג עטלעכע יונגע כוליגאַנעס, כאַפּן אַרויס ביי איר דאָס ברויט פון דער האַנט און אַנטלויפן. ווען זי נעמט זיי נאָכיאָגן מיט אַ געשריי, דראָען זיי איר, אַז זיי וועלן רופן אַ מיליציאָנער און זי אַרעסטירן ווי אַ שפּעקולאַנטקע... אויס פחד אַרעסטירט צו ווערן, גייט זי אַוועק אַ הונגעריקע אָן געלט און אָן ברויט... צו די אמתע גרויסע שפּעקו־לאַנטן וואַגן זיי נישט צוגיין, זיי וואָלטן באַקומען אָנגעבראָכן דיביינער. באַזונדער, גרויסע גנבים און שפּעקולאַנטן אַרעסטירט מען בכלל נישט אין רוסלאַנד, דאָס איז שוין באַוואָרנט פון פריער.

די, וואָס זענען נישט פעיִק געווען צו האַנדלען אויף די באַזאַרן האָבן זיך אויך ווי נישט איז איינגעאָרדנט; די בעלי־משפחות פאַר זיך אין דער היים, און די איינציקע זענען אַוועק אַרבעטן אין די פאַבריקן. אַזעלכע זענען דאָ געווען צוויי: אַ גרויסע שיך־פאַבריק און אַ פאַבריק וואָס האָט אויסגעאַרבעט מיליטערישע קליידער. זיי האָבן דאָס געדאַרפט באַזאָרגן מיט פרנסה אַ גרויסן טייל פון די בוכאַרער איינוווינער און די ניי־געקומענע האָבן געדאַרפט לערנען דעם אופן ווי־אַזוי דאָ צו מאַכן פרנסה. למשל: אין דער פרי זענען אַ גרויסער טייל אַרבעטער געקומען צו דער אַרבעט מיט צעריסענע שיך, פאַר נאַכט זענען זיי אַרויס מיט גאַנצע פאַרראַכטענע שיך מיט נייע זוילן און מאָדנע אויף צומאָרגנס זענען זיי ווידער געווען צעריסן...

יוגנטלעכע וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק האָבן זיך אָפּגעריעדט מיט זייערע חברים, אַז יענע זאָלן שטיין פון יענער זייט מויער און אויפכאַפּן די אַרויסגעוואָרפענע פּאָדעשוועס. אַרום דער פאַבריק האָט שטענדיק מאַרשירט אַ מיליטערישע וואַך, האָט געטראָפן: ווען די סחורה איז געפלויגן איבערן פלויט, האָט עס פונקט געטראָפן דעם קאָנוואָי אין קאָפּ אַריין און האָט אים געמאַכט אַ טיפע וווּנד אין קאָפּ, נאָר ער האָט דאָס אָנגענומען פאַר ליב, ער האָט זיך געווונטשן אָפּטע אַזעלכע ווונדן. שפּעטער האָט ער דאָס אַליין פאַרקויפט אויפן באַזאַר. אויך אַ מיליציאָנער דאַרף דאָך לעבן... אויך פון זיין פענסיע האָט ער נישט געקאָנט אויסקומען און געמוזט אויסקוקן אויף זייטיקע פאַרדינסטלעך.

דאָס זעלביקע איז אויך געווען אין דער שניידער־פאַבריק. אין דער פרי זענען די אַרבעטער אַריין צו דער אַרבעט אויסגעדאַרטע, מאָגערע און פאַרנאַכט זענען זיי אַרויס ברייטע, אויסגעפּאַשעטע, אַרומגעוויקלטע מיט אַ ביסל מאַנופאַקטור... און דאָך אין סוף יאָר האָט דער בילאַנס פּינקטלעך געשטימט...

ביי די וואָס האָבן געאַרבעט פאַר זיך איז שוסטעריי געווען די הויפּט־פּראָדוקציע, נישט דערפאַר ווייל ס׳זענען געווען אַ סך פאַכמענער שוסטער, נאָר ווייל דאָס פאַך איז געשטאַנען אויף אַזאַ ניוואָ, אַז אַלע האָבן זיך געגומען צו דעם. „הכל שוחטין" — אַלע זענען געוואָרן שוסטער, אַפילו דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. ווער ס׳איז קראַנק געוואָרן איז געגאַנגען אין שפּיטאָל האָט מען קיין פּריוואַטע דאָקטוירים נישט געדאַרפט און פּראָצעסן האָט מען בכלל נישט געפירט... קיין גרויסע קינסטלער האָט מען ביי דער

אַרבעט נישט געדאַרפט זיין, אַלע האָבן עס געקאָנט מאַכן. יידן האָבן מיט פּרימיטיווע מיטלען אויסגעאַרבעט פון רויע פעל דינע לעדער אויף אייבער־טיילן און גראָבע לעדער אויף פּאָדעשוועס און מען האָט געקלאָפּט אויבע־קישע שטיוועלעך. די אמתע שוסטער האָבן זיך גאָר געהאַלטן אין גרויסן, נישט איין מאָל האָט מען געהערט ווי צוויי פרויען פּאַרקויפעריגס (פּאַרקויפט די שטיוועלעך האָבן פרויען), זיי האָבן גיכער געקאָנט באַהאַלטן בעת אַן אַבלאַווע) האָבן זיך געקריגט און איינע האָט געשריגן צו דער צווייטער: „זע נאָר, אויך מיר שוסטער, אַ ליאַדע דאָקטאָרל, אויך מיר אַ שוסטער צום טיש״... ס׳איז אויך געווען פאַלן ווען ביי אַזאַ קריגערייַ האָט איינע אַ פרוי אַ קאָזאַק געגעבן דער צווייטער אַ קלאַפּ מיט אַ שטיוול און די פּאָדעשווע איז אַראָפּגעפלויגן... פאַרשטייט זיך, אַז יענעם טאָג האָט זי שוין געמוזט אַראָפּ פון באַזאַר, קיינער האָט ביי איר נישט געקויפט. אויך קאַפּיטעס און האַלצערנע שטיפטן, — אויף וויפל מען האָט זיי גענוצט, האָט מען געמאַכט מיט די הענט. מיט דעם האָבן זיך פאַרנומען משפּחות מיט קינדער. די בעסערע פאַכלייט האָבן געמאַכט רעכטע און לינקע שטיווע־לעך און די וואָס האָבן עס נישט געקאָנט, האָבן געמאַכטביידע דעם זעלביקן פאַסאָן אין ס׳איז אַוועק, נאָר אַ ביסל ביליקער...

כאָטש מען האָט אַרויסגעגעבן פּאַטענטן און דערצו האָט מען נאָך געשמירט אויף אַלע זייטן, יעדער פינאַנס־באַאַמטער האָט באַקומען אין יד אַריין, איז מען נאָך נישט געווען אין גאַנצן כשר. מען האָט זיך געמוזט אויסזוכן אַזאַ אָרט צום אַרבעטן ווו קיינער זאָל נישט טרעפן. נאָר ס׳זענען געווען היימישע פּוילישע יידן אונטערטראָגערס און פאַר זיי איז זיך שווער געווען צו דערהיטן. איך אַליין בין צוויי מאָל אַריינגעפאַלן דורך אַזאַ פאַר־שוין — האָבנדיק אַ פּאַטענט... אין אַ באַהאַלטן אָרט האָב איך געאַרבעט די אויבערטיילן צו די שטיוועלעך. דאָס אָרט איז געווען אַזוי באַהאַלטן, אַז אָפט פלעג איך אַליין נישט טרעפן און דאָך איז געקומען צו מיר אַ ייִד קויפן סחורה, ער האָט זיך געדונגען און נישט געקויפט, נאָר באַלד נאָך זיין אַוועקגיין איז מען צו מיר געקומען פון דער פינאַנץ־אָפּטייל. ס׳האָט געקאָסט געלט מיט פּראָטעקציע ביז מען האָט דעם ענין פאַרריבן. איך האָב געמוזט אַוועק אויף אַן אַנדער אָרט אַרבעטן, נאָר כ׳ווייס נישט ווי אַזוי, אויך אויפן צווייטן אָרט איז דער זעלבער ייִד געקומען, ווידער האָט ער זיך געדונגען און נישט געקויפט און באַלד ווי ער איז אַוועק איז דער באַאַמטער געקומען. ס׳איז געווען אָוונט, נישט אין זיין אַרבעטס־צייט, ער

האָט געטראָפן אַ שפּאָר ביסל סחורה, אַלץ צוגענומען און נאָך געמאַכט ביי מיר אַ רעוויזיע. ווידער איז געווען אַ לויפעניש מיט פּראָטעקציע און געלט, ביז כ'האָב אַלץ אָפּגענומען. אין אַ חודש אַרום האָט מען דעם חברה־מאַן אַרעסטירט און ער האָט באַקומען פיר יאָר תפיסה. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ערגעץ אַנדערש האָט דער אייגענער צוגענומען אויך געלט און עס אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ פאַל, ווען ייִדן האָבן פונדעסטוועגן אָפּגע־נאַרט אַפילו דעם פינאַנץ־אָפּטייל. מען האָט אונטערגעשיקט צו איינעם אַ שוס־טער, אַז ער האָט אַ סך סחורה. ווען מען איז געקומען צו אים איז דער טויער (אַלע בוכאַרער הייזער האָבן טויערן, וועלכע מען קאָן פאַרשליסן) געווען פאַרשלאָסן. האָבן זיך צוויי פאַרשוין פון „פינאַנטדיעל" אַוועקגעשטעלט היטן דעם טויער. דערווייל האָט מען צווישן געטאָן דעם אייגנטימער, אַז צוויי געסט וואַרטן אויף אים. היות די הייזער אין בוכאַרע זענען געבויט נידעריק מיט פלאַכע דעכער צוגעדריקט איינס צום צווייטן, אַזוי, אַז מען קאָן גיין שפּאַצירן אַ גאַנצע גאַס איבער די דעכער. איז זיך דער ייִד אַריין דורכן דאַך צו זיך אין שטוב, אַרויסגעטראָגן אַלץ וואָס דאָרט איז געווען און ערשט איצט איז ער געקומען אַ גלייכגילטיקער אויפמאַכן דעם טויער. באַלד זענען אַריין די חברה־לייט און גאָרנישט געטראָפן. זיי האָבן געזען, אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט, נאָר זיי האָבן נישט געוווּסט אויף זיכער פון וועמען: צי פון דעם אונטערשיקער, צי פון דעם צו וועמען זיי זענען געקומען. זיי פרעגן: „ווו האָסטו די שטיוול? און דער הויבט מיט די אַקסלען, „וועלכע שטיוול"? זיי נעמען אים דראָען, אַז ער וועט נישט קאָנען אַרויס־פאָרן פון רוסלאַנד, אַז ער וועט קריגן 15—20 יאָר פאַר אַרבעטן אומ־לעגאַל, פאַר באַשווינדלען די רעגירונג. נאָר ס'האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן. זיי זענען אַוועק מיט גאָרנישט און בוכאַרער ייִדן האָבן געהאַט פון וואָס צו לאַכן...

אין סוף 1945 איז געוואָרן דורכגעפירט אַ רעגיסטראַציע פון אַלע פוילישע בירגער, וואָס האָבן זיך געגרייט צוריקצופאָרן קיין פוילן און אויך פון די אַלע — אַליין נישט קיין פוילישע בירגער, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן מיט פוילישע בירגער. איך בין שוין דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט אַ פרוי נישט קיין פוילישע בירגערין. אין יענער צייט איז אויך פאָרגעקומען די וואַלן צום „העכסטן סאָוויעט" און מיר האָבן שוין קיין שטימרעכט נישט געהאַט... נאָך אַ גוטער סימן.

דעמאָלט האָבן מיר געדונגען אַ דירה ביי איינעם פון די חשובע „בוכאַרער ייִדן״ דאַווידאָוו. זיי האָבן געהאַט אַ גרויס הויז מיט אַ פאַרמאַכטן גרויסן הויף. היות מיר האָבן געוווּסט, אַז עס האַלט שוין ביים סוף, אַז אינגיכן וועלן מיר אַרויספאָרן, האָט שוין — אויף אַזאַ קורצער צייט נישט געלויעַנט צו נעמען קיין פּאַטענט, דערצו נאָך געבן כאַבאַר. האָבן מיר געזוכט פאַרשיידענע מיטלען דורכצושטופּן די קורצע צייט. מיר האָבן געאַרבעט נישט ביי זיך אין שטוב, אָדער ביי נאַכט. מיר האָבן זיך שוין געפילט ווי געסט, זיצנדיק אויף די פּעקלעך...

פּסח ביי די בוכאַרער ייִדן

ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, זענען די בוכאַרער ייִדן שטאַרק רעליגיעז. זיי לעבן מיט אַ סך טראַדיציעס, איבערגעגעבן פון דור־דורות. למשל: די מצות באַקן זיי אין אַן אויוון אויסגעמויערט ווי אַ גרויסער קיילעכדיקער טאָפּ אין וועלכן ס׳ברענט אַ פייער , ווערן הייס די ווענט פון דעם אויוון און אויף די ווענטלעך קלעפּן די ווייבער אויס די מצות און אַזוי באַקן זיי זיך. ערב פּסח ווערט אָפּגעבראָטן אַ גאַנצער שעפּס (מסתמא אַ זכר פון קרבן־פּסח) און די גאַנצע משפּחה טרעפט זיך ביים חשובסטן פון זיי אָפּצוריכטן דעם סדר. אַלץ ווערט זייער שטרענג אָפּגעהיטן, אַפילו דער ברונעם פון וואַנען מען שעפּט וואַסער, איז גאַנץ פּסח שטרענג געהיטן געוואָרן און מיר האָבן נישט געטאָרט שעפּן קיין וואַסער מיט אונדזער עמער.

צו די צוויי סדר־נעכט זענען מיר געווען פאַרבעטן צו אונדזער בעל־הבית דאַווידאָוו. כאָטש מיר האָבן געהאַט אַלץ צוגעגרייט אויף פּסח האָבן מיר די איינלאַדונג גערן אָנגענומען. ס׳איז אונדז געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי עס ריכטן אָפּ דעם סדר נישט אייראָפּעיִשע ייִדן.

בדרך כלל איז דער לעבנס־שטייגער ביי די בוכאַרער ייִדן ווי ביי די אוזבעקן און קאַזאַכן. קיין שטולן באַנוצן זיי נישט, נאָר אינמיטן צימער איז אויסגעאַרבעט אַזאַ פאַרטיפונג אין וועלכן עס שטייט אַ טישל. די מענטשן אַרום טיש זיצן אויף דער ערד מיט די פיס אַראָפּגעלאָזט אין דער פאַרטיפונג. ביי מיין בעלי־הבית דאַווידאָוו זענען יאָ געווען שטולן, נאָר זיי זענען געשטאַנען אויפן טיש און ווען אַן אייראָפּעיִשער גאַסט איז געקומען האָט מען זיי אַראָפּגענומען און געבעטן זיצן. פאַר זיך אַליין האָבן זיי עס נישט געדאַרפט און נישט גענוצט.

ווען איך מיט מיין פרוי זענען אַריינגעקומען צום סדר, זענען זיי נאָר־

וואָס געקומען פון דאַוועגען אין זייער באַזונדערן בוכאַרער מנין. ביי דער טיר האָט מען אויסגעטאָן די שיך, די גאַנצע פּאָדלאָגע איז געווען פאַרשפּרייט מיט טייערע דיוואַנעס און קאָלדרעס, אויבנאָן ביי דער וואַנט אַ לאַנגער נידעריקער טיש און אַרום אים צוויי וואַלן פון קישנס, באַדעקט מיט פאַרביקע דיוואַנעס. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, אָנגעשפּאַרט אין די קישנס (ווי עס שטייט: „כלנו מסובין"), דער בעל־הבית איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַזאַ מין לאַנגן בגד, ווי דער כהן־גדול אין בית־המקדש. די מענער אין ספּעציעלע יומטובדיקע יאַרמולקעס און די פרויען מיט טיכער אויף די קעפּ. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסער גאָנשער וויין און בעכערס פאַר אַלעמען. אויף אַ גרויסער טאַץ איז געווען אויסגעלייגט אַלץ ווי דער דין איז. איבער 30 מענטשן זענען געווען ביים סדר — אַלע אייגענע משפחה, אויסער איך און מיין פרוי.

דער בעל־הבית אַליין איז געזעסן אינמיטן פון טיש ווי אַ מלך און נאָכדעם ווי אַלע האָבן געזאָגט „מה נשתנה", האָט יעדער פון די מענער געזאָגט אַ קאַפּיטל פון דער „הגדה של פסח" לויט דער ריי נאָך. מיך, ווי אַ גאַסט, האָט מען מכבד געווען מיט זאָגן צוויי קאַפּיטלעך, און דאַווידאָוו האָט איבערגעזעצט פאַר זיינע משפחה־מענטשן אויף טאַדזשיקיש און פאַר אונדז אויף רוסיש. (טאַדזשיקיש איז דער ייִדיש פון די בוכאַרער ייִדן.) צוליב העפלעכקייט וועגן האָב איך אים נישט געוואָלט שטערן דאָס איבערזעצן פאַר אונז, כאָטש ס'איז נישט געווען נויטיק.

נאָך דער הגדה האָט מען זיך גענומען צום עסן, אויף אַ גרויסער טאַץ איז געלעגן דער געבראָטענער שעפּס און דער בעל־הבית אַליין האָט געשניטן פון אים גרויסע שטיקער פאַר אַלעמען. דאָס זאָגן די הגדה און דאָס עסן האָט געדויערט ביז אַרום צוויי ביי נאַכט. פּונקט אַזוי האָט אויסגעזען די צווייטע סדר־מאַכט.

דער פּאַלאַץ פון עמיר (מאַכעסאַ)

פאַרן אַוועקפאָרן פון בוכאַרע האָבן מיר נאָך געוואָלט זען די אינטערעסאַנטסטע זאַכן אין דער דאָזיקער אַלטער שטאָט. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז בוכאַרע אַמאָל געווען אַן אָפּגעזונדערטע שטאָט, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, אַ מין קליינער פירשטנטום. אין די צאַרישע צייטן האָט אויך אַ טייל פון דער אַרומיקער געגנט, געהערט צו דעם בוכאַרער פירשטנטום און זיי האָבן געהאַט אַ הערשער איבער זיך, דעם ע מ י ר. ער

האָט געהאַט זיין סוויטע און אַפילו אייגן מיליטער. אין 1920, ווען די רויטע אַרמיי איז געלונגען צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די אַנטיבאָלשעוויסטישע כחות אין בוכאַרע, האָט זיך דעם עמיר איינגעגעבן אין דער לעצטער מינוט צו אַנטלויפן מיט אַ גרויס רייכטום — אַ גאַנצער קאַראַוואַן פון 30 קעמלען באַלאָדן מיט זילבער, גאָלד און בריליאַנטן, צוזאַמען מיט זיין האַרעם, זיין לייב־גוואַרדיע. אַנטלאָפן זענען זיי קיין אַפגאַניסטאַן. אַ פיר קילאָמעטער פון בוכאַרע איז געבליבן דער פּאַלאַץ פון עמיר, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזעאום. ספּעציעלע אַנגעשטעלטע היטן דאָס אַלץ אָפּ.

על־פּי־רוב איז דער פּאַלאַץ אָפן זונטיק און דעמאָלט זענען דאָ פּירערס וואָס קלערן אַלץ אויף. דער אויסערלעכער אויסזען איז ווי אַן אַלטערטימלעכע קירכע, נאָר אינעווייניק זעט מען אינטערעסאַנטע זאַכן, — אין דער אַרכיטעקטור און אין סטיל פון די מעבלען פון הונדערטער יאָרן צוריק. אַ סך שניצערייען און מאָלערייען אין אַלטן יאַפּאַנישן סטיל, בלומען און וואַזאַנעס פון יאַפּאַן און אַנדערע. אין אויפנעמזאַל איז אויסגעשטעלט קאָלעקציעס פון וווּנדערלעך־שיינע זאַכן, אויף אַלץ איז אויפגעשריבן פון וועלכן יאָר און וועלכן לאַנד. אין עסצימער שטייען פּרעכטיקע טישן, שטולן און געפעסן וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייער שיינקייט. אין שלאָפצימער שטייט דאָס בעט אין וועלכן דער עמיר איז געשלאָפן און אַ גאַנצער קאָמפּלעט באַגילדעטע מעבל. ווי אונדזער אויפקלערער האָט אונדז דערציילט, איז דאָס גאַנצע מעבל, ווי אויך דאָס בעט געווען געגאָסן פון ריין גאָלד, דערפאַר האָט עס דער עמיר נישט געקאָנט מיטנעמען מיט זיך, ס׳איז געווען צו שווער. נאָר די סאָוויעטישע רעגירונג האָט די אַלע זאַכן פאַרטוישט אויף גענויע קאָפּיעס, באַגילדעטע. דאָרט זענען אויך געהאָנגען אַ סך בילדער. איינס פון זיי פון אַ יונגע דייטשישע בלאָנדע יפת־תואר, וואָס דער דייטשישער קייסער ווילהעלם האָט געגעבן במתנה דעם עמיר, ווען ער איז אַמאָל געווען אין בערלין. מען האָט אונדז געוויזן צימערן מיט רייט־קאָסטיומען, רייט־שטיוול און רייט־געווער, פון הונדערטער יאָרן צוריק. אין הויף איז נאָך געווען אַ וואַסער־באַסיין, אַ שיינער סאָד און אַ גרינס־גאָרטן.

מען גרייט זיך צום אַרויספאָרן פון רוסלאַנד

דער טערמין פון אַרויספאָרן האָט זיך דערנעענטערט און ווידער זענען אויפגעשוווּמען פאַרשיידענע פּראָבלעמען און קלאָפּאָטן. דאָס ערשטע האָט יעדער גענומען טראַכטן, וואָס קאָן מען און וואָס דאַרף מען מיטנעמען קיין פּוילן, כדי מען זאָל נישט קומען ווי אַ נייער עמיגראַנט אָן אַ גראָשן אין קעשענע. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס האָט נישט קיין זין מיטצונעמען קיין רוסיש געלט און דאָרט זוכן ווי צו טוישן. די וואָס האָבן געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ סך געלט האָבן שוין געוווּסט וואָס צו מאַכן מיט דעם. ערגער איז געווען די, וואָס האָבן נאָך געדאַרפט ערשט טראַכטן וואָס צו פאַרקויפן, כדי צו קויפן עפּעס אַנדערש, וואָס קאָן דאָרט צונוץ קומען. דאָ האָבן פּיפּיקע סוחרים אַרויסגעוויזן זייערע פעיִקייטן צו פאַרטומלען די מוחות; צוערשט האָבן זיי אַרויסגעלאָזט קלאַנגען, אַז אין פּוילן וואַלגערן זיך מלבושים אין די גאַסן, האָבן אַלע געטראָגן מלבושים צו פאַרקויפן פאַר האַלב־אומזיסט. ערשט ווען די כיטרע סוחרים האָבן שוין אָנגעזאַמלט אַ שפּאָר ביסל מלבושים, האָבן זיי גענומען פאַרשפּרייטן גאָר אַנדערע ידיעות: אַז אין פּוילן גייען די מענטשן נאַקעט און באָרוועס, ס'איז נישטאָ וואָס אָנצוטאָן. האָבן מענטשן ווידער גענומען קויפן אַ ביסל מלבושים...

נאָר די, וואָס זענען געפאָרן מיט קאָמאַנדיראָווקעס פאַר זייערע „אונטערנעמונגען" האָבן געוווּסט וואָס מען דאַרף מיטנעמען, אויך פון פּוילן האָט מען געשריבן אין צוויי ווערטער „האַרטע און ווייכע". אויף דעם האָט זיך דער עולם געוויצלט: ביי גבירים איז האַרטע און ווייכע: גאָלד און דאָלאַרן, און ביי אָרעמעלייט איז עס: סוכאַרעס און וואַטענע הויזן. לויטן באַרימטן פאָלקס־לידל: „ביי די גבירים איז לחם אַ פרישע בולקע; און ביי די אָרעמע קבצנימלעך איז עס אַ פאַרדאַרטע סקאָרינקע". נאָר אין דער אמתן האָבן די, וואָס זענען נישט געווען פאַרמעגלעך, געקויפט פאַר דעם אָפּגעשפּאָרטן ביסל געלט: ראַזשינקעס, אוריוק. אַלץ אַזעלכע זאַכן וואָס זענען אין בוכאַרע געווען ביליקער ווי אין אַנדערע ערטער, דורך וועלכע מיר האָבן געדאַרפט דורכפאָרן, אויף אונדזער וועג קיין פּוילן.

דאָס אַרויספאָרן פון בוכאַרע איז געווען איינגעטיילט אין 4 טראַנספּאָרטן. מיט די ערשטע דריי טראַנספּאָרטן זענען געפאָרן אַלע די, וואָס האָבן נאָרמאַל דערליידיקט זייערע עניינים און געווען גרייט צום פאָרן. מיטן לעצטן טראַנספּאָרט אָבער זענען געפאָרן אַ פאַרשיידנאַרטיקער עולם:

אַזעלכע וואָס האָבן צוליב וועלכע נישט איז סיבות פּאַרשפּעטיקט, אַזעלכע וואָס האָבן זיך נישט געהאַט צו וועמען און צו וואָס צו יאָגן, און אַזעלכע, וואָס זייערע פרויען זענען געווען נישט קיין פּוילישע בירגערינס, צווישן זיי בין אויך איך געווען כ׳וויל דאָ באַמערקן אַן אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג, וואָס האָט גורם געווען צו דעם, אַז מענטשן זאָלן פאַרשפּעטיקן: ווי מיר האָבן זיך נישט געפרייט מיטן עצם אַרויספאָרן פון רוסלאַנד — האָט אונדז טיף אין האַרצן געשראָקן דאָס פאָרן קיין פּוילן. ס׳האָט געשראָקן דאָס אָנטרעפן זיך מיט דער טראַגישער ווירקלעכקייט, דאָס אָנטרעפן דעם גרויסן יידישן בית־עולם, אָן אונדזערע טייערע און נאָענטע. דאָך האָבן מיר זיך געמוזט נעמען אין די הענט אַריין שלום מאַכן, כאָטש מיט אַ צעבראָכן האַרץ — מיט אונדזער גורל.

אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז אונדזערע וואַגאָנעס מיט די באַרימטע צווייִשטאָקיקע נאַרעס, זענען גרייט. מיר האָבן זיך באַזאָרגט מיט אַן ארבא (אַזאַ מין וועגעלע, אויף צוויי הויכע רעדער אין וועלכן מען האָט איינגעשפּאַנט אַן אייזעלע) אויף וועלכן מיר האָבן איבערגעפירט אונ־דזער ביסל זאַכן צו דער באַן. מיר זענען אָנגעקומען פאַרטאָג, אָבער מיר האָבן שוין דאָ געטראָפן אַ סך מענטשן, וועלכע זענען נאָך אָנגעקומען ביי נאַכט און געשלאָפן ביי די וואַגאָנעס. מיר האָבן אויך געטראָפן אַ סך, וואָס זענען געקומען זיך געזעגענען און האָבן אויפריכטיק באַדויערט, וואָס מיר פאָרן אַוועק, ווייל מיר, די פּוילישע יידן האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אינעם לעבן פון דער שטאָט, סיי מאַטעריעל סיי גייסטיק.

ענדלעך האָט די באַן געריררט פון אָרט און מיר האָבן אָנגעהויבן דעם וועג אויף צוריק, פון לאַנד אין וועלכן מיר האָבן געלעבט זיבן יאָר. ווער אין תפיסה, ווער אין לאַגערן און אַ טייל אויף דער פריי... מיר זענען געפאָרן אויף דער מיר שוין באַקאַנטע טראַסע, דורך טאַשקענט, טורקעסטאַן. אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן אַ סך באַקאַנטע וואָס האָבן אונדז מקנא געווען, וואָס מיר זיצן שוין אין די וואַגאָנעס און פאָרן שוין. מיר זענען דורכגע־פאָרן אָקטיובינסק, ווו איך האָב געוווינט עטלעכע יאָר, דאָרט האָב איך נאָך געטראָפן איין איינציקע משפחה, וואָס האָט צוליב עפּעס אַ סיבה, נישט געקאָנט אַרויספאָרן (כ׳האָב זיי געטראָפן אין ישראל).

דורך קיין גרויסע שטעט זענען מיר נישט געפאָרן, מען האָט אונדז אַלץ געפירט דורך זייטיקע באַן־ליניעס. די איינציקע גרויסע שטאָט צו וועלכע מיר זענען געווען נאָענט איז געווען קיעוו. נאָר די באַן איז שטיין

געבליבן דריי קילאָמעטער פון שטאָט און מיר האָבן מורא געהאַט צו גיין אין שטאָט אַריין, טאָמער וועלן מיר פאַרשפעטיקן דעם צוג און בלייבן אַליין, אָפּגעריסן פון אַלעמען.

ברויט און עפּעס צום ברויט האָט מען אונדז געגעבן, נאָר עס האָט זיך געוואָלט עפּעס אָפּקאָכן, ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ לענ־גערער צייט. דאָ ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט האָט זיך באַלד אָנגעהויבן דער האַנדל מיט די סחורות, וועלכע מען האָט אָנגעקויפט. נאָר ניט אַלע האָבן געוווּסט ווען און ווו צו פאַרקויפן, כדי צו קויפן אַנדערע סחורות אויף זייער אָרט, אַזעלכע וועלכע מען וועט דאַרפן אין ווייטערדיקן וועג, האָבן זיי נאָכגעטאָן די וועלכע האָבן זיך יאָ אָריענטירט.

מיר דערנעטערן זיך צו דער פּוילישער טעריטאָריע

מיר פאָרן אין מזרח־גאַליציע, לעמבערג, פּשעמישל, טאַרנאָוו און אַנדערע שטעט. טאַרנאָוו איז געווען די איינציקע גרעסערע שטאָט אין וועלכער מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע שעה. דאָ האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל דערזען ייִדן, אַזעלכע וואָס זענען שוין פאַר אונדז געקומען קיין פּוילן און אַזעלכע וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה אין פּוילן גופא. ביי די פריערדיקע באַן־סטאַנציעס, דורך וועלכע מיר זענען דורכגעפאָרן האָבן מיר געזען נאָר פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אונדז דורכגעשטאָכן מיט שנאה־בליקן און מיט חוזק־ווערטלעך: אַז „די רוסן פירן אַרויס פון פּוילן — קוילן און ברענגען אויף זייער אָרט ייִדן" און ענלעכע אַנטיסעמיטישע אַרויסזאָ־געכצן. אָט דער קבלת־פּנים פון די פּאָליאַקן איז געווען פאַר אונדז ווי געשיט זאַלץ אויף אונדזערע אָפענע ווונדן. איצט האָבן מיר שטאַרקער דער־פילט און דערזען, ווער ס'זענען געווען די מיטבאַטייליקטע אין אומברענגען אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. צווישן זיי דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן פּוילישע ייִדן. זייער שווער איז אונדז געוואָרן אויפן האַרץ טראַכטנדיק וועגן דעם: צו וועמען מיר זענען געקומען און ווער עס דאַרפן זיין אונדזערע שכנים אין דעם „באַפרייטן" פּוילן. דערפאַר טאַקע איז געווען פאַר אונדז אַ דער־פרייונג און דערפרישונג, אונדזער אָנקום קיין טאַרנאָוו, ווו עס האָבן אונדז אויפגענומען ייִדן מיט אמתער פרייד און האַרציקייט. דאָ איז שוין געווען אַ ייִדישער קאָמיטעט מיט פאָרשטייער פון עטלעכע פּאַרטייען, דאָ האָבן מיר דערזען — נאָך אַן איבערייס פון אַזויפיל יאָרן ווי ייִדישע אַרבעטער

האָבן פאַרשפּרייט די „פאָלקסצייטונג". זי האָט עס געדאַרפט זיין דער המשך, פון דער אַמאָליקער פאַרמלחמהדיקער בונדישער צייטונג. ווען דער צוג האָט זיך נאָר געשטעלט זענען אַ סך געשפּרונגען פון די וואַגאָנעס און געכאַפּט די „פאָלקסצייטונג", זייענדיק אויסגעהונגערט נאָך אַ געדרוקט ייִדיש וואָרט. דאָ האָט מען אונדז אויך באַזאָרגט מיט ברויט אויף אונדזער ווייטערדיקן וועג.

מען האָט אונדז געפירט דורך קראָקע צו די ניי־פאַרנומענע פוילישע געביטן — צו נידערשלעזיע. פּלוצים האָט זיך די באַן געשטעלט ביי אַ וואַלד. מיר האָבן נישט געוווּסט ווו מיר זענען און ווי לאַנג מיר וועלן שטיין. מיר זענען אַרויס פון די וואַגאָנעס זיך אַ ביסל אַרומצוקוקן אין דער געגנט און דאָ האָבן מיר דערזען אַן איבערבלייבעניש פון דער מלחמה: אַ פאַרברענט איינגעפאַלן הויז. איך האָב זיך דערנעענטערט צו דעם באַרג גרוזעס און דערזען עפּעס אַ בוך, כ'האָב עס אויפגעהויבן. די ערשטע בלעטלעך זענען געווען צעריסן און אַ ביסל אָפּגעברענט, נאָר ווען איך האָב איבערגעמישט עטלעכע בלעטלעך האָבן מיר די הענט גענומען ציטערן — דאָס איז געווען אַ חובות־בוך פון אַ ייִדיש געוועלב. דער קרעמער האָט אַריינגעשריבן — אַ טייל נעמען אויף ייִדיש, אַ טייל אויף פּויליש — ווער און וויפל מען איז אים שולדיק. כ'האָב געהאַלטן דאָס בוך אין האַנט און געפילט, אַז איך טרעט אויף קברים פון ייִדיש לעבן. כ'האָב ווייטער געגראַבלט אין אַש און געפונען אַ פּאָר רויטע קינדער־שיכלעך, צוזאַמענגעבונדענע, זיי זאָלן בלייבן אַ פּאָר. ווער האָט זיי געבונדן? די עלטערן? ווו זענען זיי איצט? דער מח האָט זיך מיר געהויבן פון צער און ווייטיק, איך האַלט אין מיינע הענט אַ פּאָר שיכלעך פון איין קינד פון דעם מיליאָן אומגעקומענע קינדער, אַ מיליאָן וועלטן, וואָס זענען אַזוי טראַגיש־אכזריותדיק אומגעקומען. כ'האָב נאָך געפונען דאָרט אַ שטיק פּאַרמעט, אַ יריעה פון אַ ספר־תורה. די דריי זאַכן האָב איך צוזאַמענגעבונדן און גענומען מיט זיך, ווי אַ סימבאָל פון דער גרעסטער מענטשלעכער און ייִדישער טראַגעדיע.

ווען איך האָב געזען אויף אַ שטריק הענגט וועש צום טריקענען זיך, האָב איך גענומען זוכן די מענטשן וועלכע וווינען דאָ, כ'האָב טאַקע געפונען צוויי עלטערע מענטשן, אַ מאַן מיט אַ פרוי וואָס האָבן דאָ געוווינט און געהיטן דעם שטח. דאָס איז געווען אַ פאַרפאַלק פון פראַנקרייך, וואָס האָבן דאָ אין דעם לאַגער פאַרלוירן זייער גאַנצע משפחה, זיי אַליין זענען ניצול געוואָרן דורך אַ צופאַל און איצט זענען זיי דאָ שומרים. זיי האָבן מיר דער־

ציילט, אַז דאָ אין דעם לאַגער האָט מען אומגעברענגט ייִדן פון פּוילן, פראַנקרייך און האָלאַנד. זיי אַליין האָט מען אַהער געברענגט מיט דער לעצטער פּאַרטיע, אַלע האָבן די דייטשישע מערדער נאָך באַוויזן אומצו־ברענגען. צו זיי איז צופעליק דערגאַנגען די ידיעה, אַז די דייטשן גרייטן זיך צו אַנטלויפן פון דאַנען און די רוסישע אַרמיי קאָן יעדע רגע אָנקומען. האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין אַ דערבייאיקן וואַלד, ביז די רוסישע אַרמיי איז אָנגעקומען. אינטערעסאַנט: נאָך ביז יענער צייט איז זיי שווער געווען צו גלויבן, אַז זיי זענען טאַקע פרייע מענטשן און זיי קאָנען זיך באַוועגן פריי ווי ייִדן און נישט מורא האָבן.

ווען איך בין נאָר צוגעקומען אויף דעם פּלאַץ האָב איך געמיינט, אַז דאָ איז געווען אַ פּונקט פון וואַנען מען האָט געשיקט די אומגליקלעכע אין די טויט־צענטערס, ווייל דער פּלאַץ איז געווען אָפן, אַפילו נישט אַרומ־געצוימט און לעבן אַ באַן־ליניע. נאָר רעדנדיק מיט די מענטשן וואָס האָבן דאָרט געהיט האָב איך ביי זיי געפרעגט: וואָס עס איז אין דער געביידע, וואָס שטייט דאָ? האָבן זיי מיר דערקלערט, אַז דאָס איז דער קרעמאַטאָריום, וווּ מען האָט פאַרברענט די קרבנות. נאָר עטלעכע מענטשן זענען מיר אַריין אינעווייניק — די איבעריקע האָבן זיך געשראָקן צו זען דאָס געשפּענסט. ס׳איז טאַקע געווען אַ שרעקלעך בילד: ברייטע טרעפּ האָבן געפירט פון די גרויסע זאַלן צו אַזאַ מין באַסיין פול מיט וואַסער. דאָס האָט געדאַרפט אויסזען ווי אַן אָרט צום באָדן זיך, אָבער דאָרט האָט מען געפירט אין אויוון אַריין. מיר האָבן געזען די שוואַרצע פאַרקאָפּטשעטע ווענט און די קוימענס, וועלכע זענען נאָך געשטאַנען.

נאָך דעם ווי מיר האָבן אין זיך איינגעזאַפּט דעם ווייטיק און פּיין, וואָס אונדזערע טייערע האָבן דאָ דורכגעמאַכט, ביז זיי זענען דערגאַנגען צום טויט. מיר זענען צוריק געגאַנגען אין אונדזערע וואַגאָנעס מיט אַ שווער האַרץ און געמיט. איך האָב זיך געטראָגן מיט דעם פּעקעלע הייליקייטן וואָס האָבן שטומערהייט געפרעגט, דערמאָנט און געמאָנט: מיר זאָלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן עד סוף כל הדורות...

כ׳האָב זיך געשטעלט די פראַגע, צוליב וואָס האָט מען אונדזער עשאַלאָן געפירט דאָ אַהער און זיך נאָך אָפּגעשטעלט אויף אַ לענגערער צייט? פאַר־וואָס, ווען מיר זענען דורכגעפאָרן גרויסע שטעט ווו עס האָבן אַמאָל גע־וווינט אַ גרויסע ייִדישע באַפעלקערונג, מיט אַ סך ייִדיש־היסטאָרישע דענק־

מעלער, האָט מען אונדז נישט אַראָפּגעלאָזט אַ קוק טאָן ווי זיי זעען היינט אויס נאָכן אומברענגען זייערע ייִדן. נאָר דאָ האָט מען אונדז פאַרפירט ווי מען וואָלט זיך געוואָלט רייצן און אונדז ווייטאָן.

פון דאָרט זענען מיר שוין געפאָרן ביזן לעצטן פונקט ווו מיר האָבן געדאַרפט אַראָפּגיין און זיך איינאָרדענען. דאָס איז געווען אַ דייטשיש שטעטל זשעמביצע. אַמאָל האָבן דאָ מסתמא געוווינט ייִדן, ווייל דאָ איז געווען אַ ייִדישער בית־עולם און אַ ייִדישע שול. נאָר איצט האָבן אונדז באַגעגנט נייע ייִדן, פּוילישע, וואָס זענען דאָ אַהער אָנגעקומען פון ראַטן־פאַרבאַנד מיט די ערשטע טראַנספּאָרטן. דאָ איז שוין געווען אַ ייִדישער קאָמיטעט צוזאַמענגעשטעלט פון אַלע פּאַרטייען, וואָס האָבן געפירט אַ באַשיידענע טעטיקייט. ווען מיר זענען אַרויס פון די וואַגאָנעס זיך אַרומקוקן ווו מיר געפינען זיך און אפשר וועלן מיר דערקענען, טרעפן עפּעס אַ באַקאַנטן, איז פּלוצים צו מיר צוגעלאָפן אַ פרוי און מיך אַרומגעכאַפּט קושן. אין דער ערשטער מינוט האָב איך זיך נישט געכאַפּט ווער דאָס איז, נאָר באַלד האָב איך דערזען אַז דאָס איז די פרוי פון מיין חבר משה וויינבערג פון קאַלושין, וועמען די דייטשן האָבן דערשאָסן באַלד אין אָנהויב פון דער מלחמה. זי איז דעמאָלט שוואַנגער געווען און אין ביאַליסטאָק האָט זי געבוירן אַ זון, וועמען מען האָט גערופן משהלע, נאָכן פאָטער. ווען מיר זענען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין פּאָשאָלעק האָבן מיר געוווינט אין איין צימער. שפּעטער האָבן זיך אונדזערע וועגן צעשיידט און איצט נאָך זיבן יאָר, האָט דער גורל געוואָלט מיר זאָלן זיך ווידער באַגעגענען. ווען די אַרומיקע מענטשן האָבן זי געפרעגט צי זי האָט באַגעגנט אַ ברודער, האָט זי געענטפערט: בעסער ווי אַ ברודער. אין משך פון דער צייט האָט זי אין רוסלאַנד חתונה געהאַט מיט אַ ביאַליסטאָקער, איצל וויטקעס, מיט וועמען זי וווינט דאָ אין זשעמביצע. זי האָט מיר באַלד געהייסן אַרויס־נעמען די זאַכן פון וואַגאָן, איר מאַן האָט געברענגט אַ וועגעלע און מען האָט אָפּגעפירט די זאַכן אַהיים. „איר וועט זיין ביי אונדז אַזוי לאַנג ביז איר וועט געפינען אַ דירה, וואָס וועט אייך געפעלן" — האָבן זיי אונדז דערקלערט. וויטקעס איז דעמאָלט געווען דער פאַרטרעטער פון „בונד" אין ייִדישן קאָמיטעט. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר באַקומען אַ דירה. טאַקע דאָ אין זשעמביצע האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען דאָס, וועגן וועלכן מען האָט דערציילט און אונדז האָט עס פאַרט אויסגעזען אומגלייב־לעך: מיר האָבן געזען טואַלעט־זייף מיט דער אויפשריפט „ריינע יודן־

פעטס". יאָ, אונדזער אומגליק איז געווען גרויס, דאָס איז געבליבן פון אונדזערע טייערע און ליבע.

מיר האָבן זיך געגרייט צו פאָרן קיין לאָדזש, וואָס איז אין יענער צייט געווען דער גרעסטער יידישער צענטער אין פוילן. מיר האָבן געהאָפט אפשר דאָרט צו טרעפן עמעצן פון די נאָענטע מענטשן: חברים פריינד און באַקאַנטע.

אין וורא‌צלאַוו אויף דער באַן־סטאַנציע און אין די וואַגאָנעס האָבן מיר געהערט חוזק־באַמערקונגען פון די „שכנים" אונדזערע: „איר דאַרפט זיך ווענדן צום חבר מינץ (אַ פוילישער מיניסטער, אַן אַסימילאַטאָרישער ייד) ער זאָל מאַכן אַ ביסל אַן אָרדענונג אויף די באַנען און אַנדערע „וויצן". פון מויל האָט זיך געריסן שאַרפע ווערטער צום ענטפערן, נאָר מיר זענען געווען געציילטע יידן צווישן טויזנטער פאַרביסענע אַנטיסעמיטן, איז גע־ווען אַ סכנה אָנצוהייבן מיט זיי. אין אָט דער שנאה־אַטמאָספער בין איך דערפאָרן ביז לאָדזש. דאָ האָב איך געטראָפן אַ ביסל באַקאַנטע, דאָ האָב איך אויך איבערגעגעבן אין דער זאַמלונגס־אָפּטיילונג ביים יידישן קאָמיטעט די דריי „אָנדענקונגען" פון דעם פאַרניכטונגס־לאַגער.

דאָ אין לאָדזש האָב איך געטראָפן מיינעם אַ פריינד פון פּאַשאָלעק חיים קאָם און ער האָט מיר דערציילט, אַז דאָרט ווו ער וווינט, איבער דער וואַנט, וווינען די צוויי מוסרים פון פּאַשאָלעק: משה גייער, און זשעשיק, צוליב וועלכע איך האָב באַקומען פינף יאָר תפיסה. דער חיים קאָם האָט געהערט אַ שמועס צווישן די צוויי, אַז זיי האָבן געהערט, אַז איך בין צוריק געקומען. מיט פאַרוווּנדערונג, וואָס איך לעב נאָך און דער משה גייער האָט געזאָגט: „אויב אַזוי איז שלעכט, מען וועט זיך דאַרפן אָפּטראָגן פון דאַנען". אויף צומאָרגנס בין איך געגאַנגען מיט אַ חבר אויף דער גאַס אויף וועלכער דער משה גייער האָט געוווינט, ער איז פונקט געשטאַנען אויפן גאַס, דערזעענדיק מיך איז ער גלייך אַראָפּ פון גאַס. כאָטש אין פוילן איז בישט געווען דאָס אָרט, אָפּצורעכענען זיך פאַר איינזעצן אין רוסלאַנד, האָט מען מיר דאָך אין עטלעכע טעג אַרום דערציילט, אַז ער איז אַוועק פון פוילן אין די דייטשישע ד.פּ.־לאַגערן.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין וואַלבזשיך (נידערשלעזיע) געפינט זיך מייבער אַ קוזין מיט אַ פרוי און קינד, אויך אַ קוזינע — דעם קוזינס אַ שוועסטער, מיט איר מאַן און קינד, בין איך אַוועק זיי אויפצוזוכן. ס'האָט זיך געוואָלט טרעפן מיט די קליינע רעשטלעך לעבן געבליבענע קרובים,

פריינד און באַקאַנטע. ווייטע קרובים אָדער באַקאַנטע זענען אין יענער צייט געוואָרן אַזוי נאָענט ווי אמתע משפחה־מענטשן, די איינזאַמקייט האָט געדריקט און מען האָט געזוכט נאָענטקייט און טרייסט. איך האָב זיך מיט זיי געטראָפן און מיר האָבן געמיינזאַם געגומען טראַכטן, וואָס מיר זאָלן ווייטער טאָן. צי זאָלן זיי בלייבן אין פּוילן און זיך איינאָרדענען, אָדער פאָרן אין די דייטשישע לאַגערן פון וואַנען ס'איז אָפן אַ וועג אין דער פרייער וועלט... די, וואָס זענען שוין געווען איינגעאָרדנט אויף סטאַבילער אַרבעט, געהאַט אַ וווינונג און עס האָט זיי נישט אַזוי שטאַרק אינטערע־סירט, אונטער וועלכן רעזשים זיי לעבן — זענען נוטה געווען צו בלייבן אין פּוילן. זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז דאָ וועט קאָנען זיין אַ געזונטער יידישער יישוב. נאָר דערווייל איז געשען דער מוראדיקער קעלצער פּאָגראָם, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג און אַלע אילוזיעס זענען צערונען געוואָרן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער בהלהדיקער געלויף אין די דייטשישע לאַגערן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, אָדער קיין עסטרייך. פאַרשטייט זיך מיט דער כוונה פון דאָרט צו פאָרן ווייטער. ס'זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געוואָלט באַטרעטן די פאַרשאָלטענע דייטשע ערד און זיך ווידער וואַלגערן אין לאַגערן. די, האָבן באַשלאָסן צו מאַכן באַמיונגען אַרויסצופאָרן פון פּוילן אויף אַ לעגאַלן וועג, זיי זענען גרייט געווען צו פאָרן אומעטום: קיין מערב־אייראָפּע, אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, קיין צפון־ אָדער דרום־אַמעריקע, אַבי אַרויס פון פּוילן. נאָר דאָס האָט זיך נישט געמאַכט אַזוי גיך. מען האָט געמוזט האָבן געדולד און וואַרטן.

אויך מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצופאָרן פון פּוילן אויף אַ לעגאַלן אופן. דערווייל האָבן מיר זיך געגרייט צו פאָרן קיין וואַרשע. ס'האָט זיך געוואָלט מיט די אייגענע אויגן זען וואָס ס'איז געוואָרן פון דעם וואַרשע, פון וועלכן מיר זענען אַרויס אין 1939 און וועלכע האָט געלעבט אין אונדזער פאַנטאַזיע אַזאַ, ווי מיר האָבן זי געלאָזן. מיר האָבן אויך געוואָלט אין וואַרשע זיך באַקענען מיט די צענטראַלע יידישע אינסטיטוציעס, אפשר וועט מען דאָרט צופעליק טרעפן אַ נאָענטן מענטשן.

מיין שעדלעץ נאָך דער מלחמה

זייענדיק אין וואַרשע האָב איך באַגעגנט אַ שעדלעצער, יאָנטל גאָלד־מאַן. און ער האָט מיר צוגערעדט אַראָפּצופאָרן קיין שעדלעץ. ער אַליין האָט איבערגעלעבט דעם קריג אין שעדלעצער געגנט אין פאַרשידענע באַ־העלטענישן. ער צוזאַמען מיט ישראל קראַוויעץ און נאָך עטלעכע צוריק געקומענע קיין שעדלעץ, האָבן שוין געהאַט געשאַפן אַ ייִדישן קאָמיטעט אין שטאָט. דער סעקרעטאַר איז געווען אברהם פרידמאַן. האָבן טאַקע די שעדלעצער וועלכע זענען געקומען עפּעס דערליידיקן — פּערזענלעכע דאָקומענטן, אָדער פאַרקויפן אַן אייגענע, אָדער פון ווייטע קרובים אַ ירושה, שוין געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן, ווען ס׳איז געווען נויטיק. געשלאָפן איז מען אין הויז פון דער שטאָטישער מקווה פון פאַר דער מלחמה. דאָרט זענען געשטאַנען עטלעכע בעטלעך מיט שטרוי פאַר צופאָרנדיקע געסט... כאָטש דאָס פאָרן אַהין מיט דער באַן איז געווען, נישט אין גאַנצן אָן סכנות. ער אַליין האָט זיך שוין פאַרלאָזט אַ פאַר לאַנגע פּוילישע וואָנצעס, האָט ער זיך געפּילט אַ ביסל זיכערער. כ׳האָב אים געפאָלגט און בין געפאָרן. אַראָפּ־קומענדיק אין דער שטאָט ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן איז מיר אַלץ געווען פרעמד, נישט צו דערקענען. גאַנצע גאַסן אַראָפּגערוימט, ס׳איז קיין זכר נישט געבליבן. דאָס האַרץ פון ייִדישן שעדלעץ, דער ייִדי־שער צענטער פּיענקנאַ־גאַס, ווו עס האָבן געוווינט 6000 ייִדן, דער רוב אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, ווו ס׳איז שטענדיק געווען אַזוי טומלדיק און רעשיק מיט אירע האָטעלן, חסידים־שטיבלעך, פּראָפעסיאָנעלע פאַריי־נען, מיט דעם מאַרק געוועלבער — זענען אַ גרויסער טייל הייזער אויסגע־גלייכט מיט דער ערד און די איבעריקע וואָס זענען געבליבן גאַנץ, באַוווינט מיט פרעמדע, אַנדערע מענטשן. קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט, דאָס זעלביקע מעבל, די זעלביקע שוסטער און שניידער־וואַרשטאַטלעך, די זעל־ביקע געוועלבער און געשעפטן. נאָר די פּנימער זענען פרעמדע און פיינט־לעכע. די וואָס האָבן דאָס אַלץ געבויט מיט זייער בלוט און שוויס זענען נישטאָ. אגב, די הייזער האָבן איצט אָפּגעקויפט פאָליאַקן פון דער אומ־געגנט, זיי זענען געקומען מיט גאַנצע זעק געלט, גאָלד און זילבער. דאָס איז אַלץ געווען אַנגעראַבעוועט ייִדיש פאַרמעגן. זיי האָבן עס געהאַט אַזוי פּיל, זענען זיי געקומען קויפן ייִדישע הייזער פאַר ייִדיש געלט.

די גאַסן האָט מען נישט געקאָנט דורכגיין, ווייל די טראָטואַרן זענען

געווען אויסבראָקירט מיט שטיקער פון יידישע מצבות, (דאָס האָבן מסתמא געטאָן פוילישע וואַנדאַלן) ווו איך בין געגאַנגען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די אותיות פ״נ מיט יידישע נעמען. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די מצבות באַקלאָגן זיך: פאַרוואָס מען האָט זיי געשענדעט און זיי בעטן, מען זאָל זיי צוריק לייגן דאָרט ווו זיי געהערן. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט מען טאַקע אַרויסגעריסן די אַלע שטיקער מצבות און געמאַכט פון זיי אַ גרויסע מצבת־זכרון אויפן שעדלעצער בית־עולם.

אַ פּלאַן צו פאַראייביקן שעדלעץ

איבער דער צייט זענען אָנגעקומען אַ גרעסערע צאָל רעפּאַטריאַנטן פון רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך צייטווייליק איינגעאָרדנט ווער אין אַ ירושה־הויז וואָס איז געבליבן שטיין, ווער אין דער מקוה. נאָר מיר אַלע האָבן געוווסט, אַז מיר זענען די לעצטע שעדלעצער יידן און דאָס לעצטע מאָל אין שטאָט. איז אויפגעקומען אַ פּלאַן, אַז אויף אונדז ליגט דער הייליקער חוב, צו פאַראייביקן די שטאָט. די קומענדיקע דורות וואָס וועלן דאָ לעבן זאָלן וויסן: אַז דאָ אויף דער ערד האָט אַמאָל געלעבט אַ שטאַרק איינגעפונדעוועטער יידישער יישוב פון קנאַפּע צוויי צענדליק טויזנט יידן, וואָס זענען טעטיק געווען אויף אַלע געביטן, פון אַרבעט און האַנדל, געזעלשאַפטלעכקייט און קולטור. ס׳איז גערופן געוואָרן אַ באַראַטונג, שפּעטער אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע שעדלעצער וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין שטאָט. מען האָט ברייט אַרומגערעדט און אויפגעקלערט דעם ענין פון אויפשטעלן אַ מאָנומענט פאַר די קדושי־שעדלעץ. נאָר דאָ האָט זיך — ווי געוויינטלעך אַרויסגעוויזן, אַז די וואָס האָבן נישט געהאַט, האָבן געוואָלט געבן און די וואָס זענען געווען פאַרמעגלעך האָבן נישט געוואָלט געבן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ סך פון זיי האָבן פאַרקויפט פרעמדע פאַרמעגנס פון אַזעלכע וואָס קיין יורשים איז נישט געבליבן. געווען אויך אַזעלכע, וואָס זענען דאָ לעבן געבליבן, אַ דאַנק דעם וואָס אַ פוילישע פרוי האָט איינשטעלנדיק איר לעבן און דאָס לעבן פון איר משפּחה, געראַטעוועט זעקס יידן, האַלטנדיק זיי אין אַ גרוב גאַנצע צוויי יאָר. איין משפּחה פון די געראַטעוועטע, די ברידער אל—ג, וואָס זענען געווען זייער גוט סיטואירט, האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט צו געבן. איז פון דעם שיינעם פּלאַן אויפצושטעלן אַ דענקמאָל אויפן פּלאַץ ווו פריער איז געשטאַנען: די גרויסע שול, דאָס

גרויסע בית־המדרש, די ייִדישע קהילה, דער ראַבינאַט, דאָס אַלטע ייִדישע בית־הקברות, די חברה משניות און אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס — גאָר נישט געוואָרן. עס איז נאָר געבליבן שטיין אַ דענקמאָל, וואָס די סאָ־וויעטן האָבן אויפגעשטעלט לכבוד זייער נצחון.

אין דער צייט פון מיין זיין אין שעדלעץ האָב איך זיך באַמיט אויפצו־זאַמלען געוויסע אינפאָרמאַציעס, וועגן דער אויפפירונג פון געוויסע גע־זעלשאַפטלעכע טוער און סתם־ייִדן אין שעדלעץ אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע. נאָך לאַנגע ספיקות צי דאַרף איך שרייבן וועגן אַט דער אַנגעווייטיקטער פראַגע, וואָס ברענגט אונדז נישט קיין כבוד — ווייל איך פון דעסטוועגן פעסטשטעלן אַ פאַקט: ס'האָבן זיך נישט אויסגעגליטשט קיין איינער פון ייִדישע אַרבעטער־טוער, קיינער פון זיי האָט נישט מיט־געמאַכט דעם שדים־טאַנץ, צו וועלן זיך ראַטעווען אויפן חשבון פון אַנדערע. ליידער, גאַנץ אַנדערש האָבן זיך אויפגעפירט די קליינבירגערלעכע „נאַציאָ־נאַלע" ייִדן אין די פאַרשיידענע אָפיציעלע אַמטן, ווו די דייטשן האָבן זיי אַנערקענט ווי די פאָרשטייער פון די שעדלעצער ייִדן. עס גיט מיר איבער י. גאָלדמאַן, — ער אַליין האָט איבערגעלעבט אין פאַרשיידענע באַהעלטע־נישן, ער האָט אויך דורכגעפירט די ערשטע עקסהומאַציעס פון די אומגע־קומענע. — „באַלד אין די ערשטע חדשים ווי די דייטשן האָבן גענומען דורכפירן זייערע טייוולאַנישע פּלענער, האָבן זיי זיך געוואָנדן צו דער ייִדישער קהילה און געפאָדערט מען זאָל זיי אַרויסגעבן 10 ייִדן. שטייט אויף דער גאַס לעבן דער קהילה מ. טשאַר—דע און זאָגט, מען מוז אויספילן דעם באַפעל, מען מוז געבן 10 ייִדן צו די דייטשישע מאַכט־אָרגאַנען, און קעגן אים שטייט דער טרעגער־אַרבעטער (סעקרעטאַר פון די טראַנספּאָרט־אַרבעטער אין שעדלעץ) יעקב יצחק לייבמאַן, דער פאָרשטייער פון „בונד" אין דער קהילה און דערקלערט קאַטעגאָריש „אויב מיר וועלן מוזן אויס־ליפערן די דייטשן די שעדלעצער ייִדן, וועלן מיר די פאָרשטייער פון דער קהילה אַליין גיין פרייוויליק ווי די ערשטע 10 קרבנות. אויב אין דער דעמאָלטיקער לאַגע איז שוין נישט מעגלעך געווען צו פירן קיין פּאָליטישע טעטיקייט, איז אָבער געוואָרן אויפגעהאַלטן די קולטור־טעטיקייט, די ייִדישע קונסט־געזעלשאַפט „הזמיר", מיט איר גרויסע, שיינע ביבליאָטעק, מיט וועלכער עס האָט איצט אָנגעפירט דער בונדיסט בנימין קראַמאַזש און דעם אַמט האָט ער אָנגעהאַלטן, ביז ער איז געגאַנגען זיין לעצטן וועג קיין טרעבלינקע. אַט שטייט דער אַלטער וועטעראַן פון דער לינקער „פּועלי־

ציון" צווישן אַ גרופּע ייִדן, מאיר זאַלצמאַן, ער שרייט צו זיי: ייִדן ראַטעוועט זיך ווי נאָר איינער קאָן, אַנטלויפט, באַהאַלט זיך, איך בין שוין צו־אַלט צו דעם, איר קאָנט עס נאָך באַוויזן. ער האָט נאָך אַפילו דערהאַלטן אין יענער שוידער־צייט זיין פריידענקערישן הומאָר, ווען ער הערט ווי עמעץ זאָגט „גאָט וועט אונדז העלפן", זאָגט ער צו די נאָענט־שטייענדיקע, יאָ, ווען היטלער וואָלט געהאַט אַזויפיל כח ווי דער „רבונו של עולם" — בלייבן מיר אַלע לעבן.

מיר האָבן נאָך אַנדערע פאַקטן: דערציילט מיר אַ ייִד פון קאַליש — „אין 1940 לויפנדיק פון קאַליש צום בוג, איז ער געבליבן שטעקן אין שעדלעץ און געכאַפּט געוואָרן אויף אַרבעט. ער איז צוגעטיילט געוואָרן צו אַ גרופּע וואָס האָט געדאַרפט אַריבערפירן טויטע קערפּערס אויפן ייִדישן בית־הקברות. מיט דער אַרבעט האָט אָנגעפירט אַ חשובער נאַציאָנאַלער ייִד, ברעסלוי, פון שעדלעץ און ווען צווישן די טויטע קערפּערס איז געווען אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט נאָך געלעבט און זי האָט זיך געבעטן מען זאָל זי נישט אַרויפוואַרפן אויפן וואָגן צוזאַמען מיט די טויטע, ווייל זי קאָן נאָך לעבן, האָט דער זעלבער ברעסלוי חוזק געמאַכט: קוקט נאָר אָן דאָס פנים וואָס וויל נאָך לעבן, ס'איז שוין נישטאָ ווער עס זאָל לעבן, נאָר זי ?..."

עס דערציילט ח' האַנדלאַזש: „זייענדיק אין געטאָ, איז אַמאָל געקומען אַ ייִדישער פּאָליציאַנט איינער פון די רייכע אינטעליגענטע זונדלעך — האַל—ג אַרויסצונעמען זיין פאָטער, און ווען אויך ער האָט זיך געפּרוווט אַרויסכאַפּן האָט דער פּאָליציאַנט אים געשלאָגן און נישט אַרויסגעלאָזט פון געטאָ, ער זאָל זיך קאָנען ראַטעווען. ווען אָבער די פּאָליציאַנטן זענען געווען פון דער אַרבעטער־יוגנט, האָבן זיי אַ סך ייִדן געראַטעוועט. זיי האָבן געגעבן צו וויסן, ווען עס גרייט זיך אַן אַקציע, מען זאָל זיך באַהאַלטן, איינשטעלנדיק דערביי זייער אייגן לעבן. איינער פון זיי איז געווען בלושטיין, און אַנדערע וועמענס נעמען מיר ווייסן איצט נישט. געווען אַ ייִדישער פּאָליציאַנט פון אַ רייכער משפחה וואָס האָט אַליין אָפּגעפירט זיינע עלטערן צום וואָקזאַל אָפּגעשיקט צו ווערן, מיט אַ טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע.

אַ פּרוּוו צו אַנטלויפֿן פֿון טרעבלינקע

ווי באַוווּסט האָבן די דייטשן אומגעברענגט אין טרעבלינקע אַ מיליאָן ייִדן, נאָר די מלבושים זייערע איז זיי אַ שאָד געווען צו פֿאַרניכטן, האָבן זיי די זאַכן אַרויסגעפֿירט פֿונעם שטח פֿון טויט־לאַגער, דערביי איז געווען אַ געוויסע מעגלעכקייט זיך אַרויסצוגנבֿענען פֿון לאַגער. הערש ייִדל גוטמאַן האָט דאָס פֿאַרגעשלאָגן צו די ברידער ד. און י. לייבמאַן, נאָר דוד׳טשע לייבמאַן האָט גלייך געענטפֿערט, אַז ער וויל זיך נישט ראַטעווען, ער וויל בעסער אומקומען מיט זיין משפּחה צוזאַמען, די אַנדערע צוויי איז געלונגען אַרויף אויפֿן וואָגן מיט די מלבושים. נאָר י. לייבמאַן איז געווען אַ הויכער, האָבן זיינע פֿיס אַרויסגעשטעקט, ער האָט עס מסתמא נישט געפֿילט. די דייטשן האָבן עס באַמערקט, האָבן זיי אים אַרויסגעשלעפּט און אָפּגעהאַקט די פֿיס. נאָר י. גוטמאַנען איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פֿון דאָרט. ער איז געקומען קיין שעדלעץ אַ נאַקעטער, דאָרט באַקומען עפּעס אָנצוטאָן און געוואָלט אַנטלויפֿן אין וואַלד, נאָר מען האָט אים ווידער געכאַפּט און אָפּגעשיקט קיין טרעבלינקע. דאָרט האָבן זיי אַלע פֿאַרענדיקט.

אַ באַזונדערס טרויעריקע ראָל האָבן געשפּילט אייניקע פֿון יודנראַט, וואָס האָבן געהאַט רעסאָרטן, למשל: משה ראַטביין, וועלכער האָט זיך געפֿונען נאָכן קריג אין פֿראַנקרייך, ווו ער האָט זיך באַמיט ווע‍גן אַ רע־האַביליטאַציע און זי נישט באַקומען, און ישראל האַלבערשטאַט — היינט אין ישראל. דער לעצטער האָט געהאַט דעם אַרבעטס־רעסאָרט ווו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אכזריותדיקער אוממענטשלעכער באַציִונג צו אַלע ייִדן, וואָס זענען מיט אים געקומען אין באַרירונג.

דאָס מיסטעריעזע שמדן זיך

ווי כ׳האָב שוין פֿריער דערציילט, זענען עטלעכע ייִדישע משפּחות געבליבן לעבן אין שעדלעץ גופֿא. אַ טייל פֿון זיי האָט אַ קריסטלעכע פֿרוי אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער וואָס זי האָט פֿאַר זיי געשאַפֿן, די איבעריקע האָבן זיך אַליין אויסבאַהאַלטן ווי זיי האָבן געקאָנט. ווי נאָר די רויטע אַרמיי האָט פֿאַרנומען שעדלעץ, זענען זיי אַרויס פֿון זייערע באַהעלטענישן און געפּרוווט זיך איינאָרדענען. איז עס מאָדנע אומפֿאַרשטענדלעך, וואָס דווקא דעמאָלט ווען זיי זענען שוין געווען פֿריי, געקאָנט לעבן ווי ייִדן,

זענען זיי אַוועק פון אונדזער פאָלק. איינער — קעסל—נער, אַן עלטערער מענטש, וואָס איז שוין היינט ווייט אַריבער די 70 יאָר און די צווייטע אַ פרוי, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן ווי אַ ייִדישע און נאָך דער באַפרייונג אַפילו חתונה געהאַט מיט אַ ייִד, איז געוואָרן זייער אַ פרומע קריסטין. וואָס זענען די סיבות פון זייער שמדן זיך, וואָס האָט זיי באַוויגן דערצו? איז ביז היינט געבליבן אַ רעטעניש.

דער ערשטער פּראָצעס פון אַ ייִדן־מערדער

אין דער צייט איז פאָרגעקומען אַ משפּט פון דעם פאָלקסדויטש באַקנ־שטאָס אין שעדלעצער קרייז־געריכט. אויסער די ייִדן וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין שעדלעץ, זענען אויפן געריכט בייגעווען אַ סך פּאָ־ליאַקן. ווי מען האָט איבערגעגעבן האָט דער מערדער געהאַט אויף זיין געוויסן עטלעכע טויזנט ייִדישע קרבנות. מען האָט די ייִדן צוזאַמענגע־טריבן אויפן אַלטן ייִדישן בית־עולם, לעבן דער גרויסער שול, דאָרט האָט מען די ייִדן געצוואונגען, אַז איינער זאָל דעם צווייטן בינדן די הענט און אויף אַזאַ אופן האָבן די מערדער זיי געשאָסן. אויפן משפּט האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז אויך פּאָליאַקן זענען געווען זיינע קרבנות. ס'איז אַרויסגעטרעטן ווי אַן עדות אַ ייִדישע פרוי צו וועלכער ער האָט געשאָסן, ווען זי האָט געהאַלטן איר קליין קינד אויף די הענט. דאָס קינד איז טאַקע דערהרגעט געוואָרן. ווען זי איז געפאַלן אַ באַגאָסענע מיטן בלוט פון איר קינד האָט דער מערדער געמיינט, אַז אויך זי איז טויט און ער איז אַוועק. אַזוי אַרום איז זי געבליבן לעבן. ווען זי האָט אים איצט אויפן משפּט געפרעגט: צי ער דערקענט זי און צי ער געדענקט וואָס ער האָט איר געטאָן? האָט ער זיך געמאַכט תמעוואַטע און געענטפערט, אַז ער געדענקט נישט דעם פאַל. לסוף האָט מען אים פאַרמשפּט אויף טויט. פירנדיק אים פון געריכט אין תפיסה אַריין האָט אים געמוזט היטן אַ גאַנצע מחנה פּאָליציי און מיליטער, ווייל דער המון וואָלט אים געוווען געלינטשט. באַזונדער האָט זיך געריסן נקמה צו נעמען אין אים אַ פּויליש פאַרפאָלק, וועמענס דריי זין ער האָט דערמאָרדעט. דעם צווייטן פרימאָרגן האָט מען אים אויפגעהאָנגען אין הויף פון דער תפיסה.

די א. ק. זעצט פאָר איר אַרבעט

אין נידערשלעזיע ווו עס האָבן געוווינט דער רוב ייִדן, געקומענע פון ראַטן־פאַרבאַנד, קאָמפּאַקט אין עטלעכע שטעט און ווו אויך די פּאָליאַקן האָבן זיך נאָך געפילט פרעמד, האָט מען דערווייל וועגן קיין אַנטיסעמיטישע אינצידענטן נישט געהערט. אָבער אין קאָנגרעס־פּוילן, ווו זיי האָבן זיך געפילט איינגעזעסן און באַשיצט פון דער סביבה, איז נישט דורך קיין טאָג מען זאָל נישט הערן קיין טרויעריקע פאַלן פון דערמאָרדן ייִדן. זיי האָבן זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט וועגן דאָס איז געווען ייִדן, וועלכע

אין נאָמען פון די פאַרזאַמלטע געזעגן איך אונדזער געבוירן־שטאָט — שעדלעץ בײַ דער אַנטהילונג פון דער אַלגעמיינער מצבה.

אויפן בילד: דאָס אָרט אויפן אַלטן יידישן בית־עולם, וווּ די דייטשישע מערדער האָבן דערשאָסן דרייסיק יונגע מיידלעך.
יאַנטל גאָלדמאַן ווייזט אָן דאָס אָרט.

האָבן געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי. אַזאַ פאַל איז געשען ווען מיר זענען געווען אין שעדלעץ. הינטער דער שטאָט האָט מען געפונען אַ גע־הרגעטן פּוילישן אָפיצער (אַ ייִד). די מיליטערישע מאַכט האָט צוויסן געטאָן דעם ייִדישן קאָמיטעט, אַז ס'איז דערמאָרדעט געוואָרן אַ ייִדישער אָפיצער און זיי גרייטן א לוויה מיט מיליטערישן פּאַראַד, אויפן קריסטלעכן צמענטאַרזש. דער קאָמיטעט האָט זיך קעגנגעשטעלט און די מיליטערישע מאַכט האָט מסכים געווען צו מאַכן די קבורה אויפן ייִדישן בית־עולם, מיט דעם גאַנצן כבוד, ווי עס קומט אַן אָפיצער. אויסער דעם מיליטער, האָבן זיך ביים קבר פאַרזאַמלט אַלע ייִדן וועלכע זענען דעמאָלט געווען אין שעדלעץ. מספּיד געווען האָט אים דער שעדלעצער אַדוואָקאַט לודוויק גרושקעוויטש.

ווי שוין פריער דערציילט, איז אונדז נישט געלונגען אויפצושטעלן אַ גרעסערן מאָנומענט וואָס זאָל פאַראייביקן די קדושים פון אונדזער שטאָט. בלית־ברירה האָבן מיר זיך געמוזט באַגנוגענען מיט צונויפזאַמלען די שטיקלעך מצבות, מיט וועלכע ס'זענען געווען ברוקירט די גאַסן און פון

זיי אויפשטעלן אַן אַלגעמיינע מצבה, וואָס זאָל דערמאָנען און זיין אַ זכר, פּאַר אונדזער חרוב געמאַכטער שטאָט און פּאַר אונדזערע הייליק־אומגעקו־מענע. איך האָב אָפּגערעדט מיט י. גאָלדמאַן און מיט דעם סעקרעטאַר פון קאָמיטעט א. פרידמאַן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם ענין, אַז ווען אַלץ וועט שוין זיין צוגעגרייט זאָלן זיי צו מיר שרייבן קיין נידערשלעזיע, ווו איך האָב דעמאָלט געוווינט און איך וועל קומען צו דער אַנטהילונג. דעם 22־טן אויגוסט 1946 זענען מיר זיך, אַן ערך 50 שעדלעצער יידן צוזאַמען געקומען אויפן בית־עולם און אַנטהילט די מצבה. דער שרייבער פון די שורות האָט גערעדט צו די פאַרזאַמלטע און אין זייער נאָמען גע־זעגנט שעדלעץ אויף שטענדיק.

מיר האָבן אויסגענוצט דאָס זיין אויפן בית־עולם און געמאַכט עטלעכע בילדער, וועלכע איך טראָג ביז היינט מיט זיך ווי הייליקייטן. איין פאָטאָ־גראַפיע האָבן מיר געמאַכט פון דער וואַנט ביי וועלכער עס זענען דער־שאָסן געוואָרן 30 יידישע יונגע מיידלעך. בלויז איינע פון זיי האָט זיך אין דער לעצטער רגע געראַטעוועט, דורך אויסגראָבן אַ לאָך הינטער דעם פלויט און אַנטלאָפן. אַ צווייט בילד האָבן מיר געמאַכט ביי אַן אַלטע, איינגעבראָכענע מצבה וואָס איז אַמאָל געשטאַנען ביים פלויט. אויף איר איז נאָר געווען אָנגעשריבן „באָריס פון ווילנע". נאָר מיר האָבן געוווסט די געשיכטע און דעם היסטאָרישן ווערט פון אָט דער מצבה: געווען איז עס אין די נאָך־רעוואָלוציע יאָרן פון 1905. אויף דער אַרבעטער־גאַס האָט געהערשט דעפּרעסיע און מוטלאָזיקייט. די רעאַקציע האָט טריומפירט. דעמאָלט האָט דער צ. ק. פון „בונד" אַראָפּגעשיקט קיין שעדלעץ איינעם אַ סטודענט פון ווילנע, ער זאָל צוריק אויפלעבן די פּאָליטיש־פּאַרטיייִשע אַרבעט אין דער געגנט. געוווינט האָט ער אין אַ קאָנספּיראַטיווע דירה, אין אַ בוידעם־שטיבל אויף אָגראָדאָווע גאַס, שפּעטער שענקעוויטשאַ — קאָנטאַקט האָט ער געהאַט נאָר מיט איינציקע וויכטיקע פּאַרטיי־טוער. אַזוי האָט ער אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט. נאָכן אָפּזיין אַ שטיקל צייט אין שעדלעץ, האָט ער טאַקע די אַרבעט ווידער אויפגעלעבט. פלוצעם האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די אָכראַנע איז געפאַלן אויף זיינע שפּורן, האָט דער שעדלעצער קאָמיטעט פון „בונד" באַשלאָסן, אַז אויף אַ געוויסער צייט זאָל ער אַוועקפאָרן פון שטאָט, אויף אַ פּלאַץ, ווו ער זאָל זיין זיכערער. אויף דורכצופירן די זאַך, מעז זאָל אים אין געהיים דורך אַן אונטערוועג פירן צום באַן, איז באַשטימט געוואָרן אַ חבר. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז

דער „חבר־אונטערפירער" האָט אים אַזוי געפירט, ער זאָל אַריינפאַלן צו דער אָכראַנע אין די הענט. מ׳האָט אים אַרעסטירט און איינגעזעצט אין תפיסה.

דער אַרעסט האָט דעמאָלט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק אויף די בונדיסטן. כדי נישט צו באַשווערן די באַשולדיקונג און עס זאָלן נישט אַריינפאַלן נאָך מענטשן, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז קיינער מעלדעט זיך נישט צו אים, קיינער בעט נישט קיין זעאונג אא״וו. נאָר איינמאָל האָט דער חבר באַריס דערהאַלטן אַ פּעקל עסנוואַרג אין תפיסה אַריין. ער האָט עס נישט געוואָלט אָננעמען ביז מ׳וועט אים נישט זאָגן ווער האָט דאָס געשיקט? ווי שרעקלעך דערשטוינט איז ער געוואָרן ווען מען האָט אים געמאָלדן, אַז דער שיקער איז עס דער, וואָס האָט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דער אָכראַנע. אין שרעקלעכער פאַרצווייפלונג און אַלס פּראָ־טעסט קעגן דעם אויסוואורף, איז דער חבר באַריס באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אויפהענגען זיך אין זיין תפיסה־קאַמער. די נאַטשאַלסטוואָ האָט שוין איצט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַן אַקטיווער טוער פון דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג און זי האָט אָנגענומען אַלע פאַרזיכטס־מיטלען, אַז די לוויה זאָל דורכגעפירט ווערן אין טיפער געהיימעניש, כדי נישט צו געבן קיין מעגלעכקייט דעם "בונד", ער זאָל צוגרייטן אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַ־ציע. די לוויה איז פאָרגעקומען צווי ביי נאַכט און דער גאַנצער וועג פון תפיסה ביזן בית־עולם איז געווען באַשטעלט מיט זשאַנדאַרמעריע, דאָך איז איניקע בונדיסטן געלונגען פון אַ באַהעלטעניש צו זען דעם פאַרלויף פון דער לוויה. (צווישן די בונדיסטן איז אויך געווען אברהם זיגלוואַקס, מיט וועמען מיר איז נאָך אויסגעקומען צו טרעפן זיך ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איך בין שוין געווען דער דריטער דור בונדיסטן אין שעדלעץ). דער טויטער קערפּער פון דעם יונגן רעוואָלוציאָנער איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער „חברה־קדישא, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז לויטן ייִדישן דין — ווי אַ זעלבסטמערדער, קומט אים צו לייגן ביים פּלויט. ס׳איז אַוועק לאַנגע יאָרן, ביז דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן, ווען די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט לעגאַל אויפגעלעבט, האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין שעדלעץ געשטעלט אַ מצבה דעם אומבאַקאַנטן מאַרטירער. אַזוי איז טאַקע אויפגעשריבן געוואָרן אין פּשוטן ייִדיש:

„חבר באַריס פון ווילנע — 1908,

קאָמיטעט פון „בונד" אין שעדלעץ."

אָבער די צייט שטייט נישט, „דור הולך ודור בא", מענטשן שטאַרבן

די מצבה פון חבר באַריס — פון ווילנע

ב״ה. דער בית־עולם איז געוואָרן צו קליין, מען האָט אים געמוזט פאַר־גרעסערן. איז שוין באָריסעס קבר אויסגעקומען אין דער מיטן פון בית־עולם. נאָר דער בית־דין של מטה — די בעלי־בתים פון שעדלעצער בית־עולם האָבן געהאַלטן, אַז באָריס איז נישט ראוי צו ליגן אין סאַמע מיטן, האָבן זיי איבער־געלאָזט עטלעכע ברעטלעך, ס׳זאָל הייסן, אַז ער ליגט נאָך אַלץביים פּלויט. יעדעס מאָל, ווען בונדיסטן זענען געקומען אויפן בית־עולם זענען די ברעטלעך אַרויסגעריסן געוואָרן, אָבער „לא ינום ולא יישן שומר ישראל״, די ברעטלעך זענען זאָרגעוודיק צוריק געשטעלט געוואָרן. אַזוי איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער קאַמף אַרום דעם קבר פון אומבאַקאַנטן קעמפער, ביז עס זענען געקומען דייטשישע אָדער פּוילישע וואַנדאַלן און זיי האָבן זיך שוין ענדגילטיק אָפּגערעכנט מיט באָריסן דעם בונדיסט און ייד.

נאָך אַ צעוואָרפן קבר האָבן מיר פאָטאָגראַפירט. דעם קבר פון אַברעמל שטריקער (ראָזנבוים). דער געוועזענער פאָרזיצער פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון „בונד״, וועלכער איז געשטאָרבן נאָך אַ רעפעראַט וואָס ער האָט גע־

האַלטן אין שעדלעץ. ער האָט שוין געהאַט מער מזל, זיין קבר איז געווען אינמיטן, נאָר ביים צעברעכן האָבן די בעסטיעס נישט געמאַכט קיין אונ־טערשייד ווו זיי זענען געשטאַנען.

די מצבה פון אברעמל שטריקער (ראָזנבוים)

פון פייער אין וואַסער

כאָטש ס'איז געווען אַ גרויסע סכנה צו פאָרן מיט די באַנען אין יענער צייט: כמעט יעדן טאָג האָט מען געהערט ווי מען שטעלט אָפּ די באַנען אין מיטן וועג, מען שלעפּט אַרויס די ייִדן און מען דערהרגעט זיי. דאָס אַלץ האָט געטאָן די א. ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ), די אַרמיי, וואָס איז געווען אונטער דער השפּעה פון דער לאָנדאָנער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג. האָבן מיר דאָך באַשלאָסן צוצופאָרן קיין מעזריטש — די אַמאָליקע בערש־טער־שטאָט, ווו עס האָבן געוווינט עטלעכע ייִדישע משפּחות, וועלכע האָבן דאָרט איינגעאָרדנט אַ בערשטער־קאָאָפּעראַטיוו. צווישן זיי האָט זיך גע־פונען מיינע אַ קוזינע און אַ קוזין. מיר — איך און מיין פרוי, וועלכע איז געווען מיט מיר אין שעדלעץ, האָבן געהאַט בדעה זיך צוזאַמענצורעדן

מיט מײַנע קוזינען, אַז מיר זאָלן צוזאַמען פאַרלאָזן פּױלן. מיר האָבן געװאָלט צוזאַמענעמען די רעשטלעך פון אונדזער משפּחה און זיך לאָזן װײַטער אין װעג אַרײַן. אין מעזריטש האָבן מיר געטראָפן אונדזער קוזינע מיט איר מאַן און דעם קוזין, װעמענס פרױ און קינד זענען געװען אין נידערשלעזיע. װי שױן דערמאָנט, איז דער קוזין מיט זײַן פרױ געװען פּאַרטיזאַנער אין די מינסקער װעלדער און דאָרט געראַטעװעט זײער לעבן. אונדזער פרײד איז געװען אומגעהױער גרױס, װאָס מיר האָבן דערלעבט זיך װידער צו טרעפן. מיר האָבן אַרומגעשמועסט דעם ענין װעגן אונדזער צוזאַמענדיקן אַרױספאָרן. נאָר מײַן קוזין האָט נאָך געדאַרפט דערלײדיקן געװיסע ענינים אין ביאַלע פּאָדלאַסקי — זײַן פרױס געבױרן־שטאָט, האָט ער געדאַרפט דאָרט צופאָרן און באַלד נאָך דעם װעלן מיר זיך טרעפן אין נידערשלעזיע און פון דאָרט אַרױספאָרן.

דערװײַל האָב איך זיך געװאָלט דערװיסן מער פּרטים װעגן אַ טײל פון מײַן משפּחה װאָס איז אומגעקומען אין מעזריטש. אָט װאָס עס האָט מיר דערצײלט אַ פּױלישע פרױ, אַ באַקאַנטע נאָך פון די פריערדיקע יאָרן: היות מעזריטש איז געװען אַ „ייִדנשטאָט", ד. ה. מען האָט דאָ קאָנצענטרירט די ייִדן פון דער אַרומיקער געגנט, כדי מען זאָל זײ לײַכטער קאָנען ליקװי־

מײַן ברודער און שװעגערין — הערשל און רכטשע



מיין שוועסטער און שוואָגער רוזע און מאיר

זייערע צוויי קינדער שלמהלע און שיינדעלע

דירן. אגב, די ייִדן אַליין האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ טובה. מיט מער ייִדן וועט זיין זיכערער. זענען דעמאָלט געקומען פון וואַרשע מיין שוועסטער מיט אירע צוויי קינדער און מיין ברודער. אין מעזריטש האָבן מיר געהאַט קרובים: מיין מוטערס אַ שוועסטער און אַ ברודער, מיין שוואָגער און די שוועגערין האָט שוין מסתמא נישט געלעבט.

בעת דער ערשטער אַקציע האָט מען אַרויסגעפירט מיין מומען אויפן מאַרק און זי געשאָסן. ווען מען איז געקומען נעמען מיין ברודער האָט ער נישט געוואָלט גיין, זאָגנדיק: „איר קאָנט מיט מיר טאָן אַלץ, וואָס איר ווילט דאָ אויפן אָרט" און טאַקע דאָ, ביי מיין מומען אין שטוב האָט מען אים דערשאָסן. מיין שוועסטער מיט אירע צוויי קינדער האָבן נאָך געלעבט אין לאַגער ביז דער לעצטער אַקציע. די זעלבע פּוילישע פרוי האָט איר אריינדערלאַנגט ברויט — דורך דעם פּלויט פון לאַגער, ווו עס זענען געזעסן די לעצט־איבערגעבליבענע ייִדן — מיין שוועסטער האָט איר אַרויסגעגעבן אַ קישן דערפאַר. נאָר די פּרטים האָב איך זיך דערוווּסט.

מיר האָבן איבער געגעכטיקט אין מעזריטש און צומאָרגנס גאַנץ פרי האָט זיך מיין קוזין געזעגנט מיט אונדז, צוזאָגנדיק, אַז נאָך דעם זעלבן טאָג קומט ער צוריק. פיר ייִדן זענען זיי געפאָרן אויף דעם צוג, צוויי מענער און צוויי פרויען. ווען דער צוג האָט זיך דערנעענטערט צו ביאַלע־פּאָדלאַסקי ווו עס זענען פאַראַן געדיכטע וועלדער, האָט מען דעם צוג אָפּגעשטעלט. א. ק.־באַנדיטן האָבן באַפוילן אַלעמען אַרויס צו גיין און גלייכצייטיק געמאָלדן, אַז דאָ געפינען זיך פיר ייִדן. מיין קוזין — אַן אַלטער פּאַרטיזאַן, האָט באַלד פאַרשטאַנען זיין לאַגע און האָט אָנגעהויבן לויפן אין וואַלד אַריין. שוין נאָענט פון וואַלד האָט ער זיך אַ רגע אומגעדרייט צו זען, וואָס זיי טוען מיט די איבעריקע, דעמאָלט האָבן זיי צו אים אויסגעשאָסן אַ גאַנצע סעריע קוילן פון אַן אויטאָמאַט און ער איז געפאַלן אַ טויטער. אויך איינע פון די צוויי פרויען איז דערשאָסן געוואָרן. די איבעריקע צוויי האָבן זיך עפּעס על־פּי־נס געראַטעוועט. די בשורה איז באַלד אָנגעקומען קיין מעז־ריטש, נאָר מען האָט מיר נישט דערציילט. עפּעס האָב איך באַמערקט, אַז מען קוקט אויף מיר מיט באַדויערן, נאָר כ'האָב נישט געוווּסט וואָס דאָס באַטייט. אַרום 2 בייטאָג, זענען מיר אָפּגעפאָרן פון מעזריטש אויף אונדזער וועג קיין שעדלעץ. אָפּפאָרנדיק אַ געוויסע צייט לעבן לוקאָוו ביי אַ וואַלד, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט און מ'האָט געהייסן אַלע פּאַסאַ־זשירן אַראָפּ גיין. ס'איז פאַר אונדז נישט געווען קיין ספק, אַז דאָס איז

ווידער אַן אָנפאַל פון דער א. ק. זענען מיר, איך און מיין פרוי, די איינציקע ייִדן אין דעם צוג, נישט אַרויס פון וואַגאָן. מיר זענען געזעסן אין טויט־פחד און געוואַרט וואָס ווייטער וועט געשען. אונדזער געמיט קאָן מען זיך פאָרשטעלן. דאָס האָט געדויערט בערך אַ 15 מינוט. אַלע פּאַליאַקן פון אונדזער וואַגאָן וועלכע האָבן שוין געוווּסט וואָס אין דער פרי איז געשען אויף דעם זעלבן צוג, אויף זיין וועג קיין ביאַלע און זענען געווען זיכער, אַז דאָ חזרט זיך עס איבער — האָבן זיך צוגעקוקט און געשוויגן. זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מיר זענען נישט אַרויס פון וואַגאָן. איך מיט מיין פרוי זענען געזעסן פאַרשטיינערטע, נישט אויסגערעדט צווישן זיך קיין וואָרט. מיר האָבן געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין און געציילט די מינוטן. נאָר פּלוצעם זעען מיר ווי די מענטשן קומען צוריק אַרויף אין די וואַגאָנעס, מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל ווי מיר וואָלטן אויפגעשטאַנען תחית־המתים. באַלד האָב איך זיך דערוווּסט וואָס דאָ איז געשען: ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ האָט מען געפירט אַן אַרעסטאַנט, ער איז אַריין אין קלאָזעט און קומענדיק צום וואַלד האָט ער געעפנט דאָס פענצטער און איז אַרויסגעשפּרונגען, אַנטלויפנדיק אין וואַלד אַריין. די פּאָליציי האָט אים נאָכגעיאָגט, אָבער נישט געכאַפּט און דער צוג איז געפאָרן ווייטער.

אָנקומענדיק קיין לוקאָוו האָבן מיר געוואָלט אַראָפּ פון דער באַן. מיר האָבן מורא געהאַט צו פאָרן ווייטער. נאָר מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין לוקאָוו געפינט זיך נישט קיין איין ייִד און מיר וועלן נישט האָבן וווּ איבער צו נעכטיקן. אויף די בליקן פון דער באַן־פּאָליציי זענען נישט געווען צו פאַרגינטלעך. האָבן מיר נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו פאָרן ווייטער ביז שעדלעץ. ווידער אין אַ וואַלד, ביי אַ דאָרף, האָט זיך דער צוג געשטעלט און גראָד דאָ האָט מען מיט אַ וואָך פריער דערשאָסן אַ ייִד. ווידער זענען מיר געזעסן מיט פחד. דאָ איז דער צוג געשטאַנען ביי אַ האַל־בער שעה. די סיבה ווייס איך ביז היינט נישט. ענדלעך זענען מיר לעבע־דיקע אָנגעקומען קיין שעדלעץ.

מיר זענען אַוועק אין דער דירה ווו מיר האָבן פריער געוווינט, זיך אַ ביסל אָפּגערוט און באַרוּיקט בין איך אַראָפּ אין שטאָט זען די באַקאַנטע ייִדן. דאָ האָב איך באַגעגנט אַ ראַדזינער ייִד, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין שעדלעץ, ווו ער פלעגט דערליידיקן פאַרשיידענע ענינים וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו ראַדזין, ער האָט שטענדיק געוווּסט אַלע לעצטע

נייעסן. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער מיר באַלד אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מען האָט שוין ווידער דערשאָסן אַ מעזריטשער ייִד. ווען ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון דעם דערשאָסענעם איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן — דאָס איז געווען מיין קוזין. ווי שרעקלעך דאָס איז: ערשט היינט אין דער פרי האָב איך זיך מיט אים געזעגנט, מיר האָבן געהאַט אַזויפיל פּלענער פאַרן ווייטערדיקן לעבן און איצט איז שוין נאָך אַלעמען, אַלץ איז געענדיקט. ווידער איז אַרויסגעריסן געוואָרן אַ גליד פון אונדזער משפּחה. כ׳האָב נאָך געפּרוּווט זוכן אַ וועג צו פאָרן אויף דער לוויה. נאָר, נאָך דער לעצטער נסיעה האָב איך זיך שוין נישט געפילט בכח עס צו טאָן.

נאָך די לעצטע טראַגישע איבערלעבונגען, זענען מיר צומאָרגנס שוין ענדגילטיק און אויף שטענדיק אָפּגעפאָרן פון שעדלעץ.

צוריק אין נידערשלעזיע

צוריק פאָרנדיק האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע טעג אין וואַרשע, ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט זיין די ערשטע אָנצוזאָגן די שרעקלעכע בשורה דער משפּחה פון מיין קוזין, וועלכע האָט זיך געפונען אין נידערשלעזיע, דעמאָלט איז שוין ביי אונדז רייף געוואָרן דער געדאַנק צו פאַרלאָזן פוילן. די פראַגע איז נאָר געווען צי מיר זאָלן פאָרן אין די דייטשישע לאַגערן און פון דאָרט איז שוין דער וועג געווען אָפן אין דער פרייער וועלט. נאָר כ׳האָב נישט געוואָלט באַטרעטן די פאַרשאָלטענע דייטשישע ערד. כ׳בין גרייט געווען בעסער צו וואַרטן, כדי צו קאָנען גלייך פון פוילן אַרויסצופאָרן אין איינער פון די מערב־אייראָפּעיִשע לענדער. זענען מיר דערווייל צוריק געפאָרן קיין נידערשלעזיע איבער צו וואַרטן די צייט, ביז דער ענין וועט ווערן אַקטועל. נאָר אונדזער נסיעה האָט זיך פאַרצויגן. מען האָט געדאַרפט צוגרייטן וויזעס און אַנדערע דאָקומענטן, בין איך דערווייל — דורך אונדזערע פאַרטיי־אינסטאַנצן געשיקט געוואָרן קיין ריכבאַך אויף געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

יענע צייט איז געווען אַ סעזאָן אויף פאַרשידענע שליחים. עס זענען געקומען אַ סך שליחים צו פירן פראָפּאַגאַנדע מען זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל. צוליב זיינע פּאָליטישע אויסרעכענונגען איז דער ראַטן־פאַרבאַנד דעמאָלט געווען פאַראינטערעסירט אין דער פראָפּאַגאַנדע. אין נידערשלעזיע — ריכבאַך, איז דעמאָלט אַרויסגעטרעטן י. גרינבוים און ער האָט

גערופן די בונדיסטן, אַז אויך זיי זאָלן פאָרן קיין ישראל. ער האָט דעמאָלט פּאַטעטיש אויסגערופן: איר בונדיסטן, וואָס האָבן זיך אין ענדעקיש־סאַנאַטאָרישן פּוילן נישט געשראָקן צו קעמפן פאַר רעכט פון דער יידישער קולטור, וועט אייך זיכער אין אונדזער אייגן לאַנד — ארץ־ישראל דער דאָזיקער קאַמף זיין אַ סך לייכטער... עס זענען אויך געקומען די חברים ה.וו—ר און א.סט—ר. ביידע פירער פון פאַרמלחמהדיקן „בונד״. ביידע האָבן זיי געגלויבט באמת, אַז אין פּוילן וועט זיין אַ גרעסערער יידישער יישוב, אַז פּוילן וועט זיין אַ דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטיש לאַנד, ווו קאָמוניסטן און לינקע סאָציאַליסטן וועלן געמיינזאַם און האַרמאָניש צוזאַמענאַרבעטן. נאָר ווי די צייט האָט באַוויזן איז עס געווען אַ טעות.

אָבער פון דער אַרבעט האָב איך נישט געהאַט קיין באַפרידיקונג, ווייל כ׳האָב געהאַלטן, אַז די אַרבעט האָט נישט קיין ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון, אַז דאָס אַלץ איז נאָר צייטווייליק, ווייל קאָמוניסטישע רעזשימען ליידן נישט קיין פאַרשיידענע פּאַרטיי־סיסטעמען און סוף־כל־סוף וועלן זיי אַלץ איינשלינגען...

אָפט זענען די דיסקוסיעס אין דער פּאַרטיי געווען אייגזייטיקע און האַלב־שטומע. ווייל דער צד וואָס האָט געהאַלטן, אַז עס וועט בלייבן אַ גרעסערער יידישער יישוב אין פּוילן און מיר וועלן קאָנען פירן אַ נאָרמאַלע טעטיקייט, — האָבן געקאָנט רעדן, אָפילו שרייען אויפן קול, דאַקעגן מיר, די „פּעסימיסטן״ האָבן געמוזט שווייגן, אָדער רעדן שטיל, ס׳זאָל נישט דערגיין ערגעץ צו־ווייט.

אמת, ס׳פלעגט טרעפן, אַז דווקא אַ סך פון די הויך־שרייערס זענען ביי נאַכט נעלם געוואָרן אויף דער צווייטער זייט גרענעץ, אַריבער אין די דייטשישע לאַגערן...

היות איך בין שוין געווען דעצידירט צו פאַרלאָזן פּוילן, כ׳האָב זיך געגרייט אָפּצופאָרן און כ׳האָב נישט געוואָלט האָבן קיין שטערונגען, האָב איך אָפט געמוזט פאַרשווייגן זאַכן מיט וועלכע איך בין נישט מסכים געווען. נאָר זייענדיק אַקטיוו אין דער פירערשאַפט האָט מען געמוזט רעדן דייטלעך און קלאָר. דאָ אין ריכבאַך האָב איך עס נישט געקאָנט טאָן. בין איך אַריבערגעפאָרן קיין קלאָצקאָ. אַ קלענער אָרט מיט ווייניקער יידן. דאָ בין איך ווידער געווען אַקטיוו אין דער פּאַרטיי און אין יידישן קאָמיטעט ווי אַ פאָרשטייער פון „בונד״. סיידוי בין איך דאָ געווען אויפן אויג פון דער או. ב. מיינע בריוו זענען געעפנט געוואָרן נאָך איידער זיי זענען דער־

גאַנגען צו מיר... עס דערמאָנט זיך אַ פאַקט: פון אַמעריקע איז אָנגעקומען אַ קאַסטן מיט ביכער, צוליב אַ סיבה איז ער אַריינגעפאַלן צו דער או. ב. ביים אָפּנעמען זיי פון דאָרט, האָב איך נאָכגעקוקט די רשימה און באַמערקט, אַז איין בוך „וועגן עטישן סאָציאַליזם" פעלט. ס'איז זעט אויס, געווען טריפה ביים צענזוריסט. (אגב, איז ער היינט אין ישראל און טראַכט מסתמא אַ ביסל אַנדערש...)

פון קלאַצקאָ בין איך — אין אַפּריל 1948 — דורך וואַרשע אָפּגעפאָרן קיין שוועדן. אין יענער צייט איז פאָרגעקומען דער לעצטער צוזאַמענפאָר פון „בונד", וועלכער האָט געדאַרפט באַשליסן וועגן פאַראייניקן זיך מיט דער פּ.פּ.ר. (פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי). אין דער אמתן איז דאָס געווען דער ליקווידאַציע־צוזאַמענפאָר פונעם „בונד" אין פּוילן. איך האָב געדאַרפט זיין אַ דעלעגאַט. נאָר צו מיין מזל האָב איך דאָס אויסגעמיטן... ווייל דעם זעלבן טאָג בין איך אָפּגעפאָרן קיין שוועדן.

שוועדן

די ערשטע צייט האָבן מיר געוווינט הינטער שטאָקהאָלם אין קומלאַ־אַליי אין אַ הויז וואָס האָט געהערט צום „יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט" וואָס איז געווען טעטיק אין שטאָקהאָלם. אין דעם הויז האָבן געוווינט 15 משפחות און אַזעלכע פּונקטן זענען געווען עטלעכע אין שוועדן. די אַלע משפחות האָבן געהאַט טראַנזיט־וויזעס צו פאָרן וויטער — אַרויס פון אייראָפּע. כאָטש שוועדן וואָס איז איינע פון די דעמאָקראַטישסטע מדינות אין דער וועלט, האָט אונדז פריינטלעך אויפגענומען. מיר האָבן דאָ געהאַט רעכט צו אַרבעטן אָן שום באַגרענעצונגען (נישט ווי אין דער שווייץ), אפילו ביי־געקומענע עלטערע מענטשן האָבן זיך דאָ געקאָנט איינאָרדענען. מיט אונדז צוזאַמען איז געקומען אַ משפחה קאַגאַן פון ווילנע, דער מאַן איז שוין אַלט געווען 64 יאָר, פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט און אַפילו זיך דערוואַרט אויף דער עלטער־פּענסיע. פון דער פּענסיע קאָנען זיי זיך דערלויבן יעדעס יאָר צו מאַכן אַ רייזע קיין אויסלאַנד. בעת זייער זיין אין ישראל איז שוין דער מאַן אַלט געווען 76 יאָר. דאָס רויִקע שוועדן, וואָס שוין 170 יאָר האָט עס זיך נישט באַטייליקט אין קיין מלחמה און בעת דער 2־טער וועלט־מלחמה האָט מען דאָ נישט געהערט קיין איין שאָס, האָט פונדעסטוועגן זייער נאָענטקייט צו דייטשלאַנד און צו די לענדער

פון מזרח־בלאָק — געשראָקן און מען האָט געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון זיי, וואָס ווייטער פון אייראָפּע, ווו אַזעלכע רציחות האָבן געקאָנט געשען. נאָר דערווייל, האָבן די פּליטים זיך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט. אין שוועדן איז נישטאָ קיין אָרט פאַר „לופט־פּרנסות״. נאָר יחידים האָבן געפּרוווט לעבן נישט פון אַרבעט.

אין שוועדן גופא איז די שנאה צו די דייטשן געווען זייער גרויס. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די דייטשע שפּראַך דאָרט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט סיי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין די שולן. איצט איז אַלץ פאַרביטן געוואָרן אויף ענגליש. אויף אַלע מיינע פראַגן, וואָס איך האָב די ערשטע צייט געפרעגט אויף דייטש, האָט מען מיר געענטפערט אויף ענגליש. שוועדישע אַרבעטער מיט וועמען איך האָב געאַרבעט צוזאַמען האָבן מיר געזאָגט, אַז נאָך איצטער קאָנען זיי נישט פאַרשטיין: וויאַזוי האָט מען עס געקאָנט ברענען לעבעדיקע מענטשן? דאָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ שרעקלעכן האַס צו די דייטשן. (אפשר מער ווי ביי אַ טייל ייִדן).

מיין ערשטער אַרבעטס־פּלאַץ

ווען איך בין אָנגעקומען אַרבעטן דעם ערשטן טאָג אין אַן אַרמאַטור־פאַבריק און איך האָב נאָך נישט געקאָנט קיין וואָרט שוועדיש, האָט מען מיר צוגעשיקט אַ מענטש וואָס האָט געקענט רוסיש און ער איז געוואָרן דער פאַרבינדלער צווישן מיר און די שוועדן. אַ סך זאַכן האָבן מיר דאָ אויסגעזען מאָדנע. ס׳איז געווען איינער וואָס האָט געררימט די פאַבריק, פאַר פרישטיק אָדער מיטאָג האָט ער אויך צוזאַמענגענומען געלט ביי די אַרבעטער צו קויפן יעדערן וואָס ער פאַרלאַנגט. נאָך דער אַרבעט פלעגן זיך אַלע אַרבעטער טרעפן אין דער שאַטניע, ווו יעדער האָט געהאַט זיין שאַפקע פאַר די מלבושים, נאָר דעם אויפרוימער האָב איך קיינמאָל נישט געזען אַהיים גיין. דאָס האָט מיך אינטריגירט. ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען איך האָב אים איינמאָל געזען זיך איבערטאָן אין אַ שוואַרצן פראַק מיט זיידענע קלאַפּעס, מיט אַ הויכן צילינדער, ווי אַן ענגלישער לאָרד. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר שוועדן. ביי דער אַרבעט טוט יעדער וואָס ער טוט, נאָך דעם איז יעדער אַ שטאָלצע פערזענלעכקייט.

דערווייל זענען מיר אַריבער וווינען אין אַ פּריוואַטער וווינונג אין שטאָקהאָלם גופא, ווו מען האָט געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש

צו ווינען. מיר, די ניי־געקומענע האָבן ביים באַקומען די וויזע אונטערגע־
שריבן, אַז מיר וועלן נישט ווינען אין די דריי גרויסע שוועדישע שטעט:
שטאָקהאָלם, מאלמא און געטנבורג. דער פאַרבאָט איז נישט געווען מחמת
דיסקרימינאַציע, נאָר וויל עס האָט אויסגעפעלט דירות אַפילו פאַר שווע־
דישע בירגער אַליין. נאָר איך האָב דאָ אויסגענוצט אַ פּאַרטייִשע פּראָ־
טעקציע: ח׳ פאול אלבערג, וואָס איז געווען דער סעקרעטאַר פון „יידישן
אַרבעטער־קאָמיטעט״ איז געווען נאָענט באַפריינדעט מיטן שוועדישן אי־
נערן־מיניסטער און ער האָט פאַר אונדז אויסגעפועלט אַ דערלויבעניש
צו ווינען אין שטאָקהאָלם. איך בין אַריבער אַרבעטן אין אַ צווייטער
מעטאַל־פאַבריק — „באַלטיק״, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ שטעטל
הינטער שטאָקהאָלם — סעדיטעליאַ. דאָ האָב איך געטראָפן עטלעכע פּאָ־
ליאַקן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פּוילן נאָכן קריג. זייער פאַרגאַנגענהייט
און זייער אויפפירונג בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע האָט קיינער נישט
געוווּסט.

איך האָב נישט געפילט, אַז איך בין איין ייִד אין דער גאַנצער פאַבריק,
אַזוי איז געווען די באַציונג און באַנעמונג צו מיר. אין דער זעלבער צייט
איז פאָרגעקומען דער בערנאַדאָט־מאָרד אין ישראל, די סאָציאַליסטישע
צייטונג איז אַרויס מיט אַ גרויסן אַרטיקל אויף דער ערשטער זייט: אַז
דאָס ייִדישע פאָלק האָט נישט קיין שייכות צום מאָרד, נאָר דאָס האָבן אויס־
געפירט אַ גרופּע טעראָריסטן אָנגעפירט פון אויסלאַנד. דאָס האָט טאַקע
באַרויקט די געמיטער. דעם אמת געזאָגט האָב איך זיך צומאָרגנס געשעמט
גיין צו דער אַרבעט, נאָר ווען איך בין געקומען אין פאַבריק איז די שטי־
מונג געווען אַ געמיטלעכע. איך האָב געזען ווי די אַרבעטער האַלטן אין
הענט די סאָציאַליסטישע צייטונג, זיי האָבן געהאַלטן אין רעדן וועגן דעם
ענין, נאָר ווען איך בין אַריינגעקומען האָבן זיי איבערגעריסן, כדי איך
זאָל זיך נישט פילן אומבאַקוועם. דאָ האָב איך פאַרשטאַנען ווי אַ סאָציאַ־
ליסטישע פּאַרטיי דאַרף האַנדלען, כדי צו צוימען נאַציאָנאַליסטישע העצע
און שנאה.

איך טויש מיין אַרבעטס־פּלאַץ

איך בין אַריבער אַרבעטן אין דער פֿאַבריק א.ע.ג., וווּ מ׳האָט אויסגעאַרבעט עלעקטרישע מכשירים, און אין וועלכער עס זענען געווען באַשעפטיקט אַן 800 אַרבעטער. דאָ האָב איך שוין געטראָפן אַ גאַנצן „אינטערנאַציאָנאַל״: ס׳האָבן געאַרבעט אַ גרעסערע צאָל ייִדן, אַ גרופּע פּאָליאַקן, עסטן, לעטן. דאָ האָט מען געהערט אַ סך שפּראַכן, צום ווינציקסטן — שוועדיש. די פֿאַבריק איז געווען זייער מאָדערן איינגעאָרדנט. ביי דער אַרבעט איז מען געזעסן ווי אין אַ טעאַטער־זאַל, דער ראַדיאָ האָט געשפּילט. ס׳איז געווען אַ זייער פֿיינער רעסטאָראַן, יעדע נאַציע האָט זיך איינגעאָרדנט אירע באַזונדערע טישן. אויך די ייִדן זענען געזעסן אַלע צוזאַמען און באַלד האָט זיך געשאַפֿן אַ וואַרעמע ייִדישע סביבה. ביים עסן האָבן ייִדן געמאַכט פּאָליטיק. כמעט אַלע האָבן זיך געגרייט צו פֿאָרן ווייטער, האָט מען געמאַכט פּלענער. דער גרעסטער טייל איז געווען ציוניסטיש געשטימט און זיי האָבן זיך געגרייט צו פֿאָרן און זענען געפֿאָרן קיין אַמעריקע... נאָר איך — דער אַנטי־ציוניסט — האָב גאָר געוואָלט פֿאָרן קיין ישראל. דער רוב פֿון דער גרופּע פּאָליאַקן זענען געווען אַקאָוצעס, אָפּט האָבן זיי דאָס אַרויסגעוויזן. נישט איינער פֿון זיי האָט געהאַט אויף זיין געוויסן פֿאַרגאָסן ייִדיש בלוט. נאָר איינער האָט דערקלערט, אַז ער איז אַ קאָמוניסט, נאָר פֿאַרוואָס ער איז אַנטלאָפֿן פֿון קאָמוניסטישן פּוילן האָט ער נישט געוואָלט דערקלערן. זיי אַלע האָבן זיך געגרייט צו פֿאָרן אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער: אַרגענטינע, בראַזיל און אַנדערע. אין דער פֿאַבריק האָב איך שוין געאַרבעט ביז מיין אַרויספֿאָרן פֿון שוועדן און ס׳איז מיר געבליבן די בעסטע זכרונות, פֿון די באַדינגונגען, און באַציִונגען, דאָרט. אינטערעסאַנט — דער הויפּט־דירעקטאָר פֿון אָט דער גרויסער, מאָדערנער פֿאַבריק איז געפֿאָרן צוזאַמען מיט אונדז — אַרבעטער אין טראַמוויי, אָדער אויטאָבוס, צו און פֿון דער אַרבעט און ווען מיר האָבן זיך געטראָפֿן ביים אַרויפֿגיין אויפֿן אויטאָבוס, האָב איך עס געמוזט זיין דער ערשטער אַרויפֿצוגיין. ביים באַגריסן זיך, האָט ער דער ערשטער געצויגן דעם הוט. הלוואי, אויף אונדזערע דירעקטאָרן געזאָגט געוואָרן...

די צאָל פֿון די ניי־אָנגעקומענע ייִדן נאָך דער מלחמה האָט מען געשאַצט בערך 9000 מענטשן. דער גרויסער רוב פֿון זיי פּוילישע ייִדן. די אַלט־איינגעזעסענע שוועדישע ייִדן האָבן געציילט נאָר 6000, דערצו זענען זיי

געוועזן אָפּגעריסן און פרעמד פון יידישע קולטור־אינטערעסן. האָבן די עמיגראַנטן געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל ביים פאַרמירן אין דעם קאַלטן שוועדן אַ ביסל יידיש קולטור־לעבן: מען האָט געשפּילט יידיש טעאַטער, מען האָט אַראָפּגעבראַנגט יידישע שוישפּילער ווי זיגמונד טורקאָוו א. א. צווישן די עמיגראַנטן האָט זיך אויך געפונען אַ גרופּע בונדיסטן, האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ יידישע ביבליאָטעק, וואָס איז געוואָרן אַ קולטור־ווינקל אויף צו טרעפן זיך עטלעכע מאָל אין וואָך, און שמועסן און דיסקוטירן. צווישן די, וואָס האָבן געטאָן אָט די נוצלעכע אַרבעט האָבן זיך געפונען אָנטיילנעמער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. די זעלביקע הענט וואָס האָבן — ווען ס׳איז נויטיק געוועזן, געהאַלטן אַ רעוואָלווער און אַ האַנט־גראַנאַט, זענען איצט געזעסן אין דער ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון ש. מענ־דלסאָן, אין שטאָקהאָלם, וואַלגאַטאָן 21 און אַרויסגעגעבן ביכער צום לייענען.

אין דעם הויז פון דער שוועדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ווו עס האָבן זיך געפונען די לאָקאַלן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, די רעדאַקציע פון דער פּאַרטיי־צייטונג, דער צ. ק. א. א. אינסטיטוציעס, איז אָפּגעגעבן געוואָרן עטלעכע צימערן פאַר אונדזערע פאַרזאַמלונגען איין מאָל אין וואָך. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז די מעכטיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס איז אויך די רעגירנדיקע אין לאַנד, דער סעקרעטאַר פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז געווען דער פּרעמיער־מיניסטער. פינאַנסיעל זענען זיי נישט באַגרענעצט. דאָך האַלטן זיי אויף אַלע זייערע צענטראַלע אינסטיטוציעס אין איין הויז. פאַרגלייכט דאָס, מיט דעם וואָס מיר זעען אין אונדזער קליין לענדל, וואָס לעבט פון קצבה, ווו מען בויט ריזיקע פּאַר־טיי־לאָקאַלן וועלכע פוסטעווען...

די שוועדן זענען נישט רעליגיעז. זונטיק קאָן מען זען אַזאַ בילד: אויף די צענטראַלע גאַסן שטעלט זיך אָפּ אַן אָרקעסטער שפּילן מוזיק, מענטשן שטעלן זיך אַרום הערן. נאָר פּלוצים ווערט די מוזיק שטיל און עס באַווייזט זיך אַ גלח וואָס נעמט שטראָפן דעם עולם, פאַרוואָס מען גייט נישט אין קירכע אא״וו. ווי נאָר ער הויבט אָן רעדן, גייט זיך דער עולם פונאַנדער מיט אַ געלעכטער. ווען דער רעדנער בלייבט אַליין, נעמט ער דעם אָרקעסטער און גייט פּרוּוון מזל אויף אַ צווייטער גאַס... „ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך״. אויך די שוועדישע יידן זענען נישט צו שטאַרק גאַטפאַרכטיק. ווען ס׳האָבן זיך דערנעענטערט די ימים־נוראים האָט מיך אינטערעסירט

ווי אַזוי די איינגעזעסענע שוועדישע ייִדן בעטן זיך אויס אַ ניי גוט־יאָר. (די פּוילישע ייִדן האָבן געהאַט אַ באַזונדערע שול צום דאַווענען, וועלכע מען האָט טאַקע גערופן „די פּוילישע שול״). אַזוי זעט עס אויס: יום־כּיפּור ביי נאַכט, צו כּל־נדרי קומט מען צופאָרן — ווער מיט אַן אייגענעם אויטאָ און ווער מיט אַ טראַמוויי, אָדער אויטאָבוס — אין שול אַריין. דער עולם הערט אויס וואָס דער חזן זינגט. אויף דער גאַלעריע זינגט אַ פּרויען־כאָר. אַ טייל זענען קריסטלעכע מיידלעך. עס שפּילט אַן אָרגל. עס מאַכט גיכער אַן איינדרוק ווי מען וואָלט דאָ געשפּילט אַן אָפּערע מיטן נאָמען ״כּל נדרי״. מיט דעם איז די תּפילה געענדיקט און דער עולם פאָרט זיך פונאַנדער. די שול בלייבט ליידיק. דער שמש — נישט קיין ייִד — טוט אויס דעם הויכן צילינדער און אין בלויזן קאָפּ שפּאַצירט ער איבער דער שול, מאַכט אַ ביסל אָרדענונג און ביי יעדן זיץ־פּלאַץ לייגט ער אַוועק אַ געדרוקטן פּראָגראַם — וואָס עס וועט פאָרקומען, וואָס מען וועט שפּילן מאָרגן — ד. ה., יום־כּיפּור. צו מאָרגנס נאָך שחרית מאַכט מען אַ לענגערן איבעררייס — וויזט אויס, כּדי צו האָבן כּח ווייטער צו פאַסטן, ערשט שפּעטער קומט מען פאַרענדיקן דאָס דאַווענען... בכלל זענען אין שוועדן פאַראַן זאַכן, מיט אַנדערע מינהגים און שטייגער, וואָס אונדז פּוילישע ייִדן, זעען זיי אויס גאָר מאָדנע: די סעקרעטאַרין אין דער שטאָקהאָלמער ייִדישער קהילה — איז אַ קריסטין, ווען אין 1־טן מאַי פאַלט אַ רעגן, ווערט די דעמאָנסטראַציע אָפּגעלייגט אויף אַ צווייטן טאָג, ווען ס׳וועט זיין אַ שיינער וועטער. בכלל איז דער 1־טער מאַי ביי די שוועדישע אַרבעטער נישט קיין טאָג פון קאַמף, נאָר אַ טאָג פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט מיט די אַרבעטער אין דער וועלט. זיי האָבן שוין נישט — דוכט מיר — פאַרוואָס צו קעמפן; אַלע סאָציאַלע פאַרזיכערונגען, עלטער־פּענסיע, אַרבעטסלאָזע־שטיצע. כּמעט מען קאָן אין שוועדן נישט אָפּזאָגן קיין אַרבעטער — אַלץ האָבן זיי שוין דערגרייכט. דאָך האָט דער גרעסטער טייל ניי־געקומענע געוואָלט פאָרן ווייטער, יעדער צוליב אַן אַנדער סיבה. אויך איך, צוליב משפּחה־סיבות, האָב באַשלאָסן אַרויסצופאָרן פון שוועדן. כ׳בין געגאַנגען זיך אינפאָרמירן אין פאַרשיידענע אינסטיטוציעס אין וועלכע לענדער מען קאָן פאָרן און אומעטום זענען געזעסן מענטשן — ווי אונטערגעשטעלטע אַגענטן אויס־צופילן די אַנקעטעס. זיי האָבן זיך אויסגעפרעגט ווו מען האָט קרובים וועלכע ווילן אַריבערנעמען? וואָסער פאַך מען האָט אא״וו. ווען איך האָב זיי דערציילט, אַז כ׳האָב אין קיין לאַנד נישט קיין קרובים, נאָר גוטע פריינד

און כ׳בין אַ סטאָליער פון פאַך, כ׳האָב אַפילו מאַשינען צו דער אַרבעט, האָט מען מיר גלייך געגומען דערקלערן, אַז אין אַלע לענדער וועט מיר אויסקומען לאַנג צו וואַרטן, ביז מיין ריי וועט דערגיין. עס קאָן געדויערן אַ סך יאָרן. נאָר אין לאַנד וואַרט אויף מיר מיט אָפענע אָרעמס, דאָרט וועל איך זיך לייכט און גוט איינאָרדענען. בקיצור, איך זאָל נישט פאַר־זוימען דאָס גליק און באַלד פאָרן קיין ישראל. ביים אויספילן די אַנקעטע האָב איך אויך אָנגעגעבן מיין פּאַרטייִשע אָנגעהעריקייט און איך בין פריינטלעך אויפגענומען געוואָרן. כ׳האָב נישט געוואָלט, עס זאָל הייסן, אַז איך האָב עפּעס באַהאַלטן און זיך אַריינגעגנבעט קיין ישראל... איך בין נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך געלאָזט איינרעדן, באַזונדער, האָב איך זיך נישט געשראָקן, כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַ מענטש וואָס שרעקט זיך נישט פאַר שווערער אַרבעט אין אַ לאַנד וואָס נעמט זיך ערשט בויען וועט נישט פאַרלוירן ווערן. בכלל, נאָך די אַלע שווערע איבערלעבונגען, איך — אין סאָוויעטישע לאַגערן, אַנדערע — אין דייטשע לאַגערן. אויך נאָך די איבערלעבונגען אין פּוילן, אין דער אַטמאָספער פון שנאה צו דעם קליינעם הייפל איבערגעבליבענע ייִדן, האָט זיך געוואָלט לעבן צווישן ייִדן. אפשר טאַקע וועט זיך אין ישראל שאַפן די געזעלשאַפט־לעכע אַטמאָספערע צו וועלכע מיר זענען געוווינט געווען אין פּוילן פאַר דער מלחמה, אפשר וועלן ייִדן אין זייער אייגן לאַנד, נאָך דעם שווערן וועג וואָס זיי זענען דורכגעגאַנגען, נאָך די טראַגישע דערפאַרונגען, האָבן עפּעס געלערנט און איינאָרדענען זייער לעבן וואָרעם־ברידערלעך אויף יסודות פון יושר און גערעכטיקייט. אין סך־הכל פון דעם אַלעמען האָבן מיר באַ־שלאָסן צו פאָרן קיין ישראל. מיר האָבן זיך רעגיסטרירט און געמאַכט אַלע נויטיקע צוגרייטונגען: געקויפט מאַשינען און אַנדערע זאַכן, כדי זיך קאָנען אַוועקשטעלן אויף אַ פעסטן באָדן אין לאַנד.

יוני 1949, האָבן מיר אָפּגעשיקט דעם גרויסן באַגאַזש און אין סוף פון דעם חודש זענען מיר אָפּגעפלויגן קיין מאַרסעל און פון דאָרט האָט מען אונדז אָפּטראַנספּאָרטירט אויף אַ זאַמלפּונקט 60 קילאָמעטער פון מאַרסעל ווו מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן אויף אַ שיף קיין ישראל. דאָרט זענען שוין געווען אַ טייל מענטשן פון פריער אויך פון שוועדן, וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן פון דייטשישע לאַגערן דורך בערנאַדאָטן. ס׳איז דאָרט געווען עטלעכע אַלטע הייזער, אין די צימערן זענען גע־שטאַנען אַלטע אייזערנע בעטלעך, אין יעדן צימער האָבן זיך געפונען

אַ 6—7 מענטשן. עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מין קליינעם לאַגער. דאָרט איז געווען אַ משפחה לע—ל, וואָס האָט אויך געדאַרפט פאָרן, אָבער זיי האָבן עס נישט געטאָן, ווייל איינער פון זיי איז געווען דער אָנפירער פון דעם פונקט, זיין ברודער דער מאַגאַזינער פון די פּראָדוקטן, וועלכע קיינער האָט נישט קאָנטראָלירט. זענען זיי געזעסן דאָ צוזאַמען מיט זייערע עלטערן און געפירט דאָס געשעפט פאַר די פריש געקומענע...

מיר זענען איבערגעשלאָפן די ערשטע נאַכט און אויף צומאָרגנס האָט דער „פירער" דורכגעפירט אַ רעגיסטראַציע און ביי אונדז צוגענומען אַלע דאָקומענטן, כדי מיר זאָלן זיך נישט קאָנען באַוועגן, אָדער אַרויספאָרן פון דעם פונקט. ס'זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט קרובים אין פּאַריז, זיי האָבן זיך געוואָלט טרעפן מיט זיי, אָבער אָן דאָקומענטן האָט מען זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. האָט עס געשאַפן אַ שלעכטע שטימונג, מיר האָבן זיך געפילט ווי מיר וואָלטן געכאַפּט געוואָרן אין אַ פּולאַפּקע, ווי אַרעסטאַנטן. די הייזער האָט מען גערופן בלאָקן און זענען באַצייכנט געוואָרן מיט נומערן. אַ סך זענען דאָ געווען פון די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָט זיך זיי געדאַכט, אַז ס'איז עפּעס אַ המשך פון דאָרט... מיר האָבן אָנגעהויבן פּראָטעסטירן קעגן דעם סיסטעם, מען האָט גערופן אַ פאַר־זאַמלונג און געפאָדערט צו מאַכן אַ ביסל אָרדענונג. ווען מיר זענען אויפ־געשטאַנען צומאָרגנס אין דער פרי, זענען שוין געמאַכט געוואָרן „קאָרדי־נאַלע" ענדערונגען: ס'האָט שוין נישט געהייסן בלאָקן, נאָר מחלקות. דער פירער האָט זיך אויך משנה שם געווען, איצט האָט ער שוין נישט געהייסן הערשל, נאָר צבי, און דאָס געשעפט האָט זיך ווייטער געפירט אויפן אַלטן שטייגער. דאָ איז אויך געווען אַ קאַסירער, כאָטש מען האָט דאָ גאָרנישט געקויפט אָדער פאַרקויפט, אַלץ איז געשיקט געוואָרן גרייט פון צענטער. נאָר היות דאָ זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן געהאַט געלט אין פרעמדער וואַלוטע: שוועדישע קראָנען, אַמעריקאַנער דאָלאַרן און אַנ־דערע און זיי האָבן געוואָלט עפּעס קויפן אין דעם דערבייאיקן שטעטל שאַלאַ — זעקס קילאָמעטער פון אונדזער פונקט — האָט מען די וואַלוטע געדאַרפט אויסטוישן אויף פראַנצויזישע פראַנקן און דער קאַסירער איז עס געווען דער טוישער. ער האָט באַשטימט דעם קורס פון פראַנק. נאָר קיין ברירה איז נישט געווען, ווייל קיינער האָט נישט געהאַט קיין דאָקומענטן צו פאָרן קיין פּאַריז, האָט מען געמוזט שווייגן. אָט די צוויי מענטשן — דער אָנפירער פון לאַגער און דער קאַסירער — זענען פאַר

אונדז נייע עולים געוואָרן דער מוסטער פון די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ברענגען ייִדן קיין ישראל...

עס איז נאָענט געוואָרן די צייט פון אונדזער פאָרן קיין ישראל. פאַר אונדז איז באַשטימט געוואָרן די שיף נגבה; אַן אַלטע שיף, איבערגע־אַרבעט פון אַ לאַסט־שיף, אָן שום באַקוועמלעכקייטן. נאָר מיר זענען דאָך נישט געווען קיין בויט־עולים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער אויס־וועג. מיר זענען דאָך געקומען פון דעם רייכן שוועדן, פרייוויליק. האָבן מיר זיך געהאַלטן פאַר יחסנים און האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן מיט דער שיף. זענען מיר געזעסן נאָך צען טעג און געוואַרט, ביז מען האָט אונדז געגעבן די שיף: קדמה. דעמאָלט די איינציקע ישראלדיקע „לוקסוס"־שיף. נאָר די שיף איז געווען אַ קליינע, זענען די פרויען מיט די קינדער געפאָרן אין די קאַבינעס און די מענער אונטן אין דעם בויך פון דער שיף, ווו עס זענען געווען הענגבעטלעך פון ברעזענט און דאָרט זענען מיר געשלאָפן.

דעם 18־טן יולי, זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין מאַרסעל און דעם 19־טן איז אונדזער שיף אַרויסגעפאָרן אין וועג אַריין מיט אַלע מענטשן, וועלכע זענען געווען אויף דעם פונקט, אויסער די דריי משפחות, וואָס כ'האָב פריער דערמאָנט. זיי האָבן געדאַרפט אויפנעמען פריש־געקומענע, מסתמא זענען זיי געווען נישט צום פאַרבייטן...

אונדזער שיף איז דורכגעפאָרן איטאַליע. אין סיציליע האָבן די, וואָס האָבן געהאַט פרעמדע וואַלוטע איינגעקויפט פאַרשיידענע זאַכן זייער ביליק. מיר האָבן געטראָפן אַ סך מענטשן, אויך אַזעלכע וואָס זענען שוין געווען אין ישראל און זיי האָבן אונדז געמאַכט אַ שווער האַרץ, נאָך פאַר אונדזער אָנקומען אין לאַנד. איינער אַ דאָקטער דערציילט: „ווען דו קומסט אַריין אין ישראל צו איינעם וועלכער איז נאָר 10 יאָר אין לאַנד, באַקומסטו נאָך אַ טרונק וואַסער, נאָר קוים איז ער שוין אַ ותיק פון 20 יאָר, וועט ער דיר דאָס נישט געבן". אמת, ער פאָרט שוין דאָס צווייטע מאָל, נאָר ער האָט אַ הויז אין ירושלים, וועלכעס ער וויל פאַרקויפן, מוז ער דאָך פאָרן.

נישט געקוקט אויף די אַלע „גרוסן" האָבן מיר זיך געמאַכט שטימונג און געווען פריילעך. מען האָט געשאַפן אַקטועלע פאַראָדיעס, וועלכע מיר האָבן געזונגען מיט באַקאַנטע מעלאָדיעס. מיר האָבן געוואָלט קומען אין לאַנד אַריין מיט אַ גוט געמיט.

י ש ר א ל

דעם 26־טן יולי זענען מיר אָנגעקומען אין חיפהער פּאָרט. מען האָט אונדז אָפּגעפירט אין בית־עולים ״פרדס־חנה״. אַ טייל האָבן געמוזט וואַרטן ביז זיי וועלן באַקומען אַ דירה דורך דער „סוכנות״. איך בין אַוועק אין משרד פון בית־עולים, זיי איבערגעגעבן וואָס מען האָט מיר געזאָגט אין פּאַלעסטינע־אַמט אין שטאָקהאָלם און געבעטן אַן אָרט פאַר מיינע מאַשינען. דער מזכיר פון משרד האָט מיך אָנגעקוקט ווי איך וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון הימל. דאָ זענען געווען גרעסערע יחסנים פאַר מיר, דאָ האָבן זיך מענטשן דעקלאַרירט פון וועלכער ציוניסטישער פּאַרטיי זיי זענען און איך האָב דעם דאָזיקן יחוס נישט געהאַט... צוערשט האָב איך עס נישט געקענט פאַרשטיין, וואָסער שייכות עס האָט ציוניסטישע פּאַרטייען מיט דער איינאָרדענונג פון נייע עולים? אַ ביסל שפּעטער אָבער, איז מיר קלאָר געוואָרן. כ׳האָב געזען, אַז פון די אַלע צוזאָגן האָב איך גאָרנישט צו דערוואַרטן, ס׳איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן. די מענטשן זענען פשוט אָפּגענאַרט און אַראָפּגעפירט געוואָרן פון וועג, אָבער קיין צוריק איז שוין נישט געווען. די מאַשינען זענען געלעגן אין פּאָרט, כ׳האָב זיי נישט געהאַט ווו צו שטעלן, האָב איך אַליין גענומען זוכן עפּעס אַן אויסוועג. איך בין אַוועק צו איינעם פון די פירער פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט זיך האַלטן אַן עצה און דער האָט מיר אויפגעקלערט, אַז די ציוניסטישע פּאַרטייען העלפן די נייע עולים איינאָרדענען זיך, היות איך געהער נישט צו קיין איינע פון די פּאַרטייען — טויג עס נישט... ד. ה., כ׳האָב נישט צו וועמען צו רעדן. מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז איך בין נישט געקומען אין אַ ניי־אַנטשטאַנענער יידישער מדינה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין רעזולטאַט און אַלס קאָמפּענסאַציע פאַרן גרויסן יידישן אומגליק אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַ לאַנד ווו די שארית־הפליטה זאָל קאָנען בויען זייער לעבן אין קעגנזייטיקער הילף און פריינדשאַפט, נאָר, מיר זענען געקומען אין אַ לאַנד, וואָס איז צונויפגעשטוקעוועט פון פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך, וואָס יעדער כאַפּט וואָס עס לאָזט זיך, פאַר זיינע מענטשן און דער סתם־יידישער מענטש איז אויסגעשטעלט אויף הפקרות. ס׳האָט מיך אויך שאָקירט די אינדיפערענץ, די גלייכגילטיקייט צו געזעלשאַפטלעך געלט, וואָס איז געפלאָסן פון גאַנצן וועלט־יידנטום.

אין בית־עולים פרדס־חנה, וואָס איז פריער געווען אַן ענגלישער מיליטערישער לאַגער האָט אין איינעם פון די וואַש־צימערן געפלאַצט אַ וואַ־

סער־רער, דאָס וואָסער האָט זיך געגאָסן אָן אויפהער. איך, וואָס האָב געוווסט ווי טייער ס׳איז וואָסער אין ישראל בין אַוועק אין משרד און זיי געמאָלדן וועגן דעם. דאָרט אָבער האָט מען זיך נישט איבערגענומען דערפון און דאָס וואָסער איז נאָך לאַנגע טעג געפלאָסן אָן שום נוצן. אַמאָל איז אַ קינד פון צען יאָר אַריינגעפאַלן אין דעם קלאָזעט־גרוב און ס׳איז דאָרט אומגעקומען, אָבער קיינעם האָט נישט אינטערעסירט צו מאַכן עפּעס, אַז אַזאַ אומגליק זאָל זיך נישט איבערחזרן. אָט די און אַנדערע פאַקטן האָבן מיר געעפנט די אויגן צו זען, אַז דאָ טראַכט קיינער נישט וועגן דער מדינה, נאָר יעדער איז פאַרנומען מיט זיך אַליין, ווי בעסער זיך איינאָרדענען, ווי לייכטער צו לעבן און ס׳איז פון זיי קיין סך נישט צו דערוואַרטן.

אין יענער צייט האָט מען אונדז פאַרגעלייגט און מיר האָבן מסכים געווען איבערצופאָרן קיין י אַ ז ו ר, דאָס איז געווען אַן אַראַביש דאָרף וואָס איז שוין כמעט אינגאַנצן געווען באַזעצט. דאָרט האָט געוווינט מיינער אַ חבר. איך האָב דאָרט גענומען אַן אַראַבישע חורבה וואָס איז באַשטאַנען פון דריי ווענט, די פערטע איז געווען צעבראָכן און איך האָב זי צ.געבויט. כ׳האָב געמאַכט אַ דאַך, טירן און פענצטער. דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אויף דער זון, ווו אַפילו אַ טרונק וואָסער איז נישט געווען. כ׳האָב געאַרבעט ביים ליכט פון דער לבנה, ביי נאַכט. ווען די „דירה״ איז שוין געווען פאַרטיק, האָבן מיר — ווי אַ סך אַנדערע יאַ־זורער איינוווינער, גענומען טראַכטן וועגן איינאָרדענען אַ שטיקל ווירט־שאַפט. דאָס ערשטע, האָבן מיר גענומען האָדעווען עופות: הינער, קאַטש־קעס, גענדז, אינדיקעס. מען האָט געדאַרפט זאָרגן וועגן עסן פאַר זיי. נאָר אַרום מיר איז קיין ליידיקער באָדן נישט געווען. ס׳איז געווען אַ באַרג מיט שטיינער פון אַראַבישע חורבות און איך האָב זיך פאַרמאָסטן אָט דעם באַרג צו מאַכן פרוכפּערדיק. כ׳האָב אַרויפגעפירט אויף דעם באַרג שטיינער — פרישע ערד, געמיסטיקט און פאַרזייעט קוקורודזע, וואָס איז געוואַקסן ביז צוויי און האַלבן מעטער די הויך. יעדער, וואָס איז דורכגעגאַנגען האָט באַוווּנדערט און געזאָגט, אַז אַלע לאַנדווירטן וואָלטן געדאַרפט קומען צו מיר, זיך לערנען חלוצישע אַרבעט... די אַרבעט איז געווען פאַר מיר אַן אינטערעסאַנטע, נאָר אַ פיזיש שווערע. נאָר וועגן דעם אַלעמען שפּעטער.

עלטער־דיסקרימינאַציע

מיט אונדז צוזאַמען איז געקומען קיין ישראל אַ משפּחה לעמאַן, פּוילישע ייִדן פון קראָקע. אין דער מלחמה איז די משפּחה געווען צעשיידט: דער מאַן מיט איין קינד אין דער שווייץ, די פרוי מיט אַ קינד אין פּוילן אויף אַרישע דאָקומענטן. נאָך דער מלחמה האָט די גאַנצע משפּחה גע־וווינט אין שוועדן. דער מאַן, אַ לאַנגיעריקער „לינקער פּועלי־ציוניסט", — איז זיין שטרעבונג געווען צו קומען קיין ישראל. מיר זענען נאָך אין שוועדן געווען באַפריינדעט, געפאָרן צוזאַמען און אויך זיי האָבן זיך באַזעצט אין יאַזור. קיין פאַך האָט ער נישט געהאַט. פאַרן קריג האָט ער געהאַט אַ גאַ־לאַנטעריע־געשעפט און אין שוועדן האָט ער געאַרבעט אין אַ פאַבריק, דערפאַר ווי נאָר ער איז געקומען אין לאַנד האָט ער זיך גלייך גענומען לערנען עברית. ער האָט געהאַט אויסזיכטן צו אַרבעטן אויף דער פּאָסט. נאָר מען האָט אים געהייסן ברענגען אַ בריוו פון דער „הסתדרות", און דאָרט האָט מען אים דערקלערט, אַז ביי זיינע 55 יאָר איז ער שוין צו אַלט צו אַרבעטן. ער האָט דאָרט געמאַכט אַ סקאַנדאַל און געפרעגט: פאַר־וואָס אין שוועדן, וואָס איז נישט קיין ייִדיש לאַנד, האָט ער יאָ געהאַט רעכט צו אַרבעטן און דאָ נישט? צו וואָס אויב אַזוי האָט מען אים צו־גערעדט צו פאָרן קיין ישראל? אויב אַרבעטס־פעיִקע מענטשן לאָזט מען נישט אַרבעטן? נאָר ס'האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן. ער האָט זיך געמוזט נעמען צו זיין אַלטן מסחר מיט גאַלאַנטעריע. צום עפענען אַ געשעפט האָט ער נישט געהאַט קיין געלט, האָט ער פאַרקויפט זיין סחורה, שלעפנדיק זיך איבער די שניידער־וואַרשטאַטן מיט צודאַטן פאַר שניידער און אַנדערע גאַלאַנטעריע־סחורות.

נאָך אַ פאַקט: אין 1949, איז פון פּוילן געקומען קיין ישראל מיינער אַ באַקאַנטער ישראל זשיטעלנע. זיין פאַך — אַ וואַלקער — איז אין ישראל נישט נויטיק. האָט ער זיך געוואַנדן אין דער לשכת־עבודה (אַרבעטס־פאַר־מיטלונג־ביוראָ) נאָך אַרבעט. אָבער ער האָט קיין אַרבעט נישט באַקומען, ווייל ער איז שוין געווען צו־אַלט, 54 יאָר. בלית־ברירה האָט ער איבער־געמאַכט זיין דאָקומענט מיט 10 יאָר יונגער. ער איז איבער נאַכט געוואָרן 44 יאָר. איצט האָט ער באַקומען אַרבעט אַלס דערלאַנגער, — צוצוגעבן צעמענט און בלאָקן אויפן בנין (מגיש). אַ גאַנצן טאָג איז ער געשטאַנען אויף דער זון. יונגע מענטשן האַלטן אויס ביי דער אַרבעט נאָר עטלעכע

יאָר. פון דעסטוועגן האָט ער אָפּגעאַרבעט 10 יאָר. ווען ס׳האָט זיך דער־גענטערט די צייט פון גיין אויף פּענסיע ביי 65 יאָר — אָבער אין דאָקו־מענט איז ער נאָר 55. האָבן מיר זיך באַראַטן און ער האָט אָנגעגעבן אין בית־משפט. דאָ איז געוואָרן אויפגעקלערט דער גאַנצער טרויעריקער ענין. זשיטעלני האָט צוגעשטעלט צוויי עדות, איינעם דעם באַקאַנטן אַרבעטער־טוער הערש־מענדל שטאָקפיש, זיינער אַ יוגנט־חבר, און דעם שרייבער פון די שורות. דער משפט האָט זיך געשלעפּט צוויי יאָר. ס׳איז קלאָר געוואָרן די סיבות פאַרוואָס דער מענטש האָט געפעלשט דעם דאָקומענט. ס׳איז געווען אַ פּאַטש אין פּנים דער הסתדרותישער אָנפירערשאַפט, מיט זייער עלטער־געזעץ. סוף־כל־סוף האָט ער דעם משפט געוווּנען. די פּענסיע איז אים געוואָרן צוגעפּסקנט, נאָר ער האָט זי שוין נישט באַנוצט, ווייל ער איז תיכף נאָך דעם געשטאָרבן אין עלטער פון 67 יאָר.

דאָס איז פּאָר אונדז געווען די ערשטע לעקציעס, וועגן דעם גורל וואָס עס דערוואַרט די נייע עולים נאָך 50 יאָר.

דאָס האָדעווען עופות האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, כמעט אין יעדער משפּחה איז געווען אַ קליינער לול פון הינער אָדער קאַטשקעס. באַזונדער אין דער צייט פון מיניסטער דב יוסף מיט זיין „צנע״־פּאָליטיק, ווען יעדע פּראָדוקט איז געווען באַגרענעצט און גאַנצע משפּחות האָבן געלעבט דערפון, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט אַן איי אָדער אַ הינדל. ס׳איז אָבער שווער געווען מיט פּאַשע פאַר די עופות, אויך דאָס איז געווען צו־געטיילט מיט אַ נאָרמע, נאָר ס׳איז געווען צו ווייניק. דעמאָלט איז שוואַרץ ברויט געווען זייער ביליק, זענען מענטשן געגאַנגען אין די געוועלבער און אויסגעקויפט דאָס אַלטע איבערגעבליבענע ברויט און דערמיט געהאָ־דעוועט די עופות. נאָר היות די בעקער האָבן באַקומען פון דער רעגירונג גרויסע סובסידיעס, זיי זאָלן פאַרקויפן ביליק דאָס שוואַרצע ברויט, איז דערפאַר געווען אַ פאַרבאָט צו האָדעווען עופות מיט ברויט. זענען טאָקע אַמאָל אַראָפּגעקומען אַ גרעסערע צאָל שוטרים פון תל־אביב און זיך אַ לאָז געטאָן איבער די לולים פון עטלעכע עופות (די בעלי־בתים פון די גרויסע לולים האָבן זיך אַן עצה געגעבן און זענען שטענדיק געווען אין אָרדנונג) און געגומען זוכן ברויט. ווו זיי האָבן געטראָפן ברויט האָבן זיי געוואָלט צונעמען די עופות. נאָר ווו זיי האָבן געטראָפן מענער אָדער פרויען, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט, האָבן זיי צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל צו באַצאָלן אַ שטראָף. ווען זיי זענען אָבער אַריינגעקומען צו מיינער אַ שכנה,

אַ קראַנקע פרוי, דער מאַן איז געווען ביי דער אַרבעט און מען האָט ביי איר געפונען אַ צוויי ברויט, האָבן זיי געוואָלט צונעמען ביי איר די עטלעכע הינדלעך, איר איינציק פאַרמעגן. ווען זי האָט נישט געלאָזט זיי נעמען האָט מען ביי אָט דער קראַנקער פרוי מיט כח צוגענומען די עטלעכע עופות. ווען די אַרומיקע שכנים האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם בילד, האָבן אַ טייל אויפן אָרט באַשלאָסן צו ליקווידירן די לולים. אויך איך בין געווען צווישן די, וואָס האָבן באַשלאָסן אויפהערן האָדעווען עופות.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די פּרשה פון מיין „חלוציזם”, וואָס אַלע האָבן אַזוי באַוווּנדערט. וויפל כחות האָב איך עס אַריינגעלייגט, וויפל האָפענונגען און גלויבן אַנצוהייבן אַ ניי יידיש לעבן אויף אַנדערע יסודות. איצט איז צו דעם אַלעמען געקומען אַ סוף, צוליב טעמפּקייט און ביוראָקראַטיע... ערשט איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גאַנצער טומל אַרום דער לאָזונג „פון שטאָט אין דאָרף אַריין” איז געווען אַ בלאָף. ווייל זיצן אין דאָרף, אין אַראַבישע חורבות צווישן פאַרוואָרלאָזטע פּרדסים, ווי ס'ווערט נאָר טונקל זיצן מיר ביי די נאַפט-לעמפּלעך און מען הערט דאָס געוויין פון שאַקאַלן, דערביי שווער און ביטער אַרבעטן און דערצו נאָך אויסשטיין ברוטאַלן ווילקיר פון דער אייגענער פּאָליציי — איז שוין באמת געווען איבער אונדזערע כחות. די פאַרביטערונג איז געוואַקסן. מען איז געלאָפן קיין תל־אביב אין דער רעדאַקציע פון די „לעצטע נייעס” אַלאַרמירן קעגן די עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן אונדז. דאָס איז געווען דער איינציקער אופן, אַז די עפנטלעכקייט זאָל זיך דערוויסן וועגן אונדזער לאַגע. דער רע־דאַקטאָר מ. צאַנין איז נישט איינמאָל אַראָפּגעקומען קיין יאַזור, צו זען וואָס דאָ געשעט, ער האָט אויך געשריבן וועגן דעם, נאָר וואָס האָט עס געהאָלפן? ס'זענען אָבער געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך אויסגעזוכט אַנדערע און דווקא נישט יידישע פּרנסות — מען האָט גענומען אין אַ ברייטן פאַרנעם האָדעווען חזירים אין דעם געדיכט באַוווינטן געגנט. דער געשטאַנק איז געווען גרויס, קינדער זענען קראַנק געוואָרן, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן אונ־דזערע פּראָטעסטן, ווייל די כלל־טוער, די ראשי־המועצה זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט חזיר־פליש. אין דעם פאַל האָט די פּאָליציי זיך נישט געמישט. דאָס איז ווייזט אויס, נישט געווען אַזאַ גרויסער חטא ווי אויסקויפן עטלעכע אַלטע ברייטלעך צום עסן פאַר די עופות...

ס'דערמאָנט זיך מיר, ווי צווישן די איינוווינער אין יאַזור וואָס האָבן זיך ערנסט איינגעשפּאַנט אין דער לאַנדווירטשאַפטס־אַרבעט, איז אויך געווען

דער באַקאַנטער שרייבער מענדל מאַן. מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן מיט די זעקלעך אויף די פּלייצעס ביים נעמען צוטיילונגען עסן פאַר די עופות (תערבת) און ביי אַנדערע געלעגנהייטן. אויך ער האָט געהאַט די טיפע באַציונג און דעם גלויבן, אַז דאָס איבערגיין צו לאַנדווירטשאַפט און די נאָענטע ווירטשאַפטס־צווייגן, דאַרף זיין דער יסוד פון דער עקאָנאָמיק אין לאַנד, די אַמביציע און שטאָלץ פון יעדן באַוווסטזיניקן בירגער. נאָר צוקוקנדיק זיך צו דעם וואָס דאָ קומט פאָר, ווי דער גרעסטער טייל פון די, וועלכע האָבן גערעדט וועגן חלוציזם און וועגן קרבנות, לאָכן פּשוט פון די, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין אַזאַ ביליקער אַרבעט. האָבן זיך ביי אים אַראָפּגעלאָזט די הענט. די אַטמאָספער האָט ביי אונדז אונטערגעהאַקט די די פליגלען. יעדער האָט געגומען זוכן נייע אופנים ווי זיך איינאָרדענען אין לאַנד.

אויפקלערונג

ליבע לייענער, לייענענדיק אין בוך דעם טייל וועגן מדינת ישראל וועלן אפשר אַ טייל טראַכטן, אַז איך האָב זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַרויסצוברענגען נאָר די שאָטן־זייטן אין ישראל און אַז איך זע נישט די שיינענדיקע זון אין דער ניי־בויענדיקער ייִדישער מדינה. דאָס איז אַ טעות אַזוי צו טראַכטן, ווייל בלויז דאָס אַרויספאָרן פון אַ הויפּט־שטאָט פון אַ שיין־דעמאָקראַטיש סקאַנדינאַוויש לאַנד און זיך צו באַזעצן אין אַ פאַר־וואָרלאָזט אַראַביש דאָרף אין אַ צעבראָכענער חורבה 6 יאָר, אָן עלעקטרי־שער באַלייכטונג און מאַכן די שווערסטע אָנשטרענגונגען בייצוקומען אַלע שטרויכלונגען אויף צו קאָנען זיך איינוואָרצלען אין לאַנד — איז שוין פיל מער ווי אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו ישראל. באַזונדערס קען איך דאָס לאַנד און וויים, אַז דאָ איז געוואָרן אויפגעטאָן פאַנטאַסטישע זאַכן, ממש צום באַוווּנדערן. אמת, מיט דער גרויסער פינאַנסיעלער הילף פון וועלט־יידנטום. עס זענען פאַראַן ערטער וואָס טויזנטער יאָרן האָט קיין מענטש־לעכער פוס־טריט נישט באַטרעטן דעם באָדן. און היינט זענען די ערטער באַזעצט מיט יידן ניי־געקומענע אין לאַנד אַריין. פיל ישובים זענען גע־וואָרן אויפגעשטעלט ביי די גרענעצן פון די אַראַבישע שכנים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט לעבנסגעפאַרן. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז מ׳טאָר נישט זען די שאָטן־זייטן. עס איז ווייניק צו זען בלויז דאָס אַלגעמיינע שיינע,

וואָס דאַרף זיין די צוציענדיקע רעקלאַמע פאַרן לאַנד. מ׳דאַרף קוקן אין יעדן ווינקעלע באַזונדער און זען אַלע בלויז און זוכן מיטלען זיי אויסצובעסערן, להפך, אַ גוטער בירגער אין אַ פריי דעמאָקראַטיש לאַנד איז דער, וואָס קוקט מיט אָפענע אויגן און זעט אויך דאָס שלעכטע סיי פון יחיד און סיי פון רבים און מיט זיין פראָטעסטירן — אויב דאָס ווערט נישט קיין קול קורא במדבר, נאָר עס דערגייט צו די מאָסגעבנדיקע קרייזן, וואָס זענען באַרופן און האָבן מעגלעכקייטן דאָס אויסצובעסערן. אַזעלכע בירגער גיבן זייער גרויסן ביישטייער צו העלפן אויסראָטן דאָס שלעכטע פאַרן לאַנד און פאַר איר באַפעלקערונג. גלייכגילטיקייט און נישט־מייך־דאגה הייסט הסכמה און מיטהעלפן ממשיך זיין דאָס, וואָס איז שעדלעך פאַרן לאַנד און אַפילו קאַטאַסטראָפאַל. צו גרויס איז די רשימה פון אַזעלכע הויך־שרייענדיקע „ציוניסטן־אידעאַליסטן", ותיקים און סאַברעס, וואָס זענען מיט אַלעם מסכים. און אַז עס איז גאָרנישטאָ וואָס צו קריטיקירן. נאָר ביי דער ערשטער געלעגנהייט מאַכן זיי מיט „דיפּלאָמאַטישע" קונצן ויברח פון ישראל. אָט די „אידעאַליסטן" פירן אַדורך די משפחה־פאַראייניקונג — אָנשטאָט קיין ישראל — פון ישראל קיין אַמעריקע, קאַנאַדע און אַנדערע לענדער און ביי מגביתן גיט מען אַ פּאָר דאָלאַר און מ׳בלייבט ווייטער (דאָרטן)... גוטע ציוניסטן... אָט אַזעלכע און אַנדערע פאַקטן זענען נישט קיין איינצלנע פאַלן און דאָס באַרעכטיקט עטלעכע קריטישע באַמערקונגען.

דאָס לעבן אין דאָרף איז זיך אַזוי ווייטער אָנגעגאַנגען, נאָר דער ווייט גרעסטער טייל האָט זיך אָריענטירט נאָר אויף אַרבעט און רעזיגנירט פון די קליינע צוגאָב־ווירטשאַפטן. איז טאַקע דאָס דאָרף ביי־טאָג געווען ווי אויסגעליידיקט פון מענטשן, ווייל אין דאָרף איז קיין אַרבעט נישט געווען. עס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין גרויסע בוי־באַוועגונג, און אַזוי ווי דאָס דאָרף (יאַזור) איז זעקס קילאָמעטער פון תל־אביב, איז מען געפאָרן קיין תל־אביב און אומגעגענט, ווו ס׳איז געווען לייכטער צו באַקומען אַרבעט. נאָר אין אָוונט איז זיך דער עולם צוזאַמענגעקומען אויפן הויפּט־שאָסיי, ווו מ׳האָט זיך געשאַפן אַזאַ בערזע אין אַ מיניאַטור־פאָרם ווי דער „פאַרלאַמענט" אויף שדרות רוטשילד, ווו יידן האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו מאַכן פּאָליטיק. די באַפעלקערונג איז געווען דער רוב מנין אַ יידיש־רעדנדיקע. פּוילישע יידן פון רוסלאַנד און פון די דייטשישע ד.פּ.־לאַגערן, פון טשעכיע, אונגאַרן, רומעניע, בולגאַריע (די לעצטע האָבן

זיך געהאַלטן באַזונדער), אַ קליינער טייל פּוילישע יידן — געקומענע פון שוועדן. עס זענען שוין געווען ליפּעראַנטן פון קליינשטעטלדיקע פּליאַטקעס, וואָס ס'טוט זיך הינטער די קוליסן. אַט שטייט אַ ייד פון וואָלינער געגנט, אים אינטערעסירט נישט קיין פּאָליטיק, נאָר ער לייגט צו דאָס אויער זיך צו דערוויסן וועך עס וויל, אָדער האָט שוין געמאַכט עפּעס אַ לינק „געשעפט", ווי איבערגעגעבן אַ דירה איינער דעם צווייטן, אָדער טוישן און דער איז גלייך אַוועק צו יענעם און זיך געהייסן געבן „לא יחרץ"־געלט, אויב נישט וועט ער דאָס איבערגעבן ווו מ'דאַרף.

די בערזע האָט אויך געדאַרפט באַשליסן און רעאַגירן ווען ס'איז נויטיק געווען, ווי צ.ב.ש., עס זענען דורכגעפאָרן האַלב־ליידיקע אויטאָ־בוסן און זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן אויפצונעמען די מענטשן צו פאָרן צו דער אַרבעט און אַ טייל האָבן געמוזט גיין צופוס קיין תל־אביב און אויף די געשרייען פון די מענטשן אין די לאַנגע רייען, איז געקומען פון די שאָפערן דער דעמאָלטיקער צינישער סקאַרבאָווער ענטפער „ווער האָט געשיקט נאָך אייך"? ביז ס'האָט געפּלאַצט דאָס געדולד. אין איין פרימאָרגן איז געוואָרן פאַרבאַריקאַדירט דער שאָסיי און אַ קבלת־פּנים פאַר די אויטאָבוסן מיט אַ האַגל פון שטיינער. אַט די שפּראַך האָבן זיי יאָ פאַרשטאַנען. און דאָס האָט שוין געהאָלפן. אָדער ווי ווייטיקלעך איז, ווען דאָס האָבן געדאַרפט טוען מענטשן פון עקסאָדוס פון קאַפּריסין און אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין באַפרייונגס־קריג. וויפל פאַרבי־טערונג און שנאה האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון. אַט די גרינגשעצנ־דיקע באַציונג האַלט אַזוי אָן ביזן היינטיקן טאָג, ווי סיי פון די באַשעפּ־טיקטע ביי קאָמוניקאַציע און סיי די באַאַמטע פון דער רעגירונג, הסתדרות, סוכנות א.אז.וו. באַטראַכטן זיך נישט אַז זיי זענען צו באַדינען די באַפעל־קערונג, נאָר די באַפעלקערונג איז צוליב דעם, אַז זיי זאָלן האָבן גוטע פּאָסטנס, אפילו דאַרטן ווו זיי זענען נישט נויטיק.

דאָ זענען שוין אויך געווען אַלע פּאַרטייען, נישט וויכטיק די גרויס, נאָר דער עיקר אַלע האָבן שוין געהאַט אַדרעסן, און אַט איז געקומען אַ ייד, וואָס אים פּאַסט גאָרנישט נישט צו זיין אַ שטיקל מנהיג און דאָ האָט ער פאַרשפּעטיקט. נאָר ווי זאָגט מען ביי יידן, אַז אַ ייד אַ למדן גיט זיך אַן עצה. זענען מיר אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַרויסגעקומען אין גאַס און געזען פּלאַקאַטן, אַז שבת אינאָוונט קומט פאָר אַ מלווה מלכה איינ־

געאָרדנט דורך די פּועלי אגודת ישראל — כאָטש דער ייד איז גאָר געווען אַ סוחר. נאָר וואָס טוט מען נישט כדי צו ווערן כאָטש אַ שטיקל פירער, בפּרט אַז אין ישראל איז שטענדיק אַ הויך־קאָניונקטור אויף דעם „אַרטיקל״. און מיט דעם איז געוואָרן פאַרפילט דער קאָמפּלעט פון די פּאַרטייען. אויך מיט דער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט איז מען געווען פאַר־זיכטיק, נישט אַריינשטופּן זיך די גאַנצע משפּחה אין איין פּאַרטיי אַריין, נאָר אין יעדער פּאַרטיי צו האָבן װעמען, כדי צו זיין געזיכערט. על כל צרה שלא תבוא! יעדנפאַלס מיט עטלעכע פּאַרטיי־ביכלעך פון פאַר־שידענע פּאַרטייען אין איין משפּחה האָט מען געקאָנט עפּעס אויפטאָן... אין אַ קליינער משפּחה האָט זיך איינער געקאָנט באַזאָרגן מיט עטלעכע פּאַרטיי־באַכלעך, אַזוי אַז ווו מען קומט און וואָס מען דאַרף איז דאָ אין קעשענע.

עס זענען דאָ אויך געקומען יידן וואָס צו קיין „געזעלשאַפטלעכע״ אַרבעטן טויגן זיי נישט. דאָס איז נישט זייער פאַך. און אַז צו דעם זענען דאָ מענטשן מער „דערפאַרענע״, דערפאַר האָבן זיי אָבער דערשמעקט, אַז מיט אידעאַליזם און ערלעכקייט קאָן מען בויען דאָס לאַנד, אָבער נישט זיך עפּעס „אַרויפאַרבעטן״. און זיי זענען באַלד צוגעטראָטן פּראַקטיש צו דער זאַך. נישט נאָר צו מאַכן פּרנסה, נאָר צו קאָנען גאַנץ שנעל רייך ווערן און דערביי זאָלן אַלע מיטלען זיין כשר. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אַ טייל האָבן זיך גענומען האָדעווען חזירים, אַ טייל האָבן זיך גענומען צו בהמות, וואָס מען האָט באַקומען פון סוכנות אויף לאַנגטערמיניקע אויסצאָלונגען. פון צייט צו צייט זענען געקומען קאָנטראָלערן פון סוכנות איבערציילן צי עס שטימען די צאָל בהמות, וואָס יענע האָבן באַקומען — און ס׳האָט שטענדיק געשטימט. נאָר דעם אמתן סוד האָבן זיי קיינמאָל נישט געוווסט; אַז מען נעמט אַרויס אַ גרויסע קו און מ׳שעכט און דאָס פליש ווערט פאַרקויפט פאַר אַ פעטן פּרייז אויף שוואַרץ (אין די יאָרן פון צנע) און אויף דעם אָרט שטעלט מען אַוועק אַ קליין קעלבעלע. נאָר דער עיקר — די צאָל האָט געשטימט. די קונץ איז געוואָרן געמאַכט זייער אָפט, ווייל דאָס איז נישט געווען קיין שלעכט געשעפט. אַ טייל האָבן דאָס געמאַכט נאָך בעסער. ביי יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן שוין געהאַט פאַרקויפט דאָס פליש, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז מ׳האָט זיי באַגנבעט און זיי האָבן שוין דאָס קליינע קעלבעלע אויך נישט געדאַרפט אַוועקשטעלן און ס׳איז געווען כולו רווח. אין אַ גאַנץ קורצע צייט האָבן

זיך די יידן גאַנץ פיין אַרויסגעאַרבעט אויפן חשבון פון סוכנות און נאָכדעם זענען זיי טאַקע געוואָרן שיינע יידן מיט אַן אָנזען...

אָט די זעלבע קאַטעגאָריע שיינע יידן, „פּעיקע״, האָבן אַנטדעקט אַנדערע וועגן ווי אַזוי זיך צו באַרייכערן, נאָר שוין אויפן חשבון פון אָרעמען קאָנסומענט. ווי באַוווּסט איז אין ישראל די „תנובה״ (אַזאַ קאַרטעל) דער הויפּט־אָפּנעמער פון אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרטיקלען אין לאַנד. און אויך די מילך. און אין יעדער אָרטשאַפט ווערט די מילך איבערגענומען באַזונדער און זי ווערט אַדורכגעלאָזט דורך אַ מאַשין (צענטראַפוגע), וואָס ציט אָפּ דעם פּראָצענט פעטס (סמעטענע), וואָס איז באַשטימט דורכןווירטשאַפטס־מיניסטעריום און אויך דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס שטימט נישט. ס'איז אַוועק אַ לענגערע צייט ביז מען האָט אײנעם געכאַפּט ביי דער האַנט, אַז שוין אַריבער אַ האַלב יאָר ווי ער גיסט יעדן טאָג צו איבער פופציק ליטער וואַסער. נאָר יענער האָט שוין פון פּאָרויס געהאַט צוגעגרייט פאַרשידענע תּרוצים, אַז ער זאָל בלייבן אין אָרדענונג אויך דער וואָס האָט פאַרקויפט די שוין אָפּגעצויגענע מילך דעם קאָנסומענט האָט געגאָסן וואַסער. אויך דער האָט געוואָלט אָפּלעקן אַ ביינדל פון דעם גוטן וואַסער־סעזאָן. עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן וואָס פאַר מילך עס איז דערגאַנגען צום קאָנסומענט. עס איז געווען די מעשה מיטן רבין מיט די חסידים, ווו יעדער האָט געדאַרפט אַריינגיסן אַ ליטער ווייַן אין פאַס, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג צום רבין. נאָר יעדער באַזונדער האָט געטראַכט דאָס זעלבע, אַז ס'וועט זיך נישט אָנזען אַז ער וועט אַריינגיסן אַ ליטער וואַסער. נאָר ביים טרינקען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען בלויז וואַסער. איז צו יענער צייט אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע וויצן, אַז ווען אַ פרוי האָט געקויפט אַ ליטער מילך איז נאָכן אַוועקגיין האָט מען זי צוריקגערופן, אַז מ'האָט פאַרגעסן אַריינצוגיסן אינעם ליטער מילך (וואַסער) וואָס זי האָט געקויפט אויך אַביסל מילך... אַ טייל האָבן געהאַלטן אַז די מילך האָט אַ גרויסע „מעלה״, אַז דער רב אַליין מעג נאָך אַ פליישיק מיטאָג צוטרינקען אַזאַ גלאָז מילך און ער וועט נישט עובר זיין אויפן לאו „לא תבשל גדי בחלב אמו״. נאָר אין ישראל זענען די אַלע דערמאָנטע פאַלן נישט קיין גניבה און נישט קיין פאַרברעכן. נאָר מ'זאָגט אויף אַזעלכן, אַז ער איז חברה־מאַן און נאָך אַזעלכע שטיקעלעך אַרבעט האָט מען די גרעסטע שאַנסן צו ווערן אַ כלל־טוער, ווער אַ גבאי אין אַ שול אָדער גאָר אַ גרויסער מנהל. און זיי זענען דאָס טאַקע געוואָרן. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז עס זענען געווען פאַלן

אַז מ׳האָט געדאַרפט איין גלאָז מילך יעדן טאָג פאַר אַ קראַנק קינד, וואָס דער דאָקטאָר האָט געהייסן אומבאַדינגט נעמען נאָר פון איין קו. האָט מען דאָס נישט געקאָנט באַקומען אין גאַנצן דאַרף מיטן תירוץ, אַז זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער נאָרמע מילך, וואָס זיי דאַרפן צו־שטעלן. דאָס הייסט, אַז נאָר די איינע גלאָז וואַסער האָבן זיי נישט געקאָנט צוגיסן. עס איז אינטערעסאַנט, אַז די אַלע דערמאָנטע פאַקטן זענען נישט געווען אַזאַ פאַרברעכן ווי אויסקויפן עטלעכע אַלטע ברויטלעך פאַר עטלעכע הינדלעך, וואָס האָט געקאָנט „חס וחלילה״ אונטערגראָבן די ווירט־שאַפט אין לאַנד... אָט דער סיסטעם פון באַטראַכטן וואָס הייסט ווירט־שאַפטלעכע פאַרברעכנס דערמאָנט אונדזער נאָענטע פאַרגאַנגענהייט — אונדזער וואַנדער־וועג אין די מלחמה־יאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו אַר־בעטנדיק אויף די פעלדער פון די צוקער־בוראַקעס האָט מען געכאַפּט אַן אַרבעטער מיטנעמען מיט זיך איין בוראַק, האָט ער דערפאַר באַקומען צוויי יאָר, ווען אין דער זעלבער צייט זענען צענדליקער טויזנטער טאָנען בוראַקעס פאַרפוילט געוואָרן אויף די באַזעס, ווייל ס׳איז נישט געווען ווער און מיט וואָס זיי אָפּצושיקן אין די צוקער־פאַבריקן...

אָדער ווען אין אַ מאַגאַזין האָט מען צוגעשיקט עטלעכע קאַסטנס זייף צו פאַרטיילן דער באַפעלקערונג (פאַר געלט), זענען זיי דורך איין טיר געוואָרן אַריינגעטראָגן און דורך דער צווייטער טיר — אַרויסגע־טראָגן. און ס׳איז געווען שאַ־שטיל. נאָר ווען אַן אַרבעטער האָט פאַר־קויפט זיינס אַ שטיקל זייף, וואָס ער האָט באַקומען ביי דער אַרבעט, ווייל פאַר דעם געלט האָט ער געדאַרפט קויפן עפּעס אַנדערש, דעם האָט מען געכאַפּט אַלס ספּעקולאַנט און ער האָט דערפאַר באַקומען עטלעכע יאָר לאַגער, ווייל ער גראָבט אונטער די ווירטשאַפט פון דעם מעכטיקן ראַטנפאַרבאַנד. צו אָט די ענלעכע פאַקטן זענען נישט נויטיק קיין קאָ־מענטאַרן.

ווי עס איז פריער דערמאָנט געוואָרן, זענען דער גרעסטער טייל אַוועק אַרבעטן. די נישט־פאַכמענער אויפן בנין — פאַכמענער — אין די פאַבריקן. אַ טייל האָבן געמאַכט באַמיונגען אַריינצוטרעטן אין קאָאָפּעראַ־טיוון אַלס חברים. אָבער דער וועג איז שוין געווען אַ שווערער, אָדער אינגאַנצן פאַרמאַכט די טירן, צוליבן עלטער, ווייל מ׳האָט אַריינגענומען ביז דרייסיק יאָר, אין אַ טייל קאָאָפּעראַטיוון ביז פינף און צוואַנציק יאָר. איין יאָר עלטער, איז מען שוין אַ זקן... אַ גרויסער טייל פון די, וואָס האָבן

געאַרבעט סיי אין די פֿאַבריקן און סיי אין די קאָאָפּעראַטיוון אַלס אַרבעטער, זענען יעדעס יאָר געוואָרן אָפּגעזאָגט פֿון דער אַרבעט מיט צוויי וואָכן פֿאַרן יאָר. און שפּעטער צוריק צוגענומען אויפֿן זעלבן פּלאַץ צו דער אַרבעט, בכדי ער זאָל נישט ווערן קיין סטאַבילער אַרבעטער מיט אַלע רעכטן און סאָציאַלע פֿאַרזיכערונגען. יעדעס יאָר איז געמאַכט געוואָרן די זעלבע קונץ. דאָס איז געוואָרן געמאַכט מיט מענטשן אין עלטער פֿון עטלעכע און דרייסיק יאָר (אמתע זקנים...) (באַמערקונג: ביז נייןאון־פֿערציק יאָר איז מען מיליטער־פּליכטנד). די ערשטע צייט האָבן מיר נישט פֿאַרשטאַנען די סיבה פֿון קינדיקונג און צוריקנעמען צו דער אַרבעט. נאָר ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט די סיבה, האָבן מיר דאָס באַטראַכט ווי אַ נייע און ספּעציעלע ישראל־דערפֿינדונג...

אָט די טרוקענע פֿאַקטן רעדן שוין אַליין פֿאַר זיך.

עס זענען אָבער פֿאַראַן אויך אַזעלכע פּראָבלעמען, וואָס זענען געבונדן מיט געזעצן — ווי עלטער־פּענסיע, קראַנקהייט, פֿאַרזיכערונג, שטיצע פֿאַר אַרבעטסלאָזע, פֿאַרטייערונגס־לוין־העכערונג (אינדעקס) א.א.וו. און דאָס האָט מען אַזוי צוגעשניטן, פֿאַרקאָמפּליצירט, אַז עס איז שווער זיך פֿונאַנדערצוקלויבן אין דער פּראָצעדור, ביז מען ווערט געפּרוווט צו קומען אין באַרירונג מיט די ענינים. איך וועל איבערגעבן נאָר אייניקע פֿאַקטן אין קורצע שטריכן. עס עקזיסטירן אין ישראל עטלעכע סיסטעמען פֿון עלטער־פּענסיע: איינע — אַן אָנגענומען געזעץ דורך דער רעגירונג אין יאָר 1954 און איז אָבליגאַטאָריש פֿאַר אַלע בירגער אין לאַנד. דאָס איז ביטוח לאומי, ווו יעדער איינער באַשעפֿטיקטער איז פֿאַרפּליכטעט צו צאָלן פֿאַר זיך און מיט דעם איז מען אויך פֿאַרזיכערט פֿאַר קראַנקהייט, אָבער נאָר פֿון אַרבעטס־פֿאַרפֿאַלן. פֿון דער עלטער־פּענסיע, קאָן מען נישט שטאַרבן, זי איז אָבער אויך נישט צום לעבן. די צווייטע עלטער־פּענסיע איז שוין געבונדן אויך מיטן הסתדרות. און דאָ צאָלט שוין אויך דער אַרבעטס־געבער. דער אַרבעטער צאָלט נאָר אַ קליינעם פּראָצענט. דאָס איז קרן־ביטוח, וואָס פֿאַרזיכערט אויך אין פֿאַל פֿון קראַנקהייט. נאָר אויך דאָ איז דאָ אַן „אָבער”. נאָר אין דעם פֿאַל ווען מען ווערט קראַנק ביז איין חודש נאָכן איבעררייסן די אַרבעט און אויב מען איז „חלילה” געזונט מער ווי אַ חודש און מ׳אַרבעט נישט און מ׳ווערט קראַנק, פֿאַרלירט מען די רעכט צו געניסן פֿון דער קראַנקהייט־שטיצע (וואָס באַטרעפֿט פֿון זיבעציק ביז אַכציק פּראָצענט פֿון דעם אַרבעטס־לוין) און דער קראַנקער

בלייבט אויף גאָטס באַראָט. עס איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן און אויב מען ווענדעט זיך צו די העכערע אינסטאַנצן וועגן אַזעלכע פאַלן, רעדן זיי אין נאָמען פון געזעץ, און זיי קאָנען נישט (נאָר אין דעם פאַל) גיין חלילה קעגן געזעץ.

און אַזוי זעט עס אויס אויך מיט אַנדערע סאָציאַלע דערגרייכונגען. עס איז אויך פאַראַן אַ געוויסער שיכט, וואָס איז יאָ פאַרזיכערט אין אַזעלכע פאַלן. דאָס זענען די חברים פון דער קאָמוניקאַציע און אַנדערע קאָאָפּעראַטיוון און אַרבעטער פון גרויסע אונטערנעמונגען, וואָס אַרבעטן סטאַביל און באַאַמטע. אָבער דער גרעסטער טייל פון די ישראלדיקע אַרבעטער אַרבעטן אין קליינע אונטערנעמונגען און לויטן סעזאָן און קאָנ־יונקטור אין לאַנד און האָבן נישט קיין סטאַבילע אַרבעטס־פּלעצער, אַזוי אַרום איז אויך נישט סטאַביל זייערע סאָציאַלע פאַרזיכערונגען. עס זענען אויך פאַראַנען אַנדערע ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס זענען שוין פיל מאָל געוואָרן אויפגעהויבן, נאָר עס בלייבט ביים אַלטן — דאָס איז די פּראַגע יוגנט־דערציונג. עס ליגט טיף אין אונדזער זכרון די שיינע יידישע יוגנט אין אייראָפּע און באַזונדערס די יידישע אַרבעטער־יוגנט, וואָס האָבן באַקומען זייער דערגענצונגס־דערציונג און זעלבסט־בילדונג אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. זיי זענען דאָס געווען אַ מוסטער פאַר אַלע אַנדערע.

עס דערמאָנט מיך ווי אין יאָר 1937 איז געקומען קיין פּוילן פּראָ־פעסאָר ליבמאַן הערש פון זשענעווער אוניווערסיטעט (אַ סטאַטיסטיקער) און ער האָט געלייענט אַ רעפעראַט א. ד. ט. „פאַרברעכנס ביי יידן און באַזונדערס ביי דער יידישער יוגנט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער" און ער האָט באַוויזן מיט סטאַטיסטישע ציפערן, אַז ביי יידן אין דער פּראָצענט נישט מער 1¾% (איינס דריי פערטל פּראָצענט). מיט וויפל שטאָלץ האָבן מיר געקוקט אויף זיך אַליין.

און ווען עס איז אַמאָל געקומען קיין ישראל דער גרויסער דיכטער און פּאָעט ח. נ. ביאַליק און אַדורכגייענדיק אין גאַס האָט ער געהערט ווי אַ חברה פון דער יידישער אונטערוועלט האָבן זיך געקריגט און דערביי באַנוצט אַ „פעטן לעקסיקאָן" אויף העברעיש, האָט דער גרויסער ח. נ. ביאַליק געזאָגט, אויב מיר האָבן שוין אַן אייגענע אונטערוועלט און אייגענע גאַסן־פרויען זענען מיר שוין אַ פאָלק צוגלייך מיט אַלע פעלקער.

נאָר ווען מיר קוקן זיך צו, צו וואָס פאַר אַ פּראָצענט פאַרברעכער

מיר זענען שוין דערגאַנגען אין מדינת ישראל, ווערט מען אויפגעציטערט. ווילן אַ טייל דאָס אויסטייטשן, אַז דאָס איז אַ סימן פון פרייהייט: מעבדות לחרות. איז אויב די גרויסע צאָל פאַרברעכער איז אַ רעזולטאַט פון דער פרייהייט אין אייגענעם לאַנד, איז זייער שלעכט און אַפילו קאַטאַסטראָפאַל. און דאָ ווערט גרינגעשעצט און פאַרנאַכלעסיקט איינע פון די וויכטיקסטע פּאָזיציעס פאַרן לאַנד. ווייל יוגנט איז אַ רוי־מאַטעריאַל, מ׳קאָן פון דעם מאַכן וואָס מען וויל. עס דאַרף נאָר זיין ווער עס זאָל טוען די הייליקע אַרבעט.

עס איז ווייניק נאָר דאָס איינפלאַנצן ביי דער יוגנט דעם פּאַטריאָ־טיזם און קרבנות־גרייטקייט פאַר דער זיכערקייט פון לאַנד. עס איז ריכ־טיק, אַז אין אַנבליק פון דער סיטואַציע אין וועלכער ישראל געפינט זיך מיט די אַרומיקע אַראַבישע לענדער איז דאָס זיכערקייטס־פּראָבלעם אויפן ערשטן אָרט, אָבער דאָס קאָן נישט דעקן אַלע אַנדערע בלויזן פון דערציונג. ווייל אַ יוגנט וואָס שטייט אויף אַ הויכן גייסטיקן, מאָראַלישן ניוואָ איז שוין במילא אַ קאַמפּספּעיִקע און אַ פּאַטריאָטישע. אונדזער יוגנט האָבן געהאַט און האָבן די מעגלעכקייט צו ענדיקן אַ פּאָלקס־שול, אַ גרויסער פּראָצענט האָט מיטלשול־בילדונג, אָבער נאָכדעם דאַרף זיין ווער עס זאָל זיי איבערנעמען און זיי געבן אַ ריכטליניע אין זייער ווייטערדיקן לעבנס־וועג און זיי נישט לאָזן אויף הפקר.

ווייל יוגנט לאָזט זיך לייכט פאַנגען דורך די ליפּעראַנטן פון עראָטיק, פּאָרנאָגראַפיע, שונד־פילמען און שונד־ליטעראַטור. און עס גייט אָן אַ גרויסע קאָנקורענץ ווער עס איז אימשטאַנד אַרויסצושטעלן וואָס מער און וואָס גרעסערע רעקלאַמעס אין אדם־און־חוהס גן־עדן מלבושים. און בכדי צו זיין סיי מאָראַליש אין אָרדענונג פאַר דער עפנטלעכקייט און סיי אַ געזיכערטן דערפאָלג אין דער קאַסע, ווערט צוגעשריבן אויף די שיינע „צניעותדיקע״ רעקלאַמעס מיט גרויסע פעטע שריפט, אַז פאַר יוגנט ביז זעכצן יאָר איז דער איינגאַנג „שטרענג פאַרבאָטן״. דאָס איז אַ מיטל אָנצורעגן אויך די דרייצן און פערצן־יאָריקע קינדער זאָלן קומען זען דעם שיינעם קונסט־ (שונד) פילם אָדער פּאָרנאָגראַפישע קונסט־אויסשטע־לונג, ווייל קיינער קאָנטראָלירט נישט ביים אריינגאַנג. די יוגנט ווערן דאָס די הויפּט־באַזוכער פון די שונד־פאַראַנשטאַלטונגען. און דאָס דעמאָ־ראַליזירט און פאַרסמט די נשמות פון אונדזער יוגנט — דעם טייערסטן אוצר וואָס אַ פאָלק פאַרמאָגט. און עברה גוררת עברה. ביז עס דערגייט

צו די צייטונגס־כראָניק וועגן די שיינע מעשים פון אונדזערע בני־טובים, איז פונקט ווי עס ווערן געזוכט עצות ווי אַזוי אָפּצושטעלן די פיזישע ירידה פון ישראל, אַזוי מוז געזאָרגט ווערן וועגן אָפּשטעלן די גייסטיק־מאָראַלישע ירידה פון אַ גרויסן טייל פון אונדזער יוגנט און ס׳זענען פאַראַן אַ סך מיטלען אָפּצושטעלן די שרעקלעכע שונד־מגיפה. און אפשר איז צום בילדונגס־מיניסטעריום אויך נויטיק אַ באַזונדער „יוגנט־מיניס־טעריום ? און קולטור־מיניסטעריום ?״

לאַנדסמאַנשאַפט

היות ווי אין דעם בוך ווערן באַרירט אַלגעמיינע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען (ראַטנפאַרבאַנד, ישראל) ווילט זיך אַפילו מיט גרויסע ספקות — נאָר צוליב פיעטעט פאַר אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט — באַרירן כאָטש אין קורצע שטריכן דעם ענין לאַנדסמאַנשאַפט. אפשר וועלן אַ טייל דאָס באַטראַכטן ווי אַ לאָקאַלן ענין. נאָר אַזוי ווי די פּראָבלעמען וואָס ווערן אויפגעהויבן אין דעם בוך זענען אַ רעזולטאַט פון די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן, אַזוי זענען אויך די לאַנדסמאַנשאַפטס־קאָמיטעטן נאָכן צווייטן וועלט־קריג אין זייער הויפּט־טעטיקייט אַ רעזולטאַט פון דעם שרעקלעכן קאַ־טאַקליזם, וואָס האָט געטראָפן דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום — אַזוי אַז דאָס איז אַן אַלגעמיינער ענין. עטלעכע הויפּט־אויפגאַבן, וואָס פאַרפליכטן די לאַנדסמאַנשאַפטס־קאָמיטעטן: 1) העלפן מיט ראַט און טאַט וועמען עס איז נויטיק פון די ניי־געקומענע קיין ישראל; 2) אויפזוכן און אויס־פאָרשן אַזעלכע, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן; 3) אַרויסגעבן יזכור־ביכער, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די געשיכטע פון אונדזערע שטעט און שטעטלעך; 4) אויפשטעלן מצבה־מאָנומענטן, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן סיי די געשיכטע פון זייערע שטעט און סיי די שטימונגען פון דעם שארית־הפליטה אין ישראל און אין דער וועלט. לײדער האָט דער שעדלעצער קאָמיטעט נישט דערפילט זיינע אויפגאַבן. וועגן פונקט (1) האָב איך שוין פריער אָנגעמערקט, וואָס פאַר אַן ענטפער ס׳האָבן באַקומען די, וואָס האָבן זיך געוואָנדן בלויז נאָך עפּעס אַן עצה. פונקט (2): אויף אַ ווענדונג פון אַ שעדלעצער וועגן אויספאָרשן אַן ענין פון דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, האָט דער קאָמיטעט נישט געוואָלט זיך צורירן דערצו. עס האָט אויך נישט געהאָלפן דער צירקוליאַר פון יד־ושם, אַז

די קאָמיטעטן דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט אַזעלכע ענינים. מ׳האָט נישט אויסגעפאָרשט צי דער יעניקער איז שולדיק, אָדער אים־ריין־וואַשן — און דאָס איז געבליבן הענגען ביזן היינטיקן טאָג. פונקט (3): אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דער שעדלעצער יזכור־בוך, וואָס אַ טייל האָבן נישט געוווּסט, אָדער זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, אַז אין די ראַמען פון אַ יזכור־בוך גייען נישט אַריין די אַמאָליקע צווישן־פּאַרטייאישע קאַמפן און נאָך מער נישט וועגן די ברידער־קאַמפן, נאָר דאָס איז אַ מאָנומענט, וואָס דאַרף אָפּשפּיגלען אין געשריבענע ווערטער, ערלעך און אָביעקטיוו דאָס אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די פאַרשניטענע יידישע קהילות.

וואָס שייך דער געשיכטלעכער אַרבעט פון יצחק כספי אין דעם יזכור־בוך וועגן דער געשיכטע פון שעדלעץ, וועגן דעם אויפקום פון יידישן ישוב און וועגן דעם אויפבלי פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט אין שעדלעץ אין אָנהויב פון דעם 20־טן יאָרהונדערט און באַזונדערס זיין אָביעקטיווע אָפּהאַנדלונג אויף צוויי צענדליק זייטן וועגן „בונד״ ביזן ערשטן וועלט־קריג, זיין אַנטשטייונג, זיין ראָל און באַדייטונג, וועגן די גרויסע אויפטוען פון „בונד״ ביים אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער פּראָפעסיאָנעל און קולטורעל. וויל מען נאָר זיין אַביסל אָביעקטיוו, איז דאָך אוממעגלעך צו שרייבן די געשיכטע פון שעדלעץ, ווי פון יעדער אַנדער שטאָט אין פּוילן אויסמיידנדיק דעם „בונד״, וועלכער איז געווען דער אַוואַנגאַרד און וועגווייזער פאַר די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן. איז טאַקע דער טייל דער אָביעקטיווסטער און ווערטפול ווו ס׳פאַר־דינט דער מחבר אַ יישר־כוח פאַר זיין מיפולער און אָביעקטיווער אַרבעט. ווען מיר קומען אָבער צום טייל פּאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס, ווייזט זיך אַרויס דער טענדענציעזער, פאַלשער און גרינגשעצ־דיקער צוגאַנג צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז גענוג איבערצולייענען דאָס קאַפּיטל „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין שעדלעץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה״. ווי לייכט און נישט ערנסט מיט אַ פּאָר גאָרנישט־זאָגנדיקע אומפּינקטלעכע זאַצן אָפּגעפּאַטערט אַ שטיק געשיכטע פון שעדלעץ, ווייל דאָס האָט געשריבן אַ מענטש, וואָס איז געווען הימל־ווייט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע אינסטיטוציעס. נאָר ווען עס ווערט דערמאָנט אין דעם זעלבן קאַפּיטל וועגן אַרעסטן אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, ווערט שוין קלאָר פון וועלכן מקור עס איז געקומען דער שיינער געשיכטע־מאַטעריאַל, וואָס דעם גרעסטן

שייכות צו די ערשטן האָט געהאַט דער יעטיקער, פון וועלכן מקור עס שטאַמט דער שיינער געשיכטע מאַטעריאַל ווי ז—ן. אפשר וועט נאָך קומען אַ צייט דאָס אויפצוקלערן פאַר דער עפנטלעכקייט, וואָס דאָס וועט זיין אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל געשיכטע פאַר די צוקונפטיקע היסטאָריקער. גלייכצייטיק האָט מען געזאָרגט, אַז פון דעם גרעסערן געשריבענעם מאַטעריאַל וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט איבערגעגעבן דעם רעדאַקטאָר פון יזכור־בוך זאָל מען אַריינגעבן נאָר אַ קיצור פון עטלעכע זייטלעך און דאָס איבעריקע איז געלעגן דריי יאָר ביים רעדאַקטאָר. ווער עס האָט געשטערט דאָס אַריינצוגעבן, איז געוואָרן אויפגעקלערט נאָכן דערשיינען פונעם יזכור־בוך.

עס איז אויך דער איינציקער פאַל, אַז אין אַ יזכור־בוך זאָל דערלויבט ווערן אַ קאַפּיטל געשיכטע, וואָס דערמאָנט יענעם טרויעריקן פּעריאָד פון די בלוטיקע ברודער־קאַמפן וואָס די קאָמוניסטן האָבן אַריינגעפירט אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. איך האָב שוין וועגן דעם דערמאָנט אין אַ צווייט אָרט אין דעם בוך. עס שטעלט זיך נאָר די פראַגע, ווי פּאַרט זיך דאָס, אַז אַ יזכור־בוך, וואָס איז אַ טייל פון דער יידישער חורבן־ליטעראַטור, אַנשטאָט מצבות פאַר די זעקס מיליאָן קדושים, וואָס דעם גרעסטן ביישטייער צו דעם האָבן געגעבן זייערע גרויסע פירער (אַפּמאָך 1939). זאָלן די זעלביקע פאַרשוינען זיך דערלויבן אַריינצוגעבן אַ קוואַטש אין אַ יזכור־בוך און דערמיט נאָך פּרוּוון פאַראייביקן יענעם טרויעריקן פּעריאָד. מעגלעך, אַז זיי באַלעקן זיך נאָך היינט מיט די רדיפות אויף יידן אין די לענדער, ווו עס איז פאַראייביקט באַגדאַן כמיעלניצקי, אין דעם לאַנד ווו נאָר דאָרט איז מעגלעך געווען אויפצושטעלן די טויט־פאַבריקן און גאַז־קאַמערן. טאַקע פון דעם לאַנד שטאַמט דאָס קאַפּיטל געשיכטע פון דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג און אינטערעסאַנט, אַז ביזן היינטיקן טאָג האָט זיך נאָך קיין איינער פון די נאַציאָנאַלע יידן נישט אָפּגעגרענעצט פון דעם (אומריינקייט). ווייזט אויס, אַז אין שנאה צום „בונד" גייט מען האַנט ביי האַנט אַפילו מיט יענע, וואָס זענען נאָר פון דערוויטנס מסכים מיט די, וועלכע ווילן פאַרענדיקן דאָס, וואָס היטלער האָט איבערגעלאָזט, ווייל אַליין זיצן זיי אין די אַמעריקאַנער לענדער.

דער פינאַל

אין אַלגעמיין באַטראַכטן די לאַנדסמאַנשאַפטן, אַז מיטן אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך איז נאָך נישט דערפילט דער חוב מצד די לעבנגעבליבענע פאַר די אומגעקומענע, ווייל פון גרעסטן טייל אומגעקומענע איז נישט געבליבן ווער עס זאָל כאָטש זייערע נעמען אויפצייכענען אין די רשימות פאַר די אַרכיוון פון יד־ושם. אין דעם שעדלעצער יזכור־בוך זענען דער־מאָנט נאָר געציילטע משפחות פון אַזעלכע, וואָס עס איז געווען ווער עס זאָל זיך קאָנען דערלויבן אײנצאָלן פאַרויס פאַר די נעקראָלאָגן, אַזוי, אַז קנאַפּע צוויי צענדליק טויזנט שעדלעצער יידן זענען געבליבן אָן אַ זכר. מאַכן דאָס פיל קאָמיטעטן עפעקטיוער. ער ווערן אויפגעבויט שטעטלעך, שיכונים און קולטור־הייזער אויף די נעמען פון חרובע שטעט. אויך ביי די שעדלעצער איז אַרויפגעשווומען די פראַגע. אויף איינער פון די זיצונגען פון קאָמיטעט איז געוואָרן פאָרגעשלאָגן אויפצובויען אַזאַ קולטור־הויז על־שם קדושי שעדלעץ. דאָס זאָל ווערן אַ געזעלשאַפטלעכע היים אין מיניאַטור־פאָרם פאַר אַלע שיכטן פון אונדזער שארית הפליטה אין ישראל און דער עיקר שאַפן אַן אַרכיוו פון אַלע אומגעקומענע שעדלעצער און פון אַלץ, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אונדזער שטאָט, זאָל זיין דער אַדרעס פאַר די שעדלעצער אין דער גאָרער וועלט. באַלד אויפן אָרט האָבן די מער ערנסטע פון קאָמיטעט מסכים געווען מיט דעם פּראָיעקט, נאָר עטלעכע וואָס האָבן נישט געוווסט צו זאָגן יאָ אָדער ניין... האָבן גע־שוויגן. איינער האָט באַלד געמאָלדן, אַז ער פאָרט קיין אַמעריקע און וועט זיך טרעפן מיט שעדלעצער, וועט ער קאָנען אַדורכפירן אַ ברייטע זאַמל־אַקציע. אויך אין ישראל האָט מען געקאָנט שאַפן אַ גרעסערע סומע געלט אויף דעם צוועק און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן דעם ענין קאָנקרע־טער צו באַהאַנדלען אויף אַ צווייטער זיצונג. אינצווישנצייט האָבן זיך עטלעכע עסקנים פאַרטראַכט, אַז אַזאַ מצבה־מאָנומענט וועט שטעלן אין שאָטן אַלע ביז־איצטיקע אַרבעטן פון קאָמיטעט. האָט מען אָנגעהויבן דעם ענין אָפּצושלעפּן און סאַבאָטירן מיט מינדערווערטיקע מאָטיוון, ביז

מען איז אַרויס מיטן לעצטן און שטאַרקסטן „אַרגומענט„ אַז וואַרשיינלעך איז דאָס אַ באַשלוס פון „בונד״ אויפצובויען אַזעלכע מאָנומענטן, אַ פאַקט אַז אַלע קאָמיטעטן ווו עס זענען פאַרטרעטן בונדיסטן, ווערן אויפגעבויט אַזעלכע קולטור־הייזער. מיין ענטפער איז: אויב דאָס דאַרף זיין דער חטא פון די בונדיסטן אין ישראל, נעם איך דאָס אויף זיך. און כדי נישט דערלאָזן עס זאָל אויפגעבויט ווערן אַ מצבה־מאָנומענט, וואָס זאָל אַנט־שפרעכן די געשיכטע פון אונדזער שטאָט און די שטימונג פון שארית הפליטה אין ישראל און אין דער וועלט, האָבן די פּראָגרעסיווע פּאַראיי־ביקער זיך פאַרבונדן מיטן ביאַלער רבין אַזוי ווי ער גרייט זיך צו בויען אַ ישיבה על שם קדושי ביאַלאַ, וועט מען אויך צובויען אַ בית־מדרש ע״ש קדושי שעדלעץ. כאָטש איין האַנט פינגער וועט זיין צופיל אויסצו־רעכענען די שעדלעצער, וואָס האָבן אַן אינטערעס אָדער וועלן אַמאָל קומען אין דעם בית־המדרש.

דעם 26־טן נאָוועמבער 1967 איז פאָרגעקומען דער חנוכת בית־המדרש (פאַרשטופּט ערגעץ אויף אַ בערגל אין בני־ברק) און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שעדלעצער זענען נישט די ערשטע און נישט די איינציקע בעלי־בתים איבערן בית־המדרש, ווייל די ווענט אינעווייניק זענען שוין געווען פאַרנומען דורך אַנדערע, וואָס האָבן מיט דעם בית־המדרש פאַראייביקט זייערע שטעט (ווער האָט זיי דאָס פאַרקויפט פריי־ער ?)... און עס הענגען שוין פון פריער אָנדענק־טאָוולען אויף די ווענט: אויף איין וואַנט על־שם קדושי פּאַרצעווע, אויף דער צווייטער וואַנט ע״ש קדושי־וולאָדאַווע און ביאַלאַ. דערפאַר איז פאַר שעדלעץ געבליבן דער גאַנצער דרויסן.. וואָס איז פיל גרעסער ווי דער אינעווייניק... נאָר אויפן גרויסן שילד פון דער ביאַלער ישיבה איז אין אַ ווינקל צוגעטשעפּעט אַ קליין נעבעכדיק שילדעלע: בית־המדרש ע״ש קדושי־שעדלעץ. אין דער לעצטער מינוט האָבן די שעדלעצער פאַראייביקער געזען, אַז זיי זענען געבליבן ווי... — — — — האָט מען בלית־ברירה געמאָלדן, אַז מיט דעם בית־המדרש ווערן פאַראייביקט אַלע יידישע קהילות פון פּאָדלאַשער ראַיאָן (קאָמענטאַרן נישט נויטיק). דער עיקר שעדלעץ איז געבליבן מיטן גאַנצן דרויסן...

דאָס האָט עפּעס אַ לץ אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, כדי חוזק צו מאַכן פון אַזאַ אופן פּאַראַייביקן אונדזער שטאָט שעדלעץ. אפשר וועלן מיינע עט־לעכע אויפריכטיקע באַמערקונגען העלפן, אַז דער שעדלעצער קאָמיטעט זאָל אין זיין ווייטערדיקער אַרבעט אַרויף אויף גלייכע רעלסן.

ווען איך פרעג ביי זיך אַליין וואָס האָב איך דער בונדיסט געזוכט אין ישראל און וואָס האָב איך געפונען? איז מיר גישט לייכט צו ענט־פערן. ווייל נאָך דעם גרויסן חורבן און אומגליק, וואָס האָט אונדז גע־טראָפן, האָט יעדער איינער פון שארית הפליטה געדאַרפט און געזוכט אַ טרייסט, אַ סביבה, אַ היים, צו קאָנען עטוואָס פאַרהיילן זיינע ווונדן. איך האָב געטראַכט אַז דאָס דאַרף און קאָן זיין אין ישראל. איך האָב דעם ווייטיקסטן געפיל, אַז אַ צו טייערן פּרייז האָט אונדזער פאָלק באַ־צאָלט, אַז די וועלט־גרויסמאַכטן זאָלן זיך דערמאָנען צו געבן זייער הסכמה, אויפצושטעלן אַ יידישע מדינה, וואָס דאַרף זיין אַ היסטאָריש געשעעניש נישט נאָר פאַרן ישוב אין ישראל, נאָר פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. דעמאָלט איז אויך געזוכט געוואָרן וועגן און מיטלען צו פאַר־וואַרפן אַ בריק, צווישן דער גרויסער מערהייט פון יידישן פאָלק אין די תפוצות און דעם קליינעם יידישן ישוב אין ישראל. דאָס וועלט־יידנטום האָט געגעבן די מאַקסימאַלע הילף, פאַר דער ניי־אַנטשטאַנענער מדינה. אויך די קאָמוניסטישע לענדער האָבן דעמאָלט (צוליב פּאָליטישע חשבונות) אַרויסגעוויזן הילפסגרייטקייט. מיר געדענקען די אַקציעס, מאַטעריעלע און די גרויסע מאַסע קעמפער, וואָס זענען געקומען אין דער מלחמה 1948, פון פוילן, רומעניע און אַנדערע לענדער. דאָס יידישע וועלט־פאָלק האָט דערוואַרט פון דער יידישער מדינה זי זאָלן ווערן דער עמוד־האש, זי זאָל אויפהויבן דעם כבוד פון יידישן פאָלק אין דער וועלט, זי זאָל זיין אַ פּראָגרעסיווע, דעמאָקראַטישע מדינה און אַ היים פאַרן שארית הפליטה (דעם טייל) וואָס איז געקומען קיין ישראל. נאָך מער האָט דערוואַרט דער אַרבעטער, ווייל דער יידישער איז דאָך געווען דער פאַקטישער בויער פון אַלץ, וואָס געפינט זיך דאָ אין לאַנד. האָט מען דאָך יאָרצענד־ליקער פּראָפּאַגירט וועגן די דערגרייכונגען פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל; מיט דיווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, בוי־געזעלשאַפטן, פאַבריקן ועל־כולם די קיבוצים, די פאַרפאַסטנס פון סאָציאַליזם אין ישראל. האָבן מיר די נייע עולים טאַקע געקוקט מיט דרך־ארץ און דערוואַרטונג

אויף די וותיקים אין לאַנד, וועלכע האָבן גערעדט וועגן אידעאַליזם, וועגן קרבנות, וועגן אהבת־ און אחדות־ישראל, וועגן מיזוג גלויות און דער עיקר וועגן סאָציאַליזם בימינו.

אַזוי האָב איך — צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע, געטראַכט און דאָס האָבן מיר געזוכט אין ישראל. אין דעם גייסט האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט אונדזער צוקונפט דאָ. נאָר געטראָפן האָבן מיר דאָ — טיפע אַנטוישונג!... ווען מיר זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַריין האָבן אונדז דער גרויסער רוב פון די אַלטע תושבים אויפגענומען ווי אומבאַהאָלפענע שלימזלס, וואָס האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, נאָר געמוזט קומען אין זייער לאַנד, וואָס זיי האָבן פאַר אונדז צוגעגרייט. זיי האָבן געקוקט אויף אונדז ווי מיר וואָלטן געקומען אויף זייער חשבון און וועלן דאַרפן זיין אויף זייער אויסהאַלט. זיי זענען געווען פול מיט אויפגעבלאָזענער גאווה, אַז זיי האָבן אויסגעקעמפט און געצוווּנגען דער וועלט אונדז צו געבן ישראל. נישט ווי דער אמת איז געווען, דאָס האָבן אויך מודה געווען די גרעסטע ציוניסטישע פירער, אַז די ייִדישע מדינה איז אויפגעקומען ווי אַ טיילווייזע פאַרגיטיקונג פאַרן אומקום פון די זעקס מיליאָן ייִדן, יעדער ייִד האָט געגעבן זיין בלוט־שטייער פאַרן אויפבוי פון דער מדינה. ייִדן פון דער גאַנצער וועלט האָבן געשיקט הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן, כדי העלפן איינאָרדענען אונדז די אויסגעוואָרצלטע פון אונדזערע היימען, נייע עולים. דער צופלוס פון אַזעלכע ריזיקע סומעס האָט פאַרבעסערט די ווירטשאַפט־לעכע לאַגע אין לאַנד און פון דעם האָבן אין דער ערשטער ריי גענאָסן, דווקא די וותיקים. מיר ווייסן, אַז ביז דער אַנטשטייוּנג פון דער מדינה איז דאָ געווען ווי אויף אַן אָרעמער חתונה, ס'איז נישט געווען וואָס צו טיילן, די מגביתן זענען געווען זייער קאַרגע. נאָר נאָכן אַרייננעמען אַ געוויסע צאָל עולים אין לאַנד איז דאָ געוואָרן לעבעדיק. די פאַרטייען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן ווי די היישעריקן אויפן „גלות". טויזנטער און טויזנטער שליחים האָבן אויסגענוצט אונדזער נויט און עלנט כדי זיך צו באַרייכערן. פאַרטייען האָבן זיך גענומען טיילן מיט דער שפע וואָס האָט זיך געגאָסן ווי אַ גאָלדענער רעגן. מיט אַ פאַרטיי־ביכל אין קעשענע האָסטו געקאָנט אַלץ דערגרייכן. לויט דער גרויס פון דער פאַרטיי... האָט זיך ביסלעכווייז געשאַפן אַן אויפגעבלאָזענער פאַראַזיטישער, ליידיק־גייערישער שיכט פון באַאַמטע אין דער סוכנות און אין דער רעגירונג. אַ שיכט וואָס האָט גענומען קוקן אויף זיך, ווי זיי וואָלטן געווען דאָס „אייבערשטע פון שטייסל".

אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג זענען זיי עס די ביוראָקראַטן וואָס פרעסן ווי אַ קרעבס דאָס לאַנד און אירע בירגער. זיי זענען אונדזער חרפּה און אומגליק. יעדער פון זיי האָט נאָר געוואָלט זיין אַ שליח. הונדערטער פון זיי זענען געפאָרן און פאַרגעסן צוריקצוקומען. אויף זיי האָבן זיך פאַרקוקט אַנדערע בירגער און זיי נאָכגעמאַכט. האָבן מיר איצטער צו אונדזער בושה אַן עמיגראַציע קיין דייטשלאַנד, מיט פּרנסות מיט וועלכע מיר שעמען זיך. ערשט איצט האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז מיר שטייען ביי אַ ליידיקער קאַריטע, וויל מען צוריק כאַפּן. וויל מען די גאַנצע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט און די לאַסט פון פאַרטייזש־ביוראָקראַטישע פעלערן אַרויפוואַרפן אויף די פּלייצעס פון דעם ביסל פיזישע אַרבעטער, וואָס זענען „גאָט די נשמה שולדיק". און נאָך אַלע דערפאַרונגען פון צוואַנציק יאָר עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, דאַרפן זיך די מדינה־פירער זיך אַרומזען, אַז עס פאָדערט זיך אַ גאַנץ אַנדער צוגאַנג, סיי אין באַצוג צווישן מדינת ישראל און וועלט־יידנטום און סיי לגבי די אייגענע בירגער און נישט זען די גרויסע מאַסע מיליאָנען יידן, נאָר זען דעם יחיד, יעדן מענטש באַזונדער, וואָס האָט דערוואַרט אַלס בירגער און זיך ביטער אַנטוישט.

די „ווידערגוטמאַכונג" פון די „אַנדערע" דייטשן

ס'איז באַוווסט, אַז ישראל האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין צו גרויסן פּראָטעסט, נישט דורכגעפירט קיין שום מסירתנפשדיקע אַקציעס קעגן דער אויסראָטונג פון אונדזער פאָלק בעת דער מלחמה. דער ארץ־ישראלדיקער יישוב, אירע אָפיציעלע אינסטאַנצן, איר פּרעסע, האָט זיך בדרך־כלל צו־געפּאַסט צו דער פּאָליטיק פון די פאַרבינדעטע, אַז מען דאַרף דעם יידישן מאָמענט נישט אַרויסרוקן אויבן־אָן. (לאָמיר איצט נישט דערמאָנען דעם ענין מיט די אונגאַרישע יידן, וועלכע מען האָט נאָך געקאָנט ראַטעווען און די ראָל פון דער „סוכנות" און איר „ועד הצלה" דערביי. עס וואָלט אונדז צו ווייט פאַרפירט) נאָר ווען ס'איז אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט צו באַקומען געלט, פאַר די אויסגעשאָכטענע זעקס מיליאָן, זענען אונדזערע נייע מלוכה־מענער געוואָרן זייער רירעווודיק און אַקטיוו. ס'האָבן זיך שוין געפונען חשובע יידישע מעקלערס, וועלכע האָבן געשאַפן גאַנצע טעאָריעס און האָבן מיט ק"ן טעמים געכשרט דעם שרץ און באַרעכטיקט דאָס נעמען

געלט פאַר בלוט. מען האָט נישט געפרעגט די יורשים פון די אומגע־קומענע, די דירעקט־געליטענע — קאַצעטלער, פאַרטיזאַנער, א. א. על־פי־נס לעבן געבליבענע דורך צרות און פיין. באַלד איז מדינת־ישראל גע־וואָרן די רעפרעזענטאַנץ איינצומאָנען דעם חוב, וואָס אונדז קומט פון די דייטשישע מערדער. ישראל ווי אַ מדינה האָט זיך אַליין גענומען די רעכט, דעם מאַנדאַט, אַליין צו דערליידיקן אַזאַ אין יידיש בלוט אויסגעוויקטן ענין אין נאָמען פון גאַנצן וועלט־יידנטום. זי די ערשטע, האָט אויסגע־שטרעקט די האַנט צו די מלוכה־מענער פון „נייעם" דייטשלאַנד וואָס איר גאַנצער אַפאַראַט איז פאַרפעסטעט מיט געוועזענע נאַציס און מערדער. אַט לייען איך אַ באַריכט פון אַ קאָנפערענץ דעם 1־טן יאַנואַר 1941 „וועגן דער ענדגילטיקער לייזונג פון דער יידן־פראַגע" — אויפן צווייטן אָרט פון די אויסגערעכנטע אָנטיילנעמער פיגורירט דער נאָמען — האַנס גלאָבקע, די צווייטע האַנט פון דעם מערב־דייטשישן קאַנצלער אַדענאַוער. דער הויפט־אַרכיטעקט פון די ווידערגוטמאַכונגס־געלטער. ער איז עס געווען דער, וואָס האָט צוגעטוליעט אַלע געוועזענע נאַציס און געווען דער בעסטער פריינד פון דעם געוועזענעם לאַנג־יאָריקן פרעמיער־מיניסטער אין ישראל — דוד בן־גוריון. מיר האָבן געהאָלפן צו רעהאַביליטירן דעם נאָמען פון דייטשן פאָלק און זיי אַריינפירן אין דער משפחה פון די פעלקער. ווונדערט עס שוין איצט קיינעם נישט, וואָס אויסער דיפלאָמאַטישע און ווירטשאַפטלעכע אָפמאַכן וואָס מיר מאַכן מיט זיי, שפאַצירן אַרום הונדער־טער דייטשן אויף אונדזער ערד און זייער אַמבאַסאַדאָר זאָגט אָפן — צו דעם דור וואָס האָט איבערגעלעבט דאָס שרעקלעכסטע אין דער מענטש־לעכער געשיכטע, אַז זיי נויטיקן זיך שוין נישט אין אונדזער רעהאַביליטאַ־ציע, אַז זיי האָבן שוין אָפגעצאָלט זייער חוב לגבי אונדז און מיר זענען איצט גלייכע פאַרטנערן. האָט טאַקע מדינת־ישראל געמעגט אויף זיך נעמען די ראָל און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, צו זיין די פאַרטרעטער פון יידישן וועלט־פאָלק און צי זענען אירע מעשים פאַרן כבוד פון דעם פול־געפרווּוטן און פיל געליטענעם פאָלק? צי קוקט די וועלט נישט אויף אונדז ווי מיר וואָלטן פאַרקויפט די בכורה פאַר אַ טאָפ לינדזן?

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן אין נאָך אַ ווינקל פון דעם ישראל־לעבן — דאָס איז, די אַרבעטער־באַוועגונג: צי איז פאַראַן אין דער גאַנצער וועלט (אויסער אין רוסלאַנד, די „פראָפסאָיוזן", וואָס זענען אין אַ סך פרטים ענלעך צו אונדזערע) אַן ענלעכע פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג צו

אונדזער „הסתדרות״? וואָס איז אַליין דער גרעסטער אַרבעטס־געבער אין לאַנד און גלייכצייטיק די פאַרטרעטער פון אַרבעטס־נעמער. צי איז נאָך פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, ווו דער פּריוואַטער אַרבעטס־געבער און אַרבעטער זאָלן זיין מיטגלידער אין דער זעלבער אָרגאַניזאַציע? אַלע ווערן אַרונטערגענומען אונטער איין טלית, מען ווייסט נישט קיין גרענעץ צווישן אַרבעטער און בעל־הבית. עס טרעפט, ווען אַ פאַרשטייער פון דער „הסתדרות״ דאַרף דערליידיקן אַ קאָנפליקט, פון אַן אַרבעטער מיט זיין בעלי־הבית, ווייסט ער נישט אויף וועמענס זייט זיך צו שטעלן,ביידע זענען מיטגלידער פון זיין אָרגאַניזאַציע, ווער איז אים נעענטער? ליידט גאַנץ אָפט דער אַר־בעטער...

כאָטש עס ווילט זיך נישט גריבלען אין עבר און אויפהייבן אַלטע וויכוחים, ווילט זיך פונדעסטוועגן פאַרשטיין, פון וואַנען נעמט זיך עס, אַז דווקא אין ישראל איז אויסגעוואַקסן אַזאַ פאַרקריפּלטע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע און פאַרוואָס האָט זי אָנגענומען אַזעלכע פאָרמען? ווען די יידישע פּראָפ. באַוועגונג אין פּוילן איז געווען אַ מוסטער אַפילו פאַר די פּוילישע אַרבעטער. לויט מיין מיינונג שטאַמט עס פון דער דערציונג, וואָס די חברים פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַקומען נאָך דאָרט אין „גלות״. לאָמיר זיך דערמאָנען זייער ראָל פאַר דער 2־טער וועלט־מלחמה אין די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. כדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָדער פּאַלעסטינע דעמאָלט — האָט מען געדאַרפט אַ סערטיפיקאַט, אויפן ערשטן אָרט צו באַקומען אַזעלכע זענען געווען די חברים פון די הכשרה־קיבוצים, וואָס האָבן צוגעגרייט חלוציש־ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע עלעמענטן פאַרן שטאָ־טישן ישוב אין ישראל און פאַר די קיבוצים. אַזאַ הכשרה־קיבוץ איז אויך געווען ביי אונדז אין שטאָט: מאַכט זיך, אַז די גאַרבער־אַרבעטער פאַר־שטרייקן אין דער פאַבריק פון ה. גאָלדפאַרב פאָדערנדיק העכערע לוינען. דערוויסט זיך וועגן דעם דער „קיבוץ״ און מעלדעט דעם אייגנטימער, אַז דער קיבוץ שטעלט צו זיין דיספּאָזיציע זיינע מענטשן, פאַר אַ האַלבן לוין וועלכן די אַרבעטער פאַרלאַנגען. עס זענען אָראָפּגעקומען אַ 50 קיבוצניקעס און זיך געשטעלט אַרבעטן. נאָר זיי האָבן קיין סך נישט באַוויזן אָפּצו־

טאָן, ווייל באַלד האָבן זיי באַקומען אַזאַ לעקציע, אַז זיי האָבן שוין פאַר־זאָגט אַ צענטן זיך נישט צו פאַרנעמען מיט שטרייקברעכעריי. דאָ אין ישראל האָב איך באַגעגענט אַן אַרבעטער וואָס האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געווען איינער פון די קיבוצניקעס און נאָך היינט געדענקט ער די קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען דאָרט, אַז ער האָט געדאַרפט ליגן עטלעכע חדשים אין שפּיטאָל אין שעדלעץ. איך קען אַזעלכע, וואָס פאַרנעמען איצט אין ישראל אָנגעזעענע אַמטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר דאָרט זענען זיי געווען שטרייק־ברעכערס. לאָמיר בעסער זייערע נעמען נישט דער־מאָנען. נאָר ביי אַזאַ מענטשן־מאַטעריאַל, ביי אַזעלכע „סאָציאַליסטן" האָט געקאָנט אויפקומען אַזאַ „קלאַסן"־אָרגאַניזאַציע ווי די „הסתדרות", וואָס האָט זיך אַרויפגעאַרבעט צו זיין דער בעל־הבית פון די דריי גרעסטע קאָר־טעלן אין לאַנד, (סולל־בונה, המשביר, תנובה, און נאָך אַ סך אַנדערע קלע־נערע). איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס די יידישע אַרבעטער, וואָס געדענקען דעם שטאָלצן און קלאַסן־באַוווּסטזיניקן אַרבעטער, וואָס איז געווען בעל־הבית אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ, איז אַזוי פאַרביטערט אויף דער געפאַלנקייט, אויף דער הכנעה, אויף דער חניפה, וואָס הערשן אין די הסתדרות־אונטערנעמונגען, ווו די פאַרטייִשע ביוראָקראַטן און באַנצן הערשן אומבאַגרענעצט. עס דערמאָנט זיי, נישט־לאַנג איבערגעלעבטע יסורים אין סאָוויעט־רוסלאַנד...

אויב מיר וועלן נאָך צו דעם אויבן־געזאָגטן צוגעבן, אַז אַ גרויסער טייל פון די אַרבעטער שטאַמען פון די „עדות־המזרח" — ספרדים, תמנער, וואָס דער עצם באַגריף קלאַסן־קאַמף, איז זיי לחלוטין פרעמד און זיי זענען בטבע נוטה צו זיין געהאָרכזאַם דעם שטאַרקן. מען קאָן זיי לייכט פאַר־פירן מיט אויפגעבלאָזענע פראַזן, ווי קיום המדינה, קליטת־עולים א. א. וועט דאָס בילד פון דער „הסתדרות" זיין קלאָר לגמרי: אַז דאָס איז נישט קיין קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער, אויך נישט קיין פּראָפעסיאָ־נעלער פאַראיין, נאָר אַ בוררים־ביוראָ, וואָס איז משעבד צו די שלעכט־פאַרשטאַנענע מלוכה־אינטערעסן, וואָס פאַרטיידיקט כסדר די אינטערעסן פון די רייכע, קעגן די ערלעכע שעפערישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן.

און וואָס שייך די בוררים מצד די אַרבעטער, טרעטן זיי צו צו זייער אויפגאַבע מיט פחד, טאָמער וועט עס זיי שטערן ביים באַקומען אַרבעט. ביי פאַרשיידענע קאָנפליקטן צווישן אַרבעטער און בעלי־בתים, ראָט מען דעם אַרבעטער — אָנצוגעבן אין געריכט, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט

גרויסע הוצאות און מיט מעגלעכקייט פון אָפּשלעפּן. צום סוף בלייבט טאַקע דער אַרבעטער אַ פאַרשפּילטער.

ווען מיר פאַרגלייכן די אַרבעטס־אינספּעקטאָרן אין האַלב־פאַשיסטישן פּוילן, וואָסער שרעק ס׳איז געווען ביי די פאַבריקאַנטן און בעלי־בתים, ווען זיי האָבן געדאַרפט דערליידיקן אַ סיכסוך ביי אַזאַ אינספּעקטאָר, וואָס איז בדרך־כלל געשטאַנען אויף דער זייט פון אַרבעטער און אַלץ איז גע־וואָרן דערליידיקט לטובת אים, מיט די כלומרשט „סאָציאַליסטישע״ פאַר־שטייער פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין ישראל, וואָס זענען שטענ־דיק אויפן צד פון די בעלי־בתים, ווערט גאַנץ טרויעריק אויפן האַרצן...

אויך די קיבוצים האָבן מיר נישט געטראָפן אַזעלכע ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז דער אַוואַנגאַרד, די ערשטע התחלות צו אַ סאָציאַליסטיש באַוווסטזיניקע פאָרם, פון צוזאַמענלעבן אין ישראל. כאָטש דער קאָלעקטיווער לעבן אויף יסודות פון שותפות איז זייער אַ וויכטיקע זאַך, פעלט זיי אָבער, די גרויסע סאָציאַליסטישע וויזיע, וואָס זאָל זיי מאַכן שטאַלץ און קעמפעריש אויסצווירקן זייער השפעה אויך אויף דער שטאָט, אויפן לעבן־שטייגער און אויפפיר. איז דעריבער קיין ווונדער נישט, וואָס דער קיבוץ לעבט איצט איבער אַן אינערלעכן קריזיס. כ׳קען משפחות, וואָס זיין דריטער דור האָט פאַרלאָזט דעם קיבוץ, ווייל זיי קאָנען זיך איינאָרדענען אין שטאָט און דער קיבוץ האָט זיי נישט אָנגעלאָדנט מיט דעם גרויסן סאָציאַליסטישן אידעאַל פון מענטש און וועלט־איבערבוי.

כ׳האָב געזוכט דעם אידעאַליסטישן, ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן עלע־מענט אין ישראל, כ׳האָב געזוכט די מענטשן און גרופּן מיט וועמען צו געפינען בשותפותדיקס אין טראַכטן און מעשים. כ׳האָב געוואָלט אַריבער־גיין אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע אין אַ מושב. אייך מאָל האָב איך שוין אַלץ געהאַט דערליידיקט און אָפּגערעדט מיט אַ סעקר־רעטאַר פון אַ מושב (א. זיל—ג), נאָר צום סוף האָט ער מיר דערקלערט, אַז מיט מיין אַריינטרעטן אין מושב, ווער איך אויטאָמאַטיש אַ מיטגליד אין מפא״י. האָב איך זיך צוריק געצויגן. האָט מען מיר רעקאָמענדירט אַ מושב פון דער „פּראָגרעסיווער״ פּאַרטיי, כ׳בין זיך אָנגעלאָפן צו פאַר־שיידענע פּקידים. נאָר ווען ס׳האָט שוין געהאַלטן ביי תכלית, האָב איך — וואַרטנדיק אין קאָרידאָר אויף מיין ריי, דערוויל געלייענט אין דער צייַ־טונג, אַז פון דעם זעלביקן מושב זענען ערשט נעכטן אַנטלאָפן אַלע איינ־וווינער און געלאָזן אַלץ אויף הפקר, ווייל 8 חדשים זענען זיי געווען אַן

וואָסער. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב שוין מיין ווייַ נישט אויסגענוצט... אַזוי האָבן זיך געשיט אַנטוישונגען אויף אונדזערע קעפּ. אַנטוישונגען, וואָס האָבן צעשטערט אונדזער ערלעכן ווילן איינצוואָרצלען זיך און בויען ד'אָ אונדזער היים.

ווען ס'קומען טוריסטן פון אויסלאַנד, מענטשן וועלכע זענען נישט פאַרבלענדט פון אויסערלעכן גלאַנץ און פּוסטן פּאַטריאָטיזם און זיי זעען טויזנטער מענטשן זיצן גאַנצע טעג אין די קאַפעען, — פרעגן זיי, ווי איז עס מעגלעך: אַזאַ קליין לאַנד און אַזוי פיל ליידיקגייערס? וואָס טוען די דאָזיקע מענטשן, מיט וואָס באַשעפטיקן זיי זיך? דאַרף מען זיי אויפקלערן, אַז פּונקט ווי ס'איז נישטאָ אין ישראל קיין קלאַסן־באַוווסטזיניקער קאַמפּס־פעיִקער פּראָלעטאַריאַט, וואָס זאָל פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן, אַזוי איז דאָ נישטאָ קיין קלאַסישע בורזשואַזיע מיט ליבעראַלע טראַדיציעס. זיי האַלטן שטאַרק פון דעם פּסוק „אוירה דארעה מחכים". דאָס הייסט די חכמה צו מאַכן פּרנסה פון דער לופט... און אַ גרויסער טייל פון זיי זענען אויפגעקומענע גבירים, וואָס זענען רייך געוואָרן דורך שפעקולאַנטישע און מעקלערישע מעטאָדן, אויסנוצנדיק די נישט־נאָרמאַלע פּראָספּעריטי־קאָניונקטור אין לאַנד, און ווען די ווירטשאַפט אין לאַנד גיט זיך אַ טרייסל, שטייען אַ טייל פון זיי גרייט מיט די וואַליזקעס, מורא האָבנדיק צו פאַרלירן דאָס, וואָס זיי איז געלונגען אַריינצוכאַפּן... אָבער, ווען מען זוכט עצות צו לינדערן דעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס, געפינט מען די רפואה נאָר אויפן חשבון פון אַרבעטער און פאָלקס־מענטש, אים הייסט מען איינציען דעם פּאַסיק, מוותר זיין אויף לוין־העכערונג, אויף סאָציאַלע באַדינגונגען, אַראָפּנידערן זיין לעבנס־סטאַנדאַרט.

באַקומט זיך טאַקע: פון איין זייט — דער גרעסטער פאַרשווענדערישער לוקסוס, אויסבערעגנגעריי, מיסברויכן און פון דער צווייטער זייט — דער גרעסטער דלות, אָפּגעשטאַנענקייט און דערשלאָגנקייט. די רעגירונג און די „הסתדרות", די צוויי כוחות, וואָס פירן און לענקען די פּאָליטיק פון לאַנד, טרייבן ווייטער אויף דעם וועג, פאַרגרעסערן און ברייטערן אויס די דאָזיקע טענדענץ. ס'איז באמת שווער צו פאַרשטיין, ווען מען אייגנטלעך זיי רעפּרעזענטירן, וועמען זיי דינען, וואָס איז זייער ציל, ווי שטעלן זיי זיך פאָר די צוקונפט?

פאַר וואָסזשע זיגן זיי בעת די וואַלן צו דער „כנסת"? איז עס נישט קיין סימן פון צוטרוי צו דער פּאָליטיק? — פרעגן אַנדערע. נאָר, אַזוי

פרעגן, קאָנען נאָר די וואָס זענען זענען נישט באַהאַוונט און פאַרשטייען נישט די מעטאָדן און די פּראָפּאַגאַנדע־אופנים, פון די וואָס זענען ביי דער מאַכט.

ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע ווערט דאָס לעצטע יאָר פאַר די וואַלן אַלע־מען לייכטער, גאָלדענע בערג זאָגט מען צו דעם וויילער, געלט שיט זיך אין די גאַסן, פלענער פון שפע און ווילטאָג (אויסער צוואַנג, פחד און דראָונגען), דאָס אַלץ... ביז אַ טאָג נאָך די וואַלן. ווען דער זיג איז שוין זיכער, פאַרגעסן זיי אין אַלעם, פון די צוזאָגן לאָזט זיך אויס אַ בוידעם, די לאַסט ווערט נאָך שווערער. איצט האָבן זיי צייט 4 יאָר צו שאַלטן און וואַלטן, לויט זייער ווילן, שפּעטער וועלן זיי ווידער איבערחזרן דעם ספּעקטאַקל. נישקשה, דער מעטאָד האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ווירקעוודיק, דער עולם האָט אַ קורצן זכרון, ס׳איז געגוג אַ קליינע אַטעם־פּויזע, זיי זאָלן פאַרגעסן און ווידער שענקען זייער צוטרוי צו די, וואָס מיסברויכן מיט אים, צוליב אייגענע־עגאָיסטישע, אָדער מכלומרשט מלוכהשע טעמים...

כ׳מיין, אַז די באַשריבענע שאָטן־זייטן פון אונדזער לעבן דאָ אין לאַנד פון וועלכע מיר ליידן זענען געגוג שלעכט און דאָ קומט נאָך צו די ברייט־פאַרשפּרייטע דעמאָראַליזאַציע ביי דעם עלטערן טייל „מנהיגים״ און „עסקנים״ און די אידעענלאָזיקייט און פּוסטקייט ביי דער יוגנט. די דאָזיקע דערשיינונגען באַדראָען באמת אונדזער גייסטיקע און אַפילו פּי־זישע עקזיסטענץ, שטעלן אין געפאַר דעם עצם־קיום פון דער מדינה. מיר קוקן זיך צו צו די „אידעאַליסטן״ וואָס האָבן פולע מיילער מיט פּאַטריאָטישע פראַזן, נאָר אין דער אמתן זענען זיי נאָר אויסן צו דערגרייכן גוטע פּאָסטנס, הויכע אַמטן, אָדער גאָר צו ווערן שליחים קיין חוץ־לארץ. (אַזאַ מין לעגאַלע ירידה אויף עטלעכע יאָר.) דאָרט לעבט מען ווי „גאָט אין אָדעס״, פאַר־שווענדעריש און באַרימעריש, וואָס רייסט די אויגן ביי ייִדן און נישט־ייִדן. נישט כבוד ברענגען אונדז אַזעלכע שליחים, נאָר חרפה און בזיון. דווקא צו אָט דער מלאכה רייסן זיך אַלע פאַרטייען, יעדערער וויל שיקן וואָס מער אייגענע מענטשן, יעדער וויל אָפּלעקן אַ ביינדל פון דער גוטער קאָניונקטור וואָס האָט זיך געשאַפן נאָכן חורבן. וואָס קען לערנען דער יונגער דור, צו־קוקנדיק זיך צו די מעשים פון די עלטערע? די, וועגן וועלכע מען האָט גע־שאַפן לעגענדעס וועגן זייער אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט. וואָס זאָל טראַכטן, ווי זאָל זיך אויפפירן אַ יוגנטלעכער? וואָס זעט און הערט, אַז וואָס דער טאַטע דרשנט אין גאַס איז שקר, ווען אין שטוב פירט ער זיך

אויף פונקט פאַרקערט. איז טאַקע נישט קיין ווונדער וואָס עס מערט זיך אין לאַנד הפקרות און בני־טובים. עס וואַקסט אַ דור, וואָס איז פּוסט און אויסגעליידיקט פון יעדער אידעע און לעבנס־אינהאַלט. די שטודירנדיקע יוגנט וואַרט אויף אַ דיפּלאָם, כדי צו קאָנען עמיגרירן קיין אַמעריקע, די אַרבעטער־יוגנט לעבט זיך אויס מיט ספּאָרט, שונד־פילמען און שונד־זשורנאַלן. ס׳איז זיי מיאוס געוואָרן געזעלשאַפטלעכע־סאָציאַלע ענינים מיט וועלכע די עלטערע פאַרנעמען זיך, אַזוי פאַלש און נישט אויפריכטיק. נישטאָ ווער עס זאָל זיי דערציען און זיין אַ מוסטער פאַר זיי. אָט הערן זיך אַפילו טענות, אַז שולדיק אין דער אַטמאָספער זענען, די זשורנאַליסטן און מלוכה־קאָנטראָליערן, וואָס דעקן אויף אומאָרדענונג און קאָרופּציע נישט די, וואָס מיסברויכן און פאַרשווענדן...

איך וויל באַמערקן, אַז ווען עס איז נויטיק צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד אין אַ צייט פון אַ דראָענדיקער געפאַר מצד די אַרומיקע אַראַבישע לענדער, איז צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין ישראל, ווייזט די יוגנט אַרויס איבערמענטשלעכע אָפּפערווילּיקייט און קרבנות־גרייטקייט. אָבער דאָס איז נאָר אַ פאָראיבערגייענדיקער פּעריאָד און נישט קיין יסוד מיט וואָס מען קען דערציען אַ דור. דער רעש גייט אַריבער און עס קומט ווידער דאָס מאָנאָטאָנע לעבן פאַר דער יוגנט און דאָס טראַכטן וואָס ווייטער?

אָט די עטלעכע באַמערקונגען זענען נישט קיין אויסדרוק פון מיין „שנאת־ציון״, ווי אַ טייל בייזוויליקע מענטשן ווילן האָבן. כ׳בין געקומען אין לאַנד מיט די בעסטע כוונות, נישט מען זאָל מיר דאָ אונטערטראָגן געבראָטענע טייבעלעך צום מויל, נאָר ווי אַ ייִדישער אַרבעטס־מענטש בין איך גרייט געווען אונטערצושטעלן אַ פּלייצע צום אויפבוי פון נייעם לאַנד, ליידער איז מיין ווילן נישט מקוים געוואָרן, נישט צוליב מיין שולד, נאָר צוליב דער שולד פון דער שמאָל־קעפּיקער פּאָליטיק...

איצט שטייט דאָס לאַנד פאַר דער האַרבער דילעמע. „קוואָ וואַדיס״ ישראל? וווהין גייסטו? צי קאָן מען אַזוי ווייטער ממשיך זיין? די פראַגע שטייט אין איר גאַנצער שאַרפקייט אַזוי: צי קאָן מען, צי דאַרף מען אין סוף פון 20־טן יאָרהונדערט בויען אַ מדינה לויטן אַלטן סיסטעם, אַ מדינה, ווו די באַפעלקערונג איז ווידער געטיילט אויף וועלף און — לעמער...

אַ מדינה, וואָס נעמט איבער אַלע נעגאַטיווע מידות און נטיות, ביי אַלע פרעמדע פעלקער און לענדער. פון אַמעריקע האָבן מיר איבערגענומען: דאָס געיעג נאָך לוקסוס, נאָך געלט, דעם דרך־ארץ פאַר רייכקייט, דעם

חשק נאָך מער און מער, דעם געמיט פון איבערגעזעטיקטע וואָס זעען נאָר זיך אַליין, די פּסיכאָלאָגיע פון חטוף ואכול...

פון רוסלאַנד ווידער: דאָס באַטראַכטן די מלוכה פאַר דער גרעסטער הייליקייט, וואָס צוליב איר איז אַלץ מותר, די נטיה אַראָפּצודריקן דעם מעמד פון אַרבעטער עד שפל המדרגה, די איבערצייגונג, אַז וואָס ווייניקער דער בירגער האָט און פאַרדינט, אַלץ בעסער איז עס פאַר דער מלוכה, דאָס באַטראַכטן דעם בירגער נאָר ווי אַ שטייערצאָלער, פון וועלכן מען דאַרף צאַפּן וואָס מער, דערביי אים פאַראַכטן און אָפּנאַרן.

די ביידע אין פלוג קעגנזעצלעכע סיסטעמען, וואָס אין תוך זענען זיי אידענטיש, פאַרסמען דאָס לעבן פון פּשוטן מענטשן. עס דראָען אונדז ערנסטע געפאַרן, דער גאַנצער בנין שטייט אין געפאַר: דעמאָראַליזאַציע און ירידה האָבן שוין גרעסערע לענדער דערפירט צו אונטערגאַנג.

נישט איך בין באַרופן צו געבן תרופות און עצות צו דער טיפער מחלה, וואָס צעפרעסט דעם גוף פון לאַנד. כ׳ווייס אָבער, אַז די עצות מוזן געזוכט ווערן צוזאַמען מיטן יידישן וועלט־פאָלק, — אַזאַ וועלן מיר בלייבן, כל־זמן מיר וועלן עקזיסטירן. דערביי מוז מדינת־ישראל ענדערן איר באַציונג צו דער יידישער שפּראַך און קולטור, וואָס האָט פאַרבונדן דעם גרויסן רוב פון יידישן פאָלק — פאַר דעם גרעסטן אומגליק וואָס האָט אונדז געטראָפן און איז אויך איצט דער פאַרבינדלער פון יידישן וועלט־פאָלק.

די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס טראָגט אין זיך קאָנדענסירט פאָלקיש געפיל פאַר יושר און אמת, קאָן זיין אַ דאַמבע קעגן אַסימילאַציע אין תפוצות און העלפן ישראל אַרויס פון דער גייסטיקער איינזאַמקייט, צו וועלכער זי האָט זיך אַליין פאַרמשפּט, מיט די טעאָריעס פון שלילת־הגלות און מאָנאָליטישער עברית־קולטור, וואָס קאָן דערפירן צו שפּאַלטן דאָס פאָלק.

זאָל דאָס יידישע וועלט־פאָלק, וואָס ווייזט אַרויס אַזוי פיל ליבע און געטרייקייט דעם לאַנד, נישט באַטראַכט ווערן, ווי נאָר דער פינאַנסיעלער באַריער פאַר דער מדינה, נאָר אויך האָבן דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך ווי שותפים אין פאַרמירן דאָס פּנים פון לאַנד.

זאָלן ערנסטע און מאָסגעבנדיקע מענטשן אין דער יידישער וועלט זען וואָס פריער, די סכנות פאַר וועלכע מיר שטייען און זוכן וועגן און מיטלען, מיר זאָלן אַרויס אויפן וועג פון גרעסטער מענטשלעך־נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג!...

נאָכוואָרט

ליבע לייענער

איר וועט זיך שטעלן די פראַגע פאַרוואָס איך האָב געוואַרט אַזוי פיל יאָרן מיטן שרייבן דאָס בוך; איך האָב דאָס געוואָלט איבערלאָזן פאַר פראָפע־סיאָנעלע שרייבער. נאָר וויפל איך האָב געלייענט און געזוכט אין דער נאָך־מלחמהדיקער ליטעראַטור, האָב איך דאָרט נישט געפונען די דורך מיר באַ־רירטע פּראָבלעמען. און דערפאַר האָב איך זיך גענומען צו דער פאַר מיר נישט לייכטער אַרבעט. און אויב עס רייסן זיך אַדורך געוויסע צו דראַסטישע טענער, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב זיך באַמיט אויפריכטיק אַרויסצוברענגען דאָס גוטע און שלעכטע, פון יחידים און קאָלעקטיוון. אויך איך האָב נאָך נישט אַלץ אויסגעשעפּט. עס פעלן נאָך שילדערונגען פון טיפן און געשטאַלטן פון אַ ספּעציעלן שיכט ישראל־יידן. איך האָב אויך וועגן געוויסע ענינים געשריבן זייער קורץ, ווייל איך האָב זיך נישט געקאָנט דערלויבן, אַז דאָס בוך זאָל זיין אין אַ מערערער צאָל זייטן. אפשר וועט נאָך קומען אַ צייט אויסצובעסערן דאָס פאַרפעלטע דורך מיר איצט.

ביי דער געלעגנהייט דאַנק איך די פריינד, וואָס האָבן מיר געהאָלפן און די, וואָס האָבן מיך דערמוטיקט צום שרייבן דאָס בוך. איך דאַנק אויך פאָרויס די אַלע, וואָס וועלן מיר העלפן פאַרשפּרייטן דאָס בוך.

געצל לוסטגאַרטן

צו דער פינף און צוואַנציקסטער יאָרצייט
פון מיינע טייערע און נאָענטסטע פון מיין משפחה
איבער הונדערט מענטשן
וואָס זענען געוואָרן אומגעבראַכט
דורך די דייטשע נאַצי-מערדער.

אַ טייל נעמען:

מיין מוטער מלכה און מיין פאָטער שמואל,

מיין שוועסטער רייזע,

מיין שוואָגער מאיר
און זייערע קינדער שלמהלע און שיינדעלע,

מיין ברודער און הערשל,

מיין שוועגערין רחטשע,

מיין ברידער פסח

מיין מומע לאה און פעטער יודל,

מיין צווייטע שוועגערין רחטשע,

מיין מומע ברײַנע
און איר זון אייזיק מענדל,

מיין מומע מאַטל און פעטער בוטשע,
זייערע קינדער גושע, רויזע ישראל און פייוול,

מיין פעטער משה און מומע שרה,
זייערע קינדער ישראל, רייזל, שלמה און שיינדל,

קוזין מרדכי און קוזינע מנוחה,
זייערע דריי קינדער.

פּ. ס.

דער נאָמען פון דעם טויטן־לאַגער וואָס ווערט דערמאָנט אויף דער זייט 212 איז נ י ס אַ. — אָפּטיילונג פון גראָס־ראָזן.

אינהאַלט:

	זייט
דער אָנהויב פון חורבן	7
שעדלעץ	11
דער וועג קיין מעזריטש	12
קאָברין	15
דער וועג צוריק	21
ביאַליסטאָק	27
וואַרשע	29
אויף קיינעמס לאַנד (דאָס טרערן־אינדזל)	33
די לעצטע נאַכט אויפן גייטראַלן פּאַס	49
ווידער אין ביאַליסטאָק	52
סאָוויעטישע פּרנסות	55
די ראָל פון די היימישע קאָמוניסטן	60
די שוואַרצע נאַכט	65
זשימנע יאַליקע	69
מיין אַרעסט	75
די אויספאָרשונג	79
מיטן עטאַפּ	84
ביאַלי אָזערסקי טורמע	86
קיין טשערעפּאָווצע	96
וואָלאָגדע	100
קיין נאָוואָסיבירסק	103
בוכטע נאַכאָדקע ([redacted])	109
יידן געפינען זיך	111
ווידער אין וועג אַריין	114
אויף דער שיף סאַכאַלין	116

זייט

בוכטע פּיעוועק (פּאָלאַרן־קרייז) 118
די אַמנעסטיע 121
דער לעצטער טאָג אויף טשעקאדקא 131
וולאַדיוואָסטאָק 135
צוריק אין בוכטע נאַכאָדקא 137
אויף דער פריי 145
בירא בידזשאַן 147
נאָוואָסיבירסק 150
דזשאַמבול 151
אין קאָלכאָז 153
די שבתדיקע לוויה 162
מיין צווייטער אַרעסט 169
איך גרייט זיך אין וועג אַריין 175
אָקטאָבינסק 176
ז. פּ. פּ. 181
דזשיגאַן און שומאַכער 185
די גוטע בשורה 194
בוכאַרע 200
מען גרייט זיך צום אַרויספאָרן פון רוסלאַנד . . . 209
מיין געבוירן־שטאָט שעדלעץ נאָך דער מלחמה . . . 217
פון פייער אין וואָסער 228
אין נידערשלעזיע 233
שוועדן 235
ישראל 241
שעדלעצער לאנדסמאַנשאַפט 249